STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07393

UNDZER VELT

Joseph Weiss

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



יוסף ווייס

יוסף ווייס

אונדזער וועלט

צ ו

פ ר י י ד ע ן —

מיין פרוי און לעבנס-באַגלייטערין.

יוסף ווייס

אונדזער וועלט

דערציילונגען

פאַרלאַג איקוף

UNDZER VELT DERTZEILUNGEN

by JOSEPH WEISS

Copyright, 1957

Published by the

YIDDISHER KULTUR FARBAND

189 Second Ave., New York 3, N. Y.

געדרוקט אין „פראָמפּט פּרעס״, 113 4־טע עוועניו, ניו יאָרק 3, נ. י.

209

PRINTED IN THE U. S. A.

אינהאַלט

זייט

אַ געמישטע געגנט 7
אַ ברוגזע באָבע 20
דעם טייוולס קאפעליע 27
די שווערסטע יאָרן 40
קאָנקורענטן 46
מיסטער סמיט האָט געקראָגן אַ האַרץ־שלאַג 52
נחת פון קינדער 57
ס׳וועט פלאַצן 68
קינדער 82
אַ נאַר אויפן מאַרק 88
אַ מינק־מאַנטל 97
אַהין אָדער אַהער 103
זיין פריינט — דער דיכטער 115
ציפערן 122
אַ ניט־דערפאַרענער גענגסטער 145
ער מוז זיך ריינוואַשן 153
ניטאָ קיין צימערן 161
ווי לאַנג די אויגן זיינען אָפן 166
מוטערשאַפט 174
דער טענצער 181
אין אַ ווינטער נאַכט 194
מילדרעד 201
פאַרבעטן די מאַמע 210
הונגער 217
אַ מאַשין 224
דער קליינער ברודער 231
אין אַ רו טאָג 243
וואַקאַציעס 256
אַ לעצטער פונק 262
פון טויט לעבעדיק 276
מירקע האָט אַ היים 284
אַ לופטיקע דירה 289
אַן אייגן ווינקל 294
ער פאַרלאַנגט זיינע פיס 298

אַ געמישטע געגנט

ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז זייער אײנציקע געראָטענע טאָכ־טער זאָל זיי דאָס אָפּטאָן? שרה, די מאַמע, האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ, ווי מען וואָלט אַ קויל אַהין אַריינגעשאָסן. און דוד, דער טאַטע, דווקא אַ פאַרגעשריטענער מענטש, מיט אַ שיינער ביבליאָטעק אין הויז מיט אַ סך פיינע ביכער, האָט געשפּאַנט מיט לאַנגזאַמע טריט איבערן צימער, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, איינגעהויקערט, ווי מען גייט נאָך אַ לוויה.

טאַטע־מאַמע האָבן מיט שרעק געקוקט אויף דער טיר פון דער טאָכ־טערס צימער, ווי זי וואָלט דאָרט געלעגן אַ געפערלעך קראַנקע, וואָס פאַר איר איז שוין קיין האָפענונג ניטאָ. כאָטש פון אינעווייניק האָבן זיך געהערט מונטערע טריט, לייכטע טאַנצנדיקע פרויען־טריט, ווי פון איינער וואָס קלייבט זיך צו גיין אויף אַ באַל אָדער מאַכן אַ לוסט־רייזע.

שרה האָט מיט אַ פאַרשטיקטן האַלדז און צעבראָכן קול באַוויינט די טאָכטער:

„איין אויג אין קאָפּ האָב איך געהאַט, איין איינציק קינד, האָב איך עס פאַרלוירן. ווי איז מיר און ווי איז איר! ווי וועל איך קענען לעבן אויף דער וועלט און ווי וועט זי שוין קאָנען לעבן? דוד, וואו טוט מען זיך אַהין, וואו באַגראָבט מען זיך ערגעץ?"

דער „קלאָפּ" האָט זיי אַזוי אומגעריכט געטראָפן, אַז זיי זיינען צע־מישט געוואָרן, האָבן אויפן הייסן מאָמענט ניט באַוויזן צו באַנוצן קיין טראָפּן פאַרשטאַנד, און געלאָזט זיך פירן פון אָנגערייצטע אַלטע פאָר־אורטיילן, וואָס זיינען אָן זייער וויסן געלעגן טיף אין זיי באַהאַלטן, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַרויסגעשטעקט די שלאַנגען־קעפּ און זיי געסמט.

נעכטן ביינאַכט האָט פּערל, זייער טאָכטער, נאָכן עסן פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און נאָכגעקוקט ווי דער רויך קרייזלט זיך צום באַלקן, אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

„איר ווייסט? איך האָב אַ געליבטן און קלייב זיך חתונה האָבן!"

די עלטערן האָבן אויפגעלויכטן, די מאַמע האָט זי געכאַפּט קושן, דער טאַטע איז געשטאַנען אַ באַרוישטער מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויפן פּנים.

„ווער איז ער ?״, זיינען ביידע אַנגערעגט געוואָרן מיט נייגעריקייט, ווי ביים אַרויסציען אַ מזלדיקן נומער. אַז זי האָט באַלד ניט געענטפערט, האָבן זיי געפּרוּווט טרעפן אויף די יונגעלייט, וואָס קומען צו זיי אין הויז אַריין.

„ניין, איר קאָנט אים ניט. ער איז אַ — — — נעגער״.

„אַ וואָס ?!... לאַכסט, טאָכטער, טרייבסט שפּאַס ! דו מיינסט אַוודאי אַ ברונעטער, אַ שוואַרץ־חנעוודיקער״.

„ער איז אַ שוואַרץ־חנעוודיקער נעגער !״

„דו מיינסט אויף אַן אמת ?״, איז דעם פאָטער טרוקן געוואָרן אין האַלדז און אַ שווייס איז אים באַפאַלן.

„מיט אַן אמת. מיר האָבן זיך ליב און גייען חתונה האָבן !״

„ניט ביי מיין לעבן !״, האָט ער אויסגעזעצט ווילדע אויגן.

„איבער מיין טויטן קערפּער !״, איז די מאַמע אויפגעשפּרונגען און אָנגעהויבן אַרומפאַדען ווי אַ הון ווען זי דערזעט אַ וואָלף, וואָס וויל פאַר־צוקן אירע הינדלעך.

„איך פרעג ניט ביי אייך !״

„טאָ פרעג ביי זיך אַליין. באַרעכן וואָס דו גייסט טאָן. וועסט זיך אומגליקלעך מאַכן אויף דיין גאַנצן לעבן !״

„ס׳איז מיין לעבן !״

„ס׳איז אויך אונדזער לעבן, מיר זיינען נאָך ניט געשטאָרבן. און אויב דו מיינסט דאָס ערנסט, וועסטו אונדז טרייבן אין דער ערד פאַר דער צייט ! מענטשן וואָס טוען אָפּ זאַכן אויף דער הייסער מינוט ברענגען אויף זיך ס׳גרעסטע אומגליק !״

„פאַר מיר איז עס אַ גליק ! און ס׳איז ניט אויף דער הייסער מי־נוט. מיר קענען זיך שוין אַ לאַנגע צייט״.

„טאָכטער מיינע, פינצטער איז מיין וועלט ! פאַראַן אַזוי פיל ווייסע בחורים, מוזטו זיך אויסקלייבן אַ שוואַרצן ?!״

„שוואַרץ, ווייס, איר זאָלט אַזוי רעדן ?... ביי אונדז מיינט דאָך דער קאָליר גאָרניט. וואָס איז געשען מיט אייך ? כ׳דערקען דאָך אייך ניט... איך האָב דזשאָנען ליב, און ווען איר וואָלט אים געקענט וואָלט איר אים אויך ליב געהאַט !״

„איך וויל אים ניט קענען !״

„פאַר מיינע אויגן זאָל ער ניט קומען !״

„איר האָט אַמאָל אַנדערש גערעדט, איר געדענקט ?... איר האָט

דאָך מיך אַליין געלערנט, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך און דער קאָליר מיינט גאָרניט. איר האָט דאָך דאָס אַליין געפּריידיקט — ווייזט אויס בלויז פאַר אַנדערע... איך שעם זיך מיט אייך!״...

פּערל איז אַריין צו זיך אין צימער און פאַרהאַקט די טיר. אַזוי־אַרום האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער פאָרהאַנג אויף דער ערשטער סצענע צווישן זיי.

אינדערפרי איז פּערל ווי אַלע טאָג אַוועק אין אָפיס, וואו זי אַרבעט אַלס סטענעגראַפיסטין. די עלטערן זיינען די נאַכט כמעט ניט געשלאָפן: דוד האָט געטראַכט און געטראַכט... זיך געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז ער האָט גאָרניט קעגן נעגערס. אדרבא, אַלס ייד פילט ער זיי שטאַרק מיט. נאָר פאַרוואָס דאַרף מען אָנהייבן דווקא פון אים און פון זיין אייניקער טאָכטער? איין אויג אין קאָפּ האָט ער, וויל מען דאָס ביי אים אַרויסרייסן. און נאָך עפּעס, פון פאַרשטייך, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך ביז אַרומפירן זיך מיט אַ שוואַרץ אייניקל איז אַ וויטער שפּרונג... מען וועט דאָך טייטלען אויף אים מיט די פינגער, ער וועט אַ גאַס ניט קאָנען דורכגיין, ס׳לעבן וועט ווערן פאַר אים אַ גיהנום: אין אַ ווייסער געגנט לאָזט מען קיין נעגערס ניט וואוינען, אין נעגער־געגנט האָט מען ניט ליב די ווייסע... מען רופט זיי „ווייסער אָפּפאַל״. וואו וועלן זיי זיך אַהינטאָן? און אָן זיין טאָכטער וועט ער ניט קענען לעבן. זי איז אים צו טיף איינגעבאַקן אין האַרץ. מען נעמט זי אַוועק ווי מען וואָלט אים דעם אָטעם אָפּגעהאַקט, און זי באַליידיקט אים, שעמט זיך מיט אים... ער האָט באַדאַרפט דערלעבן דאָס צו הערן פון איר. זי פאַרשטייט ניט, אַז דאָס האָט זיי געטראָפן ווי אַ דונער פון קלאָרן הימל אַראָפּ; אַז מיר לעבן פאָרט אין אַזאַ וועלט, און מען קאָן ניט איבערמאַכן די געוואוינהייט פון מענטשן איבער נאַכט. זיי האָבן אַ גרויסע משפּחה, אַ סך פריינט, — וואָס זאָגט מען זיי? ווי אַזוי ווייזט מען זיך פאַר זיי?

דאָך האָט ער זיך אָנגעהויבן שעמען ווי אַזוי ער האָט געהאַנדלט אויפן הייסן מאָמענט. זיינע אייגענע רייד האָבן אים איצט אויסגעלאַכט... די טאָכטער וועט איצט קיין רעספּעקט ניט האָבן פאַר אים, אין אירע אויגן איז ער אַ פלאָפּלער, אַ גאָרניט. און זיין גאַנץ אומגליק האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס זי האָט זיך געטראָפן מיט „יענעם״. ווען זי טרעפט אים ניט, וואָלט דאָך אַלץ גוט געווען...

פאַרטאָג האָט זיך שרה געזעצט אויף זיין בעט, זי איז געווען גרוי ווי דער פר׳מאָרגן, און האָט אים געזאָגט, אַז אויב די טאָכטער וועט

חתונה האָבן פאַר יענעם וועט זי זיך אַ טויט אָנטאָן. ער איז אַ טאַטע, זאָל ער רעדן צו איר, ווי לאַנג ס'איז נאָך צייט — אַז ניט וועט זי איר דערשטיקן מיט די אייגענע הענט, האָט זי געמאַכט אַ פּעטליע פון די פינגער...

זיי הערן ווי פּערל פּאַרעט זיך ביי איר אין צימער. אַהיים געקומען איז זי שפּעט און געזאָגט, אַז זי האָט שוין אָפּגעגעסן אין אַ רעסטאָראַן, און געקוקט האָט זי אויף זיי ניט ווי זי, נאָר זיי וואָלטן שולדיק געווען אין דעם אומגליק...

שרה האָט געקוקט אויף דער טיר און געבראָכן די הענט, געשלוקערצט מיט אַ קוויטש, ווי דער אויסברוך פון ספּאַזמע, און דוד האָט צוגעהאַלטן מיט די הענט דעם קאָפּ, ווי אַ האַק וואָלט זיך פאַרמאָסטן אויף אים. שרה איז אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו דער טאָכטערס טיר, געהערט ווי זי לייגט זיך אין בעט אַריין, געזען דורכן שליסללאָך ווי דער לאָמפּ פאַרלעשט זיך, די פינצטערקייט האָט איר דערשראָקן...
אַמאָל פלעגט זי אין דער פינצטער זיך אויסמאָלן די שענסטע בילדער, איצט קריכט די שוואַרצקייט ווי אַ געשפּענסט אויף איר און וויל זי דערשטיקן.

זי האָט דערפילט דודס האַנט אויף זיך:

„גיי, לייג זיך שלאָפן".

„כ'וואָלט זיך געוואָלט לייגן און קיינמאָל מער ניט אויפשטיין!"

„דו דערגייסט שוין צו משוגעת. אונדזער טאָכטער לעבט נאָך".

„ביי מיר איז זי געשטאָרבן!"

„ביזט ניט גערעכט, שרה. אַ מאַמע דאַרף אַזוי ניט רעדן. זי איז אונדזער בלוט און פלייש, דאָס איינציקע אויג אין קאָפּ. איך בין פריער געזעסן און געטראַכט... פאַרגעשטעלט זיך מיין קינד איז געשטאָרבן... איך האָב געזען, ווי מען שיט די לעצטע לאָפּעטע ערד אַרויף אויף איר, און אַז כ'האָב אַ קוק געטאָן אויף דער טיר וואו ס'געפינט זיך מיין לעבעדיקע טאָכטער איז ביי מיר אויפגעגאַנגען אַזאַ פרייד, אַז ווערטער זיינען צו־אָרעם דאָס איבערצוגעבן!"

און אין אַן אַנדער היים האָט אַ נעגער מוטער גערעדט צו איר זון:

„פאַראַן ווייניק שיינע נעגערשע מיידלעך, האָסטו זיך באַדאַרפט אויסקלייבן אַ ווייסע? ווייסט מיין קינד, אַז דו שפּילסט זיך מיט פייער?!"

„איך האָב ניט געקליבן, מאַמע, און ניט צוליב דעם קאָליר האָב

איך זיך פאַרליבט אין איר. איך האָב געגנוג געקעמפּט מיט זיך, כ׳האָב זיך טויזנט מאָל געוואונטשן, הלוואַי וואָלט זי געווען אַ נעגערין... דאָס איז גרעסער און טיפער, ווי מיר קענען באַנעמען. אַ האַרץ, מאַמע, קאָן זיך דאָך ניט דערקלערן!״

„ס׳וועט דיר זיין שלעכט, מיין קינד. אונדזערע וועלן דיך פיינט האָבן. דיין ווייס ווייב וועט זיי אַלעמאָל דערמאָנען אָן ,לינטש־פּאַרטיס׳. גוט וואָס דיין טאַטע האָט דאָס ניט דערלעבט. ער האָט פיינט געהאַט די ווייסע, זיי האָבן זיין ברודער באַגאַסן מיט נאַפט און אונטערגעצונדן!״

„פאַראַן פאַרשיידענע ווייסע, מאַמע, ווי ס׳איז פאַראַן פאַרשיידענע שוואַרצע. זי איז גוט און קלוג. אַז דו וועסט זיך באַקענען מיט איר וועסטו זי אויך ליב האָבן!״

„וואו וועט איר זיך אַהינטאָן? אירע ווייסע וועלן אייך ניט אַריינלאָזן, אַז איר וועט זיך אַריינגנבענען וועלן זיי אונטערצינדן ס׳הויז... אונדזערע וועלן זיך אויסדרייען מיטן רוקן צו אייך, אַז אַ קינד וועט געבוירן ווערן וועט דאָס אין ערגעץ ניט באַלאַנגען, ס׳וועט זיין אומגליקלעך און אייך פאַרשילטן... איך וואָלט זיך געפרייט ווען דו וואָלסט אויסגעקליבן איינע פון אונדזערע!״

„ס׳וואָלט דאָך ניט געווען אונדזערע און זייערע, מאַמע, ווען מען זאָל ניט אָנרייצן איין מענטש אויפן אַנדערן, כדי מען זאָל זיי צעריסענערהייט קענען האַלטן אין קנעכטשאַפט!״

„דו רייסט זיך אין פייער, דזשאָן!... אַ נעגער דאַרף גיין זיין וועג און שוויגן, ניט פאַרטשעפּען זיך מיט קיינעם. מיר זיינען געגנוג געשלאָגן!״

דזשאָנס צוויי שוועסטער האָבן געהערט דעם איבעררייד און האָבן געשוויגן, מיט פאַרהאַקטע ציין און צוזאַמענגעפרעסטע ליפּן געשוויגן, און געהאַסט זייער ברודער...

ס׳איז געווען אַרום זעקס אַזייגער אין אָוונט. דוד און שרה זיינען געזעסן ביים געדעקטן טיש און דערוואַרט, אַז פּערל זאָל יעדע מינוט אַריינקומען, זי איז שוין געווען פאַרשפּעטיקט. ענדלעך האָט דער טעלעפאָן געקלונגען, ביידע זיינען צוגעלאָפן. שרה האָט פאַרכאַפּט ס׳טרייבל:

„העלאָ! ווער רעדט? פּערל! גייסט וואָס? גייסט זיך אַרויסציען פון אונדז, וועסט ניט מער אַהיים קומען? פּערל, באַרעכן וואָס דו טוסט, פּערל!״

שרה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול.
זי איז געווען אַזוי בלייך, אַז דוד האָט זיך דערשראָקן פאַר איר.
„וואָס איז ווידער?"
„דיין טאַכטער וועט מיך אין דער ערד טרייבן. שוין, זי קומט ניט אַהיים מער!
„ס'הייסט?!"
שרהן זיינען די רייד אָנגעקומען שווער:
„אונדזער הויז טויג שוין ניט פאַר איר. די ,מופּט' אַריין צו אַ חברטאָרין".
„ווער איז דאָס?"
„רחל, אַ יידישע לערערין. זי האָט זי אַמאָל געברענגט צו אונדז אין הויז אַריין. ס'האַרץ שרעקט מיך, אַז דאָס איז זי שוין אַוועק צו ,יענעם'. מיט איר אַוועקגיין פון הויז וועט זי דערנענטערן מיין סוף. נאָר וואָס אַרט דאָס איר? זאָלן טאַטע־מאַמע קראַפּירן — וואָלט בעסער אַ שטיין געבוירן געוואָרן אויף איר אָרט!"
דוד האָט געריבן דעם שטערן, ווי ער וואָלט מאַסירן די געדאַנקען וואָס זיינען פון דעם „קלאַפּ" פאַרגליווערט געוואָרן. גראָד איצט, האָט ער געפילט, דאַרף ער אָנקומען צו זיי, דערטראַכטן זיך צו עפּעס אַן אויס־וועג. אויב זיי וועלן ווייטער אַזוי אָנגיין וועלן זיי אומקומען. דאָס הויז זעט אויס, ווי מען וואָלט נאָר וואָס אַ טויטן אַרויסגעטראָגן. די בעטן ניט געמאַכט, ס'געפעס ניט געוואַשן, אַלץ וויינט.
אין אַ פרימאָרגן, ווען דוד איז אַוועק צו דער אַרבעט, האָט שרה זיך אָנגעטאָן און איז אַרויס פון הויז. ס'האָט איר אויסגעקוקט מאָדנע, וואָס אויף דער גאַס האָט זיך קיין זאַך ניט געביטן. דאָס זעלבע גע־לויף פון מענטשן, ווי כוואַליעס פון ים, וואָס איינע וויל איבעריאָגן די צווייטע. מאַמעס פירן קינדער אין שול אַריין. ווי לאַנג איז גאָר, ווי זי האָט פערעלען אַזוי געפירט? זי איז זיי נאָכגעגאַנגען ביז אַ פּאַבליק־סקול, אַ רויטע געביידע, ווי אַ קאַזאַרמע, מיט אַ קליינעם אָפענעם שפּיל־פּלאַץ פאַרצוימט מיט אייזערנע שטאַכעטן. קינדער האָבן זיך שוין גע־שפּילט אינעווייניק. זי האָט דערזען אַ נעגער־קינד און דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהויבן קלאַפּן, נאָך צווי נעגער־קינדער צווישן די ווייסע. זי האָט די אויגן איינגעגראָבן אין זיי... געפאָרשט די ווייסע, ווי אַזוי זיי באַציִען זיך... נאָר די קינדער האָבן זיך געשפּילט, ניט מאַכנדיק קיין אונטערשייד צווישן ווייס און שוואַרץ. ווי לאַנג זיי זיינען קליין, האָט

זי געטראַכט, זײַנען זײ נאַטירלעך, רײַן און אומשולדיק. זי איז מקנא געווען די קינדערשע וועלט...

שכנים האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכפֿרעגן בײַ שׂרהן:

„וואָס זעט מען עפּעס ניט אײַער טאָכטער?"

„מײַן טאָכטער?... זי איז אַוועקגעפֿאָרן אויף וואַקאַציע".

שׂרה האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז זי האָט שלעכט געזאָגט. ווײַל ווי לאַנג איז מען אויף וואַקאַציע?"

ס'האָבן זיך געצויגן קראַנקע אומרואיקע טעג מיט שלאָפֿלאָזע נעכט. זי האָט ניט אויפֿגעהערט שלוקערצן מיט אַ ספּאַזמאַטישן קוויטש:

„דוד, כ'ווער דערשטיקט! דוד... מיר מוזן פֿאָרן צו איר, כ'מוז זי זען, כ'מוז רעדן צו איר! כ'האָב דעם אַדרעס, וואָס זי האָט מיר געגעבן פֿון דער לערערין!"

ס'איז געווען אַ הייסע אויגוסט־נאַכט. מענטשן זײַנען אַרויס פֿון די פֿאַרשטיקטע אָנגעגליטע הײַזער און אָנגעפּאַקט די גאַסן, וואָס זײַנען געווען העל באַלויכטן און יום־טובדיק. דוד איז געגאַנגען מיט שׂרהן צום סאָבוועי. ניט געווען מיט וואָס דעם אָטעם צו כאַפּן, ווי די זון וואָס האָט געברענט אַ גאַנצן טאָג וואָלט אויסגעקאָכט די לופֿט. אַז דוד מיט שׂרהן זײַנען אַרײַן אין סאָבוועי האָבן זײ ערשט אָפּגעאָטעמט און זיך דערפֿרישט פֿון ווינטל, וואָס די קויטיקע עלעקטרישע פֿעכערס האָבן איבער זייערע קעפּ צעבלאָזן. ס'האָט זיך זײ גאָרניט געוואָלט אַרויס. זײ וואָלטן אַזוי געפֿאָרן און געפֿאָרן מיטן קילן ווינטעלע אויפֿן פּנים, מיטן בראַזגען פֿון די רעדער, וואָס פֿאַרטויבן די אויערן און פֿאַרטומלען די געדאַנקען: די סאָבוועי דונערט אַדורך די פֿינצטערע טונעלן, זײ זיצן אויפֿן דונער, און פֿליִען אַוועק מיט אים אין אַן אַנדער וועלט.

מען האָט אויסגערופֿן זייער סטאַנציע. זײ זײַנען אַרויס אויף דער גאַס, אָפּגעזוכט דאָס הויז, און ניט געטראָפֿן קיינעם אין דער היים.

„דוד, זי האָט אונדז אָפּגענאַרט. זי איז אַוועק מיט ,יענעם'.

„ס'איז ניט קיין באַווײַז. זײ האָבן זיך ניט גערעכנט אויף אונדז. קאָן זײַן, אַז זײ זײַנען ערגעץ אַוועקגעגאַנגען".

צומאָרגנס האָט שׂרה אָפּגערופֿן רחלען אויפֿן טעלעפֿאָן:

„מיר זײַנען נעכטן געווען בײַ איך, קיינער איז ניט געווען אין דער היים".

„אַ שאָד. מיר זײַנען געגאַנגען צו אַ קאָנצערט".

„וואָס מאַכט מײַן טאָכטער?"

„זי איז באַזאָרגט וועגן אייך, האַלט אייך אין איין דערמאָנען. זי באַדויערט שטאַרק, וואָס איר נעמט ,דאָס׳ אַזוי שלעכט. מיך וואונדערט אויף אייך, ווייל ווי איך הער, זענט איר דאָך ניט קיין צוריקגעשטאַנענע מענטשן".

„אַזעלכע זאַכן רעדן זיך לייכטער ווי זיי טוען זיך...", האָט שרה אַריינגעזיפּצט אין טעלעפאָן.

אין עטלעכע טעג אַרום זיינען זיי ווידער געשטאַנען פאַר רחלס טיר, פון אינעווייניק האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער. ס׳האָבן זיך דערנענ־טערט טריט. רחל האָט געעפנט די טיר און זיך שטאַרק דערפריייט מיט זיי:

„קומט אַריין, טאָקע געהויבענע געסט!"

ביים טיש איז געזעסן פּערל מיט דזשאָנען.

שרה האָט אָנגעכאַפּט דודס האַנט. פּערל איז צוגעלאָפן צו דער מו־טער און זיך געקושט מיט איר. אַרומגענומען דעם טאַטן, און דערנאָך פאַרגעשטעלט:

„דאָס איז מיין פריינט דזשאָן, דאָס זיינען מיינע עלטערן".

דזשאָן האָט זיך אויפגעשטעלט, נאָר זעענדיק אַז זיי קוקן ניט אין זיין זייט, האָט ער זיך אַ באַליידיקטער צוריק אַוועקגעזעצט. זיינע ברייטע אַקסלען, דאָס בראָנזענע פּנים מיטן מילדן וויכן שמייכל האָבן זיך פאַר־האַרטעוועט. און אַלע פיר האָבן אַ ווייל געשוויגן. אַז דאָס שווייגן איז געוואָרן שווער, האָט רחל פאַרקנייטשט דעם שטערן, געזוכט דעם פאָדעם אין „פלאָנטער" אַרויסצואוויקלען אַ געשפּרעך, קלאָר מאַכן זייער מיס־פאַרשטייעניש, גאַנץ מאַכן דעם ריס...

„זייער גוט, וואָס איר זענט געקומען, זייער פיין פון אייך... איצט האָבן מיר אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען און פאַרבינדן פריינדשאַפט".

זי האָט געפירט מיט די אויגן צווישן די עלטערן מיט דזשאָנען, זי האָט זיי מיטן בליק געוואָלט צוזאַמענשמידן, נאָר ס׳האָט זיך ניט גע־קלעפּט קיין רייד צווישן זיי. דאָס שווייגן איז געוואָרן שווער, אומדער־טרעגלעך. דזשאָנען האָט זייער שטומקייט געשטיקט און באַליידיקט, ביז ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויס פון הויז, פּערל האָט אים נאָכגעפאָלגט.

אַז שכנים האָבן זיך נאָכגעפרעגט ווען וועט זייער טאָכטער צוריק־קומען פון וואַקאַציע, האָבן זיי יעדערס מאָל געמוזט צוטראַכטן אַן אַנדער ענטפער. ס׳האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז מען מאָנט ביי זיי די טאָכטער... מען קראַצט זייערע וואונדן. פאַרוואָס שטופּן מענטשן די נעזער וואו מען דאַרף ניט? די עלטערן האָבן באַמערקט, אַז מען שושקעט

זיך... מען וואַרפט זייטיקע בליקן, מען טייטלט מיט די פינגער. זיי האָבן געמוזט אַנטרעפן די טאָכטער מיט „יענעם", מען ווייסט שוין אַלץ, מען באַדויערט זיי, מען האָט אויף זיי רחמנות, שונאים האָבן אַ נקמה. ס'איז זיי געוואָרן ענג, און זיי האָבן באַשלאָסן אַרויסצוציען זיך אין אַן אַנדער געגנט.

זיי האָבן געלאָזט וויסן פּערלען דעם נייעם אַדרעס. אַז זי פלעגט אַמאָל קומען האָבן זיך די עלטערן שטאַרק געפרייט, און געצויגן פון איר ווערטער, מיט דער באַהאַלטענער האָפענונג, אפשר האָט זי זיך שוין באַזינט, ס'האָט שוין איבערגעברענט. אַזעלכע זאַכן טרעפן דאָך. פּערלס ענטפערס זיינען אַלעמאָל געווען האַרט און קאַלט ווי שטאָל.

„איך זע, איר האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ געמישטער געגנט...", האָט פּערל געזאָגט צו זיי.

„ס'איז אונדז געפעלן דער אַפּאַרטמענט...", האָט זיך די מאַמע פאַרענטפערט.

איין מאָל האָט שרה עפּעס באַמערקט אין דער טאָכטערס אויגן, וואָס נאָר מאַמעס קאָנען זיך אויף דעם.

„ניין!", האָט זי אַ צעשראָקענע געשטאַמלט און שאַרף געקוקט אויף איר.

„יאָ!", האָט פּערל באַשטעטיקט. אַז די מאַמע האָט פאַרבראָכן די הענט, איז זי אַרויס פון הויז אָן אַ „גוטן טאָג"...

שרה האָט איר געוואָלט נאָכלויפן, אַרומנעמען איר און קושן, נאָר זי האָט זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט. דער געדאַנק, אַז זי שוואַנגערט מיט אַ שוואַרץ קינד, האָט איר דערשראָקן און געליימט: אַמאָל טרעפט זיך, מען האָט אַ צווילינג און אפילו אַ דריילינג... זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און געוויגט דעם קאָפּ אין די הענט: שוואַרצע אייניקלעך מיט געקרויזטע קעפּלעך, מיט סאַמעטענע אייגעלעך האָבן זיך געהאַנגען אויף איר, גערופן: „באָבע! באָבע!" געלאַסטשעט זיך, געוואָלט איר גלעטן און קושן, נאָר זי האָט זיי געטריבן פון זיך: „אַוועק! איך וועל זיך ניט קאָנען וויזן פאַר מענטשן צוליב אייך"... די סאַמעטענע אייגעלעך האָבן זיך צעבליצט... זיי האָבן זיך אַנגענומען אין אַ ראָד און געטאַנצט אַרום איר מיט אַרויסגעשטעקטע צונגען..

די צייט איז שנעל געלאָפן. טעג האָבן זיך פאַרוויקלט אין וואָכן, וואָכן אין חדשים. ס'איז שוין געווען טיף אַריין אין האַרבסט, דער ווינ־טער האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַרויסזען. אין איינעם פון די אָוונטן

האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. שרה איז צוגעלאָפן, געכאַפּט ס׳טרייבל, דוד האָט זיך איינגעבויגן, צוגעלייגט אַן אויער. זיי האָבן שוין וואָכן־לאַנג געוואַרט צו הערן עפּעס פון דער טאָכטער. שרה איז געוואָרן בלאַס, איר האַנט האָט אָנגעהויבן ציטערן.

„מען האָט אונדזער קינד צוגענומען אין שפּיטאָל. פון איר פריינדינס רייד, פאַרשטייט איך, אַז איר צושטאַנד איז אַן ערנסטער״, האָט זי אָנגעהויבן פאַרצווייפלט אַרומפאַדען. „דוד, וואָס פאַר טאַטע־מאַמע זיינען מיר? שטיינערנע הערצער האָבן מיר, אַ קאַץ איז בעסער צו אירע קינדער. דוד, ס׳שטייט מיר אַ קנויל אין האַלדז, כ׳וועל דערשטיקט. וואָס פאַר אַ מאַמע בין איך? כ׳וועל קיינמאָל ניט האָבן קיין פאַרגעבונג פאַר איר. דוד, רוף אַ טעקסי!״

אין וואַרט־צימער פון שפּיטאָל איז „ער״ שוין געווען מיט אַ הויכער נערוועזער פרוי. זיי האָבן שטיל גערעדט צווישן זיך. ביידע צדדים האָבן זיך געזען און ניט געזען. אין די פענצטער האָט אַריינגעפּויקט אַ האָגל און אָנגעזאָגט אויף שנייען און זאַווערוכעס.

פון קאָרידאָר האָבן זיך געהערט שטילע וויכע טריט פון „נוירסעס״ און דאָקטוירים. יונגע מענער האָבן אין וואַרט־צימער נערוועז געדרייכערט פּאַפּיראָסן, אָפּט געוואָרפן בליקן צו דער טיר, וואָס קאָן זיך יעדע מינוט עפענען און מען וועט אָנזאָגן, אַ יינגל אָדער אַ מיידל. אַן אָרעם־געקליידטער מאַן איז געוואָרן בלאַס און פאַרצווייפלט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווען מען האָט אים געלאָזט וויסן, אַז זיין פרוי האָט געבוירן אַ צווילינג.

„דאָס איז שלעכט״, האָט אים אַ צווייטער באַדויערט׳ „אַן אָרעמאַנס פרוי דאַרף געבוירן איינס, אָדער פינף מיטאָמאָל״...

שפּעטער, אין עטלעכע שעה אַרום, וואָס האָבן זיך לאַנג און שווער געצויגן, האָבן זיי זיך דערוואוסט פון דער נוירס, אַז ס׳איז דאָ אַ קאָמפּליקאַציע, פּערל וועט דאַרפן דורכגיין אַ קליינע אָפּעראַציע׳ — נאָר ס׳ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן, — האָט זי זיי פאַרזיכערט, — זי איז אין גוטע הענט. אין דעם שפּיטאָל זיינען דאָ די בעסטע דאָקטוירים.

איר פאַרזיכערונג, אַז ס׳ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן, האָט אָנגעוואָרפן אויף זיי אַ שרעק. דער שפּיטאָל־ריח פון פאַרשיידענע מעדיקאַמענטן האָט זיי געשטיקט, דערמאָנט אין אַלערליי קראַנקהייטן מיט דעם אומפאַרמיידלעכן טויט, וואָס וואַרט אויפן מענטשן. אַז מען איז געזונט ווייסט מען דאָס ניט ווי אָפּצושאַצן, מען עסט אויף איינער דעם אַנדערן. אַז

מען קומט אריין אין אַ שפּיטאָל זעט מען ווי פאַרנאַרט מען איז. האָבן זיי אין דער געפּרעסטער שווייגעניש אָנגעהויבן „פילאָזאָפירן": דאָ, אין שפּיטאָל, הענגט אין דער לופט די קאָסע פון טויט, וואָס באַהאַנדלט אַלע מענטשן גלייך... שרה איז געזעסן איינגעבויגן פון ווייטיק און שרעק. זי איז טאַקע ניט קיין אַבערגלויביקע, נאָר איר האַרץ איז געווען שטאַרק באַשווערט נאָך נעכטן, ווען ס'איז איר אָקעגנגעקומען אַ לוויה, און די זעלבע נאַכט האָט זי געזען אין חלום אַ געלינטשטן נעגער, וואָס האָט זיך געוויגט אויף אַ שטריק. פערל איז געקומען צו לויפן, געכאַפּט אַ מעסער און אים אַראָפּגעשניטן...

שווער האָבן זיך אין שפּיטאָל געצויגן די נאַכטיקע שעהען, ס'איז פאַרלוירן געוואָרן דער חשבון פון צייט. דאָ האָט געלויערט דער טויט, דאָס שרעקנדיקע אומבאַקאַנטע, וואָס האָט פאַרטונקלט און אָפּגעריבן די באַגריפן פון לעבן. דזשאָן מיט דער מוטער און שרה מיט דודן האָבן ניט באַמערקט, אַז זיי זיצן צוזאַמענגעטוליעט...

זיי זיינען אַרויס אין קאָרידאָר. דער דאָקטאָר איז עטלעכע מאָל פאַרבייגעגאַנגען און אויסגעמיטן זייערע בליקן, וואָס האָבן אים צע־שראָקן נאָכגעפאָלגט. ער האָט זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט רעדן מיט דער נוירס, ער איז געווען אַזוי רואיק און גלייכגילטיק, ווי ער וואָלט זיך אַרומגעדרייט אין אַ „לאַבי" פון אַ טעאַטער, ניט צווישן שטאַרבנדיקע מענטשן. און געזעדט האָט ער ניט געאיילט, אַן דער מינדסטער אָנ־שטרענגונג. שרה האָט שנעל אַ טראַכט געטאָן, אַז ער איז פון די מענטשן, וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט ווי טאָן, און דערלעבן אַ הויכע עלטער.

מען האָט דורכגעפירט עמיצן אין אַ בעטל מיט אַ פאַרדעקט פנים... שרהס האַרץ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן.

„דוד", האָט זי פאַרחלשט געפלאָנטערט מיט דער צונג' „וועמען האָט מען דורכגעפירט?"

„איך ווייס וועמען? אַ שפּיטאָל איז אַ שטאָט פאַר זיך אַליין".

וויפל צייט איז ווידער אַוועק? זיי האָבן פאַרלוירן דעם חשבון.

די טיר האָט זיך געעפנט, דער דאָקטאָר איז געשטאַנען אַ רואיקער, אַ זעלבסטצופרידענער, ער האָט זיך אַביסל אַראָפּגעבויגן, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף שרהס אַקסל און געזאָגט מיט דער גלייכגילטיקייט, ווי מען לאָזט איינעם וויסן וויפל ס'האַלט דער זייגער:

„ס'איז אַ ייִנגל!"

„אַ ייִנגל! אַ ייִנגל!", האָבן זיך צעטראָגן פריידיקע אויסרופן. די

פרויען האָבן זיך געקושט און געוויינט, די מענער האָבן זיך געדריקט די הענט און פאַרשעמט געקוקט אויף זיך.

„ווי פילט זי ?"

„גוט", האָט דער דאָקטאָר געענטפערט געזעגנדיק, „איר וועט זי באַלד קאָנען זען".

מען האָט זיי אַריינגעלאָזט אויף עטלעכע מינוט צו פערלען, זיי האָבן זיך געבויגן איבער איר מיט פייכטע פריידיקע אויגן, צערטלעך אָנגע־רירט איר בלייכע האַנט. פערל האָט שטיל עפּעס געזאָגט, קוים באַוועגנ־דיק מיט די ליפּן, וואָס מען האָט ניט געקענט הערן און מיד געשמייכלט.

דערנאָך זיינען זיי געשטאַנען פאַר אַ גלעזערנער וואַנט און אַריינ־געקוקט צו די ניי־געבוירענע קינדער. די בוירס האָט זיי געוויזן פערלס יינגעלע, וואָס האָט פאַרחידושט געקוקט אויף דער וועלט און עפּעס גע־זוכט מיט די ליפּן.

אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס האָט זיי אַרומגענומען אַ קאַלטער ווינט, וואָס האָט שוין געשמעקט מיט שניי.

זיי זיינען אַריין אין אַ רעסטאָראַן.

ביי אַ ווייס־געדעקטן טיש האָבן זיי זיך דערזען דאָס ערשטע מאָל אויג אויף אויג... דוד האָט זיך אָנגעהויבן באַרימען מיט זיין פאַרגע־שריטענעם קוק אויפן לעבן, וואָס דאָס האָט דזשאָנען מיט דער מוטער אַביסל געחידושט... נאָר דער אמת איז, אַז די לאַנגע נאַכט פון שרעק פאַר פערלס לעבן, וואָס איז געווען אין געפאַר און דאָס בשותפותדיקע איניקל האָט זיי דערנעענטערט. וואָסער, אַז מען מישט עס אויס וועבט עס זיך צוזאַמען, וועד שמועסט נאָך בלוט...

מען האָט געוואָרפן זייטיקע בליקן אויף זייער טישל... די קעל־נערין איז צוגעקומען, גענומען ביי דודן און שרהן דעם „אָרדער", דזשאָנען מיט דער מוטער האָט זי „ניט געזען"... און איז אַוועקגעגאַנגען. דוד איז געוואָרן רויט, און זי צוריקגערופן:

„פאַרוואָס נעמט איר ניט זייער ,אָרדער' ? !"

„אָ, זיי ?", האָט זי זיך פאַרשעמט, „איך טו ווי מען הייסט מיך. ס'טוט מיר לייד, נאָר ס'איז ניט מיין שולד !"...

„טוט איר אַלץ, וואָס מען הייסט אייך ? !", איז דוד געוואָרן אויפ־גערעגט. שרה האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

„אָרדערס", האָט די קעלנערין צענומען די הענט און זיי ניט גע־קאָנט קוקן גלייך אין פנים אַריין, „ס'איז ניט מיין שולד".

אַרויסגייענדיק פון רעסטאָראַן האָבן זיך דוד און שרה געפילט שול־דיק קעגן דזשאַנען מיט דער מוטער, און געפּרואווט זיי פאַרגיטיקן מיט איבערגעטריבענער פריינטלעכקייט. יענע האָבן אומעטיק געשמייכלט...

„און איר מיינט, אַז קעגן יידן איז מען בעסער?", האָט זיי דוד גע־פּרואווט טרייסטן.

און שרה האָט דאָס באַשטעטיקט:

„פאַראַן געגנוג האָטעלן און רעסטאָראַנען וואו מען לאָזט קיין יידן אויך ניט אַריין".

„היטלער האָט מיין גאַנצע משפחה אויסגעהרגעט אין פּוילן", האָט זיך שרה געקלאָגט פאַר זיי. „און ווייסט איר גאָר וואָס? קומט אַרויף צו אונדז וועלן מיר עסן אָנבייסן, ס'נעמט בלויז אַ צען מינוט פון דאַנען מיטן אויטאָבאָס צו אונדזער הויז. קומט, איך בעט אייך!"

דזשאַן און די מוטער האָבן זיך איבערגעקוקט... דערנאָך האָט ער געזאָגט:

„מיר דאַנקען אייך זייער פאַר אייער גאַסט־פריינטלעכקייט, נאָר מען לאָזט דאָך אונדז ניט זיין צוזאַמען"...

„קומט טאַקע", איז דוד איבערראַשט געוואָרן פון שרהס אָנבאָט, און ער האָט געקוקט אויף איר מיט באַוואונדערונג.

פאָרנדיק אין אויטאָבאָס האָט דוד דערציילט דזשאַנען, ווי שטאַרק באַליבט די טאָכטער איז ביי זיי... און אויסגעלויבט אירע מעלות...

דזשאַן האָט אים מיט רעספּעקט אויסגעהערט און אַליין פאַרזיכטיק געוועז מיט אַ וואָרט.

„דאָרט האָבן מיר מער ניט געקאָנט וואוינען", איז שרה געוואָרן פריינטלעכער און צוגעלאָזענער, „פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן ליב צו קריכן מיט די פיס יענעם אין האַרץ אַריין... האָבן מיר זיך אַרויסגע־צויגן, און ס'האַרץ האָט מיר געזאָגט, כ'זאָל זוכן אַ וואוינונג אין אַ גע־מישטער געגנט"...

אַ ווײַלע האָבן זיי געשוויגן, און געטראַכט פון דער צייט ווען די גאַנצע וועלט וועט ווערן איין גרויסע געמישטע געגנט...

אַ ברוגזע מאַמע

אַז זייער טאָכטער האָט זיך אין קאָלעדזש פאַרליבט אין אַ בעגערשן סטודענט און מיט אים חתונה געהאַט, איז פאַר די ראָזענבערג ניט גע־בליבן קיין אַנדער אויסוועג ווי אַנטלויפן פון ניו־יאָרק, ווייל אויף יע־נער גאַס, וואו זיי האָבן אָפּגעלעבט אַזוי פיל יאָרן, האָבן אַלע זיי גע־קענט. סעמיועל ראָזענבערג, דער פאָטער, איז געווען אַ פּרעזידענט אין אַ שול. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע משפּחה: מערסטנס רעליגיעז־גע־שטימטע ייִדן. צווישן זיי צוויי ראַבאַיס, אַ חזן און אַ שמש. די ייִנגלעך זיינען געגאַנגען אין „היברו״ און געשפּילט „באָל״ מיט יאַרמולקעס אויף די שפּיץ קעפּ.

האָבן זיי זיך גיך איינגעפּאַקט און אַוועקגעפאָרן צו דער אויסגעצע־בענער טאָכטער אין פילאַדעלפיע — אויס נעגערשער אײדעם, אויס נע־גערשע מחותנים, אויס טאָכטער.

מאַלי, די מאַמע, האָט פאַרביסן די ליפּן, געמאַכט פון מויל אַ שניט אין אויסגעצויגענעם פּנים און — געשוויגן.

אַזוי האָבן זיי אָפּגעלעבט צוויי איינזאַמע יאָרן אין פילאַדעלפיע. אויפן דריטן יאָר האָט מאַלי אָנגעהויבן וואָרפן אַן אומחן אויף דער שטאָט: די מענטשן געפעלן איר ניט, די הייזער זיינען קיין הייזער ניט. שכנים — מרוקעס. בלאָזן זיך, קוקן פון אויבן־אַראָפּ. ס'איז אפילו קיין רעכטער „בוטשער־שאָפּ״ ניטאָ אין שטאָט, דאָס פליייש איז אַזוי ווי לעדער. אַ ניו־יאָרקער שטיקל פליייש האָט דאָך טויזנט טעמ'ען. און די מענטשן דאָרט זיינען גאָר אַנדערע: פריינטלעכע, צוגעלאָזענע.

זי האָט אַזוי לאַנג געיאָדעט די שטאָט, אַזוי זיך איינגעביסן אין איר, ביז סעמיועל האָט פאַרלוירן דעם געדולד:

„וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף דער שטאָט?!״

„זי געפעלט מיר ניט!״

„אַזוי פיל מענטשן וואוינען דאָ און ס'געפעלט זיי, און דיר גע־פעלט ניט?!״

„ניין, מיר געפעלט ניט, איך האָב די שטאָט פיינט. כ'וועל דאָ דערדריקט ווערן. ווערסט מיר פריער ניט גלויבן, ביז דו וועסט מיך זען

ליגן אַ טויטע, ווען ס'וועט שוין זיי צו שפּעט!"

„איז וואָס ווילסטו?"

„צוריקפאָרן קיין ניו־יאָרק!"

„צום נחת?! האָסט שוין פאַרגעסן, אַז מיר זיינען אַנטלאָפן פון דאָרט?! סיידן דו האָסט זיך פאַרבענקט נאָך דיין טייערער טאָכטער!"

„זאָלסט זיך ניט דערוועגן צו דערמאָנען איר נאָמען!", איז זי אויפגעשפּרונגען מיט ציטערדיקע פויסטן און צעצונדענע אויגן, „ווייל איך האָב זי שוין לאַנג פון מיין האַרץ אַרויסגעריסן. כ'האָב גענוג געליטן, געבלוטיקט, קומסטו און רויעסט־אויף מיינע וואונדן, קאַלטער גזלן וואָס דו ביסט! און פאַרוואָס? ווייל איך וויל ניט אָפּפינצטערן מיינע לעצטע פאַר יאָר אין אַ שטאָט, וואָס איך האָב פיינט. ניו־יאָרק איז מיין היים. און מיר מוזן ניט וואוינען אין ברוקלין לעבן 'אומגליק'. מיר קענען וואוינען אין די בראָנקס, וואו קיינער קען אונדז ניט. נעמט ער און רעדט מיר נאָך אין דער גאַל אַריין", האָבן אירע ליפּן אָנגעהויבן ציטערן, „דער מאַן וועט מיך אין דער ערד אַריין טרייבן!", האָט זי זיך צעוויינט.

זי האָט אַזוי פיל צעאַרבעט, ביז זיי זיינען צוריקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק און זיך אַריינגעקליבן אין עק בראָנקס, כמעט אַרויס פון שטאָט — וואָס ווייטער פון דער טאָכטער.

שוין אַריבער אַ יאָר, ווי זיי זיינען אין ניו־יאָרק. מאַלי שטריקט אַ סוועטער פאַר די פילאַדעלפיער אייניקלעך, בענקט־אַריין אין די שטעך. דער לויזער קראַן אין קיך מאַכט: „טריפּ, טריפּ, טריפּ!" די טעג ציען זיך דאָ אויך לאַנג און שווער. אַמאָל וויזט זיך איר אויס: זי הערט דער טאָכטערס קול אויסגעמישט מיט די שטימען פון נעגערשע קינדער. כאַפּט זי זיך אויף און לויפט אַראָפּ אין גאַס. מישט זיך אויס מיט אַלע פאַרביגייער, שפּאַנט שנעל, שנעל, ביז זי ווערט מיד און שלעפּט זיך צוריק אין הויז אַריין. טרעפט דעם מאַן אַ פאַרמוחטן פאַרשעריש אַריינקוקן אין רויך פון ציגאַר.

גייענדיק איינמאָל איינקויפן, האָט מאַלי אומגעריכט אָנגעטראָפן איר אַמאָליקע שכנה, מיסעס לינדער.

זיי האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און צעקושט:

„מיסעס ראָזענבערג! וואו זיינט איר אַהינגעקומען אַזוי פיל יאָרן?"

„מיר האָבן זיך פאַרבענקט נאָך אונדזער טאָכטער אין פאַלעלפיע"...

„איך האָב אַ סך מאָל געטראַכט פון אייך, און שטעלט זיך פאַר: צווישן טויזנטער מענטשן טרעפן מיר זיך אָן איינע קעגן די אַנדערע. איז

וואָס מאַכט איר, וואו געפינט איר זיך ?"

„מיר וואוינען דאָ אין די בראָנקס, טייערע מיסעס לינדער. כ'קאָן אייך גאָרניט זאָגן, ווי צופרידן איך בין, וואָס כ'האָב אייך געטראָפן !", האָט מאלי געזאָגט מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ, דערוואַרטנדיק צו הערן עפּעס פון דער טאָכטער.

„מיסעס ראָזענבערג !"

„יאָ ?"

„מעג איך אייך עפּעס פרעגן ?"

„פאַרוואָס ניט ?"

„איר וועט ניט האָבן קיין פּאַראיבל ?"

„ניין. פאַרוואָס זאָל איך האָבן פּאַראיבל ?"

„איך האָב זיך טאַקע ניט קיין רעכט צו מישן אין יענעמס פּריוואַטן לעבן, נאָר ווי קאָן אַ מאַמע אַזוי פיל יאָרן ניט וועלן וויסן פון איר אייגן קינד ?

„זי איז ניט מער מיין קינד !"

„זאָגט דאָס ניט, האַרציקע ! ס'איז אייער בלוט און פליייש !"

„געווען, ביז זי האָט אויסגעטוישט דעם טאַטן מיט דער מאַמען מיט אַלץ אין דער וועלט פאַר ,יענעם' ! ווייל איך מער ניט וויסן פון איר. זי וועט מיך טרייבן אין דער ערד אַריין פאַר דער צייט, און אויף מיין טויטנבעט וועל איך איר ניט מוחל זיין !"

„אָבער נאָך אַלע רייד זענט איר דאָך פאָרט אַ מאַמע צו אייער טאָכטער, און אַ באָבע צו איר קינד ! וואָס וואונדערט איר זיך ? יאָ, אייער טאָכטער האָט שוין אַ קינד פון פיר יאָר, אַ מיידעלע, עטל. עטעלע רופן מיר זי. דאָס טאַנצט און זינגט, און קלוג, אַז מען קען זיך מיט איר אויסטענהן ווי מיט אַ גרויסער. פאַרוואָס, פרעגט זי, האָבן אַנדערע קינדער באָבעס, און איך ניט ? זי פרעגט איר מוטער, צי זי האָט קיין מאַמען ניט געהאַט ? — וואָס איז אייך, מיסעס ראָזענבערג ? ! באַהערשט זיך, איר מוזט זיך באַהערשן !"

מאלי האָט פאַרשטיקט געכאַרכלט מיטן האַלדז, און אַנגעהויבן ווערן קלענער, ווי די ערד וואָלט זי אַריינגעצויגן אין זיך. מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף זיי. מיסעס לינדער האָט זי אָפּגעפירט אַהיים אין אַ טעקסי. געוואַרט — ביז זי איז געקומען צו זיך. פאַרן אַוועקגיין האָט זי אַוועקגעלייגט דער טאָכטערס אַדרעס אויפן טיש.

מאַלי איז געשטאַנען פאַר אַ שוי־פענצטער און באַטראַכט קליידלעך פאַר מיידעלעך (אויף פיגורלעך) מיט בלאָנדע קעפּלעך, בלויע אויגן און גאָלדענע צעפּלעך. איינע פון זיי וואָלט געקאָנט זיין איר אייניקל. זי האָט געזוכט אַ נעגערש קעפּל — ניטאָ. ווי אַזעלכעס וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען. מען „שניידט־אויס" אַזוי פיל קליינע אומשולדיקע קינדער. — — — דערנאָך איז זי געזעסן אין סאָבווײ. ס'האַרץ פירט זי ווידער פאַר דער באַז... זי האָט זיך פאַרהאַרטעוועט: דאָס פאָרט זי אויף אַ באַזוך צו איר אַלטער שכנה מיסעס לינדער, וואָס ליגט ביכער, און היילט איר האַרץ מיט קלוגע גוטע רייד, וואָס איר מאַן סעמיועל וועט אפילו ניט אָנהויבן צו פאַרשטיין... נאָר דער טאָכטערס שוועל וועט זי קיינמאָל ניט אַריבערטרעטן! אַז ביי איר איז רעכט אומצוברענגען אירע עלטערן, איז זי ניט זייער קינד. זי דאַרף אפילו ניט טראַכטן פון איר. טאַקע אינגאַנצן אַרויסשלאָגן זי פון קאָפּ, אַזוי ווי זי האָט זי אַרויסגעריסן פון האַרץ.

די סאָבווײ האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף יענער סטאַנציע. זי איז שנעל אַרויס, ווי זי וואָלט זיך געאיילט צו עפּעס. דערנאָך האָט זי פאַרלאַנגזאַמט די טריט. ס'איז געווען אַ קילער נאָכמיטאָג. דער ווינט האָט אויפגעהויבן „זאַמד־פאַנטאַנען" און איינגעבויגן די דורכגייער. מענטשן האָבן אויפגעשטעלט די קעלנער. מאַלי האָט אַריינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, ווי אַ טשערעפּאַכע, מען זאָל זי ניט זען...

מיסעס לינדער האָט זי, ווי אַלע מאָל, שיין אויפגענומען, גערעדט מיט איר וועגן פאַרשיידענע זאַכן, ביז מאַלי האָט זיך געכאַפּט: ס'איז שפּעט, דער מאַן וועט ניט וויסן וואו זי איז אַהינגעקומען.

אויפן וועג אַהיים האָט מאַלי „פאַרבלאָנדזשעט" אויף דער גאַס, וואו די טאָכטער וואוינט. דערזען שאָטנס אין פענצטער, האָט איר ס'האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן.

דער קליינער טאַנצנדיקער שאָטן איז איר אייניקל. אַ רחמנות אויפן קינד. וואָס איז זי נעבעך שולדיק? מאַלי שטייט אַזוי לאַנג פונדער־ווייטנס מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צום הויז, ביז ס'נעמט איר ברעכן דער נאַקן, שווינדלען פאַר די אויגן, און די פיס ציטערן איר.

אין דער וואוינונג פון דער טאָכטער האָט אין אַ צעבראָכענער שויב געשטעקט אַ שמאַטע, ווי אַ סטראַשידלע.

„הערסט, דזשים? מיר האָט זיך שוין עטלעכע מאָל אויסגעוויזן, אַז איך זע מיין מאַמען פאַרביילויפן אונדזער הויז", האָט העלען געזאָגט צום

מאַן, פּרעסנדיק ווען.
„האַלוצינאַציעס", האָט ער דאָס אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, און געציילט וויפל שויבן ס'איז געבליבן צו צעברעכן.
„און איך זאָג דיר, אַז דאָס איז זי".
אַ וויַיל האָבן ביידע פּאַרטראַכט געשוויגן.
דזשים, מען וועט דאַרפן אַריינשטעלן אַ נייע שויב".
„אין די זאַכן האָב איך מער דערפאַרונג פון דיר — מען דאַרף אונ־טערוואַרטן און אַריינשטעלן אַלע צוזאַמען".
„מען זאָל זיי ווידער אויסהאַקן !"
עטל האָט אויפגעריסן די טיר מיט אַ געוויין.
„וואָס איז געשען ? !", האָט זי העלען אַריינגעכאַפּט אין די אָרעמס.
„מאַרטאַ האָט געזאָגט, מען וועט אונטערצינדן אונדזער הויז, וויל מיר זיינען נעגערס און האָבן ניט קיין רעכט דאָ צו וואוינען !"
„ס'איז ניט אמת, גלויב איר ניט. זי איז אַ פּלאַפּלערין, זי וויל דיך אָנשרעקן !"
„צום ערשט, האָט זי געזאָגט, וועט מען אונדז אויסברעכן אַלע שויבן. איך האָב מורא !", האָט זי זיך געטוליעט צו די עלטערן, וואָס האָבן זיך פאַרזאָרגט איבערגעקוקט.
„אַ בראַוו מיידל האָט ניט קיין מורא", האָט איר דער פאָטער געגלעט די האָר און גלייך געמאַכט די צעשראָקענע צעפּלעך.
„פאַרוואָס האָב איך ניט קיין באָבעס און קיין זיידעס, אַזוי ווי מאַרטאַ", האָט זי געפרעגט העשענדיק.
„דו האָסט יאָ באָבעס מיט זיידעס. גלויב ניט וואָס מאַרטאַ זאָגט".
„פאַרוואָס קומען זיי קיינמאָל ניט צו מיר ?"
„זיי וואוינען וויַיט".
„וועלן זיי קיינמאָל ניט קומען ?"
„אַז דו וועסט האָבן געדולד, וועסטו זיך דערוואַרטן. זיי וועלן קומען".
„מאַמע, האָסט דאָך מיר אַמאָל דורכן פענצטער געוויזן מיין באָבען. פאַרוואָס איז זי פאַרבייגעלאָפן ?"
„זי איז ברוגז".
„וועט זי זיך אַמאָל איבערבעטן ?"
„איך האָף אַזוי !"
אין איינער פון אַזעלכע נעכט, ווען מאַלי האָט פאַרן אוועקגיין גע־

כאַפּט דעם לעצטן קוק אין דער טאָכטערס פענצטער, האָט אַ דונער גע־טאָן אַן אָנקומענדיקער אויטאָמאָביל מיט צעיושעטע יונגען. ס׳האָבן אָנ־געהויבן פליען שטיינער. צעבראָכענע שויבן האָבן זיך אין דער שטילער גאַס צעליאַרעמט מיט אַזאַ אויסטערלישן בראַזגעריי, ווי טויזנטער גע־שאָכטענע העלדזער וואָלטן זיך צעשריגן צום הימל.

מאַלי האָט זיך געכאַפּט ביים קאָפּ:

„פּאָליצײַ! פּאָליצײַ!“, האָט זי אָנגעהויבן שרייען, לויפנדיק נאָכן אויטאָמאָביל, וואָס איז שנעל פאַרשוואונדן, „פּאַגראָמשטשיקעס! כוליגאַ־נעס! צאַר ניקאָלאַי!“

ס׳האָט אויפגעבליצט פאַר אירע אויגן אַ היימישער פּאָגראָם: דער קלאַנג פון צעבראָכענעם גלאָז איז געווען דערזעלבער, די כוליגאַנעס — ווי אין מאַמע וואָלט זיי געהאַט: זי האָט זיך דערמאָנט וועגן צעריסן בעטגעוואַנט, בלוטיקע העק. אין דעם מאָמענט זיינען די צעבראָכענע שויבן אין דער טאָכטערס פענצטער געוואָרן יידישע שויבן... איר אייגן הויזגעזינט, אייגן בלוט און פלייש, געהייליקט אין אַ פּאָגראָם פון אַמע־ריקאַנער כוליגאַנעס. מאַלי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום הויז, אויפגע־ריסן די טיר און דערזען בלוט אויף דער טאָכטערס שטערן.

זי האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אין די אָרעמס, אָנגעהויבן איר קושן, וויינען און שרייען:

„אַ דאָקטאָר! שיקט נאָך אַ דאָקטאָר! נאָך אַן אַמבולאַנס! מיין טאָכ־טער בלוטיקט, מיין טאָכטער גייט אָפּ אין בלוט! קינד מיינס, נשמה מיינע! דער מאַמעס האַרץ האָט אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך דיר!“

ס׳האָט גענומען אַ שטיקל צייט, ביז זיי האָבן זיך אָנגעהויבן באַ־רואיקן.

העלען איז געזעסן מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ אין דער מאַמעס אָרעמס.

פונוויינטנס האָט זיך דערהערט דאָס דראָענדיקע פייפן פון אַן אַמבו־לאַנס, וואָס איז געוואָרן העכער און דראָענדיקער, ביז ער האָט זיך אָפּ־געשטעלט פאַר זייער הויז און שטיל געוואָרן.

דער דאָקטאָר האָט איר באַנדאַזשירט דעם קאָפּ, און עפּעס פאַרשריבן אין אַ ביכעלע.

העלען האָט אַ שמייכל געטאָן:

„מאַמע, כ׳האָב דיך שוין אַזוי לאַנג ניט געזען“.

„איך האָב דיך שטענדיק געזען. מיין האַרץ איז פון אייזן, אַז ס׳האָט אויסגעהאַלטן אַזאַ לאַנגע צייט און ניט געפּלאַצט. אַזעלכע כוליגאַנעס

— מאַכן אַ פּאָגראָם אין אַמעריקע! ווייניק האָבן מיר געהאַט אין דער היים ביים צאַר?!״

„וואָס מאַכט דער טאַטע?״

„דערזעלבער עקשן״...

„אָ, מאַמע, דאָס איז מיין מאַן!״...

„שוויגער און איידעם האָבן אַ נויג געטאָן די קעפּ.

מאַלי האָט דערפילט, מען ציט זי ביים אַרבל.

„פאַרוואָס ביסטו ברוגז אויף מיר, באָבע?״, האָט זי עטל געפרעגט ווישנדיק ס׳פאַרווייִנטע פּנים.

„עטעלע!״, האָט זי מאַלי אַ כאַפּ געטאָן אין די אָרעמס, „מיין שיינס, מיין טייערס, באָבעלע מיינע, ווער איז ברוגז? שוועלבעלע מיינס! זע נאָר, ווי דאָס העשעט! נו, שוין גענוג געוויינט. דער פּאַ האָט אָפּגערופן די פּאָליצייַ אויפן טעלעפאָן, וועלן זיך די כוליגאַנעס אויסריכטן אַ שוואַרצן סוף! און זע נאָר, ווי שיין דו ביסט!״

„כ׳קאָן טאַנצן אויך, און זינגען״.

און עטל האָט געטאַנצט פאַר דער באָבען.

זי האָט פאַרלייגט די הענט אויף די באַקעס, פאַרריסן דאָס קעפּל און געפּלאָטערט מיט די פּיסלעך. געזונגען אַן ענגליש לידל, און פלוצים אַ זינג געטאָן אויף יידיש מיט אַן ענגלישן אַקצענט אויף אַ קינדערשן אופן „אויפן פּריפּעטשאָק ברענט אַ פייערל״.

מאַלי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

„פונוואַנען קומט דאָס צו איר?״

„איך לערן זי, מיר וועלן זי שיקן אין אַ יידישער שול. ענגליש וועט זי סיי ווי קאָנען״.

„סעמיועל!״, האָט מאַלי אַריינגעשטורעמט אין טעלעפאָן, „סעמיועל, ביסט אַ גרויס פערד! מען האָט געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף די קינדער. דו הערסט? אַ בלוטיקן פּאָגראָם! עטעלע הייסט זי, — שיין און געראָטן. זי זינגט ,אויפן פּריפּעטשאָק ברענט אַ פייערל׳. און דאַרפסט זי זען טאַנצן. קום שוין אַהער, דו הערסט?! אַניט וועסטו מיין געביין ניט אָנזען. נעם די סאָבוועי, כאַפּ אַ טעקסי!״

„די באָבע האָט זיך איבערגעבעטן, זי איז שוין מער ניט ברוגז!״, האָט עטל געפּאַטשט מיט די הענטלעך און צוגעטאַנצט.

דעם טייוולס קאַפּעליע

דזשערי, אַן אַכט־יאָריק יאַטל, איז אַרומגעלאָפן מיט אַ קינדערש פּיסטל פאַרן הויז, געשאָסן אויף פאַרבייגייער און געשריגן: „בענג! בענג!“

אַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין פראָנט פון עמיצן און באַפוילן: „הענט אַרויף!“ יענער האָט געשמייכלט. אַנדערע האָבן טרויעריק און פאַרזאָרגט געקוקט אויף אים. דזשערי האָט נאָכגעמאַכט ווי ס׳שיסט אַ מאַשין־ביקס.

זיין פּנים איז געווען פאַרפלאַמט, די אויגן צעצונדן און ס׳מויל גזלניש פאַרקרימט.

אַז ס׳איז אים דערעסן געוואָרן צו שיסן, האָט ער זיך באַרימט פאַר די יינגלעך:

„מיין טאַטע איז אַ גרויסער ,קעפּטן׳, ער קומט היינט אַהיים פון דער אַרמיי, די מאַמע איז אים געגאַנגען באַגעגענען, ער טראָגט אַ פּולע ברוסט מיט מעדאַלן“.

„מיין טאַטע איז אַ גרעסערער העלד, ער האָט מער מעדאַלן“, האָט אים אַן אַנדער יינגל געוואָלט איבערשטייגן.

„פונוואַנען ווייסטו?“

„איך ווייס“.

„ביסט אַ ליגנער!“

„און דו ביסט אַ...“

זיי זיינען באַלד געשטאַנען האַרט איינער לעבן אַנדערן, אַקסל צו אַקסל, און זיך אָנגעקוקט ווי צערייצטע הענער. ס׳איז געוואָרן אַ רעדל אַרום זיי.

„צי צוריק, וואָס דו האָסט געזאָגט!“

„איך צי ניט צוריק!“

זיי האָבן אָנגעהויבן אָקעגנטאַנצן, געשפּיזט מיט די אויגן און געסאָפּעט. פיר פויסטלעך זיינען זיך צעפלויגן, ווי זשאַנגלערן וואָלטן געוואָרפן ווייסע פילקעס. ביים צווייטן יינגל האָט זיך פון דער נאָז באַ־ וויזן אַ פעדעמל בלוט. חברה אַרום האָבן צוגעגעבן קוראַזש, געאַרבעט

מיט די הענט, מיט די פיס, און דערמוטיקט:
„דערלאַנג, דזשאַני! דערלאַנג, דזשאַני!"
אַ מיטליאָריקע פרוי האָט זיי צענומען, געמוסרט און געהייסן אַהיימ־גיין. אַז זי איז אַוועק האָבן זיי זיך ווידער אָנגעהויבן שלאָגן, געשפּרונגען ווי „פּרייז־פּייטערס", פאַרפּלאָנטערט די הענט, זיך אַרומגעכאַפּט, געפאַלן, געקאַלערט זיך איינער איבערן אַנדערן, און די ייִנגלעך אַרום האָבן געליאַרעמט.
דזשערי האָט געטאַפּט ס'אונטערגעהאַקטע אויג — ער וועט צולייגן אַ שטיקל רויען „סטעיק". די אונטערשטע ליפּ איז געזאַלצן, ער וועט היינט שוין ניט גיין אַהיים. וואָס וועט דער טאַטע זאָגן, אַז ער וועט אים זען אַ צעשלאָגענעם? ער וועט גאָר טאָן ווי דער העלד פון דער טעלע־וויזיע: אַוועק אין אַ צווייטער שטאָט, אָפּזוכן אַ שיף מיט פּיראַטן און זיך לאָזן איבער ימען אויף רויב. נאָר אַז ער איז שטאַרק הונגעריק גע־וואָרן, האָט ער זיך פאַרקירעוועט צו זיין גאַס. דזשערי דערמאָנט זיך וועגן זיין מאַמען מיטן טאַטנס „באָס". ער האָט פיינט דעם טאַטנס „באָס", וואָס האָט וואָנצעס ווי ביי אַ קאָטער און טשעפּעט די מאַמע. איין מאָל איז דזשערי אָנגעקומען ווען זיי האָבן זיך געקושט. אַ צווייט מאָל האָט אים דער „באָס" געגעבן געלט, ער זאָל גיין אין די „מואוויס" און גע־בליבן אַליין מיט דער מאַמען. יענע נאַכט האָט ער לאַנג ניט געקאָנט איינשלאָפן און געוויינט: זיין טאַטע איז דאָך אַ העלד, טאָ פאַרוואָס קושט די מאַמע דעם „באָס"? ער האָט ליב דעם טאַטן. די מאַמע האָט ער אויך ליב, נאָר ער האַסט זי... אַז ער וועט עלטער ווערן וועט ער נעמען אַ ביקס און שיסן דעם „באָס"...
קומענדיק נעענטער צום הויז האָט ער אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַמער. ס'האַרץ האָט אים געקלאַפּט, ער האָט זיך פאַר עפּעס געשראָקן.
טאָם, דזשעריס פאָטער, האָט זיך ערשט צוריקגעקערט פון דער אַרמיי, זיין פרוי מערי האָט אים קוים דערקענט, אַזוי האָט ער זיך געביטן אין די דריי יאָר. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און ס'האָט אויסגעזען ווי ער פאַר־קרימט דאָס פּנים צו וויינען. איין פוס האָט ער געשטעלט מעכאַניש, ווי אַ הילצערנעם. ער האָט מיט ציטערדיקע הענט אַרומגענומען מערין און געקושט אירע שאַרף־געפאַרבטע ליפּן. זיי זיינען געווען קאַלט און נאָכ־געביק.
„אָ, מערי, דו ביסט אַ שיינע! האָסט זיך גאָרניט געביטן, נאָר אַביסל פולער געוואָרן, עס פּאַסט דיר. וואָס מאַכט אונדזער ייִנגל?"

„ווייסט אים ניט דערקענען. ער איז שוין אַ גרויסער יונג. גייט אַרום גאַנצע טעג מיט אַ רעוואָלווער און שיסט... דאַרפסט הערן ווי ער שרייט: ,בענג! בענג! הענט אַרויף׳!"

טאָם האָט פאַרזאָרגט אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן... פאַרנדיק אַהיים אין דער טעקסי האָט ער זי געהאַלטן אַרומגענומען. זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל. ער האָט גליקלעך אָפּגעזיפצט: „כ׳האָב לאַנג געוואַרט אויף דעם טאָג. דער טויט האָט אונדז ניט איינמאָל געוואָלט צעשיידן. אַ, אונדזערע יאָרן זיינען געפאַלן אין די טויזנטער. מען ווייסט גאָרניט אַזוי פיל — מען וועט קיינמאָל ניט וויסן..."

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון זיין אַקסל, אַרויסגענומען פון האַנט־בייטל אַ סיגאַרעט. טאָם האָט געשיקט אַנגעצונדן אַ שוועבעלע פאַר איר. זי האָט געטאָן עטלעכע האַסטיקע צי און געשמייכלט. ער האָט געקוקט אויף איר געפּאַרבט פּנים און ניט געקאָנט באַנעמען דעם באַדייט פון איר שמייכל, וואָס איז געווען, דאַכט זיך, פאַר אים און אויך סתם אין דער וועלט אַריין... די דריי יאָר אויפן מלחמה־פראָנט האָבן זיי אָפּגעפרעמדט, דערווייטערט.

די טעקסי איז פאַרבייגעפאָרן שטראָמען מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען ווי אין אַ יום־טובדיקער פּראָצעסיע. ס׳איז געווען אַ העל־ליכטיקער זומער־טאָג. קינדער האָבן פריילעך געלאַכט און געטאַנצט. פון מוזיק־געשעפטן האָבן ראַדיאָס פריילעך און הילכיק אָקעגנגעשפּילט די העלדן, וואָס זיינען געקומען צוריק פון דער מלחמה...

אין הויז האָבן שוין געוואַרט געסט. אויפן טיש — בלומען, געטראַנקען, פאַרבייסן. מען האָט זיך געדריקט הענט, געקושט, אַרומגענומען. ס׳איז אויך געקומען טאָמס „באָס", מיסטער גערלאַנד. ער איז געוואָרן „פעט" דורך דער צייט פון דער מלחמה. די בריליאַנטן אויף זיין ווייב האָבן געפינקלט ווי וועלפישע אויגן... מיסטער גערלאַנד האָט אַ טאַפּ געטאָן מיט אַ פינגער די געפוצטע וואָנסעלעך, וואָס זיינען פאַרלוירן געוואָרן אין זיין גרויס פעט פּנים, און אויפגעהויבן ס׳גלעזל: „צו אונדזער העלד, טאָם! אַבי מיר האָבן דיך צוריק אין איין שטיק!" און האָט זיך געכאַפּט, אַז זיין צונג האָט זיך אַ גליטש געטאָן, ווייל טאָם שלעפּט נאָך אַ הילצערנעם פוס. האָט ער אַ הוסט געטאָן און פאַרגעזעצט: „טאָם, איך האָב אַלע מאָל געהאַלטן פון דיר. ביסט שטענדיק געווען אַ פלייסיקער אַרבעטער. אַ שאָד, וואָס דו ביסט ניט געווען דאָ אין צייט פון דער מלחמה, ווען ביזנעס האָט געבליט. ס׳איז אָבער ניט

צו שפּעט. דו, מיט דיינע פּיאַיקייטן, וועסט נאָך אָניאָגן. אויף דיין אָרט האָב איך אַריינגענומען דיין ווייב אין די ביזנעס, און איך מוז זאָגן, אַז זי טויג זיך אויס. אין אַ קורצער צייט האָט זי אַ סך געלערנט!״

טאָם האָט געהאַלטן די האַנט אַרום מעריס טאַליע. זי האָט געקוקט אויף אירע זאָקן, וואָס האָבן געהאַט אַ טשעפּ. די געסט האָבן זיך אָנגעהויבן פּאַנאַנדערגיין, פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף איבערלאָזן מאַן און ווייב אַליין.

בייַנאַכט, פאַרן שלאָפן, האָט זיך טאָם פאַרשטעלט פון מערין, ווען ער האָט אויסגעטאָן דעם פוס. זי האָט אַוועקגעקוקט, ס׳איז איר באַפאַלן אַ שרעק און אַן עקל... זי האָט מורא געהאַט פאַר דעם ליידיקן אָרט וואו דער פוס איז געווען... אַלע נאַכט וועט ער דאַרפן אויסטאָן דעם פוס, אַזוי אַ לעבן לאַנג. אַז ער וועט קראַנק זיין וועט זי דאָס דאַרפן טאָן פאַר אים. זי וועט ניט קענען, זי האָט אַ סענסיטיווע נאַטור. און ווי אַזוי וועט ער לעבן מיט איין פוס? אַמאָל איז דער טויט באַרעמהאַרציק און באַפרייט אַזעלכע פון ליידן. אָרעמער טאָם, ער פרייט זיך מיט איר... און וואָס איז זי שולדיק? פאַר דער חתונה האָט ער איר צוגעזאָגט אַלע גליקן. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז זי האָט באַלד געמוזט גיין אַרבעטן און לעבן פון האַנט צום מויל. טראָגן ביליקע קליידער, ווי אַ בעטלערין, און זי האָט אַלעמאָל ליב געהאַט שיינע קליידער, געחלומט פון אַ פוטער־מאַנטל. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי איז פאַרליבט אין אים, ביז אירע געדאַנקען האָבן זיך אויסגעלייטערט, און ווי קאָן אַזאַ ווי ער, נאָך אין זיין איצטיקן צושטאַנד, מאַכן אַ לעבן פאַר אַ פרוי? איצט, אָבער, איבעררייסן מיט אים קען זי ניט, ס׳וועט ניט זיין שיין, ניט פּאַטריאָטיש... וועט זי דאָס דערווייל לאָזן גיין. דורכן פענצטער האָבן צו איר אַריינגעוואָונקען עטלעכע שעלמישע שטערן... די לבנה האָט זיך געראַנגלט צווישן שוואַרצע וואָלקנס, ס׳האָט אויסגעזען, אַז עס קלייבט זיך אַ שטורעם. טאָם איז געלעגן לעבן איר אַ פאַרטראַכטער. די פינצטערקייט אין צימער איז געווען געדיכט און סודותדיק. דאָס געפיל, אַז מען לויערט אויף אים, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די „טרענטשעס״ איז ניט אָפּגעטראָטן פון אים, און וועט אים, דאַכט זיך, לאַנג פאַרפאָלגן. ער האָט זייטיק געקוקט אויף מערין...

„דערציייל מיר עפּעס פון דער מלחמה״.

„וואָס איז דאָ צו דערציילן? מען צווינגט דיך זאָלסט הרגענען מענטשן!״

„מען צווינגט?“

„וואָ'דען. מען שטייט מיט אַ ביקס הינטער דיינע פּלייצעס — שיס, אָדער דו ווערסט דערשאָסן!“

„עס זיינען אָבער דאָ העלדן“...

„העלדן... דו מאַכסט מיך לאַכן. זיי ליגן אויף די בייכער און ציטערן“.

זי איז איינגעשלאָפן. ביים קאַרגן ליכט פון דער לבנה האָט ער שטודירט איר פּנים: ווען אַ פרוי שלאָפט מאַכט זי ניט קיין אָנשטעלן, מען קאָן זי לייענען ווי אַן אָפן בוך... אין דער אַרמיי רעדן סאָלדאַטן אַזוי אָפט וועגן פרויען, וואָס נאַרן אָפּ זייערע מענער. ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף דער האַנט און קוקט אויף איר. אין דער שטילקייט הילכט־אָפּ פון ווייט אין זיינע אויערן די „שדים־קאַפּעליע“, אַזוי האָבן די סאָל־דאַטן גערופן די שלאַכטן: אין אַ לופט־אַטאַקע האָבן די באָמבעס געפייפט ווי שדים וואָלטן אויף פייפלעך צוגעשפּילט אין דעם פאַרשאָלטענעם אָרקעסטער. אַמאָל ווערט ליכטיק, ווי טויזנטער פייער־ווערק וואָלטן זיך אָנגעצונדן. אין יענעם ליכט האָט ער געזען, ווי סאָלדאַטן פליען שטיקערווייז אין דער לופט. איינער, געדענקט ער, איז אַראָפּגעפאַלן אין צוויי העלפטן, ביידע טיילן האָבן זיך געוואָרפן. ער פאַרמאַכט די אויגן און פרואווט איינשלאָפן.

דזשערי האָט זיך די ערשטע טעג געשעמט פאַרן פאָטער. ס'האָט גענומען צייט ביז ער איז מיט אים געוואָרן היימיש. ער האָט מורא געהאַט דער „באָס“ זאָל ווידער ניט טשעפּען די מאַמע. נאָר איצט, האָט ער געטראַכט, וועט ער ניט וואַגן, ווייל זיין טאַטע איז אַ העלד, ער קאָן נעמען אַ ביקס און אים שיסן. דזשערי האָט שוין אַ סך מאָל געזען אַזעלכע זאַכן אין די „מוּאווּיס“...

טאָם האָט מיט שוועריקייטן געשפּאַנט איבערן צימער, נאָכשלעפּנ־דיק דעם הילצערנעם פוס. אַ שווייס איז אים אַרויס אויפן שטערן. אַז קיינער האָט ניט געזען האָט ער שטיל געקרעכצט. דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן אַ סך אַרומגיין, מאַכן וואָס מער פיזישע איבונגען ביז ער וועט זיך צוגעוואוינען צום האָלץ, ווי צו אייגן בלוט און פלייש. ער איז געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער, די זון האָט אויף אים געשיינט. אין בלויען הימל זיינען געפלויגן טויבן מיט באַזילבערטע פליגל. ער האָט זיך געקליבן אַרויסגיין אין גאַס. ס'איז אים געוואָרן ענג אין שטוב.

ער איז גאַנצע טעג אַליין. מערין זעט ער נאָר ביינאַכט, און אָפט גאַנץ
שפּעט, ווייל זי האָט אַ סך אַרבעט און ווערט פאַרהאַלטן אין אָפיס. דער־
נאָך איז זי מיד, פאַלט אַוועק שלאָפן, און ער שטודירט איר פּנים...

עפענענדיק די קליידער־שאַנק, אַרויסצונעמען זיין רעקל, האָט ער
דערזען הענגען אַ קאָסטבאַרן פוטער־מאַנטל... ס'האָט אים אַ קלאַפּ געַ־
טאָן אין האַרץ: אַזאַ מאַנטל דאַרף קאָסטן שיינע עטלעכע טויזנט דאָ־
לער. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי סאָלדאַטן אויפן פראָנט פלעגן קי־
בעצן די פאַרהייראַטע מענער וועגן די פרויען וואָס וואַרטן אויף זיי אינ־
דערהיים... אַ סך מאָל פלעגט קומען צו געשלעגן צוליב דעם. זיין
פּנים איז געוואָרן רויט, ווי עמעצער וואָלט אים אויסגעפּאַטשט. אַ שאַנד
און אַ שרעק איז אים באַפאַלן. ער האָט זיך אַ וואָקל געטאָן, געוואָלט
צולויפן צום שופלאָד, וואו דער רעוואָלווער איז געלעגן און זיך לאָזן
צו איר אין אָפיס אַריין... ס'האָט אין אים אויפגעשפּילט דעם „טייוועלס
קאַפּעליע“... ער האָט אַרומגעטאַנצט מיטן קראַנקן פוס, ווי אַ פאַר־
וואונדעטער פויגל, גערויכערט איין סיגאַרעט נאָכן אַנדערן און גע־
טראַכט אין רויך אַריין, וואָס האָט זיך שלאַנגיק געדרייט איבער זיין קאָפּ:
ער האָט דערזען זיין ווייב אין פאַרשיידענע מיאוסע פּאָזעס מיט אַ
פרעמדן מאַן. ס'בלוט האָט אין אים גערוישט, געזעצט אין קאָפּ אַריין,
ס'האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט ווי פאַר אַ באַיאָנעט־אַטאַקע. ער האָט
זיך אַראָפּגעלאָזט אַ מידער אויף אַ שטול און ביטלעכווייז זיך גענומען
באַרואיקן: זיינע נערוון זיינען צעטרייסלט, ער טאָר זיך ניט לאָזן פירן
פון זיי. איידער מען טראָגט אַרויס אַן אורטייל אויף אַ מענטש דאַרף מען
אים געבן אַ געלעגנהייט זיך צו פאַרטיידיקן... זי איז זיין פרוי, ער האָט
זי ליב, זי איז די מאַמע פון זיין קינד. אין אים, זעט אויס, איז נאָך גע־
בליבן שטעקן אַ שטיק „טייוול“. ער דאַרף זיך נאָך אַ סך לייטערן, ריינ־
וואַשן זיך פון יענעם בלוטיקן קאָשמאַר, וואו מען רעדט מיט פייער און
שטאָל, ווי דאָס וואָלט געווען דער איינציקער וועג זיך צו פאַרשטיין
און אויסגלייכן קריוודעס. ער האָט זיך דערמאָנט אָן עטלעכע באַקאַנטע,
וואָס קומענדיק צוריק אַהיים פון דער מלחמה און באַגעגענענדיק אַנ־
טוישונגען, האָבן זיי זיך, אויס געוואוינהייט, געכאַפּט צום רעוואָלווער און
דער „טייוול“ האָט געלאַכט. טאָם דערמאָנט זיך אָן עלן, מיט וועמען ער
איז געווען אויפן פראָנט; יענער האָט געקענט געלאַסן און קלוג באַ־
טראַכטן אַ סיטואַציע. אין די טרענטשעס האָט ער פאַרשיידענע גע־
דאַנקען אַרויסגעבראַכט. אַמאָל פלעגט ער רייִדן פאַרשטעלט, געטאַפּט

דעם וועג... אַ טייוול, פלעגט ער זאָגן, שרייבט די נאָטן און מיר שפּילן זיי... אָדער ער פלעגט פרעגן אַ רעטעניש: פאַר וועמען און פאַרוואָס ווערן אונדזערע סאָלדאַטן דערהרגעט? אַהאַ, איר טראַכט... מען דאַרף אַנאווילן אַביסל די מאַשינעריע ביי אייך אין די קעפּ: פאַראַן ביכער, וואָס גיבן דעם ענטפער, דער טייוול ברענט אַזעלכע ביכער, נאָר די געדאַנקען בלייבן. ער איז איצט אין שטאָט. ער וועט אים גיין זען, ער מוז זיך פאַר עמעצן אויסריידן. מערי איז ניט די זעלבע, ער האָט אויף איר אַ פאַרדאַכט: אַ סך מענטשן האָבן געמאַכט גאָלד אין צייט פון דער מלחמה און אַוועקגעשאָנקען טייערע פוטער־מאַנטלען צו פרויען פון סאָלדאַטן.

„בענג! בענג!" איז דזשערי אַריינגעפלויגן אַ צעהיצטער מיטן קינדערשן רעוואָלווער אין האַנט. טאָם האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. דעם זונס „שיסן" האָט אים דערמאָנט די פאַרשאָלטענע „קאַפּעליע". דערזען דעם פאָטער, האָט זיך דזשעריס צעיושעטער געשריי אָפּגעהאַקט, ער איז געבליבן שטיין מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל.

„פאַרוואָס פליסטו אַריין ווי אַ ווילדער? און זע נאָר, ווי צעיאַכמערט דו ביסט!"

„כ'האָב ניט געוואוסט, אַז דו ביסט אין דער היים".

„און אַז איך בין ניט אינדערהיים, דאַרפסטו רעווען ווי אַ משוגענער?"

„אַלע יינגלעך שפּילן זיך אין סאָלדאַטן", איז דזשערי געשטאַנען פאַרן פאָטער אַ צעטומלטער און ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס ער נעמט ניט אויס מיט זיין סאָלדאַטיש־קריגערישן אָנשטעל. זעענדיק ווי דער פאָטער שטרענגט זיך אָן נאָכצושלעפּן דעם רעכטן פוס, קרימענדיק דאָס פנים פון ווייטיק, איז דזשערי געוואָרן אומעטיק, דערפילט געפלעפט, און ניט געוואוסט וואו אַהינצוטאָן דעם פּיסטל.

„וואַרף אים אין מיסט אַריין, צו אַלדי טייוול", האָט טאָם געשריגן צום יינגל, און זיינע אויגן האָבן געברענט. דזשערי האָט זיך דערשראָקן פאַרן פאָטער, ס'האָט אים געשטיקט אין האַלדז צו וויינען.

„אַלע יינגלעך שפּילן זיך מיט פּיסטלס!"

„פאַראַן שענערע שפּילצייג פאַר יינגלעך. דאָס האָט דיר די מאַמע אַוודאי געקויפט — איר באַגריף פון דערציאונג!"

„אַלע יינגלעך שפּילן זיך אין סאָלדאַטן!"

„ס'אַ שפּיל פאַרן טייוול! נאָר דו ביסט נאָך צו יונג דאָס צו פאַרשטיין. קום אַהער, מיין זון!"

דזשערי איז צוגעגאַנגען צו אים.

„האָסט געבענקט נאָכן טאַטן ?"

„יאָ", האָט דזשערי פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געפילט ווי דער פאָטער גלעט אים די האָר.

„ווייסט נאָך צייט האָבן צו זיין אַ סאָלדאַט... איך וועל דיר קויפן שענערע שפּילצייג. נו, גיי וואַש זיך אַרום און מאַך דיין ,היים־אַרבעט' פאַר דער ,סקול'."

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען. מערי האָט גערעדט.

„העלאָ, טאָם! הער זיך איין", האָט זיך איר קול געטראָגן ווייט און פרעמד צו אים. „איך וועל היינט ווידער מוזן בלייבן שפּעטער אין אָפיס. מיר זיינען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. ס'איז שוין נאָענט צו ,קריסט־מעס', מוז מען אַ סך זאַכן אָנהייבן פריער צוגרייטן. זע, אַז דזשערי זאָל עסן און גיין שלאָפן אין צייט. איך וועל שוין דאָ עפּעס כאַפּן אין רעסטאָראַן".

„ווען דענקסטו צו זיין אין דער היים ?"

„כ'ווייס ניט, וואַרט ניט אויף מיר!"

טאָמען האָט באַהערשט אַ געפיל פון איינזאַמקייט. דאָס צו־אָפט בלייבן שפּעט אין אָפיס, דער פוטער־מאַנטל, איר מעכאַניש־קאַלטע צערט־לעכקייט האָבן געגערט זיין פאַרדאַכט אויף איר.

דזשערי איז אַריינגעקומען פון צווייטן צימער און געזאָגט, אַז ער איז הונגעריק. טאָם האָט אַרויסגענומען די שפּייז פון אייז־קאַסטן און געגרייט צום טיש. דאָס ייִנגל האָט געקוקט אויף די שפּייזן און זיך ניט צוגערירט צו דעם.

„פאַרוואָס עסטו ניט ?", האָט אים טאָם געפרעגט.

„איך וויל דו זאָלסט אויך עסן".

„איך בין ניט הונגעריק, כ'וועל טרינקען קאַווע".

„אפשר אונטערוואַרטן אויף דער מאַמען און עסן צוזאַמען ?"

„די מאַמע וועט היינט קומען שפּעט".

דזשערי האָט פאַרטראַכט געגעסן, זיין קינדערש פּנים איז געוועזן פאַרזאָרגט. טאָם האָט געטרונקען שוואַרצע קאַווע און געריכערט.

מערי איז אַהיים געקומען שפּעט ביינאַכט. טאָם האָט געוואַרט אויף איר:

„אַזוי שפּעט ?"

„מיר זיינען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט".

„וואָס פאַר אַן אַרבעט?"

„אַפּיס־אַרבעט". זי האָט אים שטרענג אָנגעקוקט: „מיר געפעלט ניט דיין טאָן, טאָם. עס זעט אויס, אַז דו האָסט וועגן מיר מיאוסע געדאַנקען. איך פאַרלאַנג אַביסל רעספּעקט — דאָס, אַמווייניקסטנס, דאַרפסטו מיר געבן".

„דאָס האָב איך דיר שטענדיק געגעבן. כ'האָב דיר נאָר ניט געקענט געבן קיין פוטער־מאַנטלען!"...

„וואָס שטעכט דיך מיין פוטער־מאַנטל, האָסט אַ סך אַריינגעלייגט אין אים?!"

„קען זיין, אַז יאָ..."

„איך האָב שווער געאַרבעט פאַר אים!"

„ווי אַזוי... פאַר וועמענס געלט האָסטו אים געקויפט?!"

„פאַר מיין געלט!"

„ביסט אַ ליגנערין!"

„ביסט אַ געמיינער מענטש!"

„ביסט אַ..."

זי האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש. ער האָט זי אַ שטויס געטאָן פון זיך. מערי איז געפאַלן און מיטגעשלעפּט ס'טישטוך. צעבראָכן געפעס האָט אַ בראַזג געטאָן און זיך אויסגעמישט מיט אירע געוואַלדן. „מערדער!", האָט זי היסטעריש געשריגן ליגנדיק אויף דער ערד. „ווערסט ענטפערן אין געריכט פאַר שלאָגן אַ פרוי. ביסט אַ נידעריקער מענטש! האָסט מיאוסע געדאַנקען. די מלחמה האָט דיר דעם מוח צעדרייט. מען דאַרף דיך אַריינגעבן אין אַ משוגעים־הויז. טרוס! קעגן אַ פרוי ביסטו אַ העלד, אָבער די מלחמה האָסטו ניט געקענט נעמען. דיינע נערוון האָבן ניט אויסגעהאַלטן!" שנעל האָבן געשטראָמט פון איר גאַליקע, גיפּטיקע ווערטער, ביז זי האָט זיך פאַרפּלאָנטערט, פאַרקייכט. ס'איז איר ענג געוואָרן אין האַלדז, זי האָט ניט געקענט כאַפּן דעם אָטעם, געוואָרפן מיטן קאָפּ, ראַנגלענדיק זיך פאַר לופט, ביז זי האָט ספּאַזמאַטיש אָנגעהויבן קוויטשען.

דזשערי איז אַריינגעלאָפן אַ בלייכער, אַ דערשראָקענער, אין זיין נאַכט־העמד, און געשטאַנען אַ דערשלאָגענער צווישן טאַטע־מאַמע.

אַז די ספּאַזמעס האָבן זי אָפּגעלאָזט, האָט זי מיד געוויינט, די טרערן האָבן צעשמירט די פאַרב אויף איר פּנים, זי האָט אויסגעזען ווי אַן אָפּגעבליאַקעוועטע ליאַלקע.

טאָם האָט גענומען דעם ראָק און אַרויס אין גאַס. דער ווינט האָט אים דערפרישט, אָפּגעקילט די צעצונדענע נערוון. מענטשן האָבן גע־מיטלעך שפּאַצירט, ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען. געאַרעמטע פּאָרלעך האָבן זיך פאַרליבט געקוקט אין די אויגן אַריין, ווי ס׳וואָלט קיינמאָל קיין מלחמה אויף דער וועלט ניט געווען, ווי דאָס בלוט וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן וואָלט געווען וואַסער. און מערי, איז ער זיכער, אַז זי האָט אים אָפּגענאַרט? זי האָט אַזוי אויפריכטיק געוויינט, אַז זי איז זיך אַזש פאַרגאַנגען, ס׳האָט איר אויסגעפּעלט אָטעם. אַ מין קאַסטבאַרן פוטער־מאַנטל זי האָט! דאָרט האָט געגלאַנצט מיט קוילן, דאָ האָט געגלאַנצט מיט גאָלד — אַ פוטער־מאַנטל פאַר אַ פוס, אַ דימענט פאַר אַן אַראָפּגערי־סענעם קאָפּ. דער טיזול האָט געפירט אַ גרויסן האַנדל. זיין איינציקער זון, דער מאַמעס מילך נאָך אויף די ליפּן, „טרייבט" מען אים שוין אַרום מיט אַ „גאָן" אין דער האַנט, מען לערנט אים שוין זיין אַ זעלנער, אָדער אַ גענגסטער... ער איז שוין אויך אין דער „קאַפּעליע"...

נאָך אַ לענגערער צייט אַרומשפּאַנען איבער די גאַסן האָט טאָם אָנגעהויבן שטאַרק אונטערהינקען. ער איז אַריין אין אַ ליבטיק־רוי־שיקער קאַפעטעריע און זיך געשטעלט ביים בופעט אין „ליין" פאַר אַ „סענדוויטש" און קאַווע. שפּעטער האָט זיך עמעצער דערנעענטערט מיט אַ טאַץ צו זיין טיש.

„על!" איז טאָם אויפגעשפּרונגען. זיי האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, ווי זיי וואָלטן זיך דערזען פון יענער וועלט. ס׳האָט אַ פלייץ געטאָן צווישן זיי דעראינערונגען פון דער מלחמה, רייד און רייד, ביז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער וועט זיין שפּעט צו אַ פאַרזאַמלונג און ביים אַוועקגיין געזאָגט טאָמען, אַז ער מוז אים קומען וויזיטן.

ס׳איז געווען אין עטלעכע טעג אַרום. טאָם איז געזעסן ביים אָפענעם פענצטער און געלייענט אַ בוך, דזשערי האָט זיך אינדרויסן געשפּילט מיט שכנישע יינגלעך.

„העי, דזשערי! פאַרוואָס פאָרסטו ניט אויף דיין ,בייק׳?", האָט אים אַ יינגל געפרעגט.

„איך האָב ניט ליב דעם ,בייק׳."

„פאַרוואָס?"

„ווייל מיין מאַמעס ,באָס׳ האָט אים מיר געגעבן. ער גיט מיר אויך געלט צו גיין אין די מואווים, ווען ער קומט וויזיטן די מאַמען"...

טאָם איז אויפגעשפּרונגען, ווי אין די טרענטשעס ווען מען פלעגט

רופן צו אַ באַיאַנעט־אַטאַקע:

„דזשערי!", האָט ער אַ געשריי געטאָן צום זון דורכן פענצטער.

„יאָ, טאַטע".

„דאָס האָסטו איצט גערעדט צו דיין פריינט?"

„יאָ", האָט דזשערי געענטפערט און זיך דערשראָקן פאַרן פאָטערס ווילדע אויגן. טאָם האָט פאַרהאַקט די ציין. דאָס בלוט האָט אָנגעהויבן זידן אין אים. ער איז שנעל אַריין אין צווייטן צימער און אַרויסגענו־מען פון שופלאַד דעם רעוואָלווער: זיין גאַנץ לעבן איז פאַר אים דורכ־געלאָפן אין אַן אויגנבליק — דער לעצטער אַקט... ער וועט זיי ביידע דערשיסן ווי די הינט...

די גאַסן זיינען געווען געפאַקט מיט מענטשן. אַ געדיכטער אויטאָ־מאָביל־פאַרקער האָט זיך צייטנווייז פאַרפּלאָנטערט, פאַרהאַקט און זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט. מענטשן זיינען געגאַנגען און געפאָרן פון דער אַרבעט. טאָם האָט זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן אויף אַ טעקסי. ער האָט זיך געזעגנט אין געדאַנק מיט דער רוישיקער שטאָט און די כוואַ־ליעס מענטשן וואָס האָבן זיך געאיילט ערגעץ, געשוימט און געזאָדן ווי דאָס בלוט אין אים איצט: אַ שאָד וואָס ער איז ניט געפאַלן אויפן „פעלד פון ערע"... ער האָט געגלעט מיט דער האַנט דעם געלאָדענעם רעוואָל־ווער אין קעשענע און געוואַרט אויף אַ טעקסי: ער גייט ווידער פאַרגיסן בלוט, ער האָסט עס, נאָר די צוויי האָסט ער מער ווי אַלץ אין דער וועלט... זייער בלוט איז שמוציק, ער מוז עס אָפּריינִיקן. דער רעוואָלווער איז דער איינציקער פריינט, וואָס נעמט זיך אָן זיין קריוודע, וואָס רעכנט זיך אָפּ פאַר זיין דערנידעריקונג, זיין שאַנד: אים, דעם העלד, וואָס האָט געראַטעוועט דאָס לאַנד, האָט מען אַרויסגעשטעלט הערנער...

„העלאָ, טאָם! אויף וועמען וואַרטסטו, אויף אַ ,בלאָנדע'? כ'וועל דערציילן דיין ווייב... לעבן אים איז געשטאַנען דזשעק, אַ ברייט־פּליי־ציקער יונג מיט שטיפערישע אויגן.

טאָם האָט פאַרקרומט אַ שמייכל געטאָן: „אויב דו מוזט עס וויסן, איך וואַרט אויף אַ טעקסי: איך פאָר דערהרגענען מיין ווייב..."

„דיר חלומט זיך נאָך אַלץ פון הרגענען", האָט דזשעק, האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, „דער ריח פון בלוט רייצט דיך נאָך אַלץ... ווייזט אויס, אַז דאָס ווערט ביי סאָלדאַטן אַזאַ געוואוינהייט. נו, שפּאַס אָן אַ זייט, ווי גייט עס דיר? וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכט מערי?"

„פײַן, פײַן!...‟

„גיב איר מײַן גרוס. ‚בײַ‘, טאָם! מײַן ווײַבל וואַרט אויף מיר מיט וועטשערע.

טאָם איז אים מקנא געווען: אַ גליקלעכער מענטש, זײַן ווײַב וואַרט אויף אים מיט וועטשערע. און אָט גייט ער אויך אויף וועטשערע צו זײַן ווײַב... און קיין טעקסי זעט מען נאָך אַלץ ניט. ער איז מיד געוואָרן צו שטיין אויף איין פוס, זײַן גאַנץ שווער לעבן האָט זיך אין דעם פוס אָפּגעזעצט און ס׳ציט אים אין דער ערד אַרײַן. טוט ער אָבער אַ צי דאָס „צינגל‟ פון רעוואָלווער איז אַלץ אויס — ניטאָ מער קיין ווײַב, ניטאָ מער דער „באָס‟ מיט די ווערעמדיקע וואָנצעלעך, ניטאָ מער די פאַרדאַמטע „קאַפּעליע‟. ס׳ווענדט זיך אַלץ אָן אים. דער רעוואָלווער איז ווי אַ סאָל־דאַט: מען הייסט אים — שיסט ער און אַלץ איז געענדיקט... ער האָט געפּרואווט אָפּרוען דעם געזונטן פוס באַנוצנדיק דעם הילצערנעם, און דערפילט דעם טויט... וואָס האָט אָנגעוואָרפן אויפן שלאַכט־פעלד אַזאַ שרעק אויף די סאָלדאַטן, אַז זיי האָבן זיך געמוזט פאַרטויבן מיט מאָרפין. צו בלייבן לעבן איז באַטראַכט געוואָרן פאַרן גרעסטן גליק. און איצט גייט ער פרייוויליק שטאַרבן. ווי מאָדנע דאָס לעבן איז... די שטראָף וואָס ער גייט אויספירן אויף זיך, גייט צוזאַמען מיט זײַן טויט־אורטייל. פאַרוואָס זאָל ער שטאַרבן? ער איז דאָך שוין אַזוי פיל מאָל געשטאָרבן אויפן מלחמה־פעלד... און וואָס וועט ווערן פון זײַן זון? אַ נייער קלעז־מער אין דער פאַרשאָלטענער ‚קאַפּעליע‘... ס׳אַ שפּיל פאַרן טײַוול!‟

טאָם איז אַרײַן אין אַ סאַלון. אויסגעטרונקען איין גלעזל, אַ צווייטס. לאַנג געטראַכט בײַם דריטן גלעזל אַרײַן, ווי ער וואָלט אין אים געזוכט אַן ענטפער, אַן אויסוועג. ס׳איז אויפגעשוואומען פאַר זײַנע אויגן דזשערי; אויף זײַן פאַרזאָרגט קינדעריש פּנים איז אויסגעגאָסן אַ טרויער, און ער זאָגט: „טאַטע, איך וויל ניט עסן אָן דיר‟. ער איז אַ וואויל ייִנגל, גאָרניט געראָטן אין דער מאַמען. מען דאַרף אים אַוועקנעמען פון איר איידער זיי פאַרסמט אים...

ער איז יענע נאַכט געשלאָפן אין אַ האָטעל. צומאָרגנס איז ער אַוועק צו זײַן פרײַנט על.

„מײַן ווײַב האָט מיך אָפּגענאַרט. ווען איך בין געווען אין דער אַרמיי האָט זי געלעבט מיט אַ צווייטן מאַן!‟

„ביזטו זיכער אין דעם?‟, האָט ער שאַרף געקוקט אויף אים, „מען דאַרף האָבן פאַקטן!‟.

„איך האָב אַלע פֿאַקטן. געכטן בין איך שוין ניט געשלאָפֿן אינדער־היים. אויפֿן מאָמענט, ווען ס׳איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט מיך אָפּגענאַרט, האָב איך געכאַפּט דעם רעוואָלווער און זי געוואָלט דערשיסן מיטן געליבטן. וואַרטנדיק אין גאַס אויף אַ טעקסי, וואָס זאָל מיך פֿירן אין אָפֿיס וואו זי אַרבעט, האָב איך אָנגעהויבן צו טראַכטן... ס׳בייזע בלוט האָט זיך אָנגעהויבן אָפּקילן אין מיר. שפּעטער... האָבן זיך מיינע געדאַנקען אָנגעהויבן אויסלייטערן... ביסלעכווייז איז מיר דער קאָפּ געוואָרן קלאָרער, אין די אויגן ליכטיקער״...

על האָט אים וואַרעם געדריקט די האַנט:

„טאָם, איך בין שטאָלץ אויף דיר! ווייל, וואָס וואָלסטו דערגרייכט ווען דו דערשיסט זיי? גאָרניט! וואָלסט ווידער אַריינגעשפּילט אין דעם ,טייוולס קאַפּעליע׳...״

די שווערסטע יאָרן

ברוך איז געשטאַנען ביי דער גרויסער פּרעס־מאַשין, מיט אַ שטויס צעקנייטשטע מאַנטלען לעבן זיך, געאַרבעט מיט די פיס און די הענט, מיט אַלע אברים, אונטערגעטאַנצט און געשוויצט. פּלוצים האָט זיך דער שאָפּ אַ וויג געטאָן פאַר אים און ס׳איז אים געוואָרן טונקל אין די אויגן, ווען ער האַלט זיך ניט צו ביי דער מאַשין וואָלט ער אומגעפאַלן. ער איז מיט וואַקלדיקע טריט אַוועק פון פּרעס־טיש, גענומען אַ טרונק וואַסער, ארומגעוואַשן זיך, און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דער אָפענער שאָפּ־טיר, וואָס האָט געפירט אין אַ לאַנגן טונקעלען קאָרידאָר אַריין. פאַרוואָס איז אים עפּעס פּלוצלונג שלעכט געוואָרן? אפשר דער מאָגן? ניין, אַ מאָגן האָט ער גראָד אַ גוטן. איז וואָס־דען קאָן עס זיין?

ער איז אַראָפּ אין גאַס, אויסגעטרונקען אַ „קאָלאַ״, ס׳האָט אים אויפן מאָמענט אויפגעפרישט. די שאַרפע האַרבסטיקע לופט האָט אים גע־שטאַרקט. ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט, און נאָך דעם ווי ער איז זיך אַביסל דורכגעגאַנגען איז ער צוריק אַרויף צו דער אַרבעט.

ברוך איז שוין אַ פּרעסער נאָענט צו פערציק יאָר. געקומען קיין אַמעריקע איז ער נאָך קיין צוואַנציק יאָר ניט אַלט געווען. דאָס פּרעס־אייזן איז דעמאָלט אין זיינע הענט געווען גרינג ווי אַ פעדער. שפּעטער איז ער אַוועק צו דער גרויסער פּרעס־מאַשין: אַ דריק מיטן פוס, און זי זי עפנט אויף אַ לאַנג ריזיק מויל ווי אַ מאָנסטערהאַפטער שאַרק, גרייט איינצושלינגען די מאַנטלען מיטן פּרעסער צוזאַמען, סאָפּעט און זעצט מיט זודיקער פאַרע און הילט אים איין אין אַ גרויען, פייכטן נעפּל.

ברוך דערמאָנט זיך, אַז ער איז שוין באַלד אַ זעכציקער. אפשר לאָזן אים די יאָרן וויסן וואו ער האַלט אין דער וועלט?... נאָך אַלעמען, אייזן רייבט זיך דאָך אויך אויס, אָדער הויבט אָן זשאַווערן. לעצטנס ווערן אים די הענט שווער און די „זאַוויאַסעס״ סקריפּען, די כוחות שעפּן זיך אויס, די עלטער רוקט זיך אָן.

שפרה, זיין פרוי, איז אַוועק מיט אים צו אַ דאָקטאָר.

„איר דאַרפט אַ לאַנגן אָפּרו״, האָט אים דער דאָקטאָר געוואָרנט, „ס׳האַרץ איז ניט שלעכט, נאָר אָנגעשטרענגט. כ׳פאַרשרייב אייך אַ

„טאָניק", נאָר די הויפּט־זאַך איז אָפּרוען זיך, לאָמיר זאָגן, אַ זעקס חדשים, און דערנאָך נעמט דאָס לייכט".

„נעמט דאָס לייכט", האָט ברוך געטראַכט פאַרביטערט, אַהיימפאָרנ־דיק מיט זיין פרוי אין סאַבוועי. גיי, דערציייל אים, אַז מען דאַרף קויפן שיכלעך פאַר די אייניקלעך. די טעכטער האָבן גאַנץ פיינע מענער, נאָר זיי זיינען אָרעם. איין טאָכטער האָט דווקא גאָר גוט געטראָפן, גע־קראָגן זייער אַ וואוילן מאַן, אַ „פּאַבליק־סקול" לערער. האָט מען זיך צו־געטשעפּעט צו אים, אַז ער טראַכט ניט ווי מען דאַרף... אַז עמעצער האָט געזען ווי ער האָט גערעדט מיט איינעם, וואָס מען האָט אויף אים אַ חשד, אַז ער איז פאַרמישט מיט לינקע אָרגאַניזאַציעס. און דערצו האָט נאָך זיין אייִדעם אַ יידישע נאָז, זיינען זיי שוין אַ יאָר אָן ברויט... און דער דאָקטאָר מיט די רויטע ליפּן און בלאָנדע וואָנצעס הייסט אים אויפגעבן די אַרבעט, און „דאָס נעמען לייכט".

נו, האָט ער זיך אָפּגערוט אַ שטיקל צייט, און אַז ער האָט זיך געפילט בעסער איז ער צוריק אַוועק אין שאַפּ, נאָר אויסאַרבעטן גאַנצע וואָכן איז אים שוין געווען שווער, ער פלעגט אָפט מוזן בלייבן אין דער היים.

זיינע גרויע האָר זיינען שנעל געוואָרן ווייס פון זאָרג: „וואָס וועט איצטער זיין?" ער האָט נאָך פיר יאָר צו „גיין" ביז די פינף און זעכציק, ביז דער „פּענסיע", און ער פאַלט שוין אַרויס פון שאַפּ. ווי אַזוי וועט ער זיך דערשלעפּן? מיט אַ פאָר יאָר צוריק האָט ער דורכגעמאַכט אַן אָפּעראַציע, האָט אים דער שפּיטאָל אָפּגעשונדן, צוגענומען אַלץ וואָס ער האָט אין זיין לעבן אָפּגעשפּאָרט. גיין צו די קינדער זיי זאָלן אים העלפן? זיינען זיי אַליין אָרעם. מיט אַ פאָר וואָכן צוריק האָט ער באַצאָלט „רענט" פאַר דער יינגסטער טאָכטער, דער מאַן איז אַרבעטלאָז, מען האָט זיי געהאַלטן ביים אַרויסשטעלן אין גאַס.

זיין פרוי, שפרה, וואָס היט אים אָפּ ווי אַן אויג אין קאָפּ, האָט גע־זאָגט צו אים:

„ברוך, דער הימל פאַלט נאָך ניט צו דער ערד. איך וועל גיין אַרבעטן, כ'וועל ווערן אַ קעכין אין אַ רעסטאָראַן, כ'וועל עפּעס טאָן".

„אין דיינע יאָרן? מיט דיינע קראַנקע הענט, וואָס זיינען צעקרומט פון אַרטראַיטיס?"

און ווען זי זאָל אפילו קאָנען אַרבעטן, וואָלט ער געדאַרפט אָנטאָן אַ פאַרטוך און קאָכן ס'טעפּל? פע!... אַ לעבן איז עס? אַ שיין פנים האָט אַ מאַן, אפילו אין די יונגע יאָרן, ווען אַ פרוי דאַרף זיין די פרנסה־

געבערין... נאָך דערצו אויף די עלטערע יאָרן... ער האָט באַדאַרפט געבוירן ווערן מיט אַ פּאָר יאָר פריער, אָדער ער האָט אינגאַנצן ניט געדאַרפט געבוירן ווערן... אָט־די עטלעכע יאָר וואָס פעלן אים אויס צו די פינף־און־זעכציק זיינען דאָך אַ בלוטיק שפּיצל, דאָס האָט אַ טייוול צוגעטראַכט...

שפרה איז אוועק מיט ברוכן צו אַ צווייטן דאָקטאָר, האָט ער אים פאַרשריבן פּילן און געמאַכט איינשפריצונגען. ס'האָט אים אָפּגעקאָסט אַ העלפט פון זיין פאַרדינסט, נאָר ער האָט געקאָנט שטיין אויף די פיס, און מיט גרויס אָנשטרענגונג נאָך אַרבעטן עטלעכע טעג אַ וואָך.

איינמאָל איז ער געקומען אין שאַפּ אַריין און געטראָפן אַ צווייטן ביי דער פרעס־מאַשין, אַ יונגן קרעפטיקן בחור. ס'איז געווען אַ הייסער טאָג, יענער האָט געטראָגן אַן אונטערשטעמד, דעם ברייטן ברוסט־קאַסטן אַרויסגעשטאַרצט, זיינע הענט מיט די פעסטע מוסקולן זיינען פלינק אַרומגעפלויגן ביי דער מאַשין, וואָס איז געווען צעהיצט, צעפּאַרעט, און בליץ־שנעל געעפנט און פאַרהאַקט דאָס לאַנגע ברייטע מויל.

ברוך איז געבליבן שטיין צעטומלט, ווי ער וואָלט געקראָגן אַן אומגעריכטן קלאַפּ אין קאָפּ. ס'בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין, ער האָט זיך געווישט דעם שטערן. דער פאָרמאַן איז פאַרבייגעפאָרן און ווי ניט באַמערקט אים, קיינער האָט אויף אים ניט געקוקט. דאַכט זיך, ער שטייט דאָך זיי פאַר די אויגן און זיי זעען אים ניט... וואָס איז דאָ געשען? אפשר איז ער שוין טויט און עס דאַכט זיך אים נאָר, אַז ער לעבט? אויפן לייוונט האָט ער אַמאָל געזען אַזאַ בילד: דער טויטער זעט אַלעמען, נאָר אים זעט קיינער ניט. ס'באַפאַלט אים אַ שרעק, אים פעלט נאָך ער זאָל אַרונטער פון זינען.

אַ פרילינג־טאָג אין ניו־יאָרק. פון דער הויך, וואו די שפּיצן הייזער קומען זיך כמעט צוזאַמען, שפּאַרט די זון דורך אירע שטראַלן און באַגילדט דעם שטויב פון די ענגע גאַסן, צעשפריצט אירע פונקען אויפן כוואַליענדיקן ים פון מענטשן און אויטאָמאָבילן.

ברוך האָט זיך אַרומגעשלעפּט אָן אַ ציל. אַהיים גיין? וואָס וועט ער טאָן אין דער היים, קוקן דער ווייב אין פּנים אַריין... זי זאָגט טאַקע גאָרניט, נאָר איר שווייגן רעדט. אוי, רעדט עס! ער איז שוין געווען זייער מיד ווען ער איז דורכגעגאַנגען אַ פּאַרקל אויף אַ שטיקל סקווער, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט הייזער. ער האָט אויסגעקליבן אַ באַנק, וואו עס זיינען געזעסן עלטערע מענטשן און גערעדט צווישן זיך יידיש. ברוך

האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן זיי, פאַרדרייכערט אַ פּאַפּיראָס און אָנגעשטעלט אַן אויער. באַלד האָט ער אויסגעפונען, אַז דאָס זיינען „פּענסיאָנערן", מזל־דיקע, הייסט עס, וואָס האָבן דערלעבט איבערצושפּאַנען די „פינף־און־זעכציק". די באַנק איז זייער „קלוב", קומען זיי אַלע טאָג אַהער שעפּן „פרישע לופט", דערציילן מעשיות, דערמאָנען אַמאָליקע יאָרן...

„אַמאָליקע יאָרן זיינען קינדער געווען קינדער, געוואוסט צו האַלטן בכבוד טאַטע־מאַמע. היינט, אַז איך קום צו דער טאָכטער, וואַרטשעט דער איידעם, אַז איך כראַקע, די שוויגער איז אים אַ ביין אין האַלדז. קינדער? שטיינער זיינען דאָס, ניט קיין קינדער", — האָט זיך אַן אַלטער געקאָכט. דער קאָפּ איז ביי אים געווען אַביסל אָנגעשפּאַרט אויפן לינקן אַקסל, פאַרריסן צום הימל מיט אַ טענה צו גאָט...

ס'איז אַוועק אַ בענקעניש מיט אַ געזאַנג צו די אַמאָליקע יאָרן. ס'האָבן אויפגעלויכט דעראינערונגען פון לאַנג פאַרגאַנגענע צייטן, דער אָפּגלאַנץ פון אַלטע פייערלעך האָט מאַט אָפּגעשיינט אין פאַרלאָשענע אויגן, עמיצער האָט אָפּגעווישט אַ טרער, מען האָט געזיפצט און געקרעכצט...

„שפּילט זיך מיט אַמאָליקע יאָרן", האָט איינער איבערגעריסן דאָס זיפצעניש, — „מען פלעגט טאַקע גיין פיר וואָכן אין אַ העמד, דערפאַר אָבער האָט זיך געררודערט"...

ברוך האָט זיך אויסגערעדט פאַר איינעם דאָס האַרץ, אַז ער פאַלט אָפּ איין ביי דער אַרבעט, ס'וויב איז אויך ניט קיין געזונטע, אַלע וואָך דאָקטאָר־בילס. ער ווייסט ניט, צי ער וועט שוין קאָנען דערשלעפּן די עטלעכע יאָר ביז די „פינף־און־זעכציק".

„מיינער אַ לאַנדסמאַן, אַז ער איז אַריבער די זעכציק יאָר האָט ער גע־קראָגן אַן אָפּגעשוואַכט האַרץ. דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט, אַז ער מוז פאַרלאָזן דעם שאָפּ, צו די קינדער האָט ער ניט געוואָלט גיין, האָט ער איין מאָל זיך געלייגט אין בעט אַריין און אויסגעדרייט די „געז"... — האָט אים יענער „געטרייסט".

אַהיים גייענדיק איז ברוך אַוועק אין עטלעכע פלעצער פרעגן וועגן אַרבעט. דער ענטפער איז אומעטום געווען: „מען דאַרף ניט". דער טאָן אָבער, און זייערע פּנימער האָבן געזאָגט: „אַרבעט איז ניט פאַר אים", ער דאַרף שוין „רעטאַיערן" און לאָזן דאָס אָרט פאַר יינגערע... גיי, דערצייל זיי, אַז ער און זיין פרוי האָבן גרויסע דאָקטאָר־בילס, דאַרפן צאָלן רענט און ווילן עסן, האָבן אָרעמע קינדער וואָס מען מוז אַרויסהעלפן...

ער מיט זיין פרוי ווילן נאָך ניט שטאַרבן, זיי גייען איצט אין אַ „געוועט" מיט דער צייט, ווער ס'וועט פריער אָנקומען צו די „פינף־און־זעכציק"...

אין „קלוב" פון פּאַרקל, האָט זיך ברוך געטראָפן מיט נאָך אַזעלכע „גליקלעכע" ווי ער, שוואַכע מענטשן, וואָס שלעפּן זיך מיט די לעצטע כוחות, מוזן קראַנקערהייט לויפן זוכן אַרבעט, וואָס דאָס פאַרקירצט זייערע געציילטע יאָרן, און שטערט זיי צו דערגיין צו „פינפאונזעכציק"; זאָלן זיי אויפגעבן די אַרבעט און שפּאָרן די כוחות, כדי צו קאָנען דערציען צו דער פּענסיע, וועלן זיי דאַרפן דערווייל וואוינען אין גאַס און עסן שטיינער. אַזעלכע, טראַכט ברוך, זיינען פאַראַן אין די טויזנטער אי־בערן לאַנד, וואָס ראַנגלען זיך פאַרצווייפלט מיט די לעצטע שווערע יאָרן, און וויפל פון זיי „פאַלן אַרויס"? ווער ווייסט, ווער וויל פון זיי וויסן?

ער איז לעצטנס זעלטענער געגאַנגען צו די קינדער, כאָטש ס'האַרץ האָט אים שטאַרק געצויגן אַהין, דערהויפּט צו די אייניקלעך. נאָר גיין צו זיי מיט ליידיקע הענט קאָן ער ניט, קליינוואַרג באַפאַלן אים מיט בלי־ציקע אויגן פון דערוואַרטונג: וואָס פאַר אַ שפּילצייג האָט ער זיי געב־בראַכט? הענגען זיך אויף אים, באַזוכן זיינע קעשענעס, ווערן אומעטיק, בלייבן שטיין אָפּגעגעגאַרטע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ ווען ער ברענגט זיי גאָרניט. איינמאָל, טרינקענדיק טיי אינדערהיים אין קיך, האָט זיך זיין בליק פאַרהאַלטן אויפן גאַז־אויוון... שפרה האָט פאַרטראַכט געקוקט אויפן רעגן, וואָס גליטשט זיך איבער די טונקעלע שויבן און געקנאַקט די פינ־גער, דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן און צוגעשטעלט עפּעס צו קאָכן. אַז זי האָט אָנגעצונדן דעם גאַז, האָט דער פלאַם אַ שעלמישן ווינק געטאָן צו ברוכן...

אַ צווייט מאָל איז אַ טעפּל אויסגעלאָפן, דער גאַז האָט אַ „צישע" גע־טאָן און זיך פאַרמאָסטן, ווי אַ שלאַנג אויף אים...

„פאַרוואָס פאַרדרייסטו ביט די ,געז'?, האָט ער זיך צעשריען אויף שפרהן, — דאָס גרעסטע אומגליק קאָן געשען, ווען מען לאָזט רינען „געז".

„וואָס איז דער מער מיט דיר, ברוך? וואָס שרייסטו אויף מיר? ס'האָט בלויז גענומען אַ סעקונדע ביז כ'האָב פאַרדרייט, ביסטו שוין אַרויס מיט אַ גוואַלד, אַז דיר איז שלעכט דאַרפסטו אויסלאָזן צו מיר?! מיין לעבן איז אויך נישט זיס און איך האָב צו דיר קיין טענות ניט..."

— זי האָט שוין ניט געקאָנט אָפּהאַלטן דעם שטראָם ביטערע רייד, ביז ס׳איז איר ענג געוואָרן אין האַלדז און זי האָט דעם אָטעם ניט געקאָנט כאַפּן...

שפּעט אין דער נאַכט, אַלץ אַרום שלאָפט, די שטילקייט איז אַ געדיכטע, אַ געפּרעסטע. פון ערגעץ ווייט דערטראָגט זיך אין ברוכס אויערן אַ דיי־נער פּייף, וואָס ציט זיך אָן אויפהער. מאָרגן דאַרף ער גיין אַרבעטן אויף אַ נייעם „דזשאַב", ס׳האָט דאָרט אַ ברען געטאָן האָט מען אים אויך צו־גענומען. ס׳איז ביליקע אַרבעט, גראָבע האָריקע מאַנטלען. ער האָט דאָרט געזען די פּרעסערס ביי די פּרעס־מאַשינען, איינגעהילט אין פּאַרע ווי אין אַ שוויץ־באָד. זיי וואַרפן זיך פאַרפלאָמטע, צעצונדענע, אויסגע־ווייקטע און שווייס. אַז מען גייט אַרויס פון דאָרט מעג אין גאַס זיין ווי הייס קילט מען זיך אָפּ.

ער מוז נאָך אָבער אַרבעטן. דאָס זיינען שוין די לעצטע אָנשטרענ־גונגען וואָס ער מאַכט. אָפּשטעלן זיך איצט איז אַלץ פאַרלוירן, ער קומט שוין פאַר צוויי חדשים „רענט", מען עסט ניט צו דער זעט. גיין צו די קינדער? אַ ביטער געלעכטער. ער וועט דורכאַרבעטן, דערנאָך, שפּעּ־טער וועט ער אויך קאָנען זיצן אין פּאַרק און דערציילן מעשיות...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אים אַהיים געבראַכט פון שאָפּ אין אַ טעקסי. גערופן אַ דאָקטאָר. שפּעטער זיינען געקומען די קינדער. ברוך האָט מיד געשמייכלט...

דערנאָך האָבן זיך גרוי און לייַדיק געצויגן וואָכן און חדשים. דורכן פענצטער האָט שוין אַריינגעקוקט אַ האַרבסטיק פאַרוואָלקנטער הימל, וואָס האָט אין ברוכס אויגן אויסגעזען ווי אַ ריזיק־געקנייטשטער שטערן מיט פינצטערע, צאָרנדיקע געדאַנקען... הייסט עס, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם „געווּעט". אַ שאָד. ס׳האָט אים אויסגעפּעלט נאָך אַ קליין ביסעלע כוח, און ער וואָלט אפשר געוואונען...

קאָנקורענטן

אַלע יאָרן פלעגט זי אויפשטיין פאַרטאָג מאַכן אָנבייסן פאַר איר מאַן דזשעקן, וואָס איז נאָך געלעגן אין בעט. ווען ער האָט געגעסן, האָט זי צוגעגרייט און איינגעפּאַקט זיין לאָנטש.

געטאָן האָט זי אַלץ פלינק, פלאַנירט און ציכטיק. איר הויז האָט געבלאַנקט. זי פלעגט נייען ביז שפּעט אין דער נאַכט קליידלעך פאַר זיך און פאַר די קינדער, געלאָפן אין צענטן בלאָק איינקויפן, געשלעפּט שווערע פּעק איינצובערעגנען עטלעכע סענט, אַליין געוואַשן די וועש און קיינמאָל ניט אַריינגענומען עמיצן צו העלפן איר רייניקן ס'הויז.

דאָס אַלץ איז אָבער פאַרטונקלט געוואָרן, ווען ער האָט סוף וואָך אַהיים געבראַכט דעם טשעק. דער טשעק איז געווען דער באַלעבאָס און האָט געהערשט, געהאַט די איבערהאַנט און דאָס לעצטע וואָרט. ער האָט אָפּגעאַרבעט דעם טאָג און איז געווען אַ פרייער מענטש, אַ פּרינץ, ווען זי האָט געהאַלטן אין איין באַדינען, און פאַר זיך האָט זי קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן.

סערע איז געווען אַ גוטע קעכין. איר זופּ פלעגט דזשעק זופּן לאַנגזאַם, ווי גוטן וויין, וואָס ס'איז אַ שאָד אַראָפּצושלינגען. זי האָט אַלעמאָל צוגעטראַכט אַן אַנדער מאכל, וואָס האָט געהאַט אַלע טעמען. ביי אים איז דאָס אָבער געווען אַ וואָכעדיקער גאַנג, ווייל ער איז צוגעוואוינט צו דעם, אַזוי ווי ער איז צוגעוואוינט צו זען דאָס הויז שטענדיק ריין, די קינדער אָפּגעוואַשענע און אויסגעצירטע. ער פלעגט נאָך אומצופרידן בורטשען, ווען זי האָט אים ניט געלאָזט וואַרפן ס'אַש פון פּאַפּיראָס אויפן דיל, צי ווען זי האָט געבעטן ער זאָל ניט איבערלאָזן קיין פלעקן אין סינק ווען ער וואַשט די הענט. אויסגערעדט האָט זי דאָס אים שטיל, איינגעהאַלטן. ער איז דאָך געווען דער פאַרדינער. זי האָט אים שטענדיק געמוזט קוקן אין דער האַנט אַריין, ווייל ער האָט געגעבן אויף לעבן... ער האָט זי גענומען צו פאַרווילונגען, געקויפט פּרעזענטן, ער האָט איר געקויפט אַ מאַנטל, אַ הוט, שיך. ער און ער...

אַז זי פלעגט זיך באַקלאָגן: די קינדער מאַכן איר דעם טויט; זי האָט געהאַט אַ גרויסע וועש אויסצוואַשן, זי פאַלט פון די פיס; זי האָט

זיך געמוזט יאָגן דער מאָלצייט זאָל זיין גרייט אויפן טיש, ווען ער וועט אהיים קומען, פלעגט ער חוזקדיק לאַכן:

— וויפל?

— וואָס וויפל?

— וויפל האָסטו היינט „געמאַכט“?...

פאַרוואָס האָט זי, דער נאַר, געשוויגן און שטילערהייט געוויינט? זי קאָן זיך דאָס ביז היינט ניט פאַרגעבן. דורך די אַלע יאָרן טליעט אין איר אַ פאַרבאָרגענער פאַרדראָס אויף אים, וואָס ער האָט אַלעמאָל צור־נישט געמאַכט איר אַרבעט, ווייל זי האָט קיין טשעק ניט אַהיים געבראַכט...

זי האָט ליב געהאַט געזאַנג. טוענדיק די הויז־אַרבעט פלעגט זי זיך צוזינגען היימישע פאָלקס־לידלעך. האָט איר איין מאָל אַ פריינדין מיט־גענומען צו אַ פּראָבע אין אַ געזאַנג־פאַראיין. סערע האָט אויפגעלויכטן. יענער אָוונט איז ביי איר געווען אַ יום־טוב. זי האָט זיך אויך געוואָלט אַנשליסן אין כאָר און איבערגערעדט וועגן דעם מיט דזשעקן.

— וואָס? אַ פּרימאַדאָנע ווילסטו ווערן?!

— כ'וויל ניט ווערן קיין פּרימאַדאָנע, נאָר זינגען אין כאָר.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריגעריי. זי האָט זיך קעגנגעשטעלט:

— צי דו ווילסט יאָ אָדער ניט וועל איך זיך אַנשליסן. איך מעג אויך האָבן אַביסל פאַרגעניגן אין לעבן, חוץ די שטענדיקע האַרעוואַניע אין הויז. איך בין פאַרשפּאַרט ווי אין אַ טורמע. וואָס אַרט דיר, אַז איך וועל אַמאָל אַרויסגיין צווישן מענטשן און אָפּאָטעמען?

האָבן זיי זיך אַזוי לאַנג געאַמפּערט וועגן דעם, ביז ער האָט איר „פאַרבונדן די הענט“ — זי איז שוואַנגער געוואָרן מיטן דריטן קינד.

זעקס קינדער האָט זי געהאַט. און אַ סך וואַסערן זיינען שוין פון דעמאָלט אָפּגעלאָפן.

איצט זיינען די קינדער שוין לאַנג אַרויס פון הויז. אויף זייער אָרט איז געבליבן אַ פּערסנדיקע שטילקייט. דזשעק האָט שוין אַריבערגע־שפּאַנט די פינף־און־זעכציק יאָר און איז אַרויס פון שאַפּ. אַלע יאָרן האָט ער געהאָפט באַפרייט צו ווערן פון דער אַרבעט, איז ערשט איצט פילט ער זיך אַ פאַרלוירענער. דאָס גאָרניט טאָן פאַלט אויף אים שווער. דרייט ער זיך אַרום אָן אַ טאַלק, ווי אַ קאַפּיטאַן, וואָס האָט פאַרלוירן דעם קאָמפּאַס.

— פּיפּקעסט שוין ווידער? מען קאָן דאָך פאַרטשאַדעט ווערן לעבן דיר! דרייט זיך אַרום אַ קוימען אין הויז. געפינט שוין אַ מענטש גאָר־

ניט וואָס צו טאָן, נאָר ברענען? — טענהט סערע צו אים, טוענדיק די הויז־אַרבעט.

איר שטייגער פון לעבן האָט זיך ניט געביטן. עד דאַרף זיך ערשט איבערברעכן. סערעס רייד קלינגען פאַר דזשעקן פרעמד און חוצפּהדיק. זי לאָזט אים פילן, אַז ער פלאָנטערט זיך אונטער אירע פיס. נעכטן האָט ער צעוואַשן ס׳געפעס און צעבראָכן אַ טעלער, איז זי געוואָרן רויט פון פאַרדרוס און האָט געשוויגן. ער האָט זיך איינגעבויגן צונויפצוקלייבן די שערבלעך, און אַז ער האָט זיך אויפגעהויבן האָט ער אַראָפּגעלייענט פון אירע צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן דאָס וואָרט „שלים־מזל״. זי זאָל אים אַזוי „באַליידיקן!״ וואָלט ער זיך דאָס געקאָנט ריכטן אויף איר?

פון צופיל אויסגערוטקייט קאָן ער ביינאַכט ניט שלאָפן. זי איז, ווי שטענדיק, אָנגעאַרבעט און כראָפּעט, שנאָרכט אַזוי הויך, ווי זי וואָלט געזעגנט האַלץ. אַ טויטן קאָן זי אויפוועקן. ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף דער האַנט און קוקט אַריבער צו איר אין צווייטן בעט. מיט וואָס פאַר אַ תאוה דאָס שלאָפט! שמאַטשקעט אַזש מיט די ליפּן פון הנאה... און לאָזט אים קיין אויג ניט צומאַכן. אַז אין איר ליגט אַ רוח: וואַשט, קאָכט, באַקט, שטריקט, נייט, און איצט האָט זי פאַרריסן דעם קאָפּ און באַלעבאַטעוועט איבער אים, — ס׳איז זי און זי...

דער וועקזייגער קלאַפּט, מען דאַרף אים אַרויסוואַרפן, ער האַקט ווי מיט האַמערס אין קאָפּ אַריין. זי מיטן קלאַפּער גייען אַ דועט. אַ זייגער איז אַ קאַלטער גזלן, ער ציילט די יאָרן און טעג און וועט דיר ניט געבן קיין איבעריקע מינוט; לאָזט דיר וויסן ווי שפּעט ס׳איז, און קלאַפּט אויס: מאַך זיך גרייט! מאַך זיך גרייט!

בייטאָג, ווען די שויבן שוואַרץ, די וועלט איז פאַרמעקט, אויסגע־שטאָרבן. ס׳איינציקע וואָס דערמאָנט אין לעבן איז איר שנאָרכן, און אפילו דאָס טוט זי מיט רויש און חוצפּה. זי מאַכט אים פילן, ווי ער וואָלט געווען אָן איבעריקער אין זיין הויז.

איז דאָס איר נאָך ווייניק, פאַרכאַפּט זי די קינדער אויך איינגאַנצן פאַר זיך. אַזוי שנעל ווי זי קומט צו זיי צו גאַסט, פאַרשאַרצט זי די אַרבל און נעמט זיך צו דער אַרבעט: צעוואַשט ס׳געפעס, כאַפּט אַ פּייכט איי־ניקל פון דער ערד און „דאַיפערט״ דאָס איבער. און אַמאָל שטעלט זי נאָך צו עפּעס צו קאָכן, ווען אַ טאָכטער פילט זיך ניט גוט — און זי קומט קיינמאָל ניט מיט ליידיקע הענט: ברענגט־מיט קיכלעך און שטרודל־לען, וואָס זי באַקט אַליין. ווערט דאָרט פריילעך, אַז מען דערזעט די

באָבע און אויף אים קוקט מען זיך ניט אום. אַז ער קומט צו די קינדער, זיצט ער און וואַרט מען זאָל אים דערלאַנגען אַ גלעזל טיי (ער האָט ליב טיי מיט איינגעמאַכץ), אַזוי פיל רעספּעקט מעגן זיי דאָך אים אַרויס־ווייזן, נאָכדעם ווי ער האָט אַ לעבן אָפּגעהאָרעוועט פאַר זיי.

ער איז נאָך לאַנג געלעגן און האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן, און אַז מען שלאָפט ניט, קריכן אין קאָפּ אַריין פאַרשיידענע פּאַסירונגען, פאַר־שידענע קריוודעס, ביז איין געדאַנק האָט זיך ביי אים פאַרפּלאָנטערט אין צווייטן, ווען ער האָט זיי אָנגעהויבן אויספּלאָנטערן, האָט זיך אים דער קאָפּ פאַרדרייט...

אַז ער איז פאַרטאָג שוין יאָ איינגעשלאָפן, האָט אים סערע אויפגע־וועקט מיט איר „אַרומטופּען" איבערן הויז. זי האָט שוין געהאַט פאַר־קאָכט קאַווע, וואָס האָט פאַרשפּרייט אַ געשמאַקן ריח, און אַזוי ווי ער שלאָפט נאָך, האָט זי געטראַכט, וועט זי דערווייל אַריינכאַפּן און עפּעס אויסבאַקן פאַר די קינדער. ער האָט פיינט, אַז זי באַקט...

— וואָס טאַנצטו אַרום אַזוי פרי און לאָזסט ניט שלאָפן?!

— כ'באַק אַ קעז־קוכן. די קינדער האָבן עס ליב.

— אַז איך וויל שלאָפן, דאַרפסטו באַקן און „אַרומטופּען", ווי ס'וואָלט געווען אינמיטן טאָג?

— ווער לאָזט דיך ניט שלאָפן ביינאַכט?

— דו לאָזט מיך ניט!

— איך לאָז דיך ניט?

— יאָ, דו שנאָרכסט אַזוי הויך, אַז עס קאָן אַ טויטן אויפוועקן!

— איך שנאָרך? כ'הייב ניט אָן צו וויסן דערפון.

זי איז געזעסן ביים אָנבייסן אַ פאַרפלאָמטע פון אויוון, מיט אַ קאָ־לירט טיכל אויפן קאָפּ, אונטער איר לינקן אויג איז נאָך פאַרבליבן איר אַלט חן פינטל... און דאָס האַלט נאָך אָן איר מיידלשע פיגור אויך. אַז זי רוט קיינמאָל ניט, קלייבט זיך ניט אויף איר קיין פעטס.

ער קייט מיט אַ פאַרנודיעט פּנים מאַנאַטאָן אַ שטיקל טאָוסט און באַוואונדערט מיט וואָס פאַר אַן אַפּעטיט זי עסט און האַלט אין איין רעדן וועגן די אייניקלעך. אַזוי ווי זיי וואָלטן אינגאַנצן געווען אירע... און אַז דער טעלעפאָן האָט געקלונגען, איז זי די ערשטע אויפגעשפּרונגען צו ענטפערן נאָך איידער ער האָט זיך מיט זיין שווער לייב פאַרמאָסטן אויפצוהייבן זיך. דאַכט זיך, ער עסט אַזוי ווייניק און דער בויך שלעפּט אים צו דער ערד אַראָפּ...

זי האָט ווידער פאַרכאַפּט... אפשר וואָלט ער אויך געוואָלט רעדן צו דער טאָכטער? אַנומעלטן האָט ער געענטפערט דעם טעלעפאָן, האָט די טאָכטער שנעל אַ זאָג געטאָן: „העלאָ, טאַטע, כ׳וויל רעדן צו דער מאַמען”... ער האָט זי אפילו געוואָלט פרעגן: „נו, און איך בין ניט קיין טאַטע?”, נאָר ער האָט ניט געוואָלט אָנהייבן קיין אַרגומענט... אַז דער פאַרדרוס איז אים איבערגעגאַנגען, האָט ער אָנגעהויבן פּלאַנירן ווי אַזוי צו געווינען ליבשאַפט פון די קינדער און די אייניקלעך. אַ מענטש קאָן ניט לעבן אָן דעם, אַז עמיצער זאָל אים אויך ליב האָבן. צווישן אים און שרהן איז אַלץ אויס...

זי ברענגט זיי געבעקס, האָט ער געקויפט אַ שקאַרמיץ מיט זיסקייט. האָבן זיך די אייניקלעך געהאַנגען אויף אים. די צוקערקערס האָבן זיי שנעל פאַרנודיעט. ביינאַכט האָבן זיי קיין וועטשערע ניט געגעסן און גע־זאָגט, אַז זיי זיינען זאַט פון דעם זיידנס קענדי.

— טאַטע, דו פאַרדאַרבסט די קינדער דעם מאָגן! — האָט די טאָכ־טער געצאָרנט, — ברענג זיי ניט מער דאָס כאַזעריי, דו מאַכסט זיי קראַנק!

און סערע איז אַרויס אויף אים מיט „איר מויל”, דערלעבט אַ נקמה אָן אים, „געבאָדן זיך אין זיין בלוט”...

עטלעכע טעג האָט ער ניט גערעדט צו איר, אַרומגעדרייט זיך אַ פאַרלוירענער, נאָר ער האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן, און איז ווי־דער אַוועק צו אָן אַנדער טאָכטער. ער האָט זי געטראָפן מיט אַ פאַר־בונדענעם קאָפּ. אירע אויגן האָבן יסורימדיק געגלאַנצט.

— גוט וואָס דו ביסט געקומען, טאַטע, די קינדער מאַכן מיר היינט דעם טויט מער ווי אַלעמאָל, כ׳קאָן שוין אויף די פיס ניט איינשטיין.

דזשעק האָט זיך אויסגעטאָן דעם ראָק און פאַרשאַרצט די אַרבל... אויפגעקאָכט וואַסער און איר דערלאַנגט „אַספירין” פּילן. ער האָט אויפגע־הויבן אַ מיידעלע, וואָס איז געווען איינגעריכט.

— האָסט אַ ריינעם „דייפּער”?

— ווייסט זי קענען „איבערדייפּערן”, טאַטע? — האָט די טאָכטער זיך געהאַלטן ביים קאָפּ.

וואָס איז דאָ צו קענען? מיינסט, אַז נאָר דיין מאַמע איז אַזאַ גרויסע קענערין?

ס׳קינד האָט זיך געראַנגלט, געוואָרפן מיט די פיסלעך, ער האָט גע־האַלטן די שפּילקע אין מויל און שנעל געאַרבעט מיט די הענט. פּלוצים האָט דאָס קינד אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש, ווי מען וואָלט עס געקוילעט.

ס'האָט זיך פאַרקייכט און געוואָרן בלוי... די טאָכטער איז אויפגע־שפרונגען פון בעט און גענומען בלאָזן דעם קינד אין מויל אַריין, גע־טרייסלט דאָס, געפּאַטשט עס אין פּנימל אַריין, ביז ס'האָט ענדלעך אָנ־געהויבן אָפּציִען דעם אָטעם, דערנאָך האָט עס ווידער אָנגעהויבן קייכן און איז זיך פאַרגאַנגען. די טאָכטער איז צוגעלאָפן צום טעלעפאָן אָפּ־רופן די מאַמען...

טראָפּנס שווייס זיינען אַרויס אויף דזשעקס שטערן, זי רופט די מאַמען! יענע האָט זיך קוים דערוואָרט אויף אַזאַ זיג.

ס'מיידעלע האָט נאָך אַלץ שטיל און מיד געוויינט, ווען סערע האָט אַ דערשראָקענע אויפגעריסן די טיר.

— מאַמעלע מיינס! — האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד אויף די הענט, — זיסקייט, קרוינעלע מיינס, וואָס איז געשען?!

— דער טאַטע האָט „איבערגעדייפּערט" ס'קינד, — האָט זיך די טאָכטער געהאַלטן ביים קאָפּ.

— אײַאַדין! מען מוז באַשמירן מיט אײַאַדין! — האָט זיך סערע צעיאָכמערט, — ווי איז מיר, ער האָט דאָך צעבוטשערט דאָס קינד! אַזאַ שלים־מזל, קריכט מיט די גראָבע לאַפּעס. אַ קאַץ אַן עק קאָן דאָס ניט פאַרבינדן, אַזאַ מערדער, אַזאַ רוצח!

די זעלבע נאַכט איז דזשעק שפּעט אַהיים געקומען, זיין עסן איז געשטאַנען קאַלט אויפן טיש. ער האָט ניט געקוקט אויפן אָרט, וואו סערע איז געזעסן, געסאָפּעט און עפּעס געבורטשעט אין זיך מיט פאַר־האַקטע ציין. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיין בעט, פאַר־רויכערט אַ פּאַפּיראָס, נאָכגעקוקט ווי די רעדלעך רויך שוועבן אַרויף צום באַלקן און ס'ווערט פון זיי גאָרנישט...

מיסטער סמיט האָט געקראָגן אַ האַרץ־שלאַג...

מיסטער סמיט האָט זיך אַרומגעדרייט אין אָפיס און געביסן דעם ציגאַר, אויסגעשפּיגן און ווידער געביסן.

דאָס בלאָנדע אָפיס־מיידל האָט נערוועז געקייט גומי און מאָנאָ־טאָן געקלאַפּט אויף דער שרייב־מאַשינקע. דאָס האָט זי געאַרבעט אויף אַ בריוו צו פירמעס מען זאָל קויפן דעם באַרימטן סמיט־פּראָדוקט. דער פאָרשלאָג צו קויפן האָט מער געקלונגען ווי אַ הילפס־רוף פון אַ פאַר־צווייפלטן, וואָס טרינקט זיך, ווייל באַשטעלונגען זיינען אַריינגעקומען אַזוי ווייניק, אַז אויב דאָס זאָל אָנהאַלטן אַזוי ווייטער וועט די פירמע מוזן באַנקראָטירן.

מיסטער סמיט האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען, זיין אויער איז געווען צוגעוואוינט צום דונערן פון דער פאַבריק אונטער דעם אָפיס. איצט איז דאָרט פרעסנדיק שטיל, די שטילקייט דערדריקט אים, מאַכט אים אומרואיק, רייצט זיינע נערוון, לאָדט אים אָן מיט אַ מין שטאָף, וואָס וועט אויפרייסן... ער האָט ניט קיין מזל. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אַריינגעקומען צו שפּעט, ווען אַלע האָבן שוין געהאַט אָפּגעשוימט דאָס בעסטע. אמת, ער האָט נאָך אַביסל פאַרכאַפּט, אָבער די וואָס זיינען אַריין פריער זיינען געוואָרן מיליאָנערן, און אים געלאָזט בלויז דאָס איבערבלייבעכץ.

איצט איז ביזנעס טויט. די אָנגעאַרבעטע פּראָדוקטן ליגן און פוילן. מען קויפט ניט, כאָטש גיב אַוועק אומזיסט. דער עולם האַלט אין דעם דאָלאַר, האָט מורא אויסצוגעבן, „און דאָס איז די אמתע סיבה פון דער שווערער צייט”, איז מיסטער סמיט באַגייסטערט פון זיין שאַרפן אויס־פיר. ער וועט דאָס טאַקע באַנוצן אין אַ רעדע ביים „טשעמבער אָוו קאָ־מערס” און אויספירן וועט ער: „דער איינציקער וועג צו פּראָספּעריטי איז, אַז דאָס פאָלק זאָל שנעל אָנהויבן קויפן. ווי נאָר דאָס געלט, וואָס מען באַהאַלט איצט אין דער באַנק, וועט אָנהויבן פליסן אין די אָדערן פון דער אינדוסטריע, וועלן מיר אָנהויבן גיין באַרג אַרויף...

ס׳איז טאַקע געווען איינע פון זיינע בעסטע רעדעס, די צייטונגען האָבן אים פראָמינענט ציטירט, דער טעלעפאָן האָט געהאַלטן אין איין קלינגען צו אים מיט גראַטולאַציעס און קאָמפּלימענטן, נאָר קיין באַ־שטעלונגען זיינען ניט אריינגעקומען.

אָבער אין איין שיינעם צי מיאוסן פרימאָרגן איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ס׳האָט ווידער אויסגעבראָכן אַ מלחמה... דערווייל אַ קליינע מלחמה אין קאָרייע. נאָר אַזוי הויבט זיך דאָך דאָס אָן, ס׳וואַקסט דער־נאָך אויס... דאָס בלוט פון די שלאַכט־פעלדער האָט אַ פליין געטאָן אין האַרץ פון ביזנעס און ס׳האָט דאָרט אָנגעהויבן קלאַפּן... דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען מיט באַשטעלונגען. ס׳איז ענדלעך געקומען מיסטער סמיטס צייט. איצט דאַרף מען וואָס מער אַריינכאַפּן, אינוועסטירן, אָנ־קויפן וויל רוי־שטאָף מען קריגט נאָר, די פאַבריק האָט אָנגעהויבן אַר־בעטן אין צוויי „שיפטס״, די צייט איז געקומען, ער האָט גענוג לאַנג געוואַרט...

די מאַשינען אין זיין פאַבריק האָבן געהילכט, געבראַזגעט, דער אָפיס איז אָנגעפּילט געוואָרן מיט אימפּעט, די זון האָט אַריינגעשיינט מיט גאָלד.

די קליינע מלחמה האָט זיך ביסלעכווייז צעוואָרעמט און נאָרמאַל געוואַקסן. ביזנעס האָט זיך צעבליט.

אין בלויען רויך פון זיין ציגאַר האָט מיסטער סמיט שוין געזען אַ יאַכט־שיף, פּאָרלעך טאַנצן אויף דער דעק צו די טענער פון פריילעכער מוזיק, די לבנה פאַרבט די שיף מיט זילבער, דינער שלאָגן פאַר שאַמ־פּאַניער אויף גאָלדענע טאַצן...

אין אָפיס האָבן שוין פריילעך געקלאַפּט עטלעכע שרייב־מאַשינקעס, די מיידלעך האָבן זיס געשמייכלט צו אים... ער האָט שוין געהאַט זיין פּריוואַטן קאַבינעט, געזעסן אין אַ ווייכן בויג־שטול, און זיין קאָפּ איז געווען באַקרוינט מיט דער אַמעריקאַנער פאָן, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט.

און מר. סמיט, דער קומענדיקער גרויסער אינדוסטריע־קאַפּיטאַן, האָט געגעבן באַפעלן דורך עטלעכע טעלעפאָנען, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום אים.

איין מאָל האָט זיך אויפגעריסן די טיר און זיין פרוי איז אַריין ווי אַ דונער.

— קלאַראַ!

— דו און דיין טאָכטער! אַלע צרות האָב איך פון אייך! — האָט

זי אויסגעשאָסן מיט צאָרן, אַז דער גוידער האָט ביי איר אַזש געציטערט. אַט־אַט צעוויינט זי זיך.

— וואָס איז געשען?

— דו און דאָס טעכטערל דיינס נעמען צו ביידע „קאַרס״, אַז איך האָב באַדאַרפט פאָרן צום שניידער האָב איך געוואַרט אויף אַ טעקסי, אַז די פיס האָבן מיר אָנגעהויבן ווי טאָן, כאָטש גיב אַ מיליאָן פאַר אַ „טעקסי״, און געמוזט זיך שלעפּן מיטן באָס!

— ניט געפערלעך, מען פאָרט אַמאָל מיטן באָס.

— יאָ? — אָבער דו ווייסט מיט וועמען מען טרעפט זיך דאָרט אַלץ אָן? — האָט זי געצאָרנט, — גיב מיר אַ גלאָז וואַסער!

ער איז געשטאַנען אַ צעשראָקענער מיטן גלאָז וואַסער אין האַנט, זי האָט אַרונטערגעשלונגען צוויי פּילן, וואָס דער דאָקטאָר האָט איר געגעבן פאַר די נערוון, טרינקענדיק האָט דאָס גלאָז געקלונגען צווישן אירע ציין. שפּעטער, אַז די נערוון האָבן זיך באַרואיקט און דער כעס איז איר אַביסל איבערגעגאַנגען האָט זי אים דערציילט וואָס מיט איר האָט געטראָפן:

— איך גיי אַריין אין „באָס״ און זעץ זיך אַוועק, ווער זיצט לעבן מיר? מיסעס מעלער. וואָלסט זי גאָרניט דערקענט. טראָגט אַ „פּוירזשן־לעם״, אַ גרויסן „דיימענד״ אויפן פינגער, גאָרניט די זעלבע וואָס אַמאָל, קוקט אויס ווי אַ מיליאָן דאָלער. „העלאָו! — העלאָו!״ — ווי גייט עס, מיסעס מעלער — איר פּנים איז איין גרויסער שמייכל. וואָס הערט זיך ביי אייך? הלוואי ווייטער ניט ערגער. איר געדענקט, זאָגט זי, מיט אַ יאָר צוריק, ווען כ׳האָב אייך געטראָפן, האָב איך אייך געזאָגט, אַז מיר האַלטן ביים אויפגעבן די ביזנעס? געמיינט שוין, אַלץ פאַרלוירן, ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ מענטש טאָר קיינמאָל דעם מוט ניט פאַרלירן, האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און הלוואי אויף ווייטער ניט ערגער... ביזנעס האָט אויפגעלעבט, עס זאָל נאָר אַזוי אָנהאַלטן...

— איז וואָס האָט זי אַזוינס געזאָגט? — שטעלט קלאַראַ אויס אויף מיסטער סמיטן אַ פּאָר פייערדיקע אויגן.

— וועל...

— וואָס וועל?!

— גאָרניט, כ׳מיין מע רעדט... — האָט מיסטער סמיט זיך אַביסל צעטומלט...

— איך דענק, — צאָרנט זי, — ס׳אַ פריי לאַנד, יעדער קען זאָגן

וואָס ער וויל. דערנאָך הויבן מיר אָן רעדן פון אַנדערע זאַכן. מיטאַמאָל פליט אַ האַנט און זי קריגט אַ פייערדיקן פּאַטש... ס׳האָט אַזש אָפּגע־הילכט. נעבן איר שטייט אַ הויכער „ברוט״ מיט ווילדע אויגן... — „דאָס, — זאָגט ער, — האָט איר פאַר מיין ערשטן זון, וואָס איז געפאַלן אין דער מלחמה — און איידער זי קוקט זיך אַרום הילכט אָפּ אַ צווייטער פּאַטש, — און דאָס איז פאַר מיין צווייטן זון״... — אַלע אַרום זיינען געבליבן ווי פאַרשטיינערט. און מיינסטו ס׳האָט זיך ווער אָנגענומען פאַר איר? ווי „דאַמיס״ זיינען אַלע געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ... אַלע שווייגן, מען האָט מורא אַ וואָרט אַרויסצוריידן... און איידער מיסעס מעלער באַוויזט נאָך צו קומען צו זיך, שטעלט דער „דראַיווער״ אָפּ דעם „באָס״ און זאָגט: „דאָ, מיסעס גייט איר אַרויס״... איך בין אַרויס מיט איר... ס׳קלאַפּט מיר נאָך איצט דאָס האַרץ.

— פאַרוואָס האָסטו ניט גערופן די „פּאָליס״?

— אַז אַלע אין „באָס״ שווייגן, זאָל איך מיך אַליין אַרויסשטעלן?... ווען דו זעסט די אויגן פון דעם „ברוט״, וואָס האָט זי אַטאַקירט, ס׳בלוט האָט געקאָנט פאַרקילט ווערן.

מיסעס סמיט האָט זיך ביסלעכווייז באַרואיקט און מען האָט אָנגע־הויבן רעדן פון אַנדערע זאַכן, ביז זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי האָט אַ „לאָנטשן״ פון איר „לעידיס אָקזילערי״ צו העלפן די יתומים פון גע־פאַלענע סאָלדאַטן...

מיסטער סמיטס געשעפט האָט זיך אַזוי צעשפילט, אַז צוויי פאַבריקן האָבן שוין געאַרבעט טאָג און נאַכט. געשעפטסלייט האָבן געפּראַוועט באַ־קעטן און מיסטער סמיט האָט אַרויסגעזאָגט „גוואַלדיקע געדאַנקען״: „מלחמה איז טאַקע אַ ביטערע זאַך, אָבער אַ נאַטירלעכע, אַזוי ווי אַן ערד־ציטערניש, למשל, אָדער ווי אַ שטורעם־ווינט. ס׳איז גוטע ביזנעס און גוטע פּאָליטיק, אַזוי ווי אַ רעגן איז גוט פאַר אַ גערעטעניש״...

די פּרעסע האָט אים פּראָמינענט ציטירט, מר. סמיטס נאָמען איז געוואַקסן. ער איז גאָרניט שולדיק געווען אין דעם וואָס ס׳האָבן אים געזשומעט אין די אויערן דער געפּאַטשטער מיסעס מעלערס רייד: „ס׳זאָל נאָר אַזוי אָנהאַלטן״...

די פּרייזן האָבן געהאַלטן אין איין שטייגן. רוי־שטאָף איז געוואָרן שווערער צו קריגן, האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן פון פאַרקויפן, געזאַמלט גרויסע זאַפּאַסן און פאַרמאָסטן זיך צו שאַרן געלד. ביז איין מאָל אין אַ מיאוסן צי אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער געקויפט אַ צייטונג און ס׳איז

אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אויף דער ערשטער זייט איז מיט גרויסע אותיות געמאָלדן געוואָרן: „שלום וועט געשלאָסן ווערן“... ס׳האָט אים געטאָן אַ קלאַפּ אין האַרץ. די ערד איז אים ניט געוואָרן אונטער די פיס, דער הימל האָט זיך אויסגעלאָשן...

נחת פון קינדער

בערל ראָזענבערג איז געשטאַנען איינגעהילט אין פּאַרע פון דער פּרעס־מאַשין אין זיין קלינינג־סטאָר און זיך געאיילט אויסצוענדיקן די אַרבעט, וואָס ער האָט צוגעזאָגט אויף מאָרגן. ס׳איז געווען אַ הייסע נאַכט. די לופט, אָנגעגליט פון אַ פייערדיקן טאָג, האָט זיך געשמאָלצן אין אַ בייסיקער קלעפּיקייט. שטראָמעלעך שווייס האָבן זיך געגאָסן איבער זיין צעקנייטשטן פּנים און געקראָכן ווי גליטשיגע ווערים איבער זיין לייב.

ווי אַלע מאָל, ווען ער האָט געאַרבעט שפּעט ביינאַכט, זיינען אים פאַרשיידענע געדאַנקען געקומען אין קאָפּ אַריין: זיין זון, דער דאָקטאָר, איז שוין אַרויס פון שפּיטאָל וואו ער האָט פּראַקטיצירט און גייט זיך עפענען אַן אָפיס. זיין זון — אַ דאָקטאָר! ווען ער שעמט זיך ניט פאַר זיך אַליין צעטאַנצט ער זיך איצט אין סטאָר לעבן דער פּרעס־מאַשין. אַזאַ פרייד און שטאָלץ נעמט אים אַרום. און פּלוצים דערמאָנט ער זיך אָן דעם דאָקטאָר אין שטעטל פון וואַנען ער קומט: ער האָט געטראָגן אַ גלאַנציקן צילינדער־הוט, דעם קאָפּ פאַרריסן, געפאָרן איז ער אין אַ קאַרעטע מיט צוויי פערד „באַשפּיץ״. אַ שרעק איז אָנגעפאַלן אַז ער איז אַריינגעקומען אין אַן אָרעמער שטוב. מען האָט זיך פאַר אים געבויגן ווי פאַר אַ בייזן פריץ. אויב מען האָט אים גערופן צו שפּעט, דער קראַנקער איז שוין טיף אַריין אין דער קרענק, האָט ער געטופּעט מיט די פיס און געזידלט. מען איז געשטאַנען פאַר אים פאַרשולדיקט מיט געבויגענע קעפּ און מורא געהאַט צו זאָגן, אַז פריער שיקט מען ביי אָרעמע מענטשן נאָכן פעלדשער, וואָס נעמט ניט מער ווי צוויי גילדן, שטעלט פּיאַווקעס, געהאַקטע באַנקעס און מאַכט אַ קאַנע. נאָך דעם דאָקטאָר שיקט מען, ווען דער קראַנקער איז שוין האַלב אויף יענער וועלט. פאַרן אַוועקגיין צעעפנט עמיצער פאַר אים ברייט די טיר, אַ צווייטער האַלט גרייט זיין איבער־ראָק, און מיט גרויס ערפורכט טוט ער אים אָן... איצט האָט ער, בערל, דערלעבט אַז זיין זון זאָל ווערן אַ דאָקטאָר. אמת, ס׳איז אים שווער און ביטער אָנגעקומען. ער און זיין פרוי האָבן אַלע יאָרן געהאָרעוועט אין די שעפּער, דאָס הויז איז קיין הויז ניט געווען,

די היים איז קיין היים ניט געווען. מען האָט זיך ניט פאַרגונען דאָס לעבן, און אַלץ אַריינגעלייגט אין די קינדערס בילדונג. זיי זיינען פאַר דער צייט גרוי און אַלט געוואָרן. נאָר ס׳האָט זיך געלוינט. זיי האָבן זייערס אויסגעפירט — אַרויסגעבערענגט אַ זון אַ דאָקטאָר.

די טאָכטער האָט גראָד ניט „געטראָפן". איר מאַן, אַן אַמעריקאַנער געבוירענער, איז אַ פּראָסטער אַרבעטער. זייַנע עלטערן זיינען קלאָוק־מאַכער, האָבן זיי געמאַכט דעם זון פאַר אַ פּרעסער... וואָלט מען זיך געקאָנט פאַרשטעלן, אַז זיין טאָכטער, וואָס ער האָט געהאָפט זי זאָל ווערן אַ „לאָיער", צי אַ „טיטשער", זאָל נעמען און זיך פאַרליבן אין אַזאַ־אַ?... אויפגעבן אַלצידנג צוליב אים? בערלס חלום איז געווען, אַז ביידע קינדער זאָלן זיין „פּראָפעסיאָנאַלן", נעמט זי און גליטשט זיך אויס אַזוי נאַריש... זיי האָבן אָבער אַ טייער יינגעלע, קלוג און שיין. רעדט נאָך יעדעס וואָרט: „טאָטע פרעסט היינט ניט, ער איז אויף דער פּיקעט־לאַין".

בערלען האָט אָנגעהויבן הונגערן. ער וואָלט שוין געוואָלט זיין אין דער היים. זיין ווייב, דאָרע, וואַרט אויף אים מיט וועטשערע. ער מוז אָבער אויספרעסן נאָך עטלעכע רעק. גיט ער זיך אַ צאַפּל, נעמט זיך וואַרפן, אַרבעט מיט אַלע אברים. פאַרבייגייער זעען ווי טיף אין סטאָר שטייט אַ מענטש איינגעהילט אין פּאַרע, טאַנצט אונטער ווי ער וואָלט געברענט און ס׳גייט פון אים אַ רויך...

און נאָך אַ זאַך האָט ער אויסגעפירט. ער איז אַרויס פון שאָפּ. אמת, ער אַרבעט לאַנגע שעהן, שבת אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. פון „פלענט" שיקט מען צוריק זאַכן מיט פלעקן. מען פאַרטוישט, ס׳ווערט פאַרפאַלן, קאָסטאָמערס דרייען אים אַראָפּ דעם קאָפּ, די קאָנקורענץ איז גרויס, די „רענט" עסט אים אויף — ער האָט אָבער ניט קיין באָס אי־בער זיך, ער איז פאַר זיך אין ביזנעס...

אַהיים געקומען איז ער שפּעט. בעת ער האָט געגעסן האָט דאָרע גע־שטריקט אַ סוועטער פאַרן אייניקל.

— כ׳האָב היינט אָפּגערופן דזשעקן — האָט זי ניט אַוועקגענומען די אויגן פון שטריקן — ס׳קומט אונדז אַ מזל־טוב, בערל — האָט איר פּנים נחתדיק געלויכטן, — אונדזער זון האָט שוין געעפנט זיין אָפיס. דאָ־נערשטאָג זיינען געקומען דריי פּאַציענטן. ער האָפט צו זיין אַ „סוקסעס". זיין מיידלס עלטערן זיינען רייך, זיי האָבן אַ גרויסע פאַמיליע מיט אַ ברייטער באַקאַנטשאַפט... פרעג איך אים אויפן טעלעפאָן: דזשעק, ווען

וועסטו אונדז שוין פאַרשטעלן דיין פריינדין? מען זאָגט אַז זי איז זייער אַ שיינע, כ׳וואָלט איר שוין געוואָלט זען. האָסט׳אַך שוין עטלעכע מאָל צוגעזאָגט קומען מיט איר. ענטפערט ער ניט און הייבט אָן רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, זוכט מיר פאַררעדן די ציין. האָט עס מיך שוין פאַרדראָסן; ס׳האָט מיך אַזש פאַרצויגן ביים האַרץ, און כ׳האָב אים גאַנץ אָפן געפרעגט: וואָס איז, דו שעמסט זיך מיט דיינע עלטערן? איז ער געוואָרן אין כעס, געזאָגט, אַז ער האָט קיין צייט ניט, ער וועט אַ צווייט מאָל רעדן מיט מיר, און אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל...

בערלס האַנט איז געבליבן מיטן לעפל לעבן מויל.

— אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל?

— ס׳האָט אַוודאי געוואַרט אויף אים אַ פּאַציענט... אַ דאָקטאָר איז דאָך ניט ביי זיך אין די הענט, — פּרובירט דאָרע פאַרענטפערן דעם זון, און דרייט אַוועק דעם קאָפּ, ער זאָל ניט זען ווי זי ווישט אָפּ אַ טרער.

— פון וואַנען ווייסטו, אַז דאָס מיידל מיט וועלכער ער גייט אַרום איז שוין זיין כלה?

— פון וואַנען איך ווייס? מענטשן זאָגן, — איז איר קול אַביסל פאַרשטיקט.

בערל האָט לאַנגזאַם געגעסן, אָבער שוין אָן אַפּעטיט און מיט אַן איבערגעחלשט האַרץ. אין אים האָט געברויזט אַ געפיל, וואָס איז געווען אַ געמיש פון שטאָלץ און באַליידיקונג... ביז דער קאָפּ איז אים מיד געוואָרן און ער איז איינגעשלאָפן.

חלומט זיך אים:

...ס׳איז נאָך מיט יאָרן צוריק, אַ שיינער זומער־טאָג. די קינדער זיינען קליין. דאָרע דערציילט אים מיט ווייטאָק אין קול, אַז דזשעק האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַ שלעכטע זאַך, „שטעלט אים צו אַ בענקעלע״. בערל איז שטאַרק אויפגעבראַכט: דער יונג טוט אָן צרות, שלאָגט זיך אַרום מיט די קינדער אויפן בלאָק, ברעכט זאַכן אין הויז, הענגט זיך נאָך אויף סטריט־קאַרס. און ווען דער קליינער לויפט אין הויז אַריין אַ צעיאָכ־מערטער מיט אַ צעריסן היטל, דערלאַנגט אים בערל — אין חלום — אַזאַ פּאַטש, אַז די טעלער מיט גאָפּל־מעסער פליען אַרונטער פון טיש מיט אַ גרילץ און אַ בראַזג. דאָרע שפּרינגט אויף דערשראָקן אויף טויט. בערל רייבט זיך די אויגן, מאַכט מיטן מויל, ווי ער וואָלט מיט דער צונג געוואָלט דערטאַפּן, וואו ער איז ערגעץ אין דער וועלט?

ער האָט זיך קוים דערשלעפּט צום בעט. אָפּגעשלאָפן עטלעכע שעה

און זיך ווידער אויפגעכאַפּט. דאָרע האָט עפּעס געפּלאָנטערט מיט דער צונג און באַלד אָנגעהויבן שנאָרכן. ער האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. דער קליינער וויזער פון זיין האַנט־זייגער איז געשטאַנען אויף צוויי. אַ בלאַסע פאַרשאָטנטע לבנה האָט זיך געפּלאָנערט צווישן שוואַרצע וואָלקנס, צום סוף אַריינגעזונקען געוואָרן אין זיי. ס׳איז פאַרבליבן פון איר אַ בלייכער פלעק.

בערל פאַרדרייט דעם לאָמפּ, שטרענגט זיך אָן איינצושלאָפן. פון דער שטילקייט ציט זיך אַ לאַנגער דינער פייף אין זיינע אויערן, ווי אַ באַן וואָלט ערגעץ ווייט, ווייט, אָפּגעפאָרן. אַז ער ליגט אַזוי אַ לענגערע צייט, הויבט זיך אָן פון דער פינצטערניש אַרויסשניידן די שיף, מיט וועלכער ער איז געקומען קיין אַמעריקע. דערנאָך באַווייזן זיך די שעפער, וואו ער האָט געאַרבעט: ענגע, קויטיקע, פאַררויכערט פון קוילן־אייזנס וואוהין מען האָט די לונגען אַריינגעבלאָזן. אָבער דאָס זיינען געווען די שענסטע יאָרן פון זיין לעבן, כאָטש אַ שווער און איינזאַם לעבן, ווייל ער איז פון די מענטשן וואָס גייט זיך זיין אייגענעם וועג: זיין הויז, זיין ווייב, זיינע קינדער — דאָס איז זיין וועלט... דער זון... יאָ, דער זון, דער דאָקטאָר, גייט שוין אַרום מיט אַ מיידל און ס׳שטייט אים ביט אָן זי צו ברענגען אין הויז אַריין, שעמט זיך מיט די עלטערן, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן אַוועקגעגעבן פאַר אים... אַ פרעמדקייט וואַקסט צווישן זיי. אָפטמאָל קאָן דער זון ניט פאַרשטיין וואָס דער טאַטע רעדט צו אים אין ענגליש, ביז ער כאַפּט זיך וואָס דער פאָטער מיינט, און זאָגט ריכטיק אַרויס די ווערטער פאַר אים... אַ צווייטן מאָל איז שוין בערל מער פאָרזיכטיק און טראַכט גוט איבער, איידער ער לאָזט אַרויס אַ וואָרט פון מויל. פאַרהאַקט זיך אָפט און בלייבט שטיין אינמיטן אַ זאַץ, פלאָנטערט מיט דער צונג און ווערט אין כעס, ווישט דעם שווייס פון שטערן און אָטעמט ערשט אָפּ פריי, ווען דער זון גייט אַרויס פון הויז.

בערל האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און פאַרמאַכט די אויגן, ער מוז שלאָפן, מאָרגן האָט ער אַ שווערן טאָג אַרבעט.

**
*

דאָקטאָר דזשעק ראָזען האָט זיך באַקאַנט מיט קלאַראַ סענדלער אויף אַ באַל ביי אַ פּראָפעסאָר אין הויז. זי, אַ דינע, צאַרטע, צעפּעסטעטע רייכע טאָכטער האָט זיך אין אים פאַרליבט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען גערופן אויפן טעלעפאָן ער זאָל, ווי אַ דאָקטאָר, קומען צו איר. געטראָפן האָט ער זי ליגנדיק אויף אַ סאָפע אין אַ ווייסער זיידענער

קימאַנע, די שאַרף בלאָנדע האָר צעוואָרפן איבער די אַקסלען, מיט אַ פאַרליבטן שמייכל אויפן פנים. אין וואָס איר קראַנקהייט באַשטייט האָט ער באַלד ניט געקאָנט אויסגעפינען. דאָס רייכע הויז מיט די אויל־בילדער אויף די ווענט אין גאָלדענע ראַמען האָט אים איבערראַשט. ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אַז זי איז איינע פון די רייכע טעכטער, וואָס קריגן אַלץ וואָס זיי ווילן. זי איז אים אָבער געפעלן געוואָרן. ס'איז אים געווען שווער זיך אָפּצורייסן פון איר. דעם געשפּרעך האָט זי געקירעוועט אַזוי, אַז ער האָט פאָרגעשלאָגן זיי זאָלן זיך טרעפן די זעלבע נאַכט אין אַ געוויסן רעסטאָראַן.

אַהיים פאָרנדיק האָט ער געטראַכט, אַז די „קרוין“ וועט אפשר זיין צו שווער פאַר זיין קאָפּ. צוריקגערעדט, אָבער, איז ער אויך ניט אַבי ווער: אַ דאָקטאָר, אַ גלייכער מאַן, ניט קיין קריפּל. זיינע עלטערן וועלן זיך ניט פּאַסן צו אירע? וועט זי דאָך ניט חתונה האָבן מיט די עלטערן. און אַז אַ מיידל איז רייך, טאָר מען זי ניט ליב האָבן? זי איז איצט געשטאַנען פאַר זיינע אויגן בוילעטער און רייצנדיקער ווי אין איר הויז, איר קול האָט אים נאָכגעקלונגען און טיף אַריינגעדרונגען אין אים.

איין מאָל אַ פאַרנאַכט איז קלאַראַ געקומען מיטן דאָקטאָר אין איר רייכער גלאַנציקער מאַשין, מיט אַ באַזוך צו זיינע עלטערן.

אַרום דעם לימוזין איז באַלד געוואָרן אַ רעדל, וואָס האָבן אים באַוואונדערט. פאַרגליכן מיט זייערע אַלטע אָפּגעפּאָרענע מאַשינען און פאַרזיכערט, אַז זיי וואָלטן זיך גערן געביטן מיט איר: „ווי פילט מען ווען מען זיצט אין אַזאַ מאַשין? מען פאָרט דאָך ניט, מען שוועבט, מען פליט“!

דאָרע האָט אַ גאַנצע וואָך געראַמט דאָס הויז און זיך געגרייט צו דעם געהויבענעם וויזיט. געוואַשן, געריבן, געפּוצט. ביז ס'האָט געשמעקט אין יעדן ווינקעלע. אויפגעהאַנגען נייע פאָרהאַנגען, געקויפט קאָלירט געוואַנט און אַליין איבערגעצויגן די אויסגעריבענע שטולן מיט דער סאָפע — דאָס הויז האָט באַקומען אַן אַנדער פּנים.

ווען די טיר האָט זיך געעפנט און דער דאָקטאָר איז אַריינגעקומען מיט דער כלה, איז עפּעס אַרויסגעפאַלן פון דאָרעס הענט. זי איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטע, אין אירע אויגן האָט קלאַראַ אויסגעזען ווי אַ מואווי־סטאַר, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט צו איר אין הויז אַריין. איר האַרץ האָט זיך געפרייט און געשראָקן. דער דאָקטאָר האָט פאָרגעשטעלט קלאַראַן פאַר דער מאַמען. דאָרע האָט זיך פאַרנויגט, און איר דערלאַנגט די דאַרע האַרטע האַנט, וואָס איז אַ ווייל געלעגן אין ווייכן צאַרטן הענטל

פון דער בלאָנד־גאָלדיקער שיינהייט. זי האָט זיך שטאַרק געוואָלט צע־קושן מיט איר, נאָר יענע האָט אויסגעזען ווייט און קאַלט, כאָטש אויבער־פלעכלעך, אָנגענעם און פריינטלעך. דער דאָקטאָר האָט אויסגעטאָן קלאַראַן דעם מינק־מאַנטל און אַוועקגעלייגט אויף אַ שטול.

„זיצט", האָט די מאַמע פאַרבעטן.

דאָס קליינע איינגעשרומפּענע מאַמעלע איז געשטאַנען לעבן הויכן ברייט־פּלייציקן זון און מיט ליבשאַפט אַרויפגעקוקט צו אים און צו איר צוקינפטיקער שנור, צו איר צוקינפטיקער „טאָכטער"... אַ גרויסע פרייד איז אויפגעגאַנגען אין איר האַרץ, און אַן אומפאַרשטענדלעכע שרעק.

קלאַראַ האָט זיך געהאַלטן זייער איינפאַך, „דעמאָקראַטיש", אפילו איין מאָל גערופן דאָרען „מאַ", געפּרובירט איר אַריינציען אין אַ שמועס, דאָרע האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי זי זאָל רעדן צו איר. ביז זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ זאָג געטאָן:

„ביסט זייער אַ שיינע!"

„אַ דאַנק!", האָט קלאַראַ אַ שמייכל געטאָן. אירע בלויע אויגן האָבן אַ בליאַסק געטאָן מיט אַ קאַלט פייערל פון געשליפענע דימענטן. דער דאָקטאָר האָט געוואָלט טרעפן וואָס פאַר אַן איינדרוק זיין קליינע אָרעמע מאַמע מאַכט אויף איר...

דאָרע איז פלינק געלאָפן פון קיך צום טיש, געגרייט דאָס מאָלצייט, און דערביי איינגערוימט עפּעס דעם זון אויפן אויער.

„מיין מאַמע איז דאָך גאָר פאַרליבט אין דיר", האָט ער קלאַראַן אויס־געזאָגט.

„ס'פרייט מיך זייער, נאָר פאַרוואָס האָוועט זי אַזוי אַרום?"

„זייער אַקטיוו, בערוועזע ענערגיע"...

ס'איז אַריינגעקומען בערל, דערזען דעם זון מיט קלאַראַן איז ער געבליבן שטיין אויף דער שוועל געפּלעפּט.

דער זון האָט זיי פאַרגעשטעלט:

„דאָס איז מיין פאָטער, דאָס איז קלאַראַ".

„מיר האָבן אייך שוין לאַנג געוואָלט זען", האָט ער זיך אַ בויג געטאָן צו קלאַראַן און איר דערלאַנגט די האַנט. „מיין זון האָט אַ פיינעם גע־שמאַק. ער ווייסט שוין גאָר וואָס אויסצוקלייבן... כ'מיין, ס'איז גאָר קיין פראַגע ניט... נו, לאָמיר זיצן. היינט איז געוועזן אַביסל אַ היץ, און ווייל ס'איז אַזוי הייס איז אַריינגעקומען מער ביזנעס ווי שטענדיק..."

דער דאָקטאָר איז פלוצים רויט געוואָרן: אין טאַטנס לאַץ האָט גע־

שטעקט אַ נאָדל מיט אַן עקעלע ווייסן פאָדעם... ער איז געווען ניט ראַזירט, זיינע גרויע האָר ניט פאַרקעמט האָבן זיך געקלעפּט אויפן פאַר־שוויצט שטערן. עפּעס ווי אַ לץ וואָלט אַ כאַפּ געטאָן זיין טאַטן און אים אויסגעשטעלט לעבן קלאַראַס פאָטער, דעם היכן באַליבטן אַריסטאָ־קראַטישן סענאַטאָר, וואָס ס׳וואָלט אים אפילו געפּאַסט צו לויפן פאַר פּרעזידענט...

„די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אַז איר וועט קומען ערשט אין אַ פּאָר שעה אַרום״, האָט זיך בערל פאַרענטפערט.

זיי האָבן אָנגעהויבן עסן שטילערהייט. דאָרעס פּנים איז געווען פאַר־רויטלט, אירע אויגן האָבן געשיינט. דאָס שווייגן איז געפאַלן שווער אויף אַלעמען. ווי לאַנג קאָנען מענטשן זיצן צוזאַמען און שווייגן? דער ביסן בלייבט דאָך שטיין אין האַלדז.

דער דאָקטאָר האָט אָבער מורא געהאַט אָנצוהייבן אַ שמועס, דער טאַטע זאָל זיך ניט צעלאָזן מיט זיין ענגליש...

קלאַראַ האָט זיך געצוואונגען צו עסן, געפּירט דעם לעפל צום מויל ווי אַן איינגעמעניש. דאָרע האָט נעבעך פאַרגעסן צו לייגן די פּאַפּירענע סערוועטקעס צום טיש.

צוליב דער שטילקייט האָט מען געהערט ווי יעדער איינער קייט, אַז מען האָט אַריינגעביסן אין אַ שטיקל סעלערי האָט עס געמאַכט „כראַמק״, אַז ס׳איז אַזש דורכגעגאַנגען אַ סקרוך. די גאָפּל־מעסער האָבן אויך גע־קלונגען.

דאָרע האָט אַ גאַנצע וואָך געפּלאַנעוועט דעם מאָלצייט. נעכט אויפ־געלעגן און געטראַכט ס׳זאָל אַרויסקומען וואָס בעסער און שענער, פאַר־וואָרפן איין פּלאַן נאָכן אַנדערן, ביז זי האָט באַשלאָסן: „סטעיק״. מיט „סטעיק״ וועט זי ניט פאַרשעמט ווערן...

אַז די שטילקייט איז שוין ניט געווען אויסצוהאַלטן, און בערל האָט געפּאַטשט מיט די ליפּן, געכאַפּט, געשלונגען ניט צעקייט, האָט דער דאָק־טאָר זיך אָפּגערופן: „קיינער קאָן ניט אַזוי גוט קאָכן, ווי מיין מאַמע. דו דאַרפסט עסן אירע געפילטע פיש און קניידלעך. קאָנסט זיך לערנען פון איר, קלאַראַ״... ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז עפּעס האָט ער אַרויסגעבולבעט. וואָס הייסט, איך וויל זי מאַכן פאַר אַ קעכין?...

„כאַ! כאַ!״, האָט ער זיך צעלאַכט, כדי אויסצוגלעטן דאָס, וואָס ער האָט נאָר וואָס געזאָגט...

„ווער וויל נאָך ,סטעיק׳?״, האָט דאָרע פאַרגעשלאָגן, „ס׳איז דאָ גע־

בוג, ס׳וועט נאָך בלייבן, דאָס איז דער בעסטער ,סטעיק׳, אַ דאָלאַר מיט אַכציק אַ פונט״...

דער דאָקטאָר האָט באַגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט...

בערל האָט פאַרטראַכט צו זאָגן עפּעס און דאָס אָנגעהויבן איבער־זעצן פון יידיש אויף ענגליש. דערנאָך געמאַכט פּראָבע אין זיך ווי די ענגלישע ווערטער אַרויסצורעדן, ווי אַזוי איינצובייגן די צונג... און באַשלאָסן בעסער צו שווייגן. ס׳האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ פּאַרדרוס, ער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן, און זיך פאַרהאַקט אינמיטן. ס׳האָט אים באַשלאָגן אַ שווייס, ער איז געוואָרן רויט און אין כעס, ניט ווייסנדיק פאַר־וואָס און אויף וועמען...

אַז דער דאָקטאָר מיט קלאַראַן זיינען אַוועק, האָבן טאַטע־מאַמע פריי אָפּגעאָטעמט, געבליבן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און זיך פאַרטראַכט. דאָרע האָט געקוקט אויף די געבליבענע שפּייז אין די טעלער, און אירע ציטערדיקע ליפּן האָבן עפּעס געשטאַמלט...

בערל האָט אָנגעהויבן איינדרימלען...

***

וואָס טיפער ס׳איז געוואָרן דער שניט מיטן זון, דעם דאָקטאָר, אַלץ מער האָבן זיי זיך אָנגעהויבן דערנעענטערן צו דער טאָכטער מיטן איי־דעם, כאָטש צווישן זיי איז אויך געווען אַ ריס, וואָס האָט זיך ניט גע־לאָזט אַזוי שנעל גאַנץ מאַכן. זיי האָבן זיך לאַנג געברוגזט, וואָס די טאָכ־טער האָט חתונה געהאַט קעגן זייער ווילן מיט אַ שאַפּ־אַרבעטער, אַ פּרעַ־סער און אויפגעגעבן דעם קאָלעדזש. דער מאַן אירער הייסט משה, און רעדט יידיש מיט אַן ענגלישן אַקצענט. זיינע עלטערן, קלאָוקמאַכער, קול־טורעלע מענטשן, האָבן אים געשיקט אין אַ יידישער שול. די פריינט זיינע, וואָס קענען ניט קיין יידיש, רופן אים — מויש. און כאָטש אַ פּראָסטער אַרבעטער, ווי בערל זאָגט, לייענט ער אָבער ביכער, און האַלט רעדעס אויף פאַרזאַמלונגען פון זיין יוניאָן.

אַ שטיק צייט האָט האָט אָנגעהאַלטן די אומצופרידנקייט פון די עלטערן מיט דער טאָכטער און דעם איידעם, נאָר ווען דאָס ערשטע קינד, אַ ייִנגעלע, איז געבוירן געוואָרן, זיינען זיי געקומען זיך איבערבעטן און זיך געפרייט מיטן אייניקל. משה האָט זיי אויפגענומען זייער פריינטלעך, גע־האָלפן דערלאַנגען טיי צום טיש. פאַרן אַוועקגיין האָט די טאָכטער ניט צו שטאַרק געבעטן זיי זאָלן נאָך אַמאָל קומען, אָבער משה, פאַרקערט, האָט זיי אָנגעזאָגט, אויף פּראָסט יידיש, זיי זאָלן ניט זיין קיין געסט...

אָט דער משה, טראַכט בערל, איז טאַקע ניט קיין קאַלעדזש־מאַן, אָבער גאַר אַ וואוילער מענטש, אַ נאַענטער, אַן אייגענער. צו אים דאַרף מען ניט פאַררייסן דעם קאָפּ. מיט אים פילט מען זיך פריי און היימיש, און מיט אים האָט ער זיך עס געוואָרפן, געחלומט פון דאָקטוירים, לאָיערס, פּראָפעסיאָנאַלן. „מיינע קינדער וועל איך שוין מאַכן פאַר מענטשן, זיי וועלן שוין ניט ליגן אין די שעפּער, ווי זייער טאַטע", פלעגט בערל זיך באַרימען פאַר דאָרען, און געפילט אַז ער וואַקסט מיט דעם אויס אין אירע אויגן... נו, איז דער זון געוואָרן אַ דאָקטאָר, און זיי האָבן אים פאַרלוירן. געקראָגן אַ רייכע כלה פון די הויכע פענצטער; איצט ווערגט ער זיך מיט די עלטערן. דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען פון דעם סאָרט מענטשן, וואָס פאַרשוואַרצן אים דאָס פּנים... אַ בלינדער קאָן זען, אַז ער שעמט זיך מיט זיי. ער, בערל, ווייסט דאָס אים נאָך זאָגן אַמאָל גלייך אין די אויגן אַריין, דעם גרויסן מענטשן, דעם דאָקטאָר... און פריער וועט ער זיך ניט קילן דאָס האַרץ ביז ער וועט אים ניט דערלאַנגען עטלעכע הילכיקע פעטש... און אויס, ער האָט ניט מער קיין זון, עלעהיי ער איז געשטאָרבן...

אין אַ פאָר וואָכן אַרום נאָך יענעם וויזיט האָבן זיי דערהאַלטן אַ פּאָסט־קאַרטל פון זון, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן מיט קלאַראַן פאַר אַ „האָני־מון". זיי האָבן אַרויסגענומען „לייסנס" און ניט געפּראַוועט קיין צערע־מאָניעלע חתונה. ביידע לאָזן גריסן די עלטערן, און האָפן זיי צו זען...

„שוין, אַזוי שנעל?", האָט זיך דאָרע געטומלט, געפרייט זיך און געוויינט. „מילא", האָט זי געמאַכט שלום ביי זיך, „איז אָן אַ חופּה, אָן די עלטערנס אונטערפירן. היינטיקע ציטן, מען נעמט אַרויס ,לייסנס' און שוין. אַבי די קינדער האָבן זיך ליב און זיינען גליקלעך".

ס'איז געווען אַ גרויער האַרבסטיקער טאָג. קאַלטע ווינטן האָבן מיט צאָרן געפּליקט די בלעטער פון די ביימער און אָנגעזאָגט שניי. כאָטש די נאַכט איז פריי צוגעפאַלן האָט זיך בערלען אויסגעוויזן, אַז דער טאָג האָט זיך זייער לאַנג געצויגן. אינמיטן דער וואָך, ווען ער איז פאַרטאָן, פאַר־האַרעוועט אין זיין „קלינינג־סטאָר", לויפט די צייט אַוועק איידער ער קוקט זיך אַרום. זונטיק אָבער, ווען ער רוט זיך אָפּ, ציען זיך די שעהן ווי יאָרן. פריהאָוט ער לייענען אַ צייטונג, ווערט ער באַלד שלעפעריק. ער האָט אָבער מורא צו שלאָפן בייטאָג, ווייל וואָס וועט ער טאָן ביינאַכט? ער וועט זיך דאַרפן וואַרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער און אויפשטיין אַ ניט אויסגערוטער צו דער אַרבעט. און איצט,אַז ס'איז צוגעפאַלן

די נאַכט, האָבן אים אַ פּאַק געטאָן בייזע געדאַנקען, ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג געוואַרט אויף אַזאַ געלעגנהייט, און אים גענומען ווידער אַמאָל רייצן קעגן דעם זון... פאַרגעוואָרפן, אַז ער האָט שלעכט געהאַנדלט קעגן דער טאַכטער און דעם איידעם, אַז ער מיט דאָרען האָבן ניט גוט אויס־געשפּילט, אויף דער עלטער געבליבן אַליין, אַליין...

אַ קלונג אין טיר־גלעקל האָט איבערגעריסן זיינע געדאַנקען. דאָרע, וואָס האָט געדרימלט איבער איר שטריקן, איז אויפגעשפּרונגען און גע־לאָפן עפענען. בערל האָט זיך אויך אַ לאָז געטאָן, נאָר זי האָט פאַרכאַפּט די קליאַמקע... אין טיר זיינען געשטאַנען די טאָכטער, משה, איר מאַן, און דאָס איניקל, אַ יינגעלע פון אַ יאָר פינף. דאָרע האָט אַ געשריי געטאָן פון פרייד און געכאַפּט קושן דאָס קינד, די טאָכטער, דעם איידעם... בערל האָט ניט געוואוסט פון איבעררראַשונג און פרייד וואָס צו טאָן.

„איר זיצט גאָר אין דער פינצטער?", האָט משהס יונג פריילעך קול אַ זינג געטאָן.

די עלעקטרישע ליכט האָט באַלד אַ בלענד געטאָן אין די אויגן.

„זיצט, זיצט!", האָט בערל ברייט פאַרבעטן, מיט אַ פריידיקן ציטער אין קול.

„אפשר וועט איר עפּעס עסן?"

„מיר האָבן נאָר וואָס אָפּגעגעסן.

בערל האָט געגלעט דאָס איניקל איבערן בלאָנד געלאָקטן קאָפּ און געטראַכט: צווי טראָפּנס וואַסער — דער טאַטע. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף משהן און אים באַוואונדערט: הויך, אַטלעטיש, בלויע אויגן מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר. אַן אַמעריקאַנער געבוירענער און רעדט יידיש, הייסט משה, אַרבעט אין אַ קליידער־שאָפּ אַלס פּרעסער, און האַלט רעדעס אויף יוניאָן־פאַרזאַמלונגען... ער האָט אים פאַרגליכן צו די אַמאָליקע גרינע יידישע פּרעסערס, וואָס האָבן געבלאָזן אין די קוילן־אייזנס אַריין, און געטראַכט, אַז דאָס איז אַ נייער מענטש, פון אַ נייער וועלט...

אַז אַלע זיינען שוין געזעסן, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, אויסגעטוישט זיך מיט די ערשטע ווערטער, האָט די טאָכטער עפּעס געזאָגט דעם יינגל אויפן אויער, וואָס האָט זיך אַביסל פאַרשעמט. ער האָט געהאַלטן צוויי פּעקלעך מיט קאָלירטע סטענגעס אין די הענט און געזונגען צום זיידן:

„העפּי בוירטדעי טו יו, העפּי בוירטדעי, דיר גרענפּאַ, העפּי בוירט־דעי טו יו".

„אוי, ס'איז דאָך היינט דיין געבורטסטאָג!", האָט דאָרע אַ פּאַטש

געטאָן מיט די הענט, — „אַ געזונט אויף מיינע קינדער, ווי זיי געדענקען דאָס".

דאָס אייניקל האָט דערלאַנגט דעם זיידן די צוויי פּעקלעך.

אין איין פּעקל איז געלעגן אַ זיידענער שניפּס, מיט אַ קאַרטל און אַ ווינטשעוואַניע פון דער טאָכטער. אין צווייטן פּעקל אַ באַנד פון שלום עליכם, מיט אַ קאַרטל, אונטערגעשריבן פון אײדעם. בערל האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך שיער ניט צעוויינט. ער האָט אָנגעגאָסן פאַר זיך מיטן אײדעם צוויי גלעזלעך ווייַן. זיין צונג האָט זיך אויפגעבונדן, און ס'האָט אַ פלייץ געטאָן פון אים אַ שטראָם האַרציקע פריידיקע רייד...

ס׳וועט פלאַצן

„׳סעי׳, עלעקס!״, שרייט חיים לאסנער אַריבער צום אָפּערעיטאָר קעגן זיין מאַשין, „מיין ווייב וויל איך זאָל ווערן אַ לענדלאָרד!״

„וואָסי, ס׳פּאַסט דיר ניט?״...

„זי טענהט, אַז מיט די ,רענט׳, וואָס מיר האָבן אָנגעצאָלט ביז איצט, וואָלטן מיר שוין געקענט האָבן אויסגעצאָלט אַן אייגן הויז״.

„אַזאַ יאָר אויף מיר ווי גערעכט זי איז״.

„ווען איז אַ פרוי ניט גערעכט?״

„זאָלסטו טאַקע וויסן, אַז זי האָט מער שכל פון דיר. דו וועסט אַזוי לאַנג צאָלן רענט, ביז מען וועט דיך אַרויסוואַרפן פון דער דירה... אַז איך בין געקומען קיין לאָס־אַנדזשעלעס, האָב איך מיט דער נאָז די ערד גע־קאָפּעט, און געזען קומען צו אַ שטיקל הייזקע. פאַרוואָס אָנשטאָפּן דעם לענדלאָרד?״

„ס׳איז גוט צו קויפן אַ הויז, אַז מען האָט ,קעש׳. קויפסטו מיט אַ גרויסן ,מאָרטגעדזש׳ — עסט דיך אויף דער פּראָצענט״.

„אַוודאי איז גוט אַז מען האָט ,קעש׳, גרויסער צעליגער מיינער. דו ווייסט דאָך אָבער, ווי מען זאָגט: ,אַז מען קאָן ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער׳.״

„קאָן מען דאָך וואַרטן ביז מען זאַמלט אָן די ,קעש׳...״

„ווען, נאָכן טויט?... און דערווייל שטאָפּסטו אָן דעם לענדלאָרד. נאָר דאָס איז שוין ניט פאַר דיין אָפּערעיטאָרישן קאָפּ...״

חיים לאסנער שמייכלט אין געניי אַריין... טראַכט זיך אַריין וועגן הויז:

ער שטייט אין בלויע הויזן, נאַקעט ביזן גאַרטל, און פלאַנצט בלומען אין זיין גאָרטן, גראָבט די ערד און פאַרזייט גרינס. ער איז פאַר־ברוינט פון דער זון. זיינע מוסקולן פון די הענט ווערן פאַרהאַרטעוועט. די פרישע לופט, די פיזישע אַרבעט שטאַרקן אים, שטעלן אים אויף די פיס. ער ווערט אַ נייער מענטש. ער גייט גלייך און שטאַרצט אַרויס דעם ברוסטקאַסטן. שכנים גייען פאַרביי, און שטעלן זיך אָפּ באַטראַכטן ווי שיין זיין גאָרטן איז, באַוואונדערן די בלומען, לויבן זיין פיגנבוים. אסתר,

זיין ווייב, באַרימט זיך מיט אים: דאָס האָט ער אַליין פאַרזייט, און ער איז קיינמאָל קיין גערטנער ניט געווען...

„דו ווייסט נאָך וואָס?“, שרייט ער ווי ער אַריבער צו עלעקסן, „זי וויל איך זאָל קויפן אַ ‚דובליק‘ מיט אַ שטיקל ‚אינקאָם‘, וואָס זאָל העלפן אויסצאָלן ס׳הויז“.

„אַזאַ יאָר אויף מיר ווי גערעכט זי איז. זי האָט מער שכל פון דיר. כ׳זע שוין, אַז דו וועסט מיט איר ניט פאַרפאַלן ווערן... זאָג מיר נאָר, ווי קומט צו דיר אַזאַ פרוי? אַ טריף־מזל דאָס האָט!...“

חיים שמייכלט... און דערנאָך פאַרטראַכט ער זיך גאַנץ ערנסט, אַז די יאָרן שטייען טאַקע ניט, מען ווערט עלטער. ווי לאַנג וועט מען נאָך קענען אַרבעטן? וואָלט מען זיך טאַקע באַדאַרפט באַזאָרגן מיט אַן אייגן ווינקל, וואו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן. פון דער אַנדער זייט אָבער, איז אַ ריזיקע איצט צו קויפן. די פרייזן זיינען אַזוי הויך אַרויפגעשרויפט געוואָרן, אַז ס׳וועט מוזן פּלאַצן. פאַרן מינדסטן שטיקל „הייזקע“ הייסט מען זיך אָנשיטן גאָלד. פאַרוואָס ניט צואוואַרטן ביז די משוגעת וועט זיך איינשטעלן און ס׳וועט ווערן צוריק נאָרמאַל?... איצט ברענט, זאָל איבערברענען, ווייל אַז ס׳וועט אָנהויבן פאַלן, וועט מען פאַרלירן די קעפּ...

פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, איז חיים געלאָפן אונטערן גוס־רעגן צום טראַם. שוין אַ וואָך צייט ווי ס׳האַלט אין איין גיסן. אַ פוילע, נאַסע קעלט דרינגט דורך די קליידער אין לייב אַריין, קריכט אין בלוט אַריין. דער הימל איז אויסגעלאָשן און זעט אויס ווי אַ שוואַרצער אָפּגרונט, די שטאָט איז פאַרפלייצט, אויטאָמאָבילן „שווימען“ אין וואַסער, און מאַכן פאָנטאַנען מיט די רעדער.

„אַ מבול אינדרויסן“, האָט חיים געטרייסלט פון זיך דעם רעגן, שטייענדיק אין דער אָפענער טיר, „מען קאָן אַ גאַס ניט דורכגיין, מען שווימט“.

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די נאַסע קליידער, אָנגעטאָן אַן אַנדער רעקל, און געשטעלט די אויסגעווייקטע שיך צו טריקענען ביים גאַז־אייוועלע:

„אַ מין פאַרגיסעניש. מען זאָגט, אַז דאָס וואַסער האָט ערגעץ דורכגעבראָכן אַ דאַמבע, און פאַרפלייצט אַ שטעטל, וואָס ליגט אין אַ טאָל. מענטשן האָבן זיך פאַרקליבן אויף די דעכער, אַנדערע האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין שיפלעך.

„יאָ, כ׳האָב דאָס טאַקע פריער געהערט אויף דער ראַדיאָ“, — האָט זיין

פרוי געזאָגט, גרייטנדיק צום טיש.

חיים האָט זיך געזעצט עסן. די ערשטע זאַך האָט ער געמאַכט אַ שנאַפּס. „אַ פּאַרגיסענייש", האָט ער גאַרניט געקענט פּאַרגעסן, און זיך געקוויקט מיט דער טרוקענער וואַרעמקייט אין הויז. דער שנאַפּס האָט אַ רייץ געטאָן זיין אַפּעטיט, און ער האָט אָנגעהויבן כאַפּן דאָס עסן, ווי עמיצער וואָלט אים געיאָגט. די ראַדיאָ האָט, ווי שטענדיק, אויסגעהודיעט אויף הויכע טענער אַ געמיש פון דזשעז, אַדווערטייזמענטס און מאָרד־געשיכטעס, געבראַזגעט ווי אַ שדים־קאַפּעליע. פאַרמאַכן די ראַדיאָ טאָר מען ניט. דער זון און די טאָכטער הויבן־אויף אַ געוואַלד, ווי מען וואָלט ביי זיי דעם אָטעם אָפּגעהאַקט. רעדט מען ניט אין הויז, נאָר מען שרייט אַריבערצושרייען די ראַדיאָ.

דער זון, על, האָט בלינד געפירט דעם לעפל צום מויל, און געהאַלטן דעם קאָפּ איינגעגראָבן אין דעם ספּאָרט־אָפּטייל פון דער צייטונג. די טאָכ־טער ביטריס האָט ניט איינגעהאַלטן די פיס אונטערן טיש, וואָס די דזשעז־טענער האָבן גערייצט צום טאַנצן.

„איינמיטן עסן מוזטו לייענען?", האָט אסתר פאַרגעוואָרפן דעם זון, „ס'‚פייפער' וועט דיר אַנטלויפן?"

„לאָז מיך צורו", האָט ער געברומט מיט אַ רוי, הייזעריק קול.

חיים האָט נאָכן עסן לויז געמאַכט דעם פּאַסיק און אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג. ער האָט זיך שוין ווידער איבערגעגעסן. מיט האַלב־פאַר־מאַכטע אויגן האָט ער געבלאָנדזשעט אויף די „קעפּלעך" ביז די אותיות האָבן זיך אָנגעהויבן אויסמישן און צוזאַמענגיסן. די שויבן האָבן געצי־טערט פונעם רעגן, וואָס איז איצט געפאַלן האַסטיקער, און זיך געגאַרגלט אין די וואַסער־רערן דערמאָנענדיק ווי איינער אַרבעט מיטן האַלדז ווען ער טרינקט זיך. חיימס קאָפּ איז שוין געלעגן אויפן לינקן אַקסל, די צײַ־טונג אויף דער ערד.

„די מיסעס בערנשטיין האָט מיר היינט געזאָגט, אַז עס מאַכט זיך צו קויפן אַ הויז, וואָס איז ווערט דאָס געלט", האָט אסתר אַריינגערעדט פון קיך צו חיימען, וואַשנדיק דאָס געפעס. „ס'איז ניט קיין גאָר אַלט הויז, און ס'האָט אַ „בעיסמענט" מיט אַ פונדאַמענט. ס'איז אויך דאָ אַ „קאַר־לייך" און אַ גרויסן „מאַרקעט". די פעלדמאַנס האָבן געהאַלטן ביי קויפן אַ הויז, און זיך אַזוי לאַנג געקליבן, ביז אימעצער האָט דאָס אויסגעדונ־גען... איצט רייסן זיי די הויט פון זיך, ווייל יענער האָט דאָס באַלד פאַר־

קויפט מיט אַ סך פּראָפיט... ס'ווערט יעדן טאָג טייערער, דערפאַר דאַרף מען וואָס פריער קויפן. די וואָס קויפן היינט פאַרדריסט זיי, וואָס זיי האָבן ניט געקויפט נעכטן, און די וואָס האָבן געקויפט מיט אַ יאָר־צוויי צוריק זיינען רייך געוואָרן...״

אין לייכטן דרימל האָט זיך חיימען אויסגעוויזן, אַז פון איר מויל פליען צו אים בייזע פליגן, וואָס זשומען אים אין די אויערן אַריין: „קויפן", „קויפן", „קויפן", „פאַרקויפן"...

ער האָט זיי מיט דער פאַרשלאָפענער האַנט געטריבן פון זיך, און קוים געקענט אַרויסברענגען די ווערטער: „ס'וועט פּלאַצן"...

אינדערפרי, ווען ער איז אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט, האָט די זון העל געשיינט; פייגל האָבן געטאַנצט מיט געזאַנג אויף די ביימער. דאָס גראָז אַרום די הייזער איז געווען גרין און זאַפטיק; די בלומען האָבן זיך צעעפנט און פאַרשייט געלאַכט צו דער זון. דער קאַליפאָרניער ווינ־טער: אָט געוויינט — און שוין אַ שמייכל.

חיים איז געפאָרן צו דער אַרבעט. דער „באָס" דרייט זיך, טאַנצט ווי אַ פילקע, און די געדאַנקען ביי אים אין קאָפ דרייען זיך מיט: דער זון, על, איז אים ווי ניט געוואָרן אונטער די הענט... און וואָס איז ער שולדיק? ער האָט געטאָן זיינס, געשיקט אים אין אַ „היברו־סקול" — זאָל ער וויסן, אַז ער איז אַ ייד. דערנאָך, געמאַכט אַ שיינע בר־מצווה. דער רבי האָט אים אויסגעלערנט אַ „ספּיטש". ער האָט דאָס דעמאָלט גע־שוויצט, געוואָרגן זיך מיט דער צונג; די אויגן זיינען אים פון קאָפּ אַרויסגעקראָכן. נאָר וואָס קאָן מען פאַרלאַנגען? פּאַרט אַן אַמעריקאַנער באָי. ער איז אָבער זייער גוט אין „אַטלעטיקס". אַזוי איז ער אַ פאַרשוין, אַ ברכה צו מאַכן: גרויסע הענט, שווערע, מיט מוסקולן, וואָס שטאַרצן אַרויס פון די אַרבל. ס'פּנים פאַרפלאַמט, ס'קול הייזעריק. רופט אים „פּאָפּ", קלאַפּט אים אויף דער פּלייצע, ווען ער דאַרף געלט. זיי קוקן זיך אָן פאַרשעמט ווי פרעמדע און געפינען זיך אין אַ פאַרלעגנהייט... וואו ער קריגט אַ דאָלער, שטעלט ער אויף די פערד־„רעיסעס". וויפל ער פאַרדינט, זינקט ער אַהין אַריין. איז שטענדיק געבראָכן, און מען דאַרף זיך היטן פאַר אים: ס'האָט שוין עטלעכע מאָל געפעלט געלט אין הויז... די מאַמע וויינט זיך אויס די אויגן, האָט מורא ער זאָל ניט ווערן אַ גנב אָדער אַ גענגסטער. די טאָכטער, ביטריס, איז אַ וואויל קינד, צופּט זיך שטענדיק די ברעמען, און דרייט מעכאַניש אַ לאָק...

***

די שויבן פון די פענצטער אין שאַפּ זיינען געווען פאַרשמירט פון רעגן און שטויב, און דורכגעלאָזט צעבראָכענע שטיקלעך זון, וואָס האָבן זיך ווי באַזילבערטע פלאַטערלעך אָפּגעשטעלט אויף די טונקל־גרויע ווענט.

אַז די מאַשינען האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען, האָט מען באַמערקט, דער אָפּערעיטאָר, עלעקס, איז ניטאָ.

„וואָס איז דער מער מיט עליקסן?", האָט איינער געפרעגט.

„די יידענע לאָזט אים ניט אַרויס...", האָט זיך אַ צווייטער געוויצלט.

אַ מיידל איז אַריינגעקומען פון אָפּיס און עפּעס איינגערוימט דעם פאָרמאַן.

ס'האָט זיך באַלד צעטראָגן איבערן שאַפּ: עלעקס איז נעכטן ביי־נאַכט געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק. דאָס איז געשען אַזוי אומגעריכט, ווי איינער וואָס גייט און פאַלט. עליקס איז געווען דער שנעלסטער אָפּע־רעיטאָר, אַ שווערער אַרבעטער, אַן „איינרייסער", זיך ניט פאַרגונען ס'לעבן, כאָטש ער האָט שוין געהאַט אַן אייגן אויסגעצאָלט הויז, און דאָ מיט איין מאָל — נאָ!

„עליקס געשטאָרבן? ס'גלויבט זיך ניט. כ'האָב דאָך ערשט נעכטן גערעדט צו אים", איז איינער אַרויס מיט אַ טענה.

„אַז מען זאָגט געשטאָרבן — זאָלסטו גלויבן!", האָט אים אַ צווייטער פאַרזיכערט.

„אוי, ווי דער מענטש איז פאַרנאַרט!", האָט אַן אָפּערעיטאָר גע־רעדט ווי צו זיך, „מען רייסט־איין אַ וועלט און וואָס?..."

„זיין ווייב וועט איצט זיין אַ רייכע אלמנה.

„וועט נאָך קריגן אַ יונגן מאַן".

„אַז אַן אָפּערעיטאָר ווערט געבוירן, גיט מען אים אַ צאָל „ספּולס"־פאָדים אויסצוניייען, וואָס שנעלער ער נייט זיי אויס — אַלץ שנעלער גייט ער..."

חיימען האָט שטאַרק געטראָפן עליקסעס טויט. אָט האָט ער אים ערשט צוגערעדט קויפן אַ הויז, אויסגערעכנט, אַז ס'לוינט ניט צו צאָלן קיין דירה־געלט... און שוין!

אין אָוונט, איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט איינצודרעמלען, האָט זיך אסתר אָנגערופן צו אים:

„כ'האָב דיר נעכטן אָנגעהויבן דערציילן פון דעם הויז, וואָס מאַכט זיך צו קויפן — ביסטו איינגעשלאָפן.

„וואָסער הויז?"

„דער ,דובליק'. אין איין אַפּאַרטמענט וואוינט אַ ,טענענט', וואָס צאָלט פּופציק דאָלער אַ חודש. ס'איז אַ שטאַרקע הויז מיט אַ פונדאַמענט, מיט אַ ,בעיסמענט'... נאָענט צו אַ סטריט־קאַר און אַ מאַרקעט", האָט זי געפּלאָטערט.

„כ'וויס ניט צוליב וואָס מען מוז זיך דאָס באַוואָרענען מיט אַ הויז... נעכטן איז געשטאָרבן אַן אָפּעריעטאָר פון אונדזער שאַפּ, וואָס האָט געהאַט עטלעכע הייזער. איינגעריסן אַ וועלט. ער איז געווען דאָס שנעלסטע פערד, געיאָגט דעם גאַנצן שאַפּ. זיין מאַשין האָט ער קיינמאָל ניט געלאָזט זיך אָפּשטעלן — ביז זי האָט אים אָפּגעשטעלט..."

„מענטשן שטאַרבן סיי ווי, צי זיי אַרבעטן שווער, אָדער לייכט, ווי לאַנג מען לעבט דאַרף מען ניט טראַכטן פון טויט, און זיך באַוואָרענען מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ.

„נו, האָסטו דאָך אַ דאַך".

„ס'ניט מיין דאַך, ס'איז דעם לענדלאָרדס, ער ברענט מיר די טריט, וואַרפט מיר פאָר, אַז איך נוץ צופיל וואַסער. ער האָט, זאָגט ער, גרויסע וואַסער־„בילס", און ער קלייבט זיך שוין העכערן די ,רענט'."

„איך זע אָבער ניט איין, אַז איצט איז די צייט צו קויפן אַ הויז, ווען די פרייזן זיינען אַזוי הויך אַרויף. אַז אַ פּראָסט כאַפּט צו שטאַרק, מוז ער פּלאַצן".

„ס'פּלאַצט נאָך ניט אַזוי שנעל... פאַרקערט, הייזער ווערן טייע־רער. מענטשן קויפן — און פאַרקויפן מיט פּראָפיט; אַנדערע ווערן רייך איבער נאַכט. נאָר וואָס איז דאָ מיט דיר צו ריידן? דו ווייסט נאָר איין זאַך: שאַפּ!"

חיימען האָט דאָס אַ ברען געטאָן:

„ווען ניט דער שאַפּ, וואָלסטו ניט געהאַט צו עסן".

„איך פאַרדין מיר מיין עסן", איז אסתר אויך געוואָרן אָנגעצונדן. „איך בין דיר אַ דינסט, און אַ קעכין, און אַ ווייב!..."

די רייד האָבן זיך אָנגעגליט צווישן זיי. די קינדער האָבן געהאַלטן מיט דער מאַמען, אַז מען דאַרף קויפן אַ הויז. חיים איז געשטאַנען ביי זיינס — איך וועל ניט שפּעקולירן מיט מיינע פאַרהאָרעוועטע פאָר דאָ־לער. די פרייזן זיינען אַרויף צו הויך, זיי זאָלן אָנהאַלטן. ס'איז ווילד, ס'וועט מוזן פּלאַצן!

„דו וועסט שוין אייביק ליגן ביי יענעם. ביסט ניט קיין ביזנעסמאַן, האָסט ניט קיין בלוט..."

„פאַרוואָס האָסטו זיך ניט גענומען אַ ביזנעסמאַן? ווער האָט דיך ניט געלאָזט?"

„ווייל מיר איז באַשערט געווען באַגראָבן צו ווערן!"

„קענסט זיך נאָך אויסגראָבן, קענסט נאָך נעמען אַ ביזנעסמאַן!"

„עצות וועל איך פרעגן ביי קליגערע פון דיר...און סטראַשע מיך ניט — כ'האָב ביי דיר גאָרניט אָנצואווערן. צייט איך האָב דיך דערקענט מאַטער איך זיך. מיין לעבן איז וויסט און פינצטער. כ'האָב נאָך ביי דיר קיין איין גוטע מינוט ניט געהאַט!..."

אירע רייד האָבן אויפגעריסן אין אים. ער איז אויפגעשפרונגען פון אָרט. ס'האָט אַ רעגן געטאָן צווישן זיי מיט שאַרפע גיפטיקע ווערטער. איינער האָט געשריגן העכער פון צווייטן. אירע אויגן האָבן געבליצט מיט גרינע פייערלעך פון האַס. זי האָט זיך פאַרשפיליעט די אויבערשטע צוויי קנעפּלעך פון דער בלוזקע, וואָס האָט צופיל אַרויסגעוויזן איר בוזעם... פאַרדעקט זיך פאַר אים, ווי פאַר אַ פרעמדן... איר קול איז געוואָרן פאַרשטיקט, פּיענע איז אַרויס אויף אירע ליפּן. די איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, אָן אָטעם, ווי אַ שטריק וואָלט פאַרצויגן איר האַלדז. די קינדער האָבן זי געטרייסלט: „מאַמע! מאַמע!"... חיים איז געוואָרן בלייך. מען האָט זי אָוועקגעלייגט אויף דער סאָפע. ראַנגלענדיק זיך פאַר לופט, האָט זי געוואָרפן מיטן קאָפּ, ביז די ספּאַזמעס האָבן זיך אַרויסגעריסן דורך איר האַלדז.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. אסתר איז געלעגן אין בעט, און ניט געקענט איינשלאָפן. געוואָרפן זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער: זי האָט ניט געזאָגט חיימען, אַז זי האָט געליען ערגעץ הונדערט דאָלער און געגעבן „דעפּאָזיט" פאַרן הויז... און דער ביטערער עקשן האָט זיך אַריינגעהאַקט אין קאָפּ אַריין: איינמאָל — ביין! — וואָס וועט זי איצטער טאָן? דער „דעפּאָזיט" וועט פאַרלוירן גיין. הונדערט בלוטיקע דאָלערס. דער קאָפּ האָט זיך איר געשפּאָלטן.

אַז חיים איז אינדערפרי אָוועק צו דער אַרבעט, האָט זי זיך שנעל אָנגעטאָן, גענומען אַ מאַראַנץ, צו דערכאַפּן ס'האַרץ, געוואָלט וואָס גיכער זיין ביים ריעל־עסטעיט־מאַן, אָפּנעמען ס'האַנט־געלט.

דער דרויסן האָט איר אַרומגענומען, ווי אַ באַס, קאַלט העמד אויפן לייב. מענטשן האָבן זיך פאַרבייגעצייַלט, מיט אַריינגעצויגענע קעפּ צווישן די אַקסלען, און אויפגעשטעלטע קאָלנערס. פונעם רעגן, וואָס האָט ווידער געגאָסן אַ גאַנצע נאַכט, האָבן די טונקעלע הייזער אויסגעזען ווי מען

וואָלט זי אַרויסגעשלעפּט פון אַ טייך. גרינע, שילמל־קאָלירטע צאַפּנס זייַ־נען געווען איינגעגעסן אין די ווענט. אַן אַש־גרויער הימל איז נידעריק געהאַנגען איבער דער שטאָט, וואָס האָט אויסגעזען, אַן דער קאַליפאָרניער זון, ווי אַ פאַרלאָשענער פּלאַנעט.

„אַ גוט־מאָרגן אייך, מיסעס לאסנער!״, האָט זי מיסטער סילווער באַגריסט, „וואָס ברענגט אייך אַזוי פרי, אין אַזאַ וועטער?״, האָט ער גע־קוועטשט די ווערטער מיט אַרויסגעשטאַרצטע ליפּן. ער האָט נאָך ניט געהאַט אָנגעטאָן די ציין. ער איז געשטאַנען אין שלאָף־ראָק, מיט שטעק־שיך און געגלעט דעם פּליך, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ רעמל גרוילעכע האָר.

„מיסטער סילווער, מיין מאַן האָט זיך אַרייַנגעהאַקט אין קאָפּ, אַז פּרייזן אויף הייזער מוזן פאַלן. ער לאָזט מיך ניט קויפן ס׳הויז און איך האָב מורא איינצורייסן מיט אים, ער איז ניט אינגאַנצן קיין געזונטער מענטש. ערליידט מיטן האַרץ. די מינדסטע אויפרעגונג איז פאַר אים סם״.

„טאָ וואָס ווילט איר?״

„כ׳וויל צוריק מיינע הונדערט דאָלער״.

„פאַרוואָס האָט איר מיר ניט געלאָזט וויסן פריער, ווען כ׳האָב גע־האָט אַ געלעגנהייט דאָס הויז צו פאַרקויפן עמעצן אַנדערש?...״

אסתר איז געוואָרן בלאַס:

„איר וועט דאָך ניט פאַרלאַנגען מיינע הונדערט דאָלער? ס׳איז בלוט־טיק געלט. איר זיינט דאָך אַ ייד; איר האָט דאָך אַ יידיש האַרץ״.

„יידישקייט האָט מיט דעם גאָרניט צו טאָן. האַנדלשאַפט איז ניט קיין ברודערשאַפט״, האָט מיסטער סילווער געזופּט פון אַ ווייַן־קאָלירט גלאָז מאַראַנצן־זאַפט. „אַזוי טוט מען ניט קיין ביזנעס. מיט אייער ,דע־פּאָזיט׳ האָט איר מיך פאַרפירט!״

„וואָס הייסט?״, איז אסתרן געוואָרן טרוקן אין מויל, און ס׳האַרץ האָט זיך איר אַ וואָרף געטאָן פון שרעק, „אַפילו לויטן געזעץ קומט דאָך מיר צוריק די הונדערט דאָלער!... און, מיסטער סילווער, ס׳איז געליען געלט! מיין מאַן ווייסט ניט דערפון — וואו וועל איך נעמען אָפּצוגעבן?״

„כ׳האָב מיינע אייגענע דאגות!״

„סיידן אירווילט כ׳זאָל אָנגעבן אויף אייך אין געריכט״.

מיסטער סילווער האָט געטאָן דעם לעצטן זופּ, אוועקגעשטעלט דאָס גלאָז מיט אַ קלאַפּ אויפן טיש, און אַריין אין אַ צווייטן צימער.

אסתר איז אַהיים געגאַנגען אַ נידערגעשלאָגענע. אין קאָפּ איז איר

געוועזן ענג. וואָס טוט מען? דער מיסטער סילווער איז אַ „שאַרק". ס'האַרץ זאָגט איר, אַז די הונדערט דאָלער זיינען פאַרלוירן. זי פילט זיך ווי אַ וואָרף צו טאָן אונטערן ערשטן אויטאָמאָביל, וואָס וועט איר אַקעגנקו־מען. זי טאָר דאָס אָבער ניט טאָן. זי איז אַ מאַמע פון קינדער, האָט אַ טאָכטער אויסצוגעבן. און דער ווייסטער עקשן אירער איז אויך אַ גרויס קינד... אָן איר איז ער פאַרלוירן... זאָל זיך איר דאַכטן, זי האָט פאַר־קרענקט הונדערט דאָלער — וואָלט בעסער געווען?... אַזוי פאַרגינט מען זיך ניט ס'לעבן — און פאַרן טיוּול איז דאָ.

אַ ווייטיק האָט, ווי מיט אַ צוואַנג, פאַרקלעמט איר האַלדז, און טרערן זיינען איר געשטאַנען אין די אויגן. זי האָט זיך געשעמט פאַר דורכגייער און, בגנבה, זיי אָפּגעווישט, כלומרשט פאַרריכטנדיק זיך די האָר.

אַ הויכער בלויער הימל, ווי אַ ריזיק קאָפּל איז געהאַנגען איבער לאָס־אַנדזשעלעס. די לופט איז געווען ווי אויסגעטריקנט. קיין בלעטל פון אַ בוים האָט זיך ניט גערירט. די זון האָט געבלענדט. אין די שטילע, זייטיקע גאַסן, ווייט פון פאַבריק־צענטער, האָט מען געקענט הערן ס'זשו־מען פון אַ טויבס פליגל, ערגעץ גאַנץ הויך.

די הייזער זיינען „געשלאָפן" אויף גראַזיקע טעפּיכער אין די גערטנער מיט פיל־קאָלירטע בלומען, וואָס זיינען געלעגן צעעפנט קעגן דער זון און זיך געלאָזט קושן פון איר. פלאַטערלעך האָבן דורכגעציטערט אין דער מילדער איינשלעפערנדיקער לופט.

אסתר איז געשטאַנען אין דער זוניקער קיך ביים קראַן, און געוואַשן ספינאַטש. זי האָט אַלץ ניט געקענט פטור ווערן פונעם זאַמד, וואָס איז געווען איינגעגעסן אין די בלעטער. זי האָט געדולדיק געלאָזט לויפן ס'וואַסער, אַזוי אַז קיין איין זאַמדעלע זאָל דערנאָך ניט קנאַקן צווישן די ציין. פּלוצים האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אימעצער דרייט זיך אַרום פענצטער, ווי מען וואָלט געטשאַטעוועט אויף איר. שפּעטער האָט זי דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. געעפנט, און דערזען דעם „לענדלאָרד".

„אָ, מיסטער פאַרבער! ס'האָט זיך מיר טאַקע אויסגעוויזן, אַז עמיצער דרייט זיך אַרום פענצטער"...

„כ'האָב געהערט ווי ס'פּלייצט ביי אייך וואַסער, האָב איך געמיינט, אַז אַ רער האָט געפּלאַצט!" — האָט ער מיט בייז־בליציקע אויגן געקוקט אויפן וואַסער, וואָס לויפט פון קראַן.

„כ׳וואַש ספּינאַטש“.

„ס׳פּלייצט דאָך שוין אַ שעה צייט!“

„ס׳איז ניט אמת. כ׳שטיי בלויז עטלעכע מינוט ביים קראַן“.

„איצט איר מיר קלאָר, פאַרוואָס כ׳האָב אַזעלכע געשוואָלענע וואַסער־בילס,“ האָט ער פאַרבראָכן די הענט.

„ספּינאַטש מוז מען גוט אויסוואַשן“.

„ווער הייסט אייך קאָכן ספּינאַטש? מען קאָן לעבן אָן ספּינאַטש!“

„איך פרעג ניט ביי אייך וואָס צו קאָכן, און איך וויל ניט איר זאָלט מיר אַריינקוקן אין די טעפּלעך!“

„אויב איך געפעלט ניט, — קענט איר אייך אַרויסציִען!“

„כ׳וועל זיך אַרויסציִען, ווען איך וועל וועלן“.

„מיסעס, רעדט ניט אַזוי שטייף, איך האָב אויך וואָס צו זאָגן!“

„ווי לאַנג איך צאָל ,רענט׳, האָט איר ניט וואָס צו זאָגן. איר מעגט אייך שעמען אַריינצושטעקן די נאָז אין מיינע טעפּלעך!“

„דאָס וועלן מיר שוין זען!“

„וועלן מיר זען!“

אין לאָס־אַנדזשעלעס איז דאָס אַ לענדלאָרד, האָט אסתר געטראַכט, און געפילט אים נאָכצושפּייען. אויף די אַרבל ביי די עלנבויגנס זיינען אָנגעבייט לעדערנע לאַטעס, זיי זאָלן זיך ניט אויסרייבן. ביינאַכט ליצט ער מיט דער ווייב אין דער פינצטער, איינצושפּאָרן עלעקטריק. אַז ער גייט — שטעלט ער פּאָרזיכטיקע טריט, ניט אויסצורייבן די זוילן. מען זאָגט, ער האָט נאָך עטלעכע הייזער אין אַנדערע שטאָט־טיילן. און דאָס האָט ניט קיין קינד, קיין רינד, צוויי מענטשן, און מען פאַרגינט זיך ניט דאָס לעבן, און מען לאָזט יענעם ניט לעבן. געהערט אַ חוצפּה? — איר זאָגן וואָס צו קאָכן... דערווייל האָט איר געקלאַפּט ס׳האַרץ, און ס׳האָט איר געזעצט אין קאָפּ. זי וועט שוין מוזן נעמען אַספּירינס.

די „בילדינג“ איז געווען צעשפּאָלטן אויף פיר אַפּאַרטמענטס. אין איינעם האָט געוואוינט דער לענדלאָרד — אַ טיר קעגן אַ טיר מיט די לאָס־נערס, און אויפן אויבערשטן שטאָק צוויי פאַמיליעס. דער לענדלאָרד האָט שטענדיק געהאַלט אָנגעשטעלט אַן אויער צום הויז — וואָס גייט־אָן אין זיין „פּראָפּערטי“: וואו ס׳לויפט וואַסער; וואו מען טאַנצט אַרום, אַז מען לייגט אין די „פלאָר“; וואו מען קלאַפּט טשוועקעס אין די ווענט; וואו מען לאַדט־איין אַ סך געסט, און ס׳קומען־פאָר „הוליאַנקעס“.

ער האָט זיך שטענדיק אַרומגעדרייט, און געהאָרכט, און געשנאַפּט,

און געטראַכט, וואָס־מער אַרויסצוציען פון די עטלעכע אינוואַלידן. ביז איינמאָל, האָט זיך באַוויזן אַ נייער לענדלאָרד. דער אַלטער האָט פאַרקויפט מיט אַ גוטן פּראָפיט, האָט דער נייער „געמוזט" העכערן די „רענט".

חיים איז געוואָרן אַן אַנגעצונדענער:

„דאָס איז דאָך שוין אומדערטרעגלעך. וויפל איז דער שיעור צו רייסן די הויט פון עטלעכע אינוואַלידן? זיי ווילן מאַכן אַ גאָלד־מיין פון אַן אַלטער ‚שענטי'? איך גיב ניט קיין סענט מער ‚רענט', כ'צאָל סיי ווי צופיל. זיי זיינען שוין פון זינען אַראָפּ. דער געלט־גייץ האָט זיי משוגע געמאַכט...", האָט ער זיך געקאָכט.

אַ שבת בייטאָג האָט זיך דער נייער לענדלאָרד אַריינגעשטעלט, פריינטלעך באַגריסט, געזאָגט ווער ער איז... און געוואַרט. חיים האָט אים געגעבן די רענט.

„ס'פעלט צען דאָלער!"...

„ס'איז מיט צען דאָלער צופיל פאַר אָט־די לעכער", האָט חיים אַנגעשאַרפט זיינע אויגן אויף אים.

„ס'געפעלט איך ניט — ‚מופּט'!"

חיימען האָט עס אַ ברען געטאָן. ס'בלוט האָט אין אים אָנגעהויבן קאָכן. ער האָט פאַרגעסן, אַז דער דאָקטאָר האָט אים אָנגעזאָגט ניט אויפצורעגן זיך. ער האָט אַ דונער געטאָן, ווי אַ לייב: „אַרויס פון דאַנען!" — ניט דערקענט זיין אייגן קול: „אַרויס!"

אַז דער לענדלאָרד האָט געעפנט אַ מויל אויף אים, האָט אים חיים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָלנער און אַרויסגעוואָרפן. ער האָט געטאָן אַזאַ פאַרהאַק די טיר, אַז די גאַנצע „פּראָפּערטי" האָט געציטערט.

שפּעטער זיינען די אַנדערע צוויי „טענענטס" אַריינגעקומען, אים געקלאַפּט אין פּלייצע:

„געבענטשט זאָלן זיין אייערע הענט!"

„איין פאַר הענט איז ווייניק פאַר זיי", האָט חיים געבורטשעט.

אסתר איז געשטאַנען אַ דערשראָקענע. אַז זי איז געקומען צו זיך, האָט זי באַטראַכט איר חיימען און שטאָלץ געשמייכלט...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער לענדלאָרד אָנגעגעבן וואו מען דאַרף, אַז ער מוז האָבן דעם אַפּאַרטמענט פאַר זיך אַליין. לויטן „געזעץ" האָט מען דאָס, פאַרשטייט זיך, אים באַוויליקט. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט זיך חיים געדאַרפט אַרויסציען, אָדער מ'וועט אים אַרויסשטעלן.

אסתר איז אַרומגעלאָפן זוכן אַ דירה, און אויך אַ טאָפּ געטאָן וועגן

אַ הויז. באַקלאָגט זיך ביינאַכט פאַר חיימען, אַז זי ברעכט שעהטוויז די פּיס, און פאַר דעם געלט, וואָס זיי קענען צאָלן, קריגט מען לעכער. פאַראַן בייע, שיינע הייזער, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן — נאָר ווער קאָן עס צוטרעטן צו זיי? אפילו פאַר ערגערע אַפּאַרטמענטס, ווי דער, וואו זיי וואוינען איצט, הייסט מען זיך אָנשיטן אין זאַק אַריין.

די צייט שטייט ניט. מיט יעדן טאָג דערנענטערן זיי זיך אַרויסגעזעצט צו ווערן. אסתר און די קינדער האָבן ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן איינצאָלן פאַר אַן אייגן הויז... זיי האָבן דערפילט, אַז חיימס ווידערשטאַנד איז געוואָרן שוואַכער. ער האָט ווי אַ שפּיי געטאָן אויף אַלץ.

אסתר איז אין איינעם פון יענע טעג אַוועק צו אַ „לאָנטשען" פון אַ פרויען־„אָוקזילערי", וואו זי האָט באַלאַנגט. דער פּראָפיט איז געגאַנגען פאַר די געליטענע יידן אין אייראָפּע. מען האָט סערווירט בלינצעס מיט קאַווע, און געשפּילט אין קאָרטן. צעהיצטע, אויפגערעגטע פּנימער זיינען געווען איינגעהילט אין רויך פון סיגאַרעטן, וואָס האָט זיך געדרייט איבער זייערע קעפּ ווי גרויע שלאַנגען. מיסעס סילווער, די „ריעל־עסטייטניצע", מיסטער סילווערס פרוי, דער וואָס האָט איר ניט אָפּגעגעבן ס'האַנט־געלט, איז אויך דאָרט געווען. זי האָט פאַרגעסן אָן איר „דייעט" און געשלונגען בלינצעס, די ברילי‍אַנטענע רינגען אויף אירע פינגער זיינען געווען אַריינגעזונקען אין פעטן פלייש. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי וועט זיי קיינמאָל ניט קענען אַרונטערנעמען.

„דער דאָקטאָר האָט מיר געגעבן אַ ,דייעט'," האָט זי גערעדט קייענדיק מיט הנאה, און פּאַטשנדיק מיט די פעטע ליפּן, „נאָר זינט דאָס אומגליק האָט געטראָפן אין יוראָפּ, האָב איך צוגענומען צען פונט. אַז מען האַלט אין איין מאַכן ,לאָנטשעאָנס' מיט ,דינערס'..." אַז זי האָט גערעדט, האָט זיך ביי איר דער גוידער געטרייסלט, ווי אַ טאָרבע פּראָוויאַנט. אירע קליינע, מאַטע אויגן זיינען געווען אַריינגעזונקען אין פליישיקן שטערן, און מיט די פעטע, קורצע פינגער האָט זי שנעל און געניט געטאַשט די קאָרטן.

דערזען אסתרן, האָט זי זיך זיס צעשמייכלט:

„וואָס מאַכט איר, מיסעס לאַסנער? דאַכט זיך, אַז איר האָט פאַרלוירן וואָג — הלוואי אויף מיר געזאָגט געוואָרן. מיר העלפט אפילו ניט קיין פאַסטן... ס'זיינען פאַראַן טעג, וואָס איך לעב איבער, גלויבט מיר — מיט גאָרניט. כ'הונגער — פּשוט, איך הונגער. דאַרף איך דאָך אָנווערן וואָג. ווייס איך וואָס! אַז כ'נעם נאָר אַ ביסן אין מויל אַריין, מאַך

איך אַלץ קאַליע... יאָ, גוט וואָס כ׳האָב זיך דערמאָנט, מיסטער סילווער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל אייך זען״...

***

„זיצט, מיסעס לאסנער״, האָט איר מיסטער סילווער, צומאָרגנס, פריינטלעך אויפגענומען, „הערט זיך איין: דאָס הויז, אויף וועלכן איר האָט געגעבן אַ ,דעפּאָזיט׳, האָב איך שוין פאַרקויפט... קענט איר האָבן אייערע הונדערט דאָלער צוריק. כ׳האָב אָבער איצט אַזאַ הויז צו פאַר־קויפן, וואָס כ׳וואָלט געוואָלט עס זאָל אָנקומען צו אייך...קומט אַהער״, האָט ער זי אַוועקגעפירט אָן אַ זייט, „כ׳וויל ניט זי זאָל הערן״, האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ פרוי, וואָס איז דאָרט געזעסן, „זי לויפט אויפן הויז. כ׳וואָלט אָבער געוואָלט, איר זאָלט עס קויפן״...

ער האָט זי אַוועקגעפירט באַקוקן ס׳הויז. ס׳איז געווען פריש אָפּ־געפאַרבט, אונטערגעשפּאַרט מיט אַ שטיקל צעמענטענעם פונדאַמענט. אַ קליינינקע קיך און גרויסע, הויכע צימערן; אַ גרויסער „לאָט״, מיט גראָז און בלומען אַרום. אסתר האָט זיך דערפרייט מיט דער ברייטקייט, פריי־קייט. זי קאָן מיט איינמאָל אַראָפּטרייסלען די לענדלאָרדס פון זיך. קיי־נער וועט איר ניט קוקן אין טעפּל אַריין, קיינער וועט איר ניט נאָכקריכן.

„כ׳וועל רעדן מיט מיין מאַן״.

ס׳האָט זיך דערנענטערט דער טאָג ווען מען דאַרף זיי אַרויסשטעלן.

זי און די קינדער האָבן ווידער אָנגעהויבן אַריינוואַרפן ווערטער וועגן קויפן אַ הויז, די פרייזן האַלטן אַלץ אין איין שטייגן, אויף וואָס וועט מען וואַרטן?

חיים איז געווען מיד און פאַרביטערט:

„איך מיש מיך שוין ניט, טוט וואָס איר ווילט״.

זי האָט אָפּגערופן סילווערן, אַז זי וועט קומען מיט די קינדער נאָך אַמאָל באַקוקן ס׳הויז און רעדן וועגן אַ פרייז.

אַז אסתר מיט די קינדער זיינען אַריין צו סילווערן אין אָפיס, איז די פרוי, וואָס „לויפט אויפן הויז״, דאָרטן ווידער געזעסן...

נאָך אַ לאַנג דינגעניש, האָבן זיי איינגעצאָלט טויזנט דאָלער מיט אַ טשעק, און אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט.

אָפּגעוואַרט עטלעכע טעג אין נייעם הויז, איז אסתר, אַ פאַרצווייפלטע, געלאָפן צום ריעל־עסטעיט־מאַן:

„די רערן זיינען פאַרזשאַווערט און רינען; ‚טוירמייטס׳ [ווערים וואָס עסן האָלץ] צעפּרעסן דעם פונדאַמענט; ס׳רעגנט אַריין פונעם דאַך... וואו איז יושר, וואו איז מענטשלעכקייט?”, האָט זי, אַ צעוויטיקטע, גע־טענהט.

אַז זי איז אַהיים געקומען, אַ פאַרווייַנטע, האָט איר חיים געטרייסט:

„נאַרעלע, קיין זאַך איז ניט אייביק. ס׳וועט פלאַצן, ס׳וועט מוזן פלאַצן!”

קינדער

די קינדער האָבן חתונה געהאַט, ווי רייפע עפּל אַראָפּגעפאַלן פון בוים, און זיך אַוועקגעקאַלערט אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט.

ווייזט זיך אויס די עלטערן, זינט זיי זיינען געבליבן אַליין, אַז דאָס הויז איז געוואָרן גרעסער און זיי — קלענער. חיים זיצט אין אַ ווינקל פון גרויסן פראָנט־צימער און טראַכט אַריין אין רויך פון סיגאַרעט. אסתר, דאָס ווייב, שטריקט אַ מאַנטעלע פאַרן אייניקל אין אַ צווייטן ווינקל פון צימער. די לאַנגע שווערע יאָרן האָבן זיך אַריינגערוקט צווישן זיי און זיי דערווייטערט...

דאַכט זיך — נעכטן איז דאָס געווען, האָבן געברענט אַלע לאָמפּן, די ראַדיאָ האָט געקלאַפּט „דזשעז", יונגוואַרג, וואָס איז געקומען צו זייערע קינדער, האָבן געטאַנצט, געטומלט, געלאַכט, געקוויטשעט, געשפּילט „קי־סינג־געימס"... איצט איז דאָס אַלץ אָפּגעהאַקט געוואָרן. ס'איז געבליבן פון דעם בלויז אַ ווייטער אָפּקלאַנג. איצט הערט מען דאָס קלאַפּן פון זייגער, וואָס ציילט האַרט און קאַרג די מינוטן און שעהן פון לעבן. דעמאָלט פלעגט אַמאָל פאַלן שווער דער טומל, איצט פייפט די טויט־שטילקייט אין די אויערן, מיט אַ לאַנגן דינעם פייף, וואָס ציט זיך ערגעץ ווייט, ווייט אַוועק.

ס'ברענט איין לאָמפּ אונטער אַ טונקעלן אַבאַזשור. די שאָטנס אויף די ווענט קריכן נאָך די צוויי עלטערע לייט, וואָס לעבן אָפּגעשלאָסן אין זייערע פיר ווענט, און זיינען, אַז די קינדער, ווי אָפּגעהאַקט געוואָרן פון לעבן.

„חיים, וואו ביסטו ערגעץ?"

„אָט דאָ בין איך!"

„פאַרוואָס פאַרקלייבסטו זיך אַזוי ווייט, אַז כ'דאַרף אַריבערשרייען צו דיר? ... וואָס באַהאַלטסטו זיך? ... זינט די קינדער זיינען אַוועק, בין איך געבליבן איינע אַליין ווי אין אַ ווילדעניש. אַ מענטש זאָל זיין אַזאַ מרוק, מען זאָל דאָס הערן פון אים אַמאָל אַ גוט וואָרט, דאָס האַרץ קאָן פּלאַצן... אַמאָליקע יאָרן פלעגט ,דאָס' ביט אָפּטרעטן פון מיר, אייביק

וועט ער מיך ליבן... מניע... ס'האָט די וווערט פון אַן אויסגעבלאָזן איי... מען טאָר גאָרניט דערלעבט אַלט צו ווערן".

„שוין, זי האָט שוין אָנגעהויבן... זי עסט שוין ס'האָרץ... כ'בין דיר שוין גרויס אין די אויגן... שוין לאַנג שטיל געווען?"

„זאָג אַליין, ווי איז דאָס אַ מענטש אַזוי? דרייט זיך אַרום ווי אַ פרעמדער... אַז די קינדער זיינען זיך צעלאָפן, דאַרפסטו אויך אַנטלויפן?!"

„אסתר, דו זוכסט אַן ,אַרגומענט'!"

„גוטע צייטן, אַז איך זוך אַן אַרגומענט... די בענקשאַפט נאָך די קינדער עסט דאָס האַרץ, און אַנשטאָט איך זאָל הערן פון אים אַ גוט וואָרט, קען ער מיך שוין גאָרניט. באַגראָבט דעם קאָפּ אין צייטונג, אָדער קוקט אין רויך פון סיגאַרעט. וואָס זוכסטו דאָרט, דעם נעכטיקן טאָג?"

„אסתר, טשעפּעסט זיך..."

„איך טשעפּע זיך?", ציטערט איר אונטערשטע ליפּ, און זי שטריקט אַריין אַ טרער אין אייניקלס סוועטערל.

אַ ווײַלע זיינען ביידע שטיל. אויף די טונקעלע שויבן הויבן זיך אָן גליטשן רעגן־טראָפּנס און צעפּירן גרויע שטרייפן. ערגעץ וויינט אַ קינד.

„קינדער...", רעדט זי האַלב צו זיך, „זיי זאָלן דאָס אָפּרופן, פרעגן, צי מען לעבט, צי מען איז געשטאָרבן. גאָרניט! ווי זיי וואָלטן אַרויסגעקומען פון אַ שטיין".

„קינדער האָבן זייער אייגן לעבן, מיט זייערע אייגענע צרות", האָט זיך חיים אויפגעהויבן פון דער שטול, „קאָנסט זיי ניט צושמידן צו זיך. אַ פויגל וואַקסט אונטער, פליט ער אויך אַוועק פון נעסט".

„דיר איז גרינג צו רעדן, ביסט אַ קאַלטער מלאך"...

חיים האָט איר ניט געענטפערט. ער האָט געשפּאַנט איבערן צימער מיט שווערע מידע טריט, וואָס האָבן דערציילט פון אַ לאַנגן באַרגיקן וועג, וואָס ער איז שוין אָפּגעגאַנגען. אין „יענע" יאָרן איז ניט געווען קיין צייט, דערמאָנט ער זיך, צו טראַכטן ווי צוצובינדן די קינדער צו זיך. ווען מען האָט געקאָנט איינפאַלן, אַז אייגן בלוט און פלייש וועט ווערן פרעמד און דערווייטערט, ווען זיי וועלן אויפוואַקסן? דער קאָפּ איז געווען פאַרהאַקט מיט מאַכן אַ לעבן, מיט וועלן זיך אַרויסרייסן פון שאָפּ, מיט זוכן אַ ביזנעס, מיט יאָגן זיך נאָך לופט... און דערווייל איז געשטאַנען עפּעס אַ שד הינטער די פּלייצעס און געלאַכט, געטאָן זיין אַרבעט, געריסן ביסלעכווייז, שטיקלעכווייז, ביז ער האָט געטאָן דעם לעצטן ריס... איצט זיינען די קינדער ווייט און פרעמד צו אים. וויפל ער וויל זיך מיט זיי צו־

זאַמענרעדן, צוזאַמענלעבן, בינדט זיך עס ניט. ער טראַכט אָפּט וועגן דער סיבה דערפון, גריבלט זיך אין דעם, נאָר ס'איז צו שפּעט... אין גערעאַנגל פאַר ברויט האָט ער די קינדער פאַרשפּילט, און שולדיק איז ער אַליין... די איינציקע זאַך, וואָס פאַרבינדט נאָך די קינדער מיט זיי איז די „שיסל". מען פאַרבעט זיי אויף וועטשערע, קומען זיי און ברענגען נאָך אַמאָל מיט אַ פריינט מיט זיך, אַן אורח... צו באַווייזן ווי זייער מאַמע קאָן קאָכן. יענער גיט צו, אַז זי קאָן טאַקע. לעצטנס איז דאָס געווען אַ הויכער דאַרער בחור מיט שפּיציקע ביינער, וואָס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט ווי פון אַ זאַק. די גרויסע אויגן זיינע האָבן ווי געשלונגען די מאכלים, און עסן האָט דאָס געקאָנט פאַר דריי! די מאַמע האָט שפּעטער געזאָגט, אַז „אָט דער בחור האָט אַ קישקע אָן אַ דנאָ" און אַז ער האָט מיט די קורצזיכטיקע אויגן דערזען דורך די ברילן, אַז ס'איז שוין גאַרניט געבליבן אַרום אים, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און געזאָגט, אַז ער איז שוין שפּעט צו אַ „פּרייז־פּאַיט", געכאַפּט דעם מאַנטל מיטן הוט און אַנטלאָפן. די קינדער זיינען אויך אַלע מאָל אין איין אייַלעניש, ווי נאָר זיי עסן אָפּ...

אָפט פּרובירט ער מיט זיי פאַרציען ביים עסן אַ שמועס, ברומען זיי מיט אַנגעפּאַקטע מיילער און האָבן ניט קיין צייט אַ קוק צו טאָן אויף אים. בלייבט חיים זיצן ווי אַן אויסגעפּאַטשטער, אַ פאַרשעמטער.

טראַכט ער ביי זיך: פע, ניט שיין! אָפּגעגעסן — אַנטלאָפן, וואָס איז דאָ — רעסטאָראַן? די מאַמע דאַרף זיין זייער קעכין אויף דער על־טער? שלעפּן פּעק מיט די געשוואָלענע פיס, ווייל אַזוי ניט קומט מען ניט!

אין אײדעם האָבן זיי, אַ פאַרזיכערונגס־אַגענט, איז ער דווקא אַ באַרעדעוודיקער, מיט געפּוצטע וואָנצעלעך אויף גראָבע רויטע ליפּן. אויך אַ גוטער עסער. ער קאָן ניט עסן אָן רייד, טאַפּט ביי יעדן איינעם, צי זייערע באַקאַנטע זיינען שוין פאַרזיכערט. אַז ער איז שוין „פול", ווערט אים גוט אויפן האַרץ און ער פאַררויכערט אַ ציגאַר, הויבט אָן טרייבן שפּאַס און רעדט „יידיש": „איך מאָרגן געגאַן שרייבן אַ פּאָליסי". לאַכט מען. אסתר קוועלט אָן. און ווי ער זעט, אַז עס „נעמט אויס", צעקאַליעטשעט ער נאָך מער יידישע ווערטער. פאַר אים פּאַסט עס. אַלע ווייסן דאָך, אַז ער איז אַ „קאָלעדזש"־מאַן... וואָס ערגער ער רעדט יידיש, אַלץ דערהויבענער ווערט ער אין זייערע אויגן. פרייטאָג־צונאַכטס „האָבט אַך ליב קאָלעס מיט פיש". זיין ווייב גיט אים דערפאַר אַ פּעטשל...

חימען קערט פון דעם די גרינע גאַל.

ס׳איז אָבער פּאַרט פרייליך, ווען די קינדער קומען זיך צוזאַמען צו אַ מאָלצייט. ווי מיט יאָרן צוריק זעט דאָס אויס. אַט, ווי מען וואָלט צוריקגעקערט די צייט. אסתרן ווילט זיך אַזש וויינען פאַר פרייד.

אָבער חיים וואָרנט איר:

„אסתר, ווייסט פאַלן פון די פיס! אויב זיי קומען נאָר צוליבן עסן, זאָלן זיי בעסער ניט קומען!... דו רייסט זיך אונטער ס׳געזונט!"

נאָר אסתר הערט אים ניט. וואָס טויג איר ס׳געזונט אָן די קינדער?

ביז זי איז טאַקע איין מאָל איינגעפאַלן. מען האָט געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר.

„וואָס איז איך?"

„כ׳פאַל פון די פיס!"

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין איר האַרץ און געקראָגן אַ שוואַכן ענטפער.

„איר מוזט אַ סך רוען".

„ווי קאָן איך?"

„אַז מען מוז, קאָן מען!"

„זי קאָן, ווען זי זאָל ווערן. זי מוז ניט שלעפּן קיין פּעק פון מאַרק און קאָכן גרויסן טעפּ", האָט איר חיים פאַרמסרט פאַרן דאָקטאָר, וואָס איז געווען אַ פריינט פון דער פאַמיליע. „די קליינע קינדער אירע זיינען שוין גרויס געגוג צו קאָכן פאַר זיך אַליין. מען פאַרבעט אַמאָל די קינדער פאַר אַ מאָלצייט, אַלרייט, זי אָבער וואָלט געשטאַנען טאָג און נאַכט און געקאָכט פאַר זיי... זי מיינט, אַז זי וועט זיי אָנפּאַקן די מאָגנס, וועלן זיי ווערן נאָענטער צו איר, וועלן זי מער ליב האָבן... אַ נעכטיקער טאָג! ווי נאָר זיי עסן אָפּ, זעט מען זיי מער ניט..."

דער דאָקטאָר האָט דעליקאַט געשמייכלט: „אַ מאַמע"... דערנאָך האָט ער אָביסל פאַרקנייטשט דעם שטערן:

„די קינדער זיינען טאַקע גאַרניט אויסן... זיי דאַרפן זיך מיט איך אָבער רעכענען, אייער האַרץ קלאַפּט שוואַך, איר דאַרפט אַ סך רו"...

זי האָט אַ שטיקל צייט ניט פאַרבעטן די קינדער אויף קיין מאָלצייטן, זיינען זיי טאַקע ניט געקומען... אַוועק וואָכן און מען האָט זיי ניט אָנגעזען, אַ לאָך איז געוואָרן אין איר האַרץ, אַ וואונד. זי האָט זיי גענומען אַלע טאָג רופן אויפן טעלעפאָן, געפאָרן צו זיי אין פאַרשיידענע טיילן שטאָט, און אַהיים געקומען אַ פאַרמאַטערטע, זיך קוים אַרויפגעשלעפּט אויף די טרעפּ מיט ציטערדיקע פיס אין הויז אַריין.

אַזוי האָבן זיך געצויגן גרויע שווערע טעג, וואָס זיינען פאַרשלונגען געוואָרן אין שוואַרצע שלאָפלאָזע נעכט אַריין. זי האָט געשטריקט, אירע פינגער האָבן זיך שטום באַקלאָגט אויף די קינדער אין די שטעך אַריין... אין גרויסן הויז האָט מען געהערט דאָס זשומען פון אַ פליג, חיימס מישן די בלעטער פון דער צייטונג, און דאָס רעגלמעסיקע קאַפּען פון אַ טראָפּן וואַסער אין „סינק".

זי האָט געהאַלטן אָנגעשפיצט די אויערן צום טעלעפאָן... יעדער שאָרך האָט איר אויסגעוויזן ווי דער אָנהויב פון אַ קלונג, איר האַרץ האָט אַ קלאַפּ געטאָן, אפשר וועט ווער פון די קינדער פאַרט אָפּרופן. זי האָט געדולדיק געוואַרט, געוואַרט.

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען.

זי איז אויפגעשפּרונגען און גענומען לויפן אַזוי שנעל, אַז זי איז שיער ניט געפאַלן, און אַ כאַפּ געטאָן מיט ציטערדיקע הענט דאָס טרייבל: עמיצער האָט געריפן אַ ניט ריכטיקן נומער...

זי האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. אירע ליפּן האָבן זיך צוזאַמענ־געפּרעסט, אַרויסגעשטאַרצט, און טיפער געמאַכט די קנייטשן אין די איינגעפאַלענע באַקן. אַ טרער האָט איר געשטיקט אין האַלדז.

אויף מאָרגן, אַ פרייטאָג אין דער פרי, איז אסתר שטיל אַרויס פון הויז, ניט אויפצוּוועקן חיימען, וואָס איז נאָך געשלאָפן, און איז שפּע־טער געקומען באַלאָדן מיט פּעק פון מאַרק. חיים האָט געעפנט די אויגן, דערזען אסתרן, האָט ער זיך האַסטיק אויפגעזעצט. ס'פּנים ביי איר האָט געפלאַמט און זי האָט שולדיק געשמייכלט...

„אסתר! האָסט שוין פאַרגעסן, וואָס דער דאָקטאָר האָט דיר אָנ־געזאָגט? ווילסט זיך אומברענגען?!"

זי האָט ניט געענטפערט און גענומען צעפּאַקן די זאַכן. אירע אויגן האָבן געלויכטן ווי ביי אַ היץ־קראַנקן. זי האָט געקאָכט און געבאַקן דעם גאַנצן טאָג און אין אָוונט, ווען די קינדער זיינען זיך צונויפגעקומען איז זי געווען אויסגעפּוצט און געשיינט מיט אַ גליקלעכן מאַמע־שמייכל. אין הויז איז געוואָרן געדיכטער, טומלדיקער, פריילעכער. אסתרן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די ווענט זינגען, די לאָמפּן ברענען יום־טובדיקער און העלער ווי אַלע מאָל. זי האָט אַרומגעפּאַדעט און דערלאַנגט יעדן צום מויל. פּערעלעך שוויס האָבן געגלאַנצט אויף איר שטערן. און אַז אַלע האָבן געגעסן, געלאַכט און געשטיפט, האָט זי שוין מער אויף די פיס

ניט געקאָנט איינשטיין און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול ווי אַ צע־פּלאַצטער באַלון.

פּלוצים האָבן זיך פאַר אירע אויגן די לאָמפּן גענומען לעשן, די פריילעכע שטימען פון די קינדער האָבן זיך גענומען דערווייטערן. אָט הערט זי שוין קוים זייער אָפּקלאַנג... זי בלייבט שוין ווידער אַליין...

אַ נאַר אויפֿן מאַרק

דער גרויסער גלאַנציקער „קעדילאַק“ איז לייכט געפֿלויגן ווי אַ פֿעדער אויפֿן ווינט. פֿרידבערג האָט אים באַדאַרפֿט צוריקהאַלטן, אײַנצוימען. דעם לייכטסטן דרוק, וואָס ער האָט געטאָן אויף דער „גאַז“, האָט זיך די מאַשין אַ ריס געטאָן, ווי זי וואָלט זיך פֿאַרמאָסטן צו פֿליען. דורכן רויך פֿון זײַן ציגאַר האָט ער געקוקט מיט פֿאַרזשמורערטע אויגן אויפֿן גערדיכטן פֿלאָנטער פֿון פֿאַרקער, געהיט די רויטע ליכט און איבערגעיאָגט עלטערע מאַשינען, וואָס האָבן קיין כוח ניט געהאַט שנעל צו פֿאָרן.

דער טאָג איז געווען אַ גרויער, אַ פֿאַרנעפּלטער, ווי בײַ אים אויפֿן האַרץ: לעצטנס איז ער שטאַרק באַזאָרגט וועגן זײַן קראָם פֿון פֿרויען־קליידער. „ביזנעס“ איז שלעכט. דער חודש גייט אַוועק און ער דאַרף באַצאָלן דריי הונדערט דאָלאַר „רענט“ פֿאַר דער „סטאָר“. ער האַלט צוויי „סעילס־לעידיס“ (פֿאַרקויפֿערינס), און וואו זײַנען אַנדערע אויסגאַבן? מען שטייט אָפּ טעג מיט גאָרניט, די אויגן קריכן פֿון קאָפּ אַרויס, אײדער מען דערלעבט זען אַ „קאָסטאָמער“, מעסט מען איר אָן אַ טוץ מאַנטלען מיט קליידלעך, די „פּעילס־לעידיס“ גייען אָפּ מיט שוויס, ווערן הייזעריק ריידנדיק, און נאָך אַלעמען קויפֿט מען נישט. וואָס איז געוואָרן מיט די פֿרויען, — זיי דאַרפֿן מער קיין קליידער ניט?

קלאַרע, זײַן ווײַב, ווערט צעגאָסן. דער דאָקטאָר האָט איר געגעבן אַ „דאַיעט“, געהייסן פֿאַרלירן וואָג און זי הערט אים ניט, עסט זיך אײַבער, ליידט פֿון אַ האַלב טוץ קראַנקהייטן. לעצטנס האָט זי זיך אײַנגערעדט, אַז זי איז מעלאַנכאָליש, און גייט צו אַ „סאַיקאַיעטריסט“. ס׳קאָסט אָפּ געלד.

פֿרידבערג האָט אָנגעהויבן בלאָזן מיטן אויטאָמאָביל־האָרן: אַ „זשעלאַפּי“ האָט זיך ניט געלאָזט אַריבעריאָגן, דער וועג איז שמאָל און יענער וויל דווקא, אַז ער מיט זײַן „קעדילאַק“ זאָל זיך שלעפּן הינטער אים. צײַט האָט ער טאַקע געגוג, נאָר עס נודיעט אים אַזאַ פֿאָרן, און דער מעקסיקאַנער, וואָס טרײַבט די אַלטע מאַשין (באַהאַלט, דאַכט זיך אים, אַ

שמייכל אין די ווינקלען פון מויל...), פאַרשטעלט אים דעם וועג, און אַרבעט אויף זיינע נערוון. פרידבערג בלאָזט דעם האָרן טויב צו ווערן און יענער הערט אים ניט, מאַכט זיך ניט וויסנדיק, ביז פרידבערגס געדולד פלאַצט. דער „קעדילאַק" טוט זיך אַ ריס און קלאַפּט אַריין אין הינטערשטן טייל פון מעקסיקאַנערס מאַשין.

ס'וואַקסט אויס אַ „פאָליסמאַן".

„ער איז אַריינגעפאָרן אין מיין ,קאַר' און זי שיער ניט איבערגע־קערט", באַקלאָגט זיך דער דאַרער מעקסיקאַנער מיט די טונקעלע אומע־טיקע אויגן.

„זיינע ,ברעיקס' אַרבעטן ניט, דער וועג דאָ איז אַביסל באַרג־אַרויף, האָט ער זיך אַראָפּגעגליטשט אויף מיר", האָט פרידבערג פאַראיבל, און פאַררויכערט אַ פרישן ציגאַר מיטן גאָלדענעם „צינדער".

דער פאָליסמאַן קוקט אויף זיי ביידן: טיף אַראָפּ — און — הויך אַרויף... דער מעקסיקאַנער זעט שוין בלויז זיין ברייטע פלייצע, און כאַפּט זיך מיט שרעק, אַז פון קלאַפּ האָט די מאַשין זיינע אָנגעהויבן רינען גאַז, ס'ווערט ביסלעכווייז אַ קאַלוזשע אַרום די רעדער.

אין דעם פאָליסמאַנס אויגן האָט דער אייגנטימער פון קעדילאַק אויסגעזען ווי אַ וויכטיקער „פאָליטישן" אָדער אַ וואָל־סטריט־מאַן, האָט ער געהאָלפן אָפּרוקן אָן אַ זייט די רינענדיקע מאַשין און געמאַכט אַ ברייט אָרט פאַר פרידבערגן.

פאָרט ער ווייטער און האָט הנאה, וואָס פאָליסלייט טיילן אים צו כבוד. ער פילט זיך זייער גוט פון דעם, אַ וואַרעמקייט און אַ שטאָלץ צעגיסט זיך אים אַרום האַרצן. אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען „ביזנעס" זאָל זיך ניט אָנהויבן גליטשן באַרג־אַראָפּ, אַז טיילמאָל הויבט אָזש אָן שווינדלען אין די אויגן.

שוין עטלעכע וואָכן ווי די „עלעגאַנטע פרוי" פאַרוואַרפט אים מיט בריוו און רייסט אָפּ דעם טעלעפאָן, ער זאָל צוקומען זען וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע נייע פאַסאָנען זיי האָבן: די בעסטע וואָלענע „וואָרעס" צו די נידעריקסטע פרייזן. און וויפל ער האָט זיי ניט פאַרזיכערט, אַז ער דאַרף ניט קיין סחורה, ער קאָן די אַלטע ניט פאַרקויפן, האַלטן זיי אים אין איין רופן און באַשטיין אויף דעם, אַז ער זאָל בלויז צוקומען אַ קוק טאָן, קיינער וועט אים ניט צווינגען צו קויפן — פאָרט ער איצט אַהין.

אין גרויסן עלעגאַנטן אָפיס, זיינען פרידבערגס טריט אַריינגעזונקען אין ווייכן אָריענטאַלישן טעפּיך, וואָס האָט געגלעט, דאַכט זיך, זיינע

שיך... ס'האָבן באַלד אַרומגעשוועבט אַרום אים עטלעכע האַלב־נאַקעטע מאָדעל־מיידלעך און זיס געשמייכלט.

„מיסטער פרידבערג!", האָט זיך זיידבערג, דער הויפּט פון דער פירמע, דערפרייט מיט אים, „וועל, וועל", מען זאָל דערזען משיחן!... וואו באַהאַלט איר זיך אויס? זיצט, זיצט. וואָס מאַכט איר, וואָס הערט זיך, ווי איז ,ביזנעס'?"

„שלעכט".

„נו, נו, די וועלט גייט נישט אונטער. פרויען האָב נאָך נישט באַשלאָסן אַרומצוגיין נאַקעט. אַז זיי קויפן ניט אַ שטיק צייט, הונגערן זיי זיך אויס און וועלן אייך דערנאָך באַפאַלן ווי היישעריקן. איר וועט פאַרצורקערן יעדן מאַנטל, יעדערס קלײדל. נו, לאָמיר עפּעס אויסטרינקען פאַר באַגייטער פריינטשאַפט..."

אַ „בלאָנדער מלאך" האָט צוגעטראָגן אַ טאַץ מיט גלעזלעך.

פרידבערג איז געבליבן קאַלט און זויער. אים נעמט מען ניט אויף זיכער. ער ווייסט די אַלע פוילע שטיק. זיי זאָלן זיך אפילו שטעלן אויף די קעפּ, וועט ער ניט קויפן.

„מיין דעזאַיינער האָט דעם ,סיזן' געמאַכט אַזעלכע ,סטאַילס', אַז זיי האַקן די אויגן אויס", האָט מר. זיידבערג, אַ דערוואַרעמטער נאָכן גלעזל, זיך געריבן די הענט. ער האָט געהאַט אַן איינגעבוירענע פייאיקייט צו געווינען דעם צוטרוי פון מענטשן: גערעדט מיט אַ זיידן קול, שטיל, געלאַסן, און רעספּעקטאַבעל. זיין גוטמוטיק פּנים איז אָפּט באַלויכטן געוואָרן מיט אַ ווייכן ליבלעכן שמייכל, וואָס האָט דעם האַרטסטן מענטש געקאָנט אָפּנאַרן און בויגן. דאָס האָט אים אַ סך אַרויסגעהאָלפן אין יענע יאָרן, ווען ער איז נאָך געווען אַ „סעילסמאַן".

אין גוטע צייטן וואָלט אַזעלכער ווי פרידבערג געלעגן ביי זיינע פיס און געבעטן ער זאָל אים פאַרקויפן אַביסל סחורה. איצט אָבער איז אַ שלעכטע צייט, און מען רייסט אַ קונה מיט די ציין. די פאַבריק, וואָס געפינט זיך הינטערן אָפיס, אַרבעט ניט. ס'הענגט אַ „סטאָק" און פוילט, כאָטש גיב אים אַוועק אומזיסט. און פרידבערג זיצט אַ פאַרקרימטער. ס'שוועבן פאַרביי פאַר אים די שענסטע מאָדעל־מיידלעך, די קעפּ אַביסל פאַרבויגן אויף אַ זייט, די הענט צעשפּרייט ווי פליגל... און ער זיצט ווי אַ זויערער סולטאַן אין אַ האַרעם, וואָס איז שוין איבערגעזעטיקט מיט אַלע פאַרגעניגנס פון לעבן.

מיסטער זיידבערג איז געווען פאַרצווייפלט און באַשלאָסן צו שפּילן

די לעצטע קאַרט — לילי, דאָס שענסטע מאַדעל־מיידל, וואָס אַלע רופֿן זי „דאָל״; אויב זי וועט אים שוין נישט מאַכן צו קויפֿן, זיינען אַרויס־געוואָרפֿן די רייד.

„מיסטער פֿרידבערג!״, האָט ער אויסגערופֿן, „זיצט נאָך אַ מינוט. איידער איר גייט אַוועק ווילל איך איר זאָלט זען נאָך איין נומער, וואָס אונדזער נייע מאַדעל־מיידל וועט פֿאַר אייך דעמאָנסטרירן... דאָס איז אונדזער דעזיינערס בעסטע ,שאַפֿונג׳. האָט נאָר אַ ביסל געדולד, גיט אונדז אַ ,טשענס׳.״

אַז לילי האָט גראַציעז אַ שוועב־געטאָן פֿאַר אים אין דעם נייעם „נומער״ האָט פֿרידבערג געעפֿנט די אויגן: אַ יונגע גוט אַנטוויקלטע פֿרוי, מיט אַ נאַאיוו קינדעריש פּנים און בלוי־גרינע ליאַלקע־אויגן. ער האָט אַ דינעם שמייכל געטאָן:

„פֿאַרוואָס האָט איר דאָס באַלד ניט געוויזן?״

„אַז איר לאָזט זיך ניט דינען, איר האָט קיין געדולד ניט. אָבער דער ,נומער׳ געפֿעלט אייך?!״, האָט מיסטער זיידבערג טריאומפֿירט.

„איך דענק, ער וועט זיך אפֿשר פֿאַרקויפֿן״.

„אפֿשר?! מיין ליבער פֿריינט, אַז איר וועט דאָס שוין ניט פֿאַר־קויפֿן, מעגט איר פֿאַרמאַכן דאָס געשעפֿט!״

פֿרידבערג דערמאָנט זיך אָבער, אַז ער האָט פֿעסט באַשלאָסן ניט צו קויפֿן. וואָס איז ער משוגע? ער וועט אָנלייגן נאָך סחורה זי זאָל פֿוילן? וואָס טוט זיך דאָ, ער איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון אַ פּנימל? שעמען דאַרף ער זיך! אַ טאַטע פֿון דערוואַקסענע קינדער, אַן אָנגעזעענער מענטש, אַ פּרעזידענט פֿון אַ לאַנדמאַנשאַפֿט — ער האָט נאָך דערווייל דעם קאָפּ ניט פֿאַרלוירן.

מיסטער זיידבערג איז געשטאַנען מיטן ביכעלע אין דער האַנט:

„וויפֿל באַשטעלט איר פֿון דעם ,נומער׳?״

„איך וועל נאָך זען... כ׳מוז פֿריער איבערקוקן מיין ,סטאָק׳...״

„איר וועט ערשט זען?!״, האָט מיסטער זיידבערג אויסגערופֿן, ווי מיט אַן איינגעשניטענעם האַלדז, „איר האָט דאָך ערשט אַליין צוגעגעבן, אַז דער ,נומער׳ געפֿעלט אייך און ער וועט זיך פֿאַרקויפֿן!״

„אפֿשר, האָב איך געזאָגט״, און ער איז מיט פֿעסטע ווירדיקע טריט, פֿון אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, אַרויס פֿון אָפֿיס. נאָר

לילי איז אים שוין „נאָכגעגאַנגען"... פאַרפאָלגט אים אויף שריט און טריט... ער איז געוואָרן אומרואיק, נערוועז, צעטראָגן... ס'האָט אים אָנגעהויבן פאַרדריסן, וואָס ער האָט ניט איבערגעלאָזט כאָטש אַ קליינע באַשטעלונג... און אַז מיסטער זיידבערג איז ניט געוואָרן מיד און ווידער אָפּגערופן, האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער וועט נאָך אַמאָל קומען אַ קוק טאָן.

ער האָט אויסגעטרונקען מיט זיידבערגן אַ גלעזל און צוויי. לילי האָט די גאַנצע צייט געשוועבט אַרום אים — און ער האָט געגעבן אַ באַשטעלונג.

פאַרן אַהיים גיין האָט זי אים באַגלייט צו דער טיר.

„וואָס טוסטו היינט ביינאַכט?", האָט זיך קעגן זיין ווילן ביי אים אַרויסגעריסן, כלומרשט אויף שפּאַס.

„גאָרניט! איך בין פריי!", און אירע אויגן האָבן איצט געלויכטן מער גרין ווי בלוי.

אַזוי האָט זיך דאָס אָנגעהויבן און געצויגן אַ שטיק צייט: פרידבערג האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ. ער איז מער ניט געווען ביי זיך אין די הענט: לילי האָט געהערשט איבער אים. אַ סך מאָל האָט ער זי גערופן „לילית"... און ער האָט גוט געוואוסט, אַז איר באַדינג איז: באַשטעלונגען אָדער... אַלע וואָך, אַלע צוויי וואָכן, האָט מען געברענגט פרישע מאַנטלען און קליידלעך אין געשעפט אַריין. קלאַראַ, זיין ווייב, האָט זיך געכאַפּט ביים קאָפּ:

„משוגענער, וואָס טוסטו?! דער אַלטער ,סטאָק' רירט זיך ניט פון אָרט און דו קויפסט אָן אַ נייעם! דו ביסט דאָך אַראָפּ פון זינען, מען דאַרף דיך שיקן אין אַ משוגעים־הויז אַריין!"

„איך קויף דאָס אָפּ פאַר שפּאָט־ביליק, זיי שנײַדן זיך אין דעם האַלדז!"

„און אַז אפילו אומזיסט, וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס? די ,סטאָר' ווערט דאָך צעשפּאַרט, שוין באַלד ניטאָ וואו זיך אויסצודרייען!"

פרידבערג האָט אַריינגעזונקען אַ סך געלט, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון די גוטע יאָרן אין דעם נייעם „סטאָק". קלאַראַ האָט אים געזידלט, געמאַכט געוואַלדן, געשריען אַז ער איז משוגע געוואָרן, מען דאַרף אים פירן צו אַ „סאַיקאַיעטריסט"...

קלאַראַ איז קראַנק געוואָרן, נישט געקענט אויפשטיין פון בעט. ס'איז געקומען דער דאָקטאָר און געזאָגט, אַז זי מוז פאַרלירן וואָג, און איר פאַרשריבן אַ „דייעט". זי האָט געטענהט, אַז זי „דייעט" גענוג און

ס׳וועט איר ניט העלפן.

„מוזט אָבער פאַרלירן וואָג, מאַמעלע״, איז פרידבערג געוואָרן צערטלעך.

„כ׳זאָל אפילו אויסגיין פון הונגער, וועל איך ניט פאַרלירן קיין וואָג, אַזאַ פאַרשאָלטענע נאַטור איז שוין ביי מיר. אַנדערע פרעסן און זייבען דאַר, אַז איך נעם אַ ביסן אין מויל אַריין, וואַקסט באַלד אָן אויף מיר דאָס פעטס !״

אירע ברוינע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט פעטע טרערן, זיי האָבן זיך געקייקלט אויף די געפודערטע באַקן ביז צו די שאַרף־אָנגעפאַרבטע רויטע ליפן, וואָס האָבן זיך רחמנותדיק געקרימט.

ס׳איז געווען אַ ביטערע צייט. סוחרים זיינען געשטאַנען אויף די שוועלן פון זייערע געשעפטן און אויסגעקוקט אויף אַ קונה. „סטאָרס״ האָבן זיך יעדן טאָג פאַרמאַכט און איבערגעלאָזט פינצטערע לעכער. קליינע געשעפטסלייט זיינען געשפרונגען פון גרויסע „בילדינגס״, ברויט־רייען זיינען געוואַקסן, געוואָרן געדיכטער און לענגער.

ביי פרידבערגן אין קליידער־געשעפט איז געווען טויט־שטיל, מען האָט געקאָנט הערן אַ פליג זשומען. איינע פון די צווי „סעילס־לעידיס״ האָט ער שוין פון לאַנג אָפּגעזאָגט, און אַז די צווייטע פלעגט שעהן לאַנג ליינען „דעטעקטיוו״־ביכלעך, אָדער שטיין אין שפיגל און זיך צופן די ברעמען, האָט ער איר אויך געהייסן זיצן אין דער היים. זאָלן נאָר זיין אַזוי פיל „קאַסטאָמערס״, ווי ער און זיין וויב קאָנען באַדינען.

ווען ער האָט נאָר געקאָנט האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן פון קלאַראַן, ווייל זי האָט ניט אויפגעהערט צו עסן זיין האַרץ, און אַלץ פאַרן „סטאַק״, וואָס ער האָט אָנגעקויפט.

אַמאָל, ווען ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי איז אין גוטן מוט, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

„ווייסט, וואָס מיר איז איינגעפאַלן ?״

„אַראָפּשפּרינגען פון אַ בילדינג ?״...

„ניין״.

„וואָס דען ?״

„כ׳וועל אַרויסהענגען אַ ,סאַין׳, אַז מען סערווירט דאָ פרייע קאַווע מיט קיכלעך פאַר ,קאַסטאַמערס׳. כ׳האָב געהערט, אַז אַ גרויסע ,סטאָר׳ אין האָליוואוד האָט אַזוי געטאָן און ס׳איז דאָרט געוואָרן לעבעדיק...״

„אַ נייער ,סטאַק׳...״

„כ'האָב אַליין געלייענט וועגן דעם“.

און זיי האָבן דאָס אויסגעפּרובירט. ס'האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַזעלכע, וואָס האָבן זשעדנע געשלונגען די קאַווע מיט די קיכלעך, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און טיף אָפּגעזיפצט... באַטאַפּט, געקוקט, און ניט געקויפט...

„וואָס איז דאָס, אַ וועלט־אונטערגאַנג?“, האָט פרידבערג געטראַכט מיט שרעק. קלאַראַ האָט אין געשעפט געהאַלטן אין איין רופן באַקאַנטע אויפן טעלעפאָן.

„מיר גייען אונטער“, האָט איר קול געציטערט און געקלונגען ווי אַן „עס־אָ־עס“־רוף, „מיין מאַן האָט אָפּגעטאָן אַ ווילדע נאַרישקייט, איינגעהאַנדלט זיך אַ ‚סטאַק‘, מיט וואָס מיר ווערגן זיך איצט. די ‚בילס‘ לעכערן דעם קאָפּ. מיר זיינען שוין שולדיק פאַר עטלעכע חדשים „רענט“. כ'האָב אים ניט באַדאַרפט לאָזן זיין דער איינקויפער. ס'איז טאַקע אמת, ווי מען זאָגט: „מען שיקט אַ נאַר אויפן מאַרק, פרייען זיך די קרעמער“. אַז אָך און וויי איז מיר, ווי באַגראָבן איך בין געוואָרן מיט אים“.

דאָס האָט זי אַזוי גערעדט אין זיין קעגנוואַרט. ער האָט געביסן די ליפּן, געפילט ווי אַרויסצופּלאַצן, און געשוויגן. ער האָט מורא געהאַט אָנצוהויבן זיך מיט איר „טעמפּער“, מיט אירע נערוון. אַחוץ דעם האָט ער זיך געפילט שולדיק. און ס'איז אים איינגעפאַלן: אַזוי פיל געשעפטסלייט באַגייען איצט זעלבסטמאָרד, פאַרוואָס דאַרף ער זיין אַן אויסנאָם? מען שטעלט זיך אַוועק אויף אַ הויכער „בילדינג“, מען פאַרמאַכט די אויגן און אַלץ איז — אויס!

ס'טוט זיך אָבער ניט אַזוי לייכט, מען דאַרף דאָס קאָנען... פרידבערג זעט אָבער ניט פאַר זיך קיין אויסוועג. ער פילט, אַז ער קייקלט זיך באַרג־אַראָפּ און וועט צעריבן ווערן, און דווקא אין אַ צייט, ווען דאָס לאַנד איז פאַרפלייצט פון אַלדאָס גוטס: שפּייכלערס ווערן צעשפּאַרט פון דער גרויסער געראַטעניש, פאַראַן מיליאָנען איבעריקע פרויען־מאַנטלען, מיליאָנען איבעריקע אויטאָמאָבילן, מיליאָנען איבעריקע מענטשן... ביינאַכט חלומט זיך אים, אַז ער שטייט ביי אַ צעבושעוועטן ים, צאָרנדיקע כוואַליעס וואַרפן זיך איינע איבער די אַנדערע, איילן זיך צום ברעג און ווערן דאָרט צעשמעטערט, צעפּיצלט. דער ווינט פייפט ווי שדים וואָלטן זיך צעשפּילט. פאַרמערס וואַרפן אין ים אַריין ווייץ, פרוכט, גרינוואַרג, קאַרטאָפל. „סטאָרקיפּערס“ וואַרפן אַריין בערג מיט פרויען־קליידער, דערנאָך הויבט מען אָן איבערקערן אין ים אַריין וואַגאָנען מיט

איבעריקע מענטשן... ער איז אויך צווישן זיי, פֿאַלט מיט צעשפּרייטע הענט און דערנעענטערט זיך צום אָפּגרונט...

פֿרידבערג כאַפּט זיך אויף און געדענקט ניט וואו ער איז, ווער ער איז. ביסלעכווייז לייטערט ער זיך אויס. קלאַראַ שנאָרכט אין צווייטן בעט, ס׳שטאַרצט אַרויס איר ברייטע פּעטע פּלייצע. די שוואַרצע שויבן אין פֿענצטער זעען אויס ווי אויסגעלאָשענע אויגן און וואַרפֿן אָן אויף אים אַ שרעק. פֿון שלעכטן חלום קלאַפּט אים נאָך ס׳האַרץ, הענט און פֿיס ציטערן אים. ער גייט אַראָפּ פֿון בעט און מאַכט אַ שנאַפּס, פֿאַר־רויכערט אַ ציגאַר.

דערנאָך, קאָן ער מער ניט איינשלאָפֿן. פֿינצטערע געדאַנקען וועבן זיך אין זיין מידן שוואַכן קאָפּ: זיין געשעפֿט גייט אונטער, דער פֿונדאַ־מענט אונטער זיינע פֿיס ווערט אַוועקגענומען און ער זינקט. די קליידער ווערן מילב־פֿרעסיק. אין איין מאַנטל שטעקט ליליס לאַכנדיקער קאָפּ...

צומאָרגנס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה.

פֿאַרמאַכטע געשעפֿטן האָבן זיך צוריק געעפֿנט, וואו־ערגעץ אַ לאָך, אַ שפּאַלט אין אַ „בילדינג" איז פֿאַרדונגען געוואָרן. פֿריד־בערגס „סטאַק" האָט זיך אַ הויב געטאָן. אַ סך געשעפֿטן, וואָס האָבן זיך אין קריזיס אויסגעליידיקט, האָבן ניט געהאַט וואָס צו פֿאַרקויפֿן, ווען קונים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו זיי. אָבער פֿרידבערג האָט טריאומפֿירט, גערעדט וועגן אַ שאַרף אויג... אַ וויטן קוק... ער האָט זיך אַזוי „אַריינ־געאַרבעט" אין דעם געדאַנק, ביז ער האָט אָנגעהויבן גלויבן, אַז דאָס אָנגרייטן זיך מיט „סטאַק" איז געווען זיין גרויסער אויפֿטו. איצט איז יעדער פֿאָדעם געוואָרן מיט גאָלד צוגלייך. די גרויסע פֿאַרדינסטן וואָס ער האָט אָנגעהויבן מאַכן, האָבן ערשט צערייצט זיין אַפּעטיט, און ער האָט גענומען פֿלינק קויפֿן און פֿאַרקויפֿן וואָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט. ס׳האָט ניט געדויערט לאַנג און ער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפֿן צעטל פֿון די רייכסטע מענטשן אין שטאָט. אַ וואוילטעטיקע אָרגאַניזאַ־ציע, וואו ער איז געווען פּרעזידענט, האָט מיט גרויס פּאַראַד געפֿייערט זיין זילבערנע חתונה מיט קלאַרען. ס׳האָט זיך געגאָסן שאַמפּאַניער. פֿריד־בערג האָט געהאַלטן אַ רעדע, געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז אין שלעכטע צייטן זיינען שולדיק די מענטשן אַליין, ווייל זיי קויפֿן ניט, אינוועסטירן ניט,

האלטן דאס געלט אין די בענק — שטעלט זיך אלץ אפ...
אויך קלארע האט געקראגן דאסווארט.
„לעידיס און דזשענטלמען!", האט זי אנגעהויבן, „ווען איך האב זיך באקאנט מיט מיין מאן איז ער געווען אן ארעמער „באי", אבער איך האב שוין דעמאלט געזען אין אים גרויסע פיאיקייטן... מיר בײדע האבן לאנגע יארן שווער געארבעט, געזאמלט א דאלאר צו א דאלאר און גע־קויפט א ,ביזנעס'. ס'איז אונדז, א דאנקען גאט, אוועק גוט. דערנאך איז אנגעקומען א שלעכטע צייט... האט מיסטער פרידבערג פארלוירן דעם מוט? ניין! פארוואס? ווייל ער איז א קלוגער געשעפטסמאן! ער האט א ווייטן קוק... איך אליין האב געהאט טענות צו אים, פארוואס ער קויפט אן אזוי פיל ,סטאק'. איצט זע איך איין, אז ער האט געוואוסט וואס ער טוט... וואלטן אלע אזוי געטאן וואלטן קיין שלעכטע צייטן ניט געווען... ווייל אז מען הערט אויף קויפן, ,אינוועסטן', ווערט אלץ אפ־געשטעלט!"...
מען האט איר שטארק אפלאדירט און זי האט זיך עטלעכע מאל פארנויגט. ווען זי האט אפגערעדט האט איר פרידבערג געגעבן א קוש און זי גערופן די קעניגין פון זיין הארץ... אויפן באנקעט זיינען אויך געווען מיסטער זיידבערג מיט זיין פרוי און לילי... זי האט אויסגע־טרונקען עטלעכע גלעזלעך, געמאכט מיט די אויגן... און אזוי הויך געלאכט, אז אלע ארום איר האבן געמיינט, זי איז משוגע געווארן...

אַ מינק־מאַנטל

בעלי האָט איינגעראַבן די אויגן אין קאָסטבאַרן מינק־מאַנטל, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט אין פענצטער פון רייכן פוטער־געשעפט. זי האָט אים „אַנגעמאָסטן" אויף זיך, באַוואונדערט די ליניעס, געגלעט די צאַרטע ווייכע פעל, וואָס שטאַמט פון קליינע זעלטענע חיהלעך, און געטראַכט, אַז מיט איר פיגור, מיט אירע נאַטירלעך־בלאָנדע האָר, בלויע אויגן, גראַנציעזן גאַנג, וואָלט זי אין דעם מאַנטל אויסגעזען ווי אַ „מואווי־סטאַר". מען וואָלט איר נאָכגעקוקט און באַוואונדערט. מענער וואָלטן געלעגן ביי אירע פיס און איר באַגילט. איר חלום איז געווען צו האָבן אַזאַ מינק־מאַנטל.

ס'איז געווען אַ פרילינג־טאָג. די גרויסע שטויביקע שטאָט איז נאָרוואָס אַרויסגעקראָכן, אַן אויסגעוואַרשענע און אָפּגעפרישטע פון לאַנגע וואָכן שניי, און זיך געטרוקנט אונטער דער זון, וואָס האָט איצט מילד געוואַרעמט, ווי זי וואָלט מיט דעם געוואָלט גוטמאַכן פאַר שפּעטער, ווען זי וועט אָן רחמנות ברענען און בראָטן. קינדער, וואָס יונגע מאַמעס האָבן געפירט אין וועגעלעך, האָבן פריילעך געפּאַשט מיט די הענטלעך און פאַרזשמורעט די אויגן קעגן דער זון, וואָס האָט געשטיפט מיט זיי. שטראָמען דורכגייער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט באַגריסן דעם פרילינג, האָבן פריידיק גערוישט און געלאַכט. בעלי האָט אָבער קיין זאַך ניט געהערט און ניט געזען אַחוץ דעם מאַנטל אין שוי־פענצטער. זי איז געשטאַנען אַ פאַרכאַפּטע, אַן אַנטציקטע און אים באַוואונדערט.

און דעיוו, וואָס זיין בחוריש האַרץ האָט אויפגעזונגען מיט פרייד און האָפענונג אין יענעם פרילינג־טאָג, איז אויך געשטאַנען אַ פאַרכאַפּטער, אַ פאַרכישופטער און באַוואונדערט בעלין. אַז זי האָט אים באַמערקט, האָט זי פאַררייסן דעם קאָפּ און אַ טרייסל געטאָן די בלאָנדע לאָקן, ווי זי וואָלט געוואָלט אָפּטרייבן אַ פליג...

„אַ שיינער מאַנטל!..." האָט דעיוו צערטלעך געזאָגט מיט אַ ציטער אין קול. זי האָט זיך געמאַכט, אַז זי הערט ניט, און אָנגעהויבן אַוועקגיין. צו איר קאָן מען אַזוי לייכט ניט צוקומען, זי איז אַ שיינהייט... אַרום איר רייסן זיך פיינע פאַרמעגלעכע יונגעלייט. אויסקלייבן

וועט זי איינעם וואָס וועט איר קאָנען קויפן אַזאַ מאַנטל און אַנדערע גוטע זאַכן. איין מאָל איז מען יונג און שיין, דאַרף מען האָבן שכל און דאָס אויסנוצן. נעלי איז אַ פּראַקטיש געשעפט־מעסיק מיידל. זי האָט געענדיקט אַ „ביזנעס־קאָלעדזש" און פאַרשטייט די געשעפטלעכע זייט פון לעבן. איר שיינקייט? דאָס איז אַ גוטע קאָרט אין איר האַנט. און שפּילן וועט זי מיט קאָפּ, מיט אויסגערעכנטקייט...

אַז זי איז אַוועקגעגאַנגען פון פענצטער איז איר דעיוו נאָכגעגאַנגען ווי זיי וואָלטן געווען באַקאַנטע. זי האָט ניט געסטראַשעט צו רופן אַ פּאָליציימאַן. דאָס האָט אים געגעבן מוט. זי האָט נאָר געכאַפּט אַ זייטיקן קוק אויף אים, — ער איז גוט געקליידט, זעט אויס פאַרמעגלעך, אַ קאָפּ העכער פון איר, אַטלעטיש.

„איר ווייסט? איך האָב פאַרגעסן צו פרעגן אייער נאָמען. מיין נאָמען איז דעיוו. דער מאַנטל האָט ביי איך, זעט אויס, שטאַרק אויסגענומען. איר זענט געווען אינגאַנצן פאַרכאַפּט. אַ מזל פון אַ פעל!... און דער אמת איז, אַז איך וואָלט ער זייער געפּאַסט. זיי ווערן געמאַכט פאַר אַזעלכע ווי איר... וואָס? איר זענט טאַקע אַזאַ שעמעוודיקע, אַז איר קאָנט צו אַ בחור ניט רעדן?"

דער מאַנטל האָט זיי צוזאַמענגעפירט, זיי האָבן זיך באַקענט.

דעיוו האָט געהאַט שטאַרקע קאָנקורענטן. „אויסגעגאַנגען" איז זי מיט אַזעלכן, וואָס האָט אויסגעזען פאַרמעגלעכער פון די אַנדערע. דעיוו האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס יאָגן זיך נאָך איר פון יענע איז געווען אַ מין ספּאָרט, אַן אַמביציע — ווער וועט זיין דער באַזיצער פון דער שיינער ליאַלקע. ער איז אָבער געווען פאַרליבט אין איר ביז קראַנק זיין, ביז שטאַרבן.

ער האָט זי גענומען אין רייכע רעסטאָראַנען, געוואָרפן זיך מיט גרויסע „טיפּס". און דערנאָך האָט ער געשפּאָרט פון מויל, ווייל ער איז געווען בלויז אַ „שיפּינג־קלוירק", זיך אָנגעטאָן ראַשיק־ביליק, אַרויפגעצויגן אַ פאַלשן גלאַנץ. אַזוי האָבן אויך געטאָן זיינע חברים, וואָס האָבן געוואָלט אויסזען רייך.

נאָך עטלעכע חדשים אַרומגיין מיט נעלין, האָט זיך דעיוו איבערצייגט, אַז איר האַרץ קאָן מען נאָר עפענען מיט אַ גאָלדענעם שליסל... זיצנדיק אין אַ רעסטאָראַן אין איינעם פון די אָוונטן, וואָס ער האָט אויסגעבעטן ביי איר, האָט זי אַ וואָרף געטאָן די בלאָנדע לאָקן און שטיפעריש געזאָגט:

„אין צווייִ וואָכן אַרום איז דאָך מײַן געבוירנטאָג...“

„וואָס פֿאַר אַ פּרעזענט זאָל איך דיר קויפֿן?“

„דעם מינק־מאַנטל“, האָט זי געלאַכט.

„דער מינק־מאַנטל... איז דײַנער!“, האָט זיך בײַ אים אַרויסגעכאַפּט.

יענעם אָוונט, אין טונקעלן רײַכן רעסטאָראַן, האָט זי אים געגעבן דעם ערשטן קוש. אירע ליפּן האָבן זיך צעעפֿנט פֿאַר אים ווי אַ בלום אונטער דער זון... דעיוו איז געווען גליקלעך. נאָר באַלד איז אים באַפֿאַלן אַ בייזער געדאַנק: פֿאַרוואָס האָט ער איר צוגעזאָגט דעם מינק־מאַנטל? ס׳איז דאָך אַפֿילו ווילד צו טראַכטן, אַז ער קאָן דאָס באַווײַזן, סײַדן ער זאָל באַרויבן אַ באַנק... ניט אַנדערש, ער איז משוגע געוואָרן... און זי גלייבט אים יעדעס וואָרט. ער פֿאַרמאָגט דאָך אַפֿילו ניט דעם „טעקס“, וואָס מען רעכנט פֿאַר אַזאַ מאַנטל. ווי וועט ער אויסזען אין אירע אויגן? אַ ליגנער, אַ גאַרניט. ער וועט זיך מער ניט קאָנען ווײַזן פֿאַר איר, — באַפֿאַלט אים אַ שרעק.

דעיוו איז אַהיים געקומען שפּעט אין דער נאַכט. קלעטערנדיק אויף די שטיגן האָט ער אָנגעטראָטן אויף צוויי פֿאַרליבטע קעץ, וואָס האָבן אַרויסגעלאָזט אַ יאָמערלעך געשריי. אין הויז האָט זײַן מאַמע געוואַרט אויף אים אַ פֿאַרזאָרגטע.

„אַזוי שפּעט שלאָפֿסטו נאָך ניט?“, האָט ער זיך געוואונדערט.

„ווער קאָן שלאָפֿן אין אַזאַ היץ? כ׳גיי אָפּ אין שווייס, און די מאַס־קיטאָס בײַסן, האָב איך געטראַכט כ׳וועל פֿאַרריכטן אַביסל זאָקן“, האָט די מאַמע געקייט די ווערטער מיט די יאַסלעס, זי האָט געהאַט אויסגעטאָן די ציין צום שלאָפֿן.

דעיוו האָט געהאַט רחמנות אויף דער מאַמען, וואָס פֿאַרקויפֿט ציי־טונגען בײַ אַ סאָבוועי. איר קרעמל טראָגט זי אויף די הענט, אויף דער שוויס, זיצנדיק אויף אַ בענקעלע. זומער און ווינטער אַזוי, ווערנדיק צע־ביסן פֿון פֿראָסט און פֿאַרטרוקנט פֿון היץ. אירע אויגן זײַנען אַלעמאָל אומרואיק און באַזאָרגט וועגן אים. ווען דער טאַטע איז געשטאָרבן, האָט זי זיך קיין עצה מיט אים ניט געקאָנט געבן... די גאַס, די קלײנע „גענגס“ האָבן אים פֿאַרכאַפּט. ער איז געווען אַ צײַט אין אַ רעפֿאָרם־שול און צום סוף אַוועק אויף אַ גוטן וועג. ער ווייכט פֿון די „גענגס“, אַרבעט שווער פֿאַר אַ לעבן און האַלט זיך מיט דער מאַמען. טייל חברים זײַנע פֿון יענע קלײנע „גענגס“ זײַנען אויסגעוואַקסן גרויסע גענגסטערס. אַנדערע זײַנען געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ביז אויף דעם „עלעקטריק־טשער“ און ער האָט

זיך געפילט גליקלעך, וואָס ער האָט זיך אָפּגעריסן פון זיי.

דעיוו איז געזעסן ביים אָפענעם פענצטער און זיך איינגעהערט צום הילך פון דער אָנגעהיצטער שטאָט, וואָס האָט געפרייבט, געסאָפּעט און זיך געשטיקט אָן לופט. ער האָט געטרונקען קאַלטן לעמאָנאַד, וואָס די מאַמע האָט אים דערלאַנגט, געריכערט און געטראַכט: וואָס וועט ער פאַרט טאָן? פאַרוואָס האָט ער זיך ניט באַרעכנט פריער איידער ער האָט איר צוגעזאָגט דעם מאַנטל? און פאַרוואָס מוז ער שפּילן די ראָל פון דעם מיליאָנער? אפשר האָט ער איר באַדאַרפט זאָגן: „הער זיך איין, מיין טייערע, איך בין אַ פּראָסטער ,שיפּינג־קלוירק׳, נאָר איך האָב דיך ליב ווי אַ פּרינץ... און וואָס איז אַ טויטע פעל אַנטקעגן אַ מענטשן?"...

נאָר, ניין, ס׳וואָלט ניט געטויגט. ער האָט זי שוין אויסגעפונען. אַזוי שיין ווי זי איז, אַזוי קאַלט און פּראַקטיש איז זי. איר האַרץ וועגט זי מיט גאָלד. אַז ער וועט איר ניט געבן די אַלע זאַכן, וואָס זי באַגערט מיט אַזאַ ווילדן חשק, וועלן דאָס איר אַנדערע געבן. ער האָט געוויגט דעם קאָפּ אין די הענט, ווי ער וואָלט אים געוואָלט באַרואיקן, איינשלעפערן.

פלוצים האָט ער געזאָגט:

„מאַמע, איך בין פאַרליבט אין אַ מיידל..."

„טאַקע?", האָט זיין מאַמע אויפגעלויכטן פון פרייד, „ווער איז זי, ווי זעט זי אויס? איז זי אַ שיינע?"

אַביסל פאַרשעמט, האָט זי גלייך געמאַכט די האָר, ווי זי וואָלט שוין געשטאַנען פאַר איר שיינער שנור, פאַר איר ניי קינד.

„מאַמע, זי איז צו שיין. ס׳איז אַ שווערע קרוין צו טראָגן"...

„פאַרוואָס, מיין קינד?"

„מען דאַרף זיין רייך צו איר".

„אַז מען האָט זיך ליב, איז מען שוין רייך"...

„קאָנסט זי ניט, מאַמע!", האָט ער געשריי געטאָן מיט ווייטאָק, איינ־געגראָבן די פינגער אין די האָר, און אָנגעהויבן בערוועז אַרומשפּאַנען איבערן צימער...

די מאַמע האָט אַ דערשראָקענע געקוקט אויף אים.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דעיוו דורכגעגאַנגען דעם געהויבענעם רעסטאָראַן „אָאַזיס", וואָס האָט אַ רייכע קליענטור. דאָרט באַוויזט זיך אַמאָל „די ברעין" מיט זיינע אַרויסהעלפער, וואָס האָבן גראַדואירט פון די אַמאָליקע קליינע „געגנס". קעגן זיין ווילן האָבן זיך זיינע פיס אָפּ־געשטעלט ביים אַריינגאַנג... אַ געהיימער כוח האָט אים געצויגן אַהין...

און אידער ער האָט צייט געהאַט זיך צו באַטראַכט, איז ער שוין געזעסן ביים בופעט מיט אַ גלאָז ביר אין האַנט.

„זע נאָר וועמען מען זעט דאָ, אונדזער יוגנט־פריינט, אַנעסט דעיוו׳...״ האָט אים באַגריסט זיינס אַן אַמאָליקער חבר, „קוקסט אויס ווי אַ מיליאָן דאָלאַרס״.

דעיוו האָט ניט אויסגערייט דעם קאָפּ צו אים. פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט געזופּט דאָס ביר.

„ווייסט ? ,די ברעין׳ האָט זיך אַמאָל געפרעגט אויף דיר. האָב איך אים געזאָגט: דעיוו ? ער איז געוואָרן אַ שמש אין אַ שול און ,גייט אויס׳ מיט דער מאַמען... וואָס איז דער מער, הערסט ניט, אַז מען רעדט צו דיר ? ביסט טויב געוואָרן ?״

„כ׳פיל ניט גוט !״

„פינאַנציעל געפרעסט, האַ ? הער זיך איין: ווי וואָלט געווען, ווען דו קאָנסט מאַכן אַ צוואַנציק־דרייסיק טויזנט דאָלאַר אויף דיין חלק אין עטלעכע מינוט ? ווען די ,ברעין׳ אינזשינירט עפּעס אויס, אַרבעט עס הונדערט פּראָצענט, ווייל ס׳איז אויסגערעכנט צום קלענסטן טייל פון אַ סעקונדע...וואָס זאָגסטו ? העי, וועיטער ! ,דאָבל־סקאַטש׳ ! פאַרשטייסט ? מיר קענען נוצן אַ פליגקן בחור מיט קילע נערוון. ס׳איז אויסגערעכנט... ס׳איז זיכער... האָסט אַ געלעגנהייט״...

**
*

און נעלי האָט אַרומגעשוועבט אין נייעם מינק־מאַנטל. דעיוו האָט מיט די אויגן אַראָפּגעצויגן די „פעל״ פון איר, און פאַר אים האָט גע־טאַנצט דאָס גאָלדיקסטע מיידל מיט די בלויסטע אויגן און דעם שענסטן שמייכל אין דער וועלט. ער איז געווען אַביסל בלאַס פון איבערגעלעבטער שרעק, און איר פאַרגעשלאָגן זיי זאָלן חתונה האָבן. פּלוצים איז ער פאַרשוואונדן.. נעלי האָט ניט געוואוסט וואו ער וואוינט, און זיך ניט שטאַרק באַמיט אויסצוגעפינען.

דעיוו איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער פרייער ליכטיקער וועלט. ס׳האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן ציען אַ קייט פון גרויע פיבערדיקע טעג און שוואַרצע שרעקנדיקע נעכט אונטער גראַטעס. ערשט איצט, אין די לאַנגע ליידיקע שעהן, האָט ער אָנגעהויבן צוזאַמענעמען זיינע געדאַנקען, פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם וואָס ס׳איז געשען און געפילט צו האַקן קאָפּ אין וואַנט. צום סוף איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס. פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן האָבן געבליצט און געבלענדעט זיינע אויגן. דער ריכטער האָט

אים געהייסן אויפשטיין און געלייענט דעם טויט־אורטייל. דערנאָך די שטייג אין טויטנהויז. לאַנגע וואָכע נעכט מיט דעם עלעקטרישן שטול פאַר די אויגן. היסטערישע צוזאַמענברוכן פון אַנדערע צום־טויט פאַר־אורטיילטע...

זיין מאַמע איז אין לעצטן מאָמענט געגאַנגען בעטן צום גאָווערנאָר. זי האָט געקושט זיינע פיס... ווינען האָט זי שוין ניט געקאָנט, אירע אויגן זיינען געווען רויטע וואונדן.

דער גאָווערנאָר האָט זי געדולדיק און העפלעך אויסגעהערט, גע־וואויגן אין געדאַנק: פון איין זייט דאָס לעבן פון אַ פאַרברעכער, וואָס אייביקע טורמע וועט סיי ווי זיין אַ טויט פאַר אים... און פון דער צווייטער — דער וועג צום ווייסן הויז... צייטונגען וועלן שרייבן, אַז ער איז געווען טיף געריהרט פון דער מוטערס אַפּיל, טרערן זיינען אים גע־שטאַנען אין די אויגן... און ער איז געבליבן פעסט, געלאָזט דורכפירן די היגריכטונג.

די מאַמע איז אים געקומען צום לעצטן מאָל זען אין טויטן־הויז. זי האָט געקוקט אויף איר טויט־בלאַסן זון, געוואָלט עפּעס זאָגן און ניט געקאָנט. מען האָט זי אַ פאַרחלשטע אַרויסגעטראָגן.

גאָר צום לעצטן איז געקומען נעלי... זי האָט געטראָגן שוואַרצע ברילן. דעיוו האָט אוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון איר, ווייל ער האָט מיט עטלעכע טעג צוריק געלייענט אין אַ צייטונג, אַז זי גייט חתונה האָבן מיט אַ רייכן „ריעל־עסטעיט־מאַן". זי האָט ניט געטראָגן דעם מינק־מאַנטל, נאָר אַ „טשעטשילע", שוין גאָר אַ קאָסטבאַר פוטער. אַז דעיוו האָט זיך אָוועקגעדרייט פון איר, האָט זי אַ טרייסל געטאָן מיט די בלאָנדע לאָקן ווי זי וואָלט געוואָלט אָפּיאָגן אַ בייזע פליג... איר פּנים האָט זיך פאַרהאַרטעוועט, און אַביסל פאַרקרימט... ווען זי איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר, האָט דעיוו געטאָן אַ לעצטן, אַן אייביקן קוק אויף איר. פון זיין יונג־בחורישער ברוסט האָט זיך ספּאָזמאַטיש אַרויסגעריסן:

„אַ, נעלי"!...

אַהין אָדער אַהער

די באַן האָט זיך געשניטן צווישן שנייאיקע בערג. אין וואַגאָן איז געווען וואַרעם, צו וואַרעם. מענדל פּאָרט שוין דעם דריטן טאָג און טראַכט איצט פון די שווערע יאָרן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין ניו־יאָרק: סטרייקס, הונגער, „פּיקעט־ליינס“, געשלעגן מיט „סקעבס“ — און דער שאַפּ. לעצטנס האָט אים דער שאַפּ אָנגעכאַפּט ביים האַלדז און געשטיקט. זיין אָטעם איז מיט יעדן טאָג געוואָרן האַסטיקער און שווערער. ס'האָבן אים אָפּט געפּרעסט וויטיקן, וואָס ער האָט געמיינט, אַז עס קומט פון „געז“ אין מאָגן.

„אייער האַרץ איז אָנגעגריפן“, האָט אים דער דאָקטאָר געזאָגט מיט אַ טאָן, ווי מען זאָגט איינעם ווי שפּעט ס'איז. „איר זיינט, ווייזט־אויס, איבערגעאַרבעט. איר מוזט זיך אָפּרוען, לאָמיר זאָגן, עטלעכע חדשים; דערנאָך וועט איר ווידער קאָנען אַרבעטן, נאָר ניט איבעראַרבעטן זיך. אַזוי ווי ס'איז שלעכט זיך איבערצוועסן, אַזוי איז שלעכט זיך איבערצו־אַרבעטן. און ניט ערגערן זיך. זאָל אייך קיין זאַך ניט אַרן, ניט אייך מיינט מען. נעמט אַלץ געלאַסן און לויפט ניט נאָך קיין „סטריט־קאַר“, איר לויפט צום קבר“...

שנייעלעך דרייען זיך אויף די שויבן, ווי ווינטער־פייגל מיט זיל־בערנע פליגל, שימערירן אונטער דער זון. יאָ, די זון. אין ניו־יאָרק האָט ער איבערגעלאָזט אַ גרויען אייזיקן הימל און איצט פּאָרט די באַן אַנט־קעגן דער זון, אַן אָנזאָג פון קאַליפאָרניע. מענדל זעצט זיך איין באַ־קוועם אין ווייכן שטול, ציט אויס די פיס, וואָס זיינען געוואָרן צעבויגן און „עלעקטריזירט“, אַזוי פיל יאָרן אויף דער ניי־מאַשין, גלייכט אויס דעם הויקער פון זיינע פּלייצעס און קוויקט זיך מיט דעם צעשטראַלטן דרויסן, מיט די פאַרשנייטע בערג, וואָס ציען זיך פאַרביי ווי זילבערנע פּאַלאַצן פון צויבער־מעשיות.

ערשט איין וואָך, אַז ער אַרבעט ניט און ער פילט שוין בעסער. מענדל איז פון אַלע יאָרן אַ שווערער אַרבעטער. אַז ער זעצט זיך צו דער מאַ־שין, צינדט זיך אָן אין אים אַ פיבער, עס וואַרפט מיט אים, אַ באַהאַל־טענער כוח טרייבט אים... און ער לויפט, פאַרגינט זיך ניט דעם אָטעם

אָפּציען. אין פאַך רופט מען אַזעלכן אַ „העלד״, אַ „שיסער״. איז ער אַלע יאָרן אַזוי געלאָפן ביז מיט איין מאָל — נאַ!...

אָנגעקומען איז ער אין לאָס־אַנדזשעלעס אין אַ נעפּלדיקן פאַרמי־טאָג. די זון איז אים אויפן וועג פאַרלוירן געוואָרן. די לופט איז געווען רויכיק און געברענט אין די אויגן, געביסן אין האַלדז, דערמאָנט אָן גיפטיקע גאַזן... דאָס איז דער „סמאָג״, וואָס איז פאַרהאַסט אין שטאָט. קומט פון די גרויסע קוימענס פון ריזיקע פאַבריקן, וואָס שמעלצן אַזעלכע שטאָפן צו פּראָדוצירן קינסטלעכע גומע, „סינטעטיק ראַבער״, און אַנדערע סמ׳יקע כעמישע פּראָדוקטן. דער נעפּל, וואָס הענגט צייטנווייז נידעריק אויף דער שטאָט, לאָזט ניט אַרויף די גאַזן זיך פאַנאַנדערצוגיין, נאָר פּרעסט זיי אַראָפּ, ברענט דאָס אין די אויגן, אָטעמט מען דאָס אַריין. אַ סך מענטשן פילן זיך איבלדיק, ווערן קראַנק. די צייטונגען האָבן אפילו צוגעשריבן אַ צאָל טויט־פאַלן צום „סמאָג״. אין אַזעלכע טעג דרייען זיך מענטשן אַרום גרויע, אומצופרידענע, בייסיקע. זיי וואַרטשען, באַקלאָגן זיך, שילטן די שטאָט־טאַטעס, וואָס צווינגען ניט די גרויסע פאַבריקאַנטן אַרויסצופירן אַזעלכע פאַבריקן פון שטאָט, וואָס זיי „פאַרקוקן״ דאָס. מ׳הוסט, מ׳כראָקעט, און מען ווישט זיך די אויגן. די זוניקע שטאָט וויינט...

מענדל איז געשטאַנען אַ צעטומלטער: איז דאָס לאָס־אַנדזשעלעס? ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט. ס׳האָט אים געביסן אין האַלדז, די אויגן זיינען אים איבערגעגאַנגען. די גרויע פאַר־זויערטע מענטשן אַרום, די אויטאָמאָבילן וואָס פליען אין פּאַניק, דער ים רויטע נעאָן־שילדן, דאָס אַלץ האָט אים דערמאָנט אָן מלחמה, ווען מענטשן ווערן אַטאַקירט פון גיפטיקע גאַזן. דערמאָנט אָן זיינע צוויי זין, וואָס זיינען שוין אויך רייף פאַרן שניט... און טויזנטער אַנדערע זין און טעכטער, וואָס קומען אום יעדע מינוט — שווערע געדאַנקען האָבן זיך צעוואַלקנט אין זיין קאָפּ, צעברויזט אַן אומרואיקייט אין אים און פאַרביילט זיינע פויסטן...

ער האָט געהאַט אַן אַדרעס צו אַ פריינט. אַריין אין אַ באַס און גע־זאָגט דעם „באַס־דרייווער״ וואו אים אַראָפּצולאָזן. ער האָט זיך גע־זעצט ביי אַ פענצטער. סילועטן פון הייזער האָבן פאַרבייגעטאַנצט פון נעפּל אַרויס, אַ געדיכטער פּלאָנטער פון מענטשן ווי אויף טאַימס־סקווער אין ניו־יאָרק. און דער וועג ציט זיך אָן אַ סוף. ער פאַרמאַכט די אויגן, דערמאָנט זיך די לעצטע שעה פאַר זיין אָפּפאָרן.

„ווערסט זען, מענדל״, האָט זיין פרוי געזאָגט צו אים, „אַז דו ווערסט

געזונט ווערן אין קאַליפאָרניע. די זון איז די בעסטע מעדיצין... מען זאָגט, אַז די זון שיינט דאָרט אַ גאַנץ יאָר. היינט די בלומען און פּאַלמען־בוימער, די מילדע לופט... ווּעסט ערשט אָפּאָטעמען, ס׳וועט זיין אַ היילונג פאַר דיין האַרץ, וועסט ווערן אַ נייער מענטש״.

„מיט אַלטע לעכער״. האָט מענדל געשפּאָסט.

„ווי לאַנג איז דער שיעור צו ליגן אין דעם פאַרשטיקטן ניו־יאָרק ?״, האָט זי גערעדט, פאַקנדיק מיט געטריישאַפט זיינע העמדער, מיט פאַר־ליבטע פינגער אויסגעגלעט וואו ערגעץ אַ קנייטשעלע. „מען ווערט דאָ אויסגעריסן פון די היצן מיט די פרעסט... אַ טייל פון לעבן פינצטערט מען אָפּ אין סאָבוועי... אַ וואָרעם ליגט אין כריין, מיינט ער ס׳איז קיין זיסערס ניטאָ... פאַר, מענדל! ס׳האַרץ זאָגט מיר, ס׳איז צום גוטן. ווען איך מיט די קינדער וועלן אַהין קומען, וועסטו שוין זיין אַ געזונטער. נאָר זאָלסט אויספּאַסן אויף זיך. געדענק וואָס דער דאָקטאָר האָט דיר אָנגעזאָגט: כאַפּ זיך ניט צו באַלד צו דער אַרבעט, רו זיך אויס צום ערשט אַ פּאָר וואָכן, און אַז דו וועסט גיין אַרבעטן, האָסל׳ ניט, אַרבעט ווי אַ מענטש, רייס ניט איבער די כוחות — וועסט זען, מענדל, אַז אונדז וועט נאָך גוט זיין״.

„פון דיין מויל אין גאָטס אויערן״, האָט ער זיך דעמאָלט געוואָלט זאָט אָנקוקן אויף איר.

„און נאָך אַ זאַך... אין האָליוואוד זיינען דאָ שיינע פרויען, זע נאָר זאָלסט זיך ניט אויסקלייבן קיין אַנדערע״...

„הערסטו, צוליב דעם פאָר איך דאָך״...

זי האָט אַביסל פאַרבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זייט און פאַרזשמורעט די אויגן...

דער „דראַיווער״ האָט אים אַראָפּגעלאָזט אין אַ שטילער געגנט אַרויס פון שטאָט. אויפן וועג איז זיך דער נעפּל צעגאַנגען, געבליבן הינטער אים. דאָ שיינט די זון אַזוי אָפן און דירעקט, ניט פאַרשטעלט און צע־קרומט פון הויכע מויערן — אַ ברייטע גאַס, פון בײדע זייטן הויכע פּאַל־מען ביימער מיט לאַנגע שלאַנקע העלדזער, פאַרריסן די שטאָלצע קעפּ צום הימל וואָס צעשטראַלט זייערע „טשופּרינעס״. אַ כאָר פון פייגל האָט אים באַגעגנט מיט מאָסן־געזאַנג. מענדל האָט אַ שמייכל געטאָן און טיף איינגעאָטעמט די וואַרעמע לופט, וואָס איז געווען געווירצט מיט די זאַפטן פון די פיל־קאָלירטע בלומען געראַטנדלעך אַרום.

ער האָט באַטראַכט די קייט פון בערג, וואָס רינגלען אַרום די געגנט. די העכערע בערג טראָגן ווייסע שניי־יאַרמילקעס... דאָ, צעבליטער זו־מער, אויבן — ווינטער.

זיינע פריינט וואוינען אין אַן אייגן קליין הויז, מער גאָרטן מיט בלומען, ווי הויז... זיי האָבן זיך דאָס דערפרייט מיט אים! אַלטע קלאָוק־מאַכער, וואָס ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט זיי אין ניו־יאָרקער שעפּער. עס איז גראָד געווען דער „סלעק־סעזאָן״ אין דעם קלאָוקס־פאַך, און ער האָט זיי געטראָפן אין דער היים. אַז די ערשטע איבעררײַשונג איז אַריבער, האָט מען אויסגעשטעלט שטולן אין דעם „בעק־יאַרד״, אָדער זיך געזעצט אויפן גראָז, און מען האָט אָפּגענומען גרוסן פון ניו־יאָרק, צע־פרעגט זיך אויף באַקאַנטע, און דערהויפּט וועגן זיין פרוי גיטל.

„וואָס מאַכט אייער פרוי, מענדל? כ׳וואָלט זי אַזוי געוואָלט זען״, האָט זיך נאָכגעפרעגט די באַלעבאָסטע פון הויז, גיטלס אַן אַלטע חברטע, אויך אַ האַנט־נייערין ביי קלאָוקס.

„מיין פרוי איז ,אָלרייט׳. זי רעדט אָפט פון אייך. וואָס מאַכט איר, העלען?״

„וואָס זאָל מען מאַכן?״, האָט זי זיך דערמאָנט וויפל יאָרן ער האָט זי שוין ניט געזען, און זיך אַביסל פאַרשעמט. (וואָס די יאָרן האָבן אָפּ־געטאָן צו איר!) געהאַלטן זיך אין איין פאַרריכטן די האָר און אַוועק־דרייען דעם קאָפּ. זי איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען, ניט אָנגעשמירט קיין טראָפּן פאַרב אויפן פנים, מיט בלאַסע ליפּן, מיט קנייטשן אין איר געלבלעך פּנים, וואָס די זון ברענגט אַרויס אַזוי שאַרף... ווען ער האָט זי געקענט, איז זי געווען יונג און שיין. זיי זיינען דאָך „אויסגעגאַנגען״ אַמאָל צוזאַמען... האָט זי זיך איצט געפילט אין אַ פאַרלעגנהייט מיט אירע ניט צוגעפּאַרבטע פופציק יאָר...

„איך בין זייער צופרידן אייך צו זען, גלויבט מיר, אַזוי ווי אַן איי־גענעם ברודער״.

„טאָ ווי גייט עס אייך?״, האָט מענדל דערטאַפּט די סיטואַציע, און ניט געקוקט איר דירעקט אין פּנים אַריין.

„איר ווייסט דאָך, מען ווערט עלטער״...

„איר זאָלט נאָך ניט ריידן פון עלטער, איר קוקט נאָך אויס יונג״, האָט איר מענדל געוואָלט מאַכן אַ קאָמפּלימענט, און באַלד איינגעזען, אַז ער האָט קאַליע געמאַכט.

„געדענקסט דאָך מענדלען? אַן אַלטער גוטער פריינט...״, האָט זי

געזאָגט צו איציקן, איר מאַן, אַ דיקלעכער, מיט אַ רעמל געקרייזלטע האָר אַרום פליך. פון אָפּענעם שלאָף־ראָק האָט ביי אים אויסגעשטאַרצט אַ בייכל, זיינע טונקעלע ווייכע אויגן האָבן פריינטלעך געשמייכלט צום גאַסט.

„צי איך געדענק מענדלען ?", האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן גוט־ברודעריש מענדלען אויף דער פּלייצע, „ווייניק האָבן מיר געשקלאַפּט צוזאַמען אין די שעפּער ?"

העלען האָט פאַרפּעדעמט אַ שמועס צווישן מענדלען מיט איציקן, זיך אַנטשולדיקט, און שנעל אַריין אין הויז זיך „צופיקסן", אָנטאָן אַן אַנדער פּנים.

„איז ווי גייט דאָס, איציק ? שוין אייך ניט געזען אַ שאָק מיט יאָרן".

„ווי זאָל עס גיין ? מיר לעבן און גאָט מוטשעט זיך", און ער קוועלט אַליין אָן פון זיין „קלוגן" זאָג, „מען ווערט דאָ פאַרברוינט פון דער זון. אין קאַליפאָרניע האָט יעדער אַ גאָרטן"...

„איר זעט די פייגן־ביימער ? אַליין פאַרזייט. אָט, די פייגן זיינען שוין רייף", האָט ער זיי געטאַפּט, „מען דאַרף זיי טאַקע אַראָפּנעמען, די פייגל פרעסן זיי אויף. מען קאָן זיך גאָרניט אָפּיאָגן פון די פייגל". ער האָט באַוויזן מענדלען די בלומען און „וועדזשטעיבלס", וואָס וואַקסן אַזוי שיין: „מיט אייגענע הענט פון דער ערד אַרויסבאַקומען".

מענדל האָט זיך געוואונדערט, וואָס איציק דערלאָזט אויף זיך אָנוואַקסן פעטס. אַז ער בייגט זיך אַביסל איין, שפּאַרט זיך דער בויך אַרויף צו זיין איינגעפאַלענעם ברוסט־קאַסטן, וואָס דערמאָנט אַ קבר... אַ מענטש זאָל דערלאָזן דער בויך זאָל אים איינשלינגען... און אפשר איז דאָס ביי אים אַזאַ „גלענד" ?...

ביינאַכט האָבן זיי פאַרבעטן מענדלען אויף „סאפּער". צו זיינע פריינט זיינען געקומען צוגאַסט זייער זון מיט דער פרוי, אַ בלאָנד־גאָלדיק ווייבל מיט בלויע אויגן, וואָס האָט מער געשוויגן און געשמייכלט ווי גערעדט. דער זון, אַ „סעילסמאַן", באַריידעוודיק און פריינטלעך, ווי דער טאַטע, נאָר ער איז מוסקולעז־שלאַנג, אָפּגעברענט פון דער זון. דער שמועס צווישן די אַלטע פריינט האָט זיך אָבער אַביסל פאַרהאַקט, ווייל מען איז באַלד אַריבער אויף ענגליש... דאָס פּאָרל, ווידער, האָט זיך געוואָלט אויספּייַנען, צי אויסחנדלען — אויף יידיש... איז געוואָרן אַ שטיקל פּלאָנטער...

אַז אָנגעפּאַרבטע, האָט העלען אויסגעזען אַ סך אינגער, כאָטש דאָ און דאָרט האָט זיך אַרויסגעגנבעט אַ קנייטשל פון איר פּנים, ווי שפּאַלטן אין

אַ וואַנט וואָס הויבט זיך אָן קרישלען... די קינדער, אַזוי שנעל ווי זיי האָבן אָפּגעגעסן, און אויסגעלויבט דער מאַמעס קאָכן, האָבן זיך אָנ־געהויבן איילן און אַוועק פרי אַהיים. איצט האָט זיך דער שמועס צווישן זיי צעשפּריצט פריי און רוישיק, ווי אַ וואַסער וואָס ברעכט דורך אַ דאַמבע... מען האָט זיך דערמאָנט אַלטע צייטן, געשפּאָסט און געלאַכט, ביז העלען האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז מענדל מוז אַוודאי זיין מיד פון וועג און ער דאַרף זיך אויסרוען.

„לאָמיר ניט אויסריידן אַלץ מיט איינמאָל, איבערלאָזן עפּעס אויף אויף מאָרגן. און פאַרגעסט ניט, מענדל, מאָרגן אַוועקצושיקן אַ בריוו צו גיט־לען. איך וואָלט זי שוין געוואָלט זען. דאָס האָב איך דאָך אייך באַקאַנט מיט איר, איר געדענקט?"...

„צי איך געדענק?"...

זיי האָבן אים אָפּגעגעבן אַ צימער מיט צוויי פענצטער אין גאָרטן אַריין. אַ מידער פון וועג, איז ער באַלד איינגעשלאָפן.

רוט ער זיך אויס אין לאָס־אַנדזשעלעס און קומט צו זיך. ניט ווייט פון פלאַץ, וואו ער וואוינט, איז דאָ אַ קליינער פּאַרק, וואוהין ער קומט יעדן טאָג, ציט זיך אויס אויפן גראָז און קוקט אין הימל אַריין, וואָס שפּרייט זיך ווי אַ בלויער ים אין אַ מילד וועטער. העלע שטיקלעך וואָלקן צעשטראָלט פון דער זון ווערן זילבערנע שיפלעך, און ער לאָזט זיך אַוועק אויף זיי אין ווייטע פאַנטאַסטישע וועלטן...

ער זיצט אויף אַ באַנק און קוקט אויף די שוואַנען, וואָס שווימען אַזוי רואיק אין וואַסער, די שטאָלצע קעפּ פאַררײסן אויף די לאַנגע העל־דזער, וואָס דערמאָנען אים אין גיטלס האַלדז... די באַוועגונגען וואָס זיי מאַכן אין וואַסער, באַרואיקט און שלעפּערט איין...

די עטלעכע וואָכן אָפּרו האָבן זיך שנעל געענדיקט. דאָס ביסל געלט, וואָס ער האָט געהאַט, האָט גענומען אויסגיין, און ער האָט אָנגעהויבן זוכן אַרבעט. ס'האָט ניט גענומען לאַנג און ער האָט געקראָגן אַ „דזשאָב". ס'איז געווען ניט פון די בעסערע „שעפּער" אין שטאָט: ענג, שטויביק, אָנגעזעצט האַרט איינער לעבן אַנדערן. איבער צוויי רייען מאַשינען האָבן זיך געוויגט גרוילעכע אָפּערייטאָרישע קעפּ, ווי זיי וואָלטן זיך פאַר־מאָסטן אַראָפּצופאַלן... איין מאַשין איז געשטאַנען אַ „געקעפּטע". יע־נער אָפּערייטאָר, אַן עלטערער און אַ קראַנקער, איז געפאַלן ביי דער אַרבעט. די מאַשין האָט געשטאַכן דעם באַלעבאָס די אויגן. „אַ ליידיקע מאַשין איז אַ לאָך אין קעשענע!", האָט ער איינגעקנעלט מיטן פאַרמאַן

און געהייסן זי באַזעצן.

מענדל האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך ניט צו „לויפן“ ביי דער אַרבעט ווי אין די אַמאָליקע יאָרן. בעסער פאַרדינען אַביסל ווייניקער אַבי ניט צוזאַמענברעכן. זיך דערמאָנט אָן אַ סאַך אָפּערעיטאָרס, „שיסערס“, וואָס האָבן זיך איבערגעריסן און געפאַלן ביי די מאַשינען. צייטנווייז האָט ער זיך פאַרגעסן און אַ לאָז געטאָן מיטן אַלטן אימפּעט, מיט דער אַלטער געוואוינהייט, האָט אים זיין שווער אָטעמען און וויטיקן אַרום האַרץ געלאָזט וויסן וואוהין ער לויפט... ער האָט מיט שרעק געווישט דעם שווייס פון שטערן. דעמאָלט האָט ער זיך אויפגעשטעלט, איבערגעגאַנגען זיך איבערן שאַפּ, גענומען אַ טרונק וואַסער און אָפּגעצויגן דעם אָטעם, געזעצט זיך צו דער מאַשין און געאַרבעט באַרמאַל לויט זיינע כוחות. ער האָט טאַקע ווייניקער פאַרדינט, נאָר ער האָט געפילט, אַז אַזוי קאָן ער אָנגיין מיט דער אַרבעט. פאַראַן מענטשן, וואָס גיין קאָנען זיי שעהן, צווינגט זיי לויפן, וועלן זיי פאַלן.

סוף וואָך האָט דער פאָרמאַן צוגעטראָגן די טשעקס צו די מאַשינען (די האַנט וואָס שפּייזט). מענדלס טשעק האָט ער אַ וואָרף געטאָן. לויט דעם פאַרדינסט איז ער אַ קריכער. ס'לוינט זיך ניט אים לאָזן פאַרנעמען אַ מאַשין. מענדל האָט באַמערקט דעם וואָרף, ס'האָט אים אַ ברי געטאָן. געטראַכט: זאָל ער זיך וואַרפן, מענדל שיסט ניט מער, שוין זיינס אויסגעשאָסן! פאַרנאַכט, ביים אַהיים גיין, האָט אים דער פאָרמאַן אָפּגעשטעלט:

„סעי, מיסטער!“

„יעס!“

„דער באַלעבאָס האָט מיר געגעבן אַן ,אַרגומענט‘, פאַרוואָס כ'האָב באַזעצט אייער מאַשין. ניטאָ גענוג אַרבעט פאַר די אַלטע הענט, איז...“

ער האָט אַרויסגענומען אַ ציגאַר, אים באַלעקט, אַרומגעדרייט אין מויל, פאַררויכערט.

„ענדיקט אַרויס וואָס איר האָט אין דער האַנט“.

ער האָט זיך פאַרהוסט, געוואָרן רויט, געכראַקעט.

ס'איז געוואָרן „ביזי ביי קלאָוקס“, האָט ער אין עטלעכע טעג אַרום געקראָגן אַן אַנדערן „דזשאָב“. אָפּגעאַרבעט אַ פּאָר טעג, דער פאָרמאַן דרייט זיך אַרום זיין מאַשין:

„עפּעס רירט זיך ניט ביי אייך, וואַרפט אַרויס די שטיינער פון די אַרבל, גיט זיך אַ צאַפּל!“ „די יוניאָן האָט מיר שוין אַרויפגעשיקט אַ קריכער“, פאַרמסרט ער מענדלען פאַר אַ צווייטן אָפּערעיטאָר.

דאָס בלוט האָט מענדלען אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין.
מיטאָג־צייט פרעגט אים איינער פון די שנעלע אָפּערעיטאָרס:
„וואָס הערט זיך לאַנדסמאַן, איר שיסט אַריין?"...
„איך האָב שוין מיינס אויסגעשאָסן", פאַרפרעסט מענדל די ליפּן. שפּעטער איז ער, אויפן וועג צום מענעדזשער־צימער, פאַרבייגעגאַנגען די אָפענע טיר, וואָס פירט אין אָפיס אַריין און געהערט ווי דער באַלעבאָס שרייט צום פאָרמאַן:
„פאַרוואָס לאָזסטו זיצן דעם ,סלאָען'?... אויפן זעלבן בענקל קאָן דאָך זיצן אַ מאַן, וואָס מאַכט אַ טאָג אַרבעט!"
„כ'האָב אים שוין געזאָגט ער זאָל זיך אַ וואָרף טאָן".
„וואָס מיר געזאָגט? מען האַקט אים אַרויס!"...
„ער וועט דאָ ניט אַרבעטן, מיסטער סטראַוס".
מענדל האָט געפילט ווי מען וואָלט אים באַשפּיגן, די הענט האָבן זיך אים געטרייסלט, ס'איז אים געוועזן ביטער אין מויל — אויס „דזשאָב".
יענע נאַכט האָט ער קיין סאָפּער ניט געקאָנט עסן. דער ביסן האָט זיך אים געשטעלט אין האַלדז, און שפּעטער האָט ער לאַנג ניט געקאָנט איינשלאָפן. גיטלס בריוו האָט אים נאָך צוגעשמאַלצן: ביידע זין, שרייבט זי, דרייען זיך אַרום לײדיק, קאָנען ניט קריגן קיין „דזשאָבס". מיטן עסן קומט מען דורך ווי עס איז... נאָר עס רוקט זיך אונטער „רענט"! דאָס יאָר איז דער ווינטער זייער אַ קאַלטער אין ניו־יאָרק... דזשעקס ווינטער־מאַנטל צעפאַלט...
די זין לעכערן אים דעם קאָפּ. זיי קאָנען זיך ניט דערשלאָגן צו עפּעס. ווען זיי האָבן אים באַגלייט פאַר זיין אַוועקפאָרן, האָבן זיי אויסגעזען אַזוי שיין, אַז דאָס האַרץ האָט אים אָנגעקוואָלן, נאָר עס האָט אים ווי געטאָן וואָס זיי פילן זיך אַזוי דערשלאָגן... פאַרשעמטע, עפּעס ווי פאַרלוירענע און איבעריקע...
ער איז אַרויף אויף אַן אַנדער דזשאָב, וואו עס לויפן אַ סך מאַשינען און מען מאַכט בעסערע אַרבעט. צווישן אַזוי פיל אָפּערעיטאָרס, האָט ער געטראַכט, וועט ער זיך אפשר ניט אָנזען, און אַדורכשטופּן די ערשטע צוויי וואָכן. לויט דעם קאָנטראַקט, וואָס די יוניאָן האָט מיט די באַלעבאַטים, קאָן מען אים שוין דערנאָך ניט אַוועקשיקן. ער איז טאַקע אַדורך די צוויי וואָכן, נאָר דערנאָך האָט זיך דער פאָרמאַן געכאַפּט:
„איר מאַכט דאָך קיין אַרבעט ניט! וואָס זענט איר דאָ אַרויפגעקומען, פאַר אַ ,וואַקעישאָן'?"
„איר באַצאָלט מיר פאַר וויפל איך מאַך, ס'איז שטיק־אַרבעט"...

„שטיק־אַרבעט, וואָך־אַרבעט, דאָ דאַרף מען צושטעלן ,פּראָדאַק־שאָן', אַז ניט וועט מען אונדז ביידן אַרויסוואַרפֿן"...

„מען וואַרפֿט ניט היינטיקע צייטן!"

„דאָס וועט מען שוין זען! ס'האָט נאָך אַ גרויס מויל אויך!"...

דער פֿאַרמאַן האָט אָנגעהויבן אַ קאַלטע מלחמה קעגן מענדלען, צוריק־געברענגט זיין אַרבעט צו פֿאַרריכטן, צי מען דאַרף צי ניט, „געלויזט" יעדן שטאָך. דער מיאוסער קוק פֿון זיינע בלאַטיקע אויגן האָט באַליי־דיקט. ער האָט אים געהאַלטן אין איין רופֿן צו דער „פֿיגור":

„סעי! ווי הייסט ער דאָרט, דער גרויסער צעלייגער? קומט נאָר אַהער!"

צוואַרפֿנדיק אים אַ מאַנטל צו „פֿיקסן", פֿלעגט ער אַריבערשרייען דעם רויש פֿון די מאַשינען:

„מען דאַרף אייך אויסקוועטשן די פֿינגער און... זיי צעברעכן! איר גייט טאַקע ,סלאָו', אָבער דערפֿאַר פֿאַסקודנע"!...

דאָס בלוט אין מענדלען האָט אויפֿגעזאָטן, דער שאַפּ האָט זיך אַ בויג געטאָן פֿאַר אים... זיין רעכטע האַנט האָט זיך געריסן צו דער שער... דערלאַנגען דעם גיפֿטיקן מענטשן מיט די בלאַטיקע אויגן... אָפּרעכענען זיך מיט אים פֿאַר זיך און אַ סך אַנדערע, וועמען ער האָט געמאַכט די גאַל פֿלאַצן און פֿאַרסמט דאָס לעבן... נאָר דאָס איז ניט דער וועג...

פֿון נערוועזיטעט איז אים אַלץ געפֿאַלן פֿון די הענט. ער האָט שלעכט פֿאַרנייט אַ געוויסן טייל און געמוזט אויפֿטרענען, די הענט האָבן אים געציטערט און ער האָט איינגעשניטן אין סאַמע פֿראָנט... ס'איז אים געוואָרן פֿינצטער אין די אויגן, דאָס האָט אים נאָך געפֿעלט! וואָס טוט מען? אַ שווייס איז אים אַרויס אויפֿן שטערן. ס'איז ביטער. ס'איז נאָענט צום אָרט פֿון די „באָטנהאָלס". אַריינפּאַסן דאָ אַ „באָטנהאָל"? וואָס האָט ער אָנצוואָרן? ער האָט אַזוי געטאָן, שווער געווען צו דערקענען דעם ריס. וועט דאָס אַדורכגיין? ער האָט פֿאַרלוירן צייט און דעם טאָג האָט ער שוין גאָר ווייניק פֿאַרטיק געמאַכט. דער פֿאַרמאַן האָט פֿאַר־נאַכט געזען וואָס ער האָט אויפֿגעטאָן פֿאַרן טאָג, איז ער ערשט אַרויף אויף אים:

„איר מאַכט דאָך שוין ווידער גאָר קיין אַרבעט ניט. וואָס שלאָפֿט איר, וואָס פֿאַרנעמט איר אַ מאַשין אומזיסט?!"

ער האָט זיך געוואָרפֿן פֿון כעס, אַ כאַפּ געטאָן די קליידער, אַ שליי־

דער געטאָן זיי אויפן טיש פון דער פּאַרטיקער אַרבעט און אַ געשריי געטאָן האַלב צו זיך:

„גיי אָדער פּגר!“

די אָפּטע אויפרעגונג, דאָס גאַל־עסעניש, די דערנידערקונג האָט שלעכט געווירקט אויף אים. אַ שווערער אַרבעטער און אַ שנעלער פון אַלע יאָרן, האָבן אים פּאַרלייט שטענדיק „געלעקט“, געטאַנצט אַרום אים. און דאָ — שטויב אונטער זייערע פּיס...

יענעם אָוונט האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו פון גיטלען:

„ליבער מענדל! מיר געפינען זיך אין בעסטן געזונט, דאָס זעלבע פון דיר צו הערן. שרייבסט מיר, אַז דו קלייבסט זיך שוין צו גיין אַר־בעטן. האָב איך מורא, אַז ס'איז צו־פרי. רו זיך נאָך אָפּ אַביסל. דזשעק האָט געקראָגן אַ דזשאָב אין אַ „סטאָר“, וואו ס'גייט אָן אַן אויספּאַרקויף, ער קריגט צוועלף דאָלאַר אַ וואָך, בעסער ווי גאָרנישט. כ'האָב געטראָפן זיין מיידלס מאַמע, און זי האָט טענות: ווי לאַנג איז דער שיעור זיי זאָלן זיך אַרומשלעפּן? צייט צו טראַכטן פון אַ צוועק! ליבער מענדל! די קינדער האָבן זיך ליב און וואָלטן, נעבעך, געוואָלט חתונה האָבן, נאָר ווי קאָנען זיי? אַז ער האָט ניט קיין פּעני ביי דער נשמה און זי איז אויך אָרעם. נאָר איך האָף, אַז ס'וועט זיך נאָך אַלץ אויסלאָזן צום גוטן. ליבער מענדל, איך קאָן מיר דאָ אָן דיר קיין אָרט ניט געפינען. איך וואָלט שוין געוואָלט דערלעבן צו זיין דאָרט מיט דיר. און ניט געזאָרגט, מענדל, פערד האָבן גרויסע קעפּ, זאָלן זיי זאָרגן. איצט בעט איך דיר, שרייב מיר באַלד אָן ענטפער, און צי שאַט דיר ניט דאָס עסן אין די רעסטאָראַנען? דאָ האַלטן נאָך אָן די פראָסט. יענע וואָך איז אָנגעפאַלן אַזאַ הויכער שניי, אַז ער האָט פאַרשאָטן די שטאָט, און ביי אייך, דאָרט, איז זומער און עס שיינט די זון! איך האָף זייער שנעל צו זיין דאָרט און דיך טרעפן אַ גע־זונטן און אַ פריילעכן. אונדזערע זין זאָגן, אַז זיי בענקען נאָך דיר און וואָלטן שוין אויך דאָרט געוואָלט זיין. פון מיר דיין ליבען פרוי, וואָס האָפט דיך שנעל צו זען, גיטל. דזשעק און איזי גריסן דיר האַרצלעך“.

יענע נאַכט האָט זיך פאַר אים געצויגן ווי אין אַ היץ־קרענק מיט ווילדע חלומות: ער איז איינגעשפּאַנט אין אַ שווערן וואָגן, דער פאָרמאַן שמייסט אים מיט אַ בייטש און שרייט: „גיי אָדער פּגר!“ ער כאַפּט זיך אויף און ס'איז אים שווער צו אָטעמען. ניטאָ קיין לופט אין צימער, ער דאַרף עפענען ס'פענצטער, נאָר אַז ער קומט צום פענצטער איז עס אָפן. דער בלויער הימל איז געדיכט באַשפּרינקלט מיט שימע־

רירנדיקע שטערן. אָט איז אַ שטערן געפֿאַלן... מענדל ציט אַרײַן אין זיך דעם ריח פֿון גראָז און בלומען.

ער לייגט זיך צוריק אין בעט אַרײַן. און אַז ער ווערט אַנטשלאָפֿן, חלומט זיך אים: ער גייט ערגעץ אין אַ גאַס צווישן אַ סך מענטשן, אַלע לייענען צײַטונגען מיט גרויסע קעפּ: „ניו־יאָרקער באַנדיט שיסט פּאָליציימאַן און אַנטלויפֿט מיט צען טויזנט דאָלאַר". ער קויפֿט אַ צײַטונג, דער נאָמען פֿון באַנדיט איז... דזשעק פֿײַנשטיין. ס'איז דאָך זײַן זון! מענדל פֿילט ס'האַרץ שטעלט זיך אים אָפּ. ס'ווערט אים פֿינצטער אין די אויגן. און פֿון דער פֿינצטערניש שנײַדט זיך אַרויס אַ טורמע־צעל: מען פֿירט זײַן דזשעקן צום „עלעקטריק טשער". ער לאָזט זיך לויפֿן נאָך אים, קריגט ער אַ זעץ אין קאָפּ און כאַפּט זיך אויף.

אין אַ שבת בייטאָג האָט ער געגעסן „לאָנטש" בײַ זײַנע פֿרײַנט. אויף דער ראַדיאָ איז אָנגעגאַנגען אַ קאָנצערט פֿון נ'יו־יאָרק אין קאַרנעגי האָל. בײַ די שטילע טענער האָט זיך געהערט אַ הוסטן אין אַלע זײַטן פֿון זאַל, מענטשן זײַנען פֿאַרקילט, ניו־יאָרק איז פֿאַרשאָטן מיט שניי. און דאָ בלענדט די זון דורך די אָפֿענע פֿענצטער. דאָ איז גוט צו לעבן. נאָר ער איז פֿאַרהאַקט געוואָרן צווישן צוויי פֿײַערן: אַרבעט איבער דײַנע כוחות און ווער ווידער קראַנק, אָדער עס די זון מיט די פּאַלמען־ביימער...

און וואָס האָט די נײַע וואָך אָנגעגרייט פֿאַר אים?

דער פֿאָרמאַן איז נאָך ביטערער, דערגייט אים די יאָרן, האָט זיך פֿאַרנומען אים אַרויסצובײַסן. די אינקוויזיציע הויבט זיך אָן. מענדל פֿילט, אַז ער קאָן לאַנג אַזוי ניט ציִען. וואָס וועט זײַן, וועט זײַן!... אַהין אָדער אַהער!... זײַן מאַשין האָט אָנגעהויבן דונערן, זײַנע הענט האָבן זיך בליץ־שנעל גענומען וואַרפֿן. ער האָט זיך דערשראָקן. שוין?... פֿאַרוואָס ניט, נאָך וואָס אויסציִען? און אפֿשר האָט ער גאָר אַ געזונט האַרץ? דער דאָקטאָר האָט דאָך געקאָנט מאַכן אַ טעות. אַ פֿרײַנט האָט אים אַמאָל דערציילט, אַז מיט צוועלף יאָר צוריק האָט אים אַ דאָקטאָר געזאָגט, אַז ער האָט איין יאָר צו לעבן, און ס'איז שוין צען יאָר ווי ער איז געווען אויף יענעם דאָקטאָרס לוויה... און כּדי ער, מענדל, זאָל לעבן און אַהער ברענגען זײַן פֿאַמיליע, מוז ער אַרבעטן, און בײַ קלאָוקס מוז מען דערלאַנגען אַ פּלייצע, ס'איז אַהין אָדער אַהער. דער פֿאָרמאַן איז גערעכט. דאָס איז אַ וועלט פֿון — גיי אָדער פּגר. טאָ נאָך וואָס זיך פּיעשטשען? ווער וועט אים העלפֿן? גיטל, די זין? ער מוז מאַכן אַ שטיין פֿון זײַן האַרץ... ער איז ניט גוט פֿאַר זיי...

זיין מאַשין האָט ניט אויפגעהערט צו דונערן. אַפּערעיטאָרס האָבן אויסגעדרייט צו אים די קעפּ און זיך איבערגעקוקט: אַ, ער איז לעבעדיק געוואָרן!... מענדלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די מאַשין קאָן גיין נאָך שנעלער... האָט ער געקירצט דעם פּאַסיק, וואָס דרייט דאָס ראָד... דאָס מויל פון דער מאַשין האָט בליץ־שנעל געשלונגען, געריסן פון זיינע הענט, אַט וועט זי אים איינגאַנצן איינשלינגען... די אויגן האָבן ביי אים געבּרענט, דאָס פּנים צעפלאַמט, די פּאַרטיקע מאַנטלען לעבן אים זיינען הויך אויסגעוואַקסן. אַזוי האָט ער געאַרבעט אַ וואָך און נאָך אַ וואָך. האָט זיך דערזען מיט „פּעי", געגאַנגען זוכן אַ וואוינונג, געקליבן זיך אַהערברענגען גיטלען מיט די זין. ביז איין מאָל, אַ פּאַרמיטאָג, האָט מען דערזען ווי זיין קאָפּ ליגט אויף דער מאַשין און די הענט הענגען אַרונטער...

זיין פריינט — דער דיכטער

זיי זיינען ביידע געקומען פון איין שטאָט און אויף דער זעלבער שיף קיין אַמעריקע. אריין אין די ענגע גאַסן מיט די הויכע הייזער, האָט מענדל העלער מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ געזוכט דעם הימל, וואָס איז ניט געוואָרן, און בערל גאָלדשטיין האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָ זיינען ניטאָ קיין שטיינער, ס׳גייט זיך גלאַט, מ׳קאָן טראָגן אַ פּאָר שיך וועד ווייסט ווי לאַנג.

בערל איז געווען אַ באַרשטן־מאַכער פון דער היים, האָט אים ניט לאַנג גענומען און ער האָט געקראָגן אַרבעט. אַז ער איז געקומען צו די ערשטע פּאָר דאָלאַר, האָט ער אַרויסגענומען אַ באַנק־ביכל און אָנגעהויבן רעכענען וויפל ער קאָן אָפּשפּאָרן אין אַ יאָר.

מענדלען האָט אַ לאַנדסמאַן אַריינגענומען אין אַ שאָפּ אויסצולערנען נייען העמדער. אין דער פרייער צייט האָט ער זיך געלערנט ענגליש, געלייענט ביכער, און אין געהיים געשריבן לידער.

זיי פלעגן זיך אַמאָל טרעפן ביי אַ לאַנדסמאַן, אַ פּרעסער ביי מענער־קליידער.

„ווי גייט עס דיר, מענדל?“

„כ׳מאַך אַ ,טולער׳ — און ווי גייט עס דיר?“

„כ׳לערן זיך נייען העמדער“.

„העמדער איז אויך גוט. אין אַמעריקע איז דאָס אַ גרויסע ,ביזנעס׳,“ האָט אים בערל פּאַטאַקעוועט.

„ער האָט דאָך שוין אַ באַנק־ביכל“, האָט דער לאַנדסמאַן געריימט בערלען פאַר מענדלען.

„אַריין מיטן רעכטן פוס!“, האָט מענדל דין געשמייכלט דורך די אויגן־גלעזער.

פון דעמאָלט אָן זיינען זיך זייערע וועגן אינגאַנצן פאַנאַנדערגעגאַנגען.

ביז איינמאָל, אין אַ פּאָר יאָר אַרום, האָט אַ לאַנדסמאַן געזאָגט צו בערלען:

„געדענקסט דעם העלערן ?"

„העלערן ? וואַרט נאָר..."

„דער וואָס פלעגט האַלטן רעדעס אין דער היים אויף געהיימע פאַר־זאַמלונגען".

„מיינסט, מענדל העלערן ? צי איך געדענק אים ? מיר זיינען דאָך געווען די בעסטע חברים. וואָס איז דען ?"

„ער איז דאָך געוואָרן אַ שרייבער !"

„אַ שרייבער? אוי־וואַ! כ׳האָב אָבער געוואוסט, אַז ער איז ניט צווי פּאַר אַ דריער. כ׳בין צופרידן וואָס נאָך אַ לאַנדסמאַן האָט זיך אַרויפגעאַר־בעט. וואו שרייבט ער ? ווערסט זען, ער וועט נאָך ווערן אַ רעדאַקטאָר. אַ קאָפּ האָט דאָס פון אַ מיניסטער. אונדזער שטאָט גיט אַרויס גרויסע מענטשן... מיט אים בין איך שוין אויסגעזאָרגט. שרייבעריי איז אַ גאָלדענע ,ביזנעס׳ אין אַמעריקע"...

וואָס מער עס האָט זיך אָנגענומען אויף בערלס באַנק־ביכל, אַלץ מער האָט זיך זיין אַפּעטיט צעוואַקסן. עס זיינען אָבער אַריין די „סלעקס" מיט סטרייקס און ער האָט געמוזט שלעפּן פון דער באַנק, ביז ס׳איז שוין באַלד גאָרניט געבליבן, האָט ער איינגעזען, אַז אַרבעטן אין שאַפּ איז אַ שלעכטע „ביזנעס". אָט, דער באַלעבאָס זיינער, אַז ס׳קומט דער „סיזן" שוימט ער טאַקע אָפּ. עס סטייעט אויף אַלץ : צו פאָרן קיין פלאָרידע, אויפצו־האַלטן אַ רייך הויז מיט אַ ווייב, און אַ געליבטע, צו באַצאָלן גענגסטערס צו ברעכן סטרייקס. אין שאַפּ וועט ער בלייבן אַן אייביקער קבצן. ערלעך איז שווערלעך.

בערל האָט אָנגעהויבן קאַרגן, געזאַמלט קישקע־געלט, געקאָפּעט מיט דער נאָז די ערד, ביז ער האָט זיך געעפנט אַ שאַפּקע, און ס׳איז אים טאַקע אַוועק גוט.

איין מאָל, דערזעט ער העלערן אין אַ קאַפעטעריע. ביידע האָבן אויסגעשטרעקט די הענט. בערלס האַנט איז געווען וואַרעם און פליישיק, העלערס, קאַלט און ביינערדיק. ער האָט געזופּט קאַווע און פאַרביסן מיטן רויך פון אַ סיגאַרעט.

„זע נאָר וועמען מען זעט דאָ ! העלאָ, מענדל ! אַ באַרג מיט אַ באַרג קומט זיך ניט צוזאַמען, אַ מענטש מיט אַ מענטש — יאָ. וואו ביסטו אַהינגעקומען ? כ׳הער ביסט געוואָרן אַ שרייבער, אַ פּאָעט. זאָג־זשע מיר, ווי פילט זיך צו זיין אַ גרויסער מענטש ?"

„אַ..." האָט מענדל פאַרשעמט אַ בלאָז געטאָן דעם רויך, „גרויסער

מענטש...״

בערל האָט באַמערקט, אַז די ברעגעס פון העלערס אַרבל זיינען אויס־געריבן, די לאַצן פון זיין רעקל גלאַנצן, און דער סיגאַרעט ציטערט ביי אים אין דער האַנט. ער איז געווען ריין אָפּגעראַזירט, נאָר ער האָט באַדאַרפט אַ ״העיר קאַט״.

„און ווי גייט עס דיר, בערל? ביסט געוואָרן פעט״.

„יאָ, דער דאָקטאָר הייסט מיך פאַרלירן וואָג״.

„ביסט נאָך אַלץ אַ באַרשטן־מאַכער?״

„אַוודאי, נאָר כ׳אַרבעט מיט אַ סך הענט... כ׳האָב איצט אַ גרויסן שאָפּ, מענטשן מאַכן ביי מיר אַ שיין לעבן״.

„אַזוי... ביסטו דאָך טאַקע אַריין מיטן רעכטן פוס״.

„קום אַמאָל אַרויף צו מיר, כ׳וויל דו זאָלסט זען די ,כאַלופּע׳ וואו עס וואוינט אַ באַרשטן־מאַכער. איצטער אָבער״, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט־זייגער, „מוז איך לויפן, כ׳בין שוין שפּעט צו אַן ,,אַפּאָינטמענט״. גיי וויים, אַז כ׳וועל דאָ טרעפן מענדל העלערן. איך בין אַריין כאַפּן אַ ,סענדוויטש׳, מען איז אַזוי פאַרדרייט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין צייט צו עסן. אַלזאָ, קומסטו? אָט איז מיין אַדרעס, נאָר גיב מיר פריער אַ ,רינג׳.״ און ער איז אַרויסגעלאָפן.

אויפן וועג צום „אַפּאָינטמענט״ האָט בערל געטראַכט, אַז ער האָט גוט געטאָן, וואָס ער האָט פאַרבעטן העלערן, זאָל די ווייב זען ווער ס׳איז זיינס אַ נאָענטער פריינט — אַ פּאָעט! זי פּעסטשעט זיך שטענדיק, אַז זי קומט אַרויס פון אַן איידעלער משפחה, וואַרפט אים פאָר, אַז ער האָט גראָבע געענג... זי פאַרגינט אים גאָרניט ער זאָל זי האָבן פאַר אַ ווייב. זי האָט זיך, הייסט עס, איינגאַנצן אָפּגעגעבן... טאָ זאָל זי זען ווער זיינע נאָענטע פריינט זיינען...

בערל האָט שוין געוואוינט אין אַ קליין פּאַלאַצל, אַן איין־פאַמיליע הויז פון זיבן צימערן. אַז מענדל איז אַריינגעקומען, האָט ער זיך מיט אים ברייט אַרומגעכאַפּט:

„העלאָ, מענדל! געמיינט וועסט שוין ניט קומען. מיר וואַרטן אויף דיר מיטן עסן... נו, זייט באַקאַנט, דאָס איז מיין פרוי קלאַרע, דאָס איז מיין טאָכטער פרענציס, דאָס איז דער שרייבער, דער פּאָעט... מענדל העלער״.

דאָס ווייב האָט געזאָגט פאַרשעמט „פּליז טו מיטשע״, די טאָכטער האָט ניט דרייסט אויסגעשטרעקט אַ קליין הענטל און געקוקט אויף אים

מיט רעספעקט.

„האָסט געזאָגט אויפן טעלעפאָן, אַז דו וועסט דאָ זיין זיבן אַזייגער. אין אַמעריקע איז מען פּינקטלעך. פּינקטלעכקייט איז דאָ אַ ,ביזנעס'," האָט אים בערל שמייכלדיק אויסגערעדט.

זיי האָבן זיך באַלד געזעצט עסן. ס'איז געווען אַ פעטע געווירציקע וועטשערע. מענדל האָט זיך געוואונדערט, ווי קאָנען מענטשן אַזוי פיל אַריינעסן. ער האָט אָבער מיטגעהאַלטן און אַ שווייס איז אַרויס אויף זיין בלייכן שטערן.

„עסן איז אַ גרויסע ,ביזנעס' אין אַמעריקע", האָט בערל לויז גע־מאַכט זיין פּאַסיק, „מענטשן ווערן מיליאָנערן פון אַ ,פּאָטעיטע', אַ בעבל, אַנדערע ברעכן די קעפּ. פאַרוואָס? זיי זיינען ניט קיין ,ביזנעסלייט'. עסן איז אַ ,גאָלד־מיין'... אַלזאָ, ביסט אַ שרייבער? אַ שאָד, דיינע עלטערן האָבן ניט דערלעבט אַזאַ נחת... כ'וואָלט אַמאָל געוואָלט לייענען דיינס אַ זאַך. אַזוי לייען איך נישט קיין יידישע ,פּעיפּערס', נישטאָ קיין צייט. ענגליש לייען איך יאָ, דער ,סטאָק־מאַרקעט, יו נאָו" (די פינאַנס־וועלט).

מענדלען איז עפּעס אַריין אין דער לינקער קעל און ער האָט זיך צעהוסט.

„כ'קלייב זיך אַרויסגעבן אַ בוך", האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקטן האַלדז.

„ביכער איז אַ גרויסע ,ביזנעס' אין אַמעריקע", האָט זיך בערל אָנגעכאַפּט.

„יאָ, אָבער ניט קיין יידישע", האָט מענדל באַמערקט.

אין קעשענע האָט ער געהאַט אַ טיכל, וואָס איז, דאַכט זיך, צעריסן, האָט ער דאָס איינגעקנוילט אין דער האַנט און זיך געווישט דעם שטערן. „זיי וואָלטן כאָטש אויפגעעפנט אַ פענצטער!", האָט ער געטראַכט. ס'איז געווען שטיקיק אין הויז. דאָס טעכטערל האָט געגאַפט אויף אים, באַוואונ־דערט זיין גרויסן שטערן מיט די צעפּאַטלטע האָר, וואָס האָבן זיך אַביסל געוויקלט איבער זיינע אויערן ווי ביי אַ מיידל. זי האָט דרך־ארץ גע־קראָגן פאַרן טאַטן, וואָס האָט אַזעלכע פריינט.

„איך האָב אַמאָל ליב געהאַט צו לייענען ראָמאַנען", האָט קלאַראַ גע־רעדט צו מענדלען מיט איידל־פאַרצויגענע ליפּן, ווי זי וואָלט זיך פאַר אים געפעסטעט, און געגעבן אָנצוהערעניש, אַז זי איז אַריינגעפאַלן אין שלעכטע הענט...

בערל האָט געדרייט זיין ציגאַר אין מויל, ווי ער וואָלט עפּעס אויס־

געשפעקולירט, ווייל ווען מענדל האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט ער באַ־מערקט, אַז די הויזן זיינע גלאַנצן שטאַרק אויפן געזעס און זיינען אויס־געריבן.

האָט ער, באַווייזנדיק אים ס׳הויז, זיך אָפּגעשטעלט אין „גאַרדעראָב־צימער":

„הער זיך איין, מענדל, מיר זיינען דאָך אייגענע מענטשן... איך האָב עטלעכע גוטע אָנצוגן, וואָס זיינען ענג אויף מיר..."

ביי מענדלען האָט געפלאַמט אַן אויער.

דערנאָך האָט בערל אויסגעאַרבעט, אַז מענדל זאָל זיך פאָטאָגראַפירן מיט אים. ער האָט געלאָזט פאַרגרעסערן ס׳בילד, איינגעפאַסט דאָס אין אַ טונקל־באַגילטער ראַם פון אַלט גאָלד און אויפגעהאַנגען אויבן־אָן אויף דער וואַנט. זיינע באַקאַנטע, וואָס זיינען אַריינגעקומען האָבן זיך געפרעגט:

„ווער איז דער?"

„מיינס אַ פריינט, דער באַרימטער שרייבער, דער פּאָעט העלער... האָסט ניט געהערט פון אים?"

„העלער? ביין!"...

„אָ!"

„זיין לעצט בוך איז אַ ,בעסט סעלער'."

אָביסל פון העלערס שיין איז אויך געפאַלן אויף בערלען.

העלער איז פאַרשוואונדן געוואָרן, בערל האָט אים עטלעכע יאָר ניט געזען. אין די עטלעכע יאָר האָבן פאַרשיידענע צופאַלן בערלען צוגע־שפּילט: ער האָט געקויפט און פאַרקויפט, ס׳איז אַוועק ווי ס׳טרעפט ביים קאָרטן־טיש — איין קאָרט בעסער פון דער אַנדערער, אַזוי, אַז שווייצאַרן זיינען שוין געשטאַנען אין דער עלעגאַנטער „לאָבי" פון אַפּאַרט־מענט הויז, וואו ער האָט געוואוינט. פון בערל גאָלדשטיין איז געוואָרן ב. גאָלדנער, שפּעטער — ב. דזשעי.

ס׳איז געווען אין די ערב־קריסטמעס טעג. ראַדיאָס האָבן געפּרעפּלט פון גוטן ווילן און פרידן אויף דער ערד... שנייעלעך האָבן געפלאַטערט אין דער לופט, זיך געוואָקלט, געקווענקלט, ניט אַראָפּצופאַלן אין דער גרויער רויכיקער שטאָט, וואו מיליאָנען פיס וועלן זיי באַלד צעטרעטן און מאַכן צו בלאָטע. „סאַלוועישאָן אַרמיי"־ווייבער, ווי אַלטע פאַרדאַרטע נאָ־נעס מיט טויט אין די אויגן, האָבן מאָנאָטן געקלונגען מיט גלעקלעך, גע־בעטן נדבות, און „סאַנטאַ קלאָוז" מיט אַ גראָבן פאַרגאַרטלטן בויך מיט

רויטע עפּל־באַקן האָט געלאַכט און אָפּגענאַרט קליינע קינדער...

בערל איז יענעם נאָכמיטאָג אַרויסגעפאָרן מיט דער טאָכטער און דעם צוקונפטיקן איידעם, אַ „לאָיער". בערל איז געזעסן אינדערמיט. די לימוזין האָט אַרומגעקרייזט דעם צענטראַל פּאַרק און זיך דערנאָך פאַרקירעוועט אין דעם געשעפט־טייל פון שטאָט. בערל האָט „געבומט" (אויף אַ פאַרגרייזטן ענגליש, וואָס האָט געגרילצט אין דער טאָכטערס אויערן) זיינע גרויסע געשעפטן, וואָס דרייען זיך שוין איצט אָן אים, אָנגעפירט פון געניטע פאַרוואַלטערס. דער צוקונפטיקער איידעם האָט אויף אַלע זיינע רייד געענטפערט: „אָ, יעס!", און געגלעט מיט זיינע צווי פינגער די בלאָנדע וואָנצעלעך, ווי ער וואָלט אין זיי אַריינמאַסירט עפּעס אַ מיין.

„איך האָב אַריינגעלייגט אַ ,מינט' אין מיינע הייזער", האָט בערל אויסגעצויגן די פיס און זיך באַקוועם איינגעזעצט, „איצט רייסן זיך אַריין שוואַרצע (נעגערס), די ,פּראָפּערטיס' וועלן פאַרלירן די ווערט, די ווייסע שטעלן זיך נאָך איין פאַר זיי, העלפן זיי אַריינשמוגלען — זיי ווילן שוואַרצע? זאָלן זיי בויען הייזער און זיי אַריינגעמען".

דער לאָיער האָט אויסגעשפּיצט אַ פינגער, וואָס האָט, דאַכט זיך, אי באַשטעטיקט און עפּעס אָפּגעפרעגט. דערנאָך האָט ער ווידער אַ גלעט געטאָן די וואָנצע און געזאָגט: „אָ, יעס!"...

בערל איז אַוועק פון הייזער צו פּאָליטיק און זיך גאָר צעדרשנט. פון דער זייט האָט פרעזידענט געזען, אַז דער טאַטע מאַכט ניט קיין גוטן איינדרוק, אירע אייגענע אַקציעס מוזן איצט פאַלן...

ס'האָט זיך פאַרוויקלט אַ שמועס צווישן דער טאָכטער מיטן יונגנמאַן, אַזוי ווי אויף דעם אָרט וואו בערל איז געזעסן וואָלט ניט געווען מער ווי לופט. אין זיין אייגענער מאַשין האָט ער זיך דערפילט איבעריק, ס'איז אים געוואָרן אומעטיק, קאַלט און ליידיק אַרום האַרץ. און ווי געוויינלעך, אַז עס ווערט אים אַזוי קאַלעמוטנע, גייט ער „סלאָמען", לאָזט זיך אַראָפּ אין דער אָרעמער געגנט פון וואַנען ער וואַקסט אַרויס. אַז ער דערזעט די גרוי־קויטיקע טענעמענט־הייזער מיט די אָנגעפּיקעוועטע לעכער־וואוינונגען, דערמאָנט ער זיך אין זיין „פּענטהויז" און ס'ווערט אים פריילעך.

האָט ער טאַקע געהייסן דעם שאָפער אַדורכפאָרן אַ שטיקל יידישע „איסט־סאַיד". שפּעטער, אַז די לימוזין האָט זיך געהאַלטן ביים אַרויספּלאָנטערן פון דער געדיכטער אָרעמקייט, האָבן זיי דערזען פאַר אַ הויז אַן אַרויסגעוואָרפענע פאַמיליע. ס'ביסל אָרעמקייט האָט זיך געוואַלגערט אין בלאָטיקן שניי. מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און גע־

שאָקלט מיט די קעפּ. בערלען האָט אַ שווינדל געטאָן אין די אויגן...
מענדל העלער איז געשטאַנען אינדערמיט... לעבן אים האָט זיך גע־
טוליעט אַ בלייכע פרוי אין אַ דין מאַנטעלע. מענדל האָט צוזאַמענגעקליבן
טייל ביכער פון דער בלאָטע, אָפּגעווישט זיי מיטן אַרבל פון דינעם
מאַנטל און צונויפגעלייגט זיי אין אַ שטויס אויפן בעטגעוואַנט. די פלייצע
זיינע איז געווען אַביסל הויקערדיק, נאָר דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן
פאַרריסן.

בערל האָט אַ רעווע געטאָן צום שאָפער „סטאָפּ!" און האָט זיך דער־
שראָקן פאַר זיין קול. די טאָכטער האָט אים צעטומלט אָנגעקוקט. בערל
האָט געקוקט אויפן צוקונפטיקן איידעם און זיך געריבן דעם שטערן...

„ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז עמיצער איז אין פראָנט פון די
רעדער"...

ער האָט געהייסן ווייטער פאָרן...

ציפערן

דורך די אָפענע פענצטער פון עס־זאַל אין האָטעל אַלבערטין, האָבן אַריינגעקוקט די גרינע בערג מיטן העל־בלויען הימל. דאָס געזאַנג פון פייגל איז פאַרטרונקען געוואָרן אין קלאַפעריי פון גאָפּל־מעסער אויף באַלאַדענע טעלער מיט זאַפטיקע סטעיקס, גרינסן, גאָלדענע יויכן און פאַרשידענע טאָרטן.

מאַקס הימלפאַרב איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן פריער, ווי די אַנ־דערע געסט ביי זיין טיש. „ווידער צופיל און צו שנעל געגעסן", האָט ער געטראַכט און מיט אַ פאַרנויג געבעטן אַנטשולדיקונג ביי זיינע מיט־עסער, וואָס ער פאַרלאָזט דעם טיש.

אינדרויסן איז ער געבליבן שטיין מיט פאַרזשמורעטע אויגן קעגן דער זון, דערזען אַ באַנק אונטער אַ געדיכט־בלעטערדיקן בוים, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, געמאַכט זיך באַקוועם, אויסגעצויגן די פיס, אַרויסגע־נומען אַ ציגאַר פון אַ בינטל ציגאַרן, וואָס האָבן געשטעקט אין זיין אויבערשטער קעשענע און פאַררויכערט. גרויע שלענגלעך האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען אין דער קלאָרער זוניקער לופט. מאַקס האָט זיך ליב צו שפּילן מיט אַ גוטן ציגאַר, באַטאַפּן מיט די פינגער, צולייגן צו דער נאָז, אַ שמעק טאָן און דערנאָך אים לאַנגזאַם רויכערן, איינאָטעמענדיק דעם געשמאַקן אַראָמאַט.

אַ פייגעלע האָט זיך אויף אַ צווייג צעזונגען פאַר אים, נאָר דער־פילנדיק דעם רויך, האָט עס אין פאַניק אַ פּאַך געטאָן מיט די פליגל און שנעל אַוועקגעפלויגן...

מאַקס הימלפאַרב האָט פריידיק אָפּגעזיפצט: ס'איז דאָ גוט. אינ־דערהיים איז אויך ניט שלעכט. ס'פעלט אים דאָרט, אַ דאַנקען גאָט, קיין זאַך ניט, פירט אַ רייך הויז מיט אַ דינסט און אַ קעכין. נאָר די „סטעיקס" דאָ אין האָטעל קומען אַרויס בעסער ווי אינדערהיים, זאַפטיקער, און שניידן זיך ווי לעבער. זיי האָבן דאָ אַ גוטן „שעף".

דאָס מאָל איז ער געפאָרן פאַר אַן אָפּרו אַליין. ווי האָט געזאָגט יענער קיבעצער: „איר פאָרט פאַר ,פלעזשור', צי מיטן ווייב?" יענער קאָן אַריינזאָגן, איז אָנגעשטאָפּט מיט ווערטלעך און וויצן. אַ גאַנץ וואויל

מענטשל. טוט מען אים אַמאָל אַ טובה קריכט ער אונטער די נעגל. מאַקס האָט ליב צו טאָן טובות. ער איז אַ באַקאַנטער יידישער פילאַנטראָפּ. ס׳קומט אים צו אַ שטיק געזונט ווען רעדנער לויבן אים אויף „טשאַריטי״־באַנ־קעטן פאַר זיין ברייטער האַנט און פאַר זיין וואַרעם יידיש האַרץ. ער זיצט דעמאָלט מיט אַן ערנסט פאַרזאָרגט פּנים, אַזוי ווי די לויבערייען גייען אים אינגאַנצן ניט אָן, נאָר אינעווייניק אין אים ברויזט אַ פרייד, ס׳טוט אים ווילד הנאה און ער שלינגט יעדערס וואָרט.

אַ ווינטל האָט צעבלאָזן די בלעטער פון בוים און צעשפּריצט זונ־פונקען, וואָס האָבן געבלענדט אין זיינע אויגן. ער האָט אָנגעטאָן די טונ־קעלע ברילן, געזעסן אַ ווייל, געגעבן דעם מאָגן אַ געלעגנהייט איבער־צוקאָכן ס׳עסן. באַמערקט לעבן זיך אַ יידישע צייטונג וואָס עמיצער האָט איבערגעלאָזט. ס׳דרוקן זיך דאָרט דריי ראָמאַנען: איינער איז וועגן אַ קייסער מיט אַ רבין, אַ מיניסטער מיט אַ געליבטע, אַ רייצנדיקע שיינ־הייט. ער לייענט שוין דעם ראָמאַן אַ שטיק צייט און איז שטאַרק ניי־געריק צו וויסן דעם סוף. אַזוי איז עס, קאָן מען זאָגן, אַ באַלעבאַטישער ראָמאַן, נאָר צייטנווייז ווערט עס אַביסל — די אינטימע סצענעס, הייסט עס, צווישן דער שיינהייט און דעם מיניסטער זיינען עפּעס... נאָר ווי זאָגט מען: „וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייט איז צו לייט״. מאַקס הימלפאַרב האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן מויל, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּווישן אַ טרייפן שמייכל, אָדער אים איינמאַסירן... ער ווישט אויס די ברילן און קלייבט זיך מיט איינגענעמער דערוואַרטונג צו לייענען דעם ראָמאַן. טוט אים פּלוצים אַ זעץ אין די אויגן אַריין אַ ליאַרעמדיקער קאָפּ פון אַן אַרטיקל: „היטלער האָט אויסגעקוילעט זעקס מיליאָן יידן!״

ער האָט דערפילט, ווי מען וואָלט אים דערלאַנגט מיט אַ דובינע אי־בערן שאַרבן, אָדער ווי מען וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן עמער וואַסער. וואָס וויל ער, דער שרייבער? אין אַ צייטונג דאַרף מען דאָך שרייבן נייעס, איז דאָס נייעס? אַבי קראַצן די וואונדן, אויפוועקן אַלטע ווייטיקן. ווי לאַנג איז דער שיעור צו פּייניקן מענטשן, פאַרשטערן ס׳לעבן? די טויטע קען מען דאָך שוין צוריק ניט לעבעדיק מאַכן. מען דאַרף אים, הייסט עס, ווידער דערמאָנען, אַז זיין גאַנצע משפּחה איז דאָרט אומגע־קומען, און אַז ווען דאָס גרויסע אומגליק האָט דאָרט געטראָפן האָט ער דאָ געטאָן גוטע געשעפטן? אַזוי ווי ס׳וואָלט געווען זיין שולד, וואָס ער איז ניט געווען דאָרט, נאָר דאָ. ער פירט ניט אָן מיט דער וועלט. דאָס

איז אַ גאָט־זאַך און ביי גאָט פרעגט מען ניט קיין קשיות...

מאַקס האָט אָנגעהויבן לייענען דעם ראָמאַן, וואָס האָט אים באַלד אַוועקגעפירט אין אַ ווייטער פאַנטאַסטישער וועלט. זיינע נערוון, וואָס זיינען צעטרייסלט געוואָרן נאָכן דורכלייענען טיילווייז דאָס אַרטיקל וועגן די אומגעקומענע יידן האָבן זיך אָנגעהויבן באַרואיקן. און ווי שטענדיק נאָך אַ גוטן מיטאָג, ווען ער הייבט אָן לייענען אַ צייטונג, פאַלט ער אַריין אין אַ זיסן דרימל. קלעפּן זיך אים שוין טאַקע איצט די אויגן, ער וויל אָבער וויסן מיט וואָס דאָס קאַפּיטל ענדיקט זיך, דערכאַפּט ער דעם קאָפּ וואָס טוט זיך אַ וויג, זוכט מיט די קליינע פאַרשלאָפענע אויגן וואו ער האָט געהאַלטן און דערזעט פּלוצים זיין אייגענעם נאָמען געדרוקט שוואַרץ אויף ווייס צוזאַמען מיט דעם נאָמען פון זיין שטעטל: „חיים הימלפאַרב פון קזשעניץ, פוילן, זוכט זיין אָנקל מאַקס הימלפאַרב פון ניו־יאָרק. נאָכפרעגן ביי ,האַיאַס'.״ מאַקס איז אין איין אויגנבליק אַרויסגענומען געוואָרן פון שלאָף. ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט די געציילטע ווערטער: „חיים הימלפאַרב פון קזשעניץ״. ווער קען דאָס זיין דער חיים? ווען ער איז אַוועק פון פוילן איז דער חיים נאָך אַוודאי געווען אַ קינד, אָדער ער האָט ערשט באַדאַרפט געבוירן ווערן. די משפחה זייערע איז געווען אַ גרויסע, אַ קינדלדיקע, גיי מאַרקיר אויס ווער דאָס איז? אַוודאי אַ ברודערס אָדער אַ שוועסטערס אַ זון, אָדער סתם אַ הימלפאַרב, וואָס וויל זיך צוטשעפּען צו אַ רייכן אָנקל אין אַמעריקע. אין יעדן פאַל אָבער, האָט ער צוגעגעבן מיט אַ פרומען זיפץ, איז ער אָן אייגענער, אַ ייד וואָס היטלער האָט אין איילעניש ניט באַוויזן אומצו־ברענגען. הייסט עס, אַז אַ חיים הימלפאַרב האָט זיך אַרויסגעגראָבן פון אַש און זוכט אים, זיין אָנקל, אָפּצוגעבן אַ גרוס פון די אומגעקומענע. און אפשר מאַנען חשבון פאַר זיי, וואָס ער האָט ניט געהערט דעם פאַר־צווייפלטן רוף צו אים ווען מען האָט זיי געפירט אין די קרעמעטאָריעס? ווייל דעמאָלט איז מען דאָ געווען פאַרכאַפּט פון אַ גרויסער „פּראָספּע־ריטי״, פאַרבלענדט פון גאָלדענעם רעגן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן גליקלעכן לאַנד. איצט האָט ער אַ געלעגנהייט „גוטצומאַכן״, אַראָפּצוברענגען דעם גרינעם „באָי״. ער וועט ניט שפּאָרן קיין געלט, אַריינעמען אים אין די געשעפטן, זען ער זאָל זיך שנעל אויסגרינען און ווערן אַ „סוקסעס״.

מיט דער צייטונג אין האַנט, האָט ער זיך געלאָזט אין האָטעל אַריין. פאַרביגעגאַנגען גרופּעס געסט, וואָס האָבן אויף טישלעך, אונטער קאָ־

לירטע פּאַראַסאָלן, געשפּילט אין קאָרטן.

„מיסטער הימלפאַרב, קומט אַהער, ס׳פּעלט אונדז אויס אַ ,האַנט׳,“ האָט מען אים גערופן פון אַ טישל.

„מיינע הענט זיינען שוין פאַרנומען“, האָט מאַקס געפּאָכעט מיט דער צייטונג. „ס׳האָט זיך אָפּגעזוכט מיינער אַן אייגענער פון ,יוראָפּ׳, וואָס האָט איבערגעלעבט היטלערן. כ׳עפן אויף אַ צייטונג און דערזע, מען זוכט מיך דאָרט — אַ חיים הימלפאַרב זוכט זיין אָנקל מאַקס הימלפאַרב פון ניו־יאָרק. ווי געפעלט אייך דאָס?“

„וואָס־זשע, איר האָט געמיינט איר׳ט זיך אַרויסדרייען?“, האָט אים איינער געקיבעצט מיט אַ ביטערע שמייכעלע, וואָס איז מאַקסן ניט געפעלן. אַנדערע האָבן געזאָגט: „טאַקע? גאָט ליב אייך מיט אייער גאַסט“, נאָר קיינער פון זיי האָט די אויגן פון די קאָרטן ניט אַרויסגענומען. אין מאַקסן האָט אויפגעבראָזט אַ פריידיקע דערוואַרטונג, געמישט מיט אַן אומפאַרשטענדלעכער אומרואיקייט. דער אַנאָנס אין דער צייטונג האָט אַ קראַץ געטאָן אין אים אַן אַלטע וואונד, וואָס איז שוין כמעט געווען ווי פאַרהיילט און פאַרגעסן. מיטאַמאָל רופט זיך אָפּ איינער פון „יענער וועלט“ און פרישט אָפּ ס׳גרויסע אומגליק, וואָס האָט דאָרט געטראָפן זיינע אייגענע און וואַרפט אויף אים אָן אַ שווער געפיל...

אַריין אין דער לאָבי פון האָטעל, האָט ער די ערשטע זאַך אָפּגערופן ס׳ווייב אויפן טעלעפאָן אָנזאָגן איר וועגן דעם אַנאָנס אין דער צייטונג. פאַרן אוועקפאָרן האָט זי זיך געברוגזט, געגעבן „שטעכלקעס“, אַז זי איז אים שוין דערעסן, ער לויפט זוכן יונגע שיינע ווייבלעך, כאָטש ער מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ צדיק. זי קאָן אים אויסגעבונדן, ער וויל פּטור ווערן פון איר כאָטש פאַר אַ שטיקל צייט, און אַליין האָט זי צוגעגעבן, אַז זי קאָן איצט ניט פאָרן, ווייל ז׳איז שטאַרק פאַרנומען מיט „טשאַריטי“־אַר־בעט, ס׳איז אין סאַמע ברען פון דער קאַמפּאַניע פאַר אַ נייעם סאַניטאָ־ריום און זי איז דער פרעזידענט פון דער פרויען„אוקזילערי“.

„העלאָ, האַני“, האָט ער אַריינגערעדט אין טרייבל, „וואָס מאַכסטו? כ׳האָב זיך שוין פאַרבענקט נאָך דיר... ווי איך פיל? פיין. נאָר דו פעלסט מיר אויס... אַז דו גלויבסט מיר ניט קאָן איך זיך ניט אויפ־שניידן ס׳האַרץ. הער זיך איין, ס׳איז דאָ נייעס: היינט עפן איך אויף אַ צייטונג און שטעל זיך פאָר, אַז איך דערזע דאָרט מיין נאָמען שוואַרץ אויף ווייס: אַ געוויסער חיים הימלפאַרב פון קזשעניץ, פוילן, זוכט זיין אָנקל מאַקס הימלפאַרב פון ניו־יאָרק. וואָס ער געהערט מיר אָן? הערסט

דאָך, כ׳בין זיין אָנקל, אַזוי זאָגט ער. כ׳וויס נאָך ניט — כ׳דאַרף זיך דורכשרייבן. קאָן זיין, אַז ער איז טאַקע מיין פּלימעניק. אַ פרעמדער וועט זיך דאָך ניט סתם טשעפּען. קוקט אויס, אַז ס׳איז נאָך אַלץ עמיצער פאַרבליבן פון מיין פאַמיליע, כאָטש מען האָט געמיינט, אַז היטלער האָט שוין אַלעמען דאָרט אָפּגעווישט. כ׳גיי שוין אָפּרופן מיין לאַיער, ער זאָל אויסאַרבעטן פּאַפּירן. „גוד ביי׳, גריס די קינדער. זיי געזונט און אַרבעט זיך ניט איבער״...

ער האָט באַלד אָפּגערופן דעם לאַיער און אים געהייסן זיך בעמען צו דער אַרבעט.

מאַקס הימלפאַרב איז געזעסן אויף דער וועראַנדע אין ווייך־געבעטן שטול און געריכערט אַ ציגאַר. דער ווינט האָט אים געקילט ס׳פּנים, וואָס איז געווען צעהיצט פון דער גוטער וועטשערע. אין בלייכן הימל איז שוין געווען אָנגעצייכנט דער „בלו־פּרינט״ פון דער לבנה, די בערג זיינען געוואָרן שאָטנדיק, און אָנגעהויבן הויקערדיק אַרויסשטאַרצן צום הימל. דאָס גוטע מאָלצייט, דער ציגאַר, ס׳פיינע ווינטל האָבן פאַרזשמורעט זיינע אויגן אין אַ לייכטן דרימל. ער האָט דערזען זיין שטעטל קזשעניץ אונטער היטלערן, די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, די קרעמאַטאָריעס, די פלאַמען וואָס זענען פון די קוימענס צום הימל. פון וויט האָבן אים אָפּגעקלונגען אין די אויערן די פאַרצווייפלטע געשרייען פון ייִדן, וואָס מען האָט געפירט צום פאַרברענען. צווישן אַזוי פיל קולות האָט ער אַרויסגעהערט זיין ברודערס קול. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט, צעשראָקן אויפגעשפּרונגען. ס׳האָט אַ לויכט געטאָן פאַר אים די ליכטיקע פּריילעכע „לאַבי״. ס׳האָבן געהילכט די טענער פון אַ פייערדיקן דזשאַז. יונגע פאַרלעך און אפילו עלטערע מענטשן האָבן זיך געדרייט און געוואָרפן אין טאַנץ. ער האָט אויך ליב צו טאַנצן, נאָר היינט האָט ער דאָס ניט געקאָנט טאָן. אויף זיינע פּלייצעס האָט ער געפילט די אויגן פון ברענענדיקע ייִדן. זיי רופן צו אים, און מאָנען, און מאָנען... ס׳איז אים שוין ניט באַקומען די וואַקאַציע. ער האָט זיך אָנגעהויבן לאַנגווייליקן. עסן גוטע מאָלצייטן און שפּילן אין קאָרטן קאָן ער דאָך אין דער היים אויך. פון הויז איז ער אַוועק פאַר אַן איבערבייט, אַביסל זיך אויפהייטערן, פאַרגעסן די געשעפטן מיט די קאָנקורענטן, מיטן גאַרגל־שניידעריי, מיטן ווייבס יאַדען, זי עסט אים אויף ס׳האַרץ. זיין אַביסל מיט זיך אַליין — פאַרברענגען מיט מענטשן, זען נייע פּנימער, פאַרווײַלן זיך, אַ מענטש לעבט דאָך ניט אייביק — איז אים נאָכגעלאָפן זיין שטעטל קזשעניץ מיט די

פאַרפייניקטע יידן, וואָס ער האָט שוין באַלד געהאַט פאַרגעסן אָן זיי. פלוצים זיינען זיי, ווי אַרויס פון די קברים און פאַרפאָלגן אים. ער האָט שוין געוואָלט זיין צוריק אין דער היים, אין דער „ביזנעס“, אין קאָך, אין ברען פון גרויסן געדיכטן פאַרטויבנדיקן ניו־יאָרק, וואו מען האָט ניט קיין צייט צו חלומען און זיך צוהערן צו ווייטע פאַנטאַסטישע אָפּקלאַנגען, וואו מען הערט אפילו ניט אַרויס דאָס אייגענע קול. דאָ איז פאַראַן צופיל צייט, אַרבעטן זיינע געדאַנקען, האָט זיך צעשפּילט זיין פאַנטאַזיע. דער אַנאָנס אין דער צייטונג האָט אים צערודערט. אויפגעוועקט אַלטע בילדער, אַלטע געשטאַלטן, און וויל אים צוזאַמענבינדן מיט זיי... ס'איז אים באַפאַלן אַן אומרואיקייט, ווי זיי וואָלטן אים געוואָלט מיטשלעפּן מיט זיך אין די קברים אַריין...

אין אַ פרימאָרגן האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין זיין מאַשין און אַהיים געפאָרן.

אין ניו־יאָרק האָבן אים די געשעפטן פאַרכאַפּט, פאַרטומלט און פאַרטעמפּט. זיין „לאָיער“ האָט געאַרבעט אויף די פאָרמאַליטעטן אַראָפּצוברענגען דעם „גרינעם“. די צייט איז געלאָפן, ביז ס'איז געקומען דער טאָג ווען מאַקס הימלפאַרב, זיין פרוי קלאַראַ און זייער טאָכטער מירא זיינען געפאָרן באַגעגענען חיים גאָלדפאַרבן, וואָס איז אָנגעקומען מיט אַ שיף אין ניו־יאָרקער האַפן. ס'איז געווען אַ הייסער יולי־טאָג, די לופט האָט געבריט. די מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען אין גרופּעס ביי דער גרויסער הויכער שיף, אַ מין הימל־קראַצער, האָבן אויסגעזען ווי קאַרליקעס מיט פאַרריסענע קעפּלעך, געפאָכעט מיט טיכלעך, געלאַכט און געוויינט. ווען די הימלפאַרבס האָבן דערזעען חיימען האָבן זיי זיך ניט געגלויבט, אַז דאָס איז ער. פאָרגעשטעלט האָבן זיי זיך אַ קליין־שטעטלדיקן דערשלאָגענעם בחור, אַ נעבאַכדיקן, אַ געבויגענעם, אַ דאַנקבאַרן. דער איז אַ גלייכער, אַ שטאָלצער. טאַקע נאָך אַ יונגער מענטש, נאָר מיט גרוילעכע האָר, טיפע שוואַרצע אויגן, ווי אין זיי וואָלט זיך אָפּגעשפּיגלט דער טויט. מאַקס האָט אים אַרומגעכאַפּט קושן. מירא איז געווען איבערראַשט פון איר פאָטערס צערטלעכקייט. קלאַראַ, די מוטער, אַ באַליבטע, אַ פרייכנדיקע, האָט פאַרצויגן די ליפּן צו וויינען, און געבלענדט מיט די בריליאַנטן. נאָך דער ערשטער איבערראַשונג האָט אים מאַקס אַ פרעג געטאָן:

„זאָג־זשע מיר, היימאַן [באַלד אים פאַרביטן דעם נאָמען אויף ענג־

ליש], ביסטו, הייסט עס, טאַקע מיין לייבלעכן ברודערס אַ זון, איגן בלוט און פלייש ?"

"דער אַנקל געדענקט אונדז שוין ניט ?"

"וויסט וויפל יאָרן ס'איז שוין אין דעם ? אָבער, אַז כ'האָב דיר נאָר דערזען האָט מיר באַלד אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ. איז, זאָג־זשע מיר, וואָס איז געוואָרן טאַקע פון אונדזער שטאָט ?"

"פאַרוויסט".

"ווער איז דאָרט געבליבן ?"

"אַלע".

"אַלע ?"

"אַלע אויסגעהרגעט".

אַ ווייל האָבן זיי געשוויגן.

"ווי אַזוי האָסטו זיך געראַטעוועט ?"

"אַ צופאַל, אַ סך צו דערציילן".

"נו, מילא, הער זיך איין מיין קינד: איצט ביסטו, אַ דאַנקען גאָט, אין אַמעריקע און זיי דאָרט קאָן מען שוין צוריק לעבעדיק ניט מאַכן. דאָ, ביי אונדז, זאָגט מען, די שאָו מאַסט גאָ אַן". נאָר דאָס וועסטו ניט פאַרשטיין, ס'איז ענגליש".

"איך פאַרשטיי".

"קומסט דאָך ערשט אַראָפּ פון דער שיף. ווען האָסטו עס געכאַפּט ?"

"געלערנט אינדערהיים".

"הערסט עפּעס, קלאַרע ? ווי געפעלן דיר די היינטיקע ,גרינע' ?"

"צוואַנדערפול", האָט זי געקייט גומע און געדרייכערט אַ סיגאַרעט.

" ,וועל', אין אַזאַ אויטאָמאָביל ביסטו שוין אויך געפאָרן ?", האָט מאַקס געפרעגט חיימען, באַזעצנדיק זיך מיט ברייטקייט לעבן רעדל.

"זעסט, וואָס דאָ טוט זיך ,געדזשעטס' ? דאַרפסט נאָר וויסן ווי אַזוי זיי צו מאַכן אַרבעטן: אַ קוועטש — ווערט וואַרעם, אַז אין די גרעסטע קעלטן קענסטו שוויצן. אַ קוועטש — ווערט קאַלט, אַז דו קאָנסט כאַפּן אַ ציטער. אַ קוועטש — וואַשט זיך דאָס פענצטער אַליין אָפּ ס'פּנים מיט זייף און וואַסער..."

"פּאַפּאַ !", האָט אים מירא איבערגעשלאָגן מיט אַ טאָן פון פאַרוואורף.

מאַקס האָט מיט שטאָלץ געהאַלטן אין איין אויסרימען די מאַשין, ווי דאָס וואָלט געווען זיין פערזענלעכער אויפטו, און געפילט דערהויבן וואָס דער "גרינער" באַוואונדערט די מאַכינאַציעס און ווייזט אַרויס רעספּעקט

פאַר דער אַמעריקאַנער טעכניק.

ביינאַכט זיינען זיך צוזאַמענגעקומען לאַנדסלייט, פריינט צו די הימל־פאַרבס אַ קוק טאָן אויף דעם אַרויסגעראַטעוועטן פון היטלערס גיהנום. ס׳גרויסע הויז איז געווען העל באַלויכטן, אין יעדן ווינקל אַ לאָמפּ. אַ דינסט האָט דערלאַנגט צום טיש פאַרשידענע שפּייזן, געטראַנקען. קלאַראַ האָט אונטערהאַלטן די געסט.

„שטעלט איך פאַר״, האָט זי גערעדט צו עטלעכע פרויען, „אַז מאַקס האָט אפילו ניט געדענקט זיין פלימעניק. נאָר ווען ער האָט אים דער־זען איז ער אַרויפגעפאַלן אויף אים קושן. ווי אַזוי ער האָט אים דער־קאַנט? ער האָט באַלד געזאָגט ווער ער איז. איך בין גליקלעך, וואָס מיר האָבן אים אַרויסגעראַטעוועט. מיר וועלן טאָן ,אייניקעס׳ צו מאַכן פון אים אַ מענטש. מאַקס וועט אים אוודאי אַריינגעמען אין די ,ביזנעס׳. כאָטש ער האָט שוין גרויע האָר, איז ער נאָך אַ יונגער מענטש. ער האָט נאָך די גאַנצע וועלט פאַר זיך״.

מאַקס האָט דערווייל דערציילט די געסט, צום וויפלטסטן מאָל, ווי אַזוי ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט מיט זיינע אייגענע צען פינגער:

„דו מעגסט עס אויף הערן, היימאַן, ס׳וועט דיר צונוץ קומען. וועסט קענען גיין אויף אָן אויסגעטראָטענעם וועג. די היינטיקע ,גרינע׳ האָבן מזל, זיי קומען צום גרייטן. ווען איך בין אַהער געקומען איז דאָ געווען אַ וויסטעניש. איך האָב געמוזט אָנהייבן מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס. מיר איז אָנגעקומען מיט גרינע ווערעם איידער איך האָב זיך שוין אַרויפ־געאַרבעט אויף אַ פּושקאַרט. גענומען יאָרן ביז איך האָב מיך געשטעלט אויף די פיס. איצט, בין איך, אַ דאַנקען גאָט, דער אייגנטימער פון אַ ,טשעין מאַרקעטס׳. חוץ מיין שאָדן אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. אמת, איך האָב די ערשטע יאָרן שווער געאַרבעט, מיט דער נאָז די ערד געקאָפּעט, ביז איך בין געוואָרן דאָס וואָס איך בין איצט. ,יעס׳, מיינע פריינט, אַמעריקע איז אַ לאַנד וואו מען דאַרף נאָר וועלן קאָן מען אַלץ דער־גרייכן״.

„מיסטער הימלפאַרב, כ׳האָב געהערט מען האָט אָנגעשטעלט אַ נייעם חזן אין דער שול וואו איר זענט פרעזידענט״, האָט אים אַ קאָנקורענט איבערגעשלאָגן די באַרימעריי.

„אָ, יאָ, איך האָב אים נעכטן פאַרהערט״.

„נו, עפּעס אַ כלי?״

„איין קליינינקייט! מען האָט דאָך אים געוואָלט געבן אַ קאָנטראַקט אין דער אָפּערע!“

„טאַקע?“

„איר מעגט אים קומען הערן, דאָס איז אַ צווייטער קארוזא. מיט אָנשטעלן אַ חזן, מיין פריינט, דאַרף מען זיין זייער ,קערפול׳. פאַראַיאָרן קומט צו גיין איינער, זעט אויס אַ בכבודער ייד מיט אַ באָרד, אַ פיינע שטימע, מיטן עכטן יידישן קרעכץ. ס׳קומט צו ,כל נדרי׳ הייבט ער זיך אָן וואַרפן, מאַכן אַקטיאָרישע שטיק ביז דאָס בערדל איז אים אַראָפּ־געפאַלן“...

„אָה! דאָס באַזאַלצט איר שוין, אַביסל, מיסטער הימלפאַרב!“, האָט איינער געזאָגט.

„ס׳קאָן מעגלעך זיין“, האָט אַ צווייטער געלאַכט, „אַוודאי אַ יידישער אַקטיאָר. נעבעך הונגעריק, קלעפּט ער זיך צו אַ באָרד און ווערט אַ חזן“...

„פּעיקערס“!

„ווילן נעבעך עסן!“

„זאָלן זיי גיין אַרבעטן. פון די יידישע ,שאוס׳ האָט שוין סיי ווי גע־נודיעט אויפן האַרצן. אַמאָל, זעט איר, ווען דער גאַטזעליקער יעקב אַדלער האָט נאָך געלעבט איז טאַקע געווען אַ יידיש טעאַטער, אָבער היינט?“...

„נו, דערציילט אונדז עפּעס, היימען“, האָט זיך מאַקס געווענדט צו חיימען, „מענטשן זיינען דאָך געקומען דיך זען און עפּעס הערן פון דיר. וואָס ביסטו אַזוי שטיל? שוין, ביסט שוין אַרויס פון היטלערן. דאָ דאַרפסטו ניט מורא האָבן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. ס׳אַ פריי לאַנד, קאָנסט אפילו שילטן דעם פּרעזידענט אַליין וועט דיר קיינער קיין וואָרט ניט זאָגן דערפאַר. דערציילט אונדז עפּעס פון דאָרט. מיר זיינען נייגעריק צו הערן“.

„פאַראַן צופיל צו דערציילן. איצט בין איך זייער מיד“.

„לאָזט אים טאַקע זיך אויסרוען. אַ מענטש איז געקומען פון אַזאַ גיהנום, זאָל ער אָפּציען דעם אָטעם“, האָט זיך קלאַרע איינגעשטעלט פאַר אים.

חיים האָט געבעטן אַנטשולדיקונג און אַריין אין זיין צימער. דער עולם איז געווען אַנטוישט און אַנגעהויבן שפּילן אין קאָרטן.

חיים האָט זיך אויסגערוט אין רייכן הויז פון אָנקל. די פעטע דריי מאָלצייטן אַ טאָג, וואָס די דינסט האָט דערלאַנגט האָבן אים דערשוינט, און דערמאָנט די הונגער־שטאַרבנדיקע אין דער געטאָ, זייערע לעצטע

שוואַכע קוים־הערבאַרע קרעכצן פאַרן טויט, האָבן זיך טיף איינגעגראָבן אין אים און וועלן אים קיינמאָל ניט לאָזן רוען. אין זיינע אויערן האָט נאָך געדרוישט דאָס פייער פון די קרעמאַטאָריע־אויוונס באַגלייט מיט וואַגנערס מוזיק... און די מומע שטאָפּט אים: „עס, עס! אין אַמעריקע עסט מען! אַז מען לייגט ניט אַריין, נעמט מען ניט אַרויס!" זיין איינגעשרומפּענער מאַגן איז ניט געווינט צו די רייכע שפּייזן. ער האָט זיך געוואונדערט, ווי קאָנען די אַמעריקאַנער אַזוי פיל אַריינעסן? ווי קרענקען זיי דאָס ניט אויס? די מומע איז צופיל אויפגעיורן. זי וואָלט כאָטש באַדאַרפט פאַר־לירן אַ דרייסיק פונט. נאָר, אַז זי זעצט זיך עסן טרייסלט זיך ביי איר אַזש דער גוידער.

שפּעט ביינאַכט. חיים זיצט ביי זיך אין צימער און לייענט. קומט אַריין דער אָנקל, ניט אָנקלאַפּנדיק אין טיר:

„העלאָו, היימי! ווי גייט עס?"

„דערוויילן, גאַנץ גוט"....

„פּאַשעסט זיך אויס אויפן אָנקלס קעסט, האַ? די מומע זעט דיך צו!"

„אָ, יאָ! וואו נעמט מען כוח אַזוי פיל צו עסן?"

„עס און געדענק. און ווי געפעלט דיר אַמעריקע? ס'איז גאָטס „קאַונטרי", האַ? קוק אָן אַ צימער: דאָס מעבל, די קאַרפּעטס. מען הערט דאָך ניט, אַז מען גייט. אויל־בילדער אויף די ווענט אין גאָלדענע „פרעימס" — אַ פּאַלאַץ! אינדערהיים וואוינט אַזוי אַ מיניסטער, צי כ'ווייס וועך? דאָ וואוינען אויך ניט אַלע אַזוי. נאָר זיך נאָר ניט אָפּ. פאַראַן געגנוג פוילע ניט־רירעוודיקע מענטשן, וואָס זיינען אָרעם, ווייל זיי טויגן זיך ניט אויס. נאָר אפילו די אָרעמסטע ביי אונדז לעבן בעסער ווי ביי אייך דאָרט די האַלבע גבירים... מיר האָבן, אַ דאַנקען גאָט, דעם העכסטן „סטאַנדאַרד אָוו ליווינג". אַמעריקע, „באַיעלע", איז רייך, און זי וועט נאָך רייך מאַכן די גאַנצע וועלט"...

„דער אָנקל דענקט אַזוי?"

„ס'הייסט איך דענק אַזוי? ס'איז אַזוי! אָט בין איך פאַראַיאָרן גע־וועזן אין פאַריז, ענגלאַנד, איטאַליע — מען בוקט זיך דאָך פאַר אַן אַמע־ריקאַנער, מען גיט אים אָפּ כבוד אויף שריט און טריט. מיטן דאָלאַר אין „פּאַקעט" ביסטו דאָרט אַ קעניג, מען ליגט צו דיינע פיס. און פאַריז, איי, „באַיעלע", פאַריז, פאַריז!", האָט דער אָנקל געוויגט מיטן קאָפּ, „ווער ס'איז ניט געווען אין פאַריז האָט נאָך ניט געלעבט"...

„איך הער, אַז ס'איז ניט אַזאַ כשרע שטאָט"...

„גיי שוין, גיי! זיי ניט קיין בטלן!", האָט דער אָנקל געלאַכט, „פֿאַראַן דאָרט אפילו שולן מיט פֿרומע יידן. אָ, די אַנדערע זאַכן? איז דאָך די גאַנצע וועלט אַזוי: וואָס צו גאָט איז צו גאָט, און וואָס צו לייט איז צו לייט!"

„דער אָנקל איז געפֿאָרן פֿאַר געשעפֿט?"

„ניין".

„וואָ'דען?"

„פֿאַר א ,רעסט'."

ער האָט באַלעקט אַ ציגאַר און מיט די פֿינגער אים אַרומגעדרייט אין מויל אידער ער האָט אים פֿאַררויכערט.

דאָס פֿייערדיקע אויג פֿון ציגאַר האָט חיימען דערמאָנט די פֿונקען, וואָס האָבן געזעצט פֿון די קרעמאַטאָריע־קוימענס, ווי אַ גרוס און פֿאַרבינדונג מיטן זאַטן שיינענדיקן אָנקל, וואָס האָט געקוקט אויף אים מיט פֿעטע פֿאַטערלעכע אויגן. די געלבלעכע האָר אַביסל געקרייזלט אַרום זיין רויטן בגידישן פּליך:

„הער זיך איין היימי: דאָ, אין אַמעריקע, אַז מען אַרבעט זיך אַרויף אין אַ ,ביזנעס' איז עס צוקער־זיס... ס'איז נאָר שווער ביז מען דערשלאָגט זיך דערצו. איך האָב זיך אַרויפֿגעאַרבעט מיט מיינע אייגענע צען פֿינגער. אַוודאי איז עס מיר אָנגעקומען שווער. איך האָב גענוג געהאָרעוועט. איצט פֿאַר איך מיר אַרום אין אַ לימוזין און ,קאָלעקט', ,קעש' איין. מענטשן מאַכן ביי מיר אַ שיין לעבן. איך האַלט פֿון כּלל: ,לעבן און לעבן לאָזן!' איך גיב ,טשאַריטי' מיט דער ברייטער האַנט. בין פּרעזידענט פֿון דער שול און פֿון עטלעכע ,סאָסאַיטיס'. האָסט זיך גאָרניט צו שעמען מיט דיין אָנקל. הער זיך איין: אַז דו וועסט זיך אויסרוען וועל איך דיר אַריינגעמען אין דער ,ביזנעס'. כ'דאַרף האָבן אַן אייגענעם מענטש אויף וועמען כ'זאָל זיך קענען פֿאַרלאָזן. ביי מיר ביסטו ווי אַן אייגן קינד. ס'איז דאָך טאַקע אייגן בלוט און פֿלייש. דיין טאַטע איז דאָך געווען מיין לייבלעכער ברודער, פֿון איין ברוסט געזויגן, אין איין חדר געלערנט... אַ סך מאָל, הערסטו, כאַפּ איך זיך אויף אינמיטן דער נאַכט און טראַכט פֿון דיין טאַטן... ווען האָסטו אים געזען ס'לעצט מאָל?"

„ביי דער שוועל פֿון גאַז־קאַמער. די מאַמע איז אַריינגעשפּאַרט געוואָרן אַהין צוזאַמען מיט אים. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט".

מאַקס האָט אַרויסגענומען דעם ציגאַר פֿון מויל, זיינע אויגן האָבן געקוקט מיט שרעק אויף חיימען:

„ווי אַזוי איז דאָס געשען?"

„מען האָט אונדז אַריינגעפּאַקט אין פֿאַרהאַקטע וואַגאָנען, צוזאַמענ־געפּרעסט אין אַ צעגליטערע היץ. אָן לופט, אָן ברויט, אָן וואַסער. מענטשן זיינען דערשטיקט געוואָרן אויפֿן וועג. זיי איז מען מקנא געווען. מיר האָבן געקלאַפּט מיט די הענט, מיט די קעפּ אין די ווענט. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן. אַזוי בעכט, אַזוי טעג. דער רעכענונג פֿון צייט איז אָפּגעמעקט געוואָרן. ביז איינמאָל האָבן זיך די טירן געעפֿנט און מיר האָבן אָנגעהויבן אַרויספֿאַלן. ס'איז געווען פֿאַרנאַכט. אַ דייטשישער אָפֿי־ציר האָט אָנגעזאָגט אויף אַ הויך־רעדער, אַז מען גייט אונדז געבן אַ באָד... איך האָב געוואוסט, וואָס עס מיינט. אַלע האָבן אפֿשר געוואוסט, ווייל ס'האָט אויסגעבראָכן אַ געוויין און אַ געשריי. ס'איז שוין געווען גוט פֿונצטער. פּלוצים האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן, אַז מען האָט געקאָנט בלינד ווערן. אַ טייל פֿון עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַנטלויפֿן, איך נאָך זיי. כ'האָב געפּרואווט מיטשלעפּן דעם טאַטן מיט דער מאַמען, נאָר זיי זיינען געווען אַזוי שוואַך אויף די פֿיס, אַז כ'האָב זיי געמוזט איבערלאָזן. ס'האָט זיך געעפֿנט אַ שיסעריי, מען איז געשפּרונגען איבער געפֿאַלענע... כ'האָב זיך געראַטעוועט".

מאַקס איז געזעסן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און געקוקט אויפֿן אַש פֿון ציגאַר. ער האָט אַרויסגענומען ס'ווייסע טיכעלע פֿון דער אויבערשטער קעשענע און זיך געווישט די אויגן.

„הער זיך איין, היימאַן..."

ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, ס'קול איז אים פֿאַרשטיקט געוואָרן און ער האָט זיך צעוויינט.

חיים האָט געטראַכט: דער אָנקל וועט זיך שנעל אויסוויינען, ס'וועט אים טאָן גוט, ער וועט פֿילן דערלייכטערט. די יידן, אָבער, וואָס האָבן געלעבט אונטער היטלערן קענען ניט וויינען, זייערע טרערן זיינען אויס־געשעפּט געוואָרן.

אַ צווייט מאָל האָט זיך מאַקס באַקלאָגט פֿאַר אים:

„מיינע קינדער מאַכן מיך גרוי און אַלט. איינער פֿון מיינע זין איז אַ ,געמבלער', ער האָט שוין פֿאַרשפּילט אַ מאַיאָנטיק. און מיין טאָכטער, מירהא, וואָס איז ביי מיר דאָס באַליבטסטע קינד, וועט מיך נאָך אין דער ערד אַריינטרייבן", ער האָט זיך צוגעבויגן צו חיימען, „זי חברט זיך מיט פֿאַרדעכטיקע מענטשן, שונאים פֿון לאַנד... ווער האָט זיך געקענט ריכטן אויף אַזאַ אומגליק? וואָס פֿאַר אַ צייטן האָבן מיר דערלעבט? מילא, די

אַרבעטער בונטעווען זיך. אָבער זי, אַ רייכע טאָכטער? ס׳איז דאָך ניט צו באַנעמען מיטן שׂכל! זי גייט אויף ,פּיקעט־דעמאָנסטראַציעס׳... אַנומעלטן איז איר בילד געווען אין די ,פּעיפּערס׳. זי פאַרשוואַרצט מיר ס׳פּנים. כ׳האָב, אַ דאַנקען גאָט, זייער פּיינע פריינט, ,דזשאַדזשעס׳, רייכע ,ביזנעסלייט׳, כ׳קאָן זיך ניט ווייזן פאַר זיי״.

חיים האָט באַטראַכט דעם אָנקל און אַ פּיערל האָט אַ שימער געטאָן אין זיינע אויגן. דער געוויסן פון אַמעריקע דערוואַכט: „מיירא!״ אַ וויל האָבן ביידע געשוויגן און געטראַכט. אויף די שוואַרצע שויבן האָבן זיך געגליטשט גרויע רעגן־טראָפּנס, ווי עפּעס אַ בייזער זינדיקער גאָט וואָלט געוויינט אין דער פינצטערער נאַכט אַריין.

די טעג האָבן זיך אָנגעהויבן ציען מאָנאָטאָן, אָן אינהאַלט. חיים איז מיד געוואָרן פון רוען. מיירא איז זעלטנס געווען אין דער היים. די מומע האָט זיך אויך באַקלאָגט אויף דער טאָכטער:

„זי איז גאָר אוועק אַרבעטן, ווי זי וואָלט געווען אַן אָרעם מיידל, וואָס דאַרף פאַרדינען אויף ברויט. גיי דערצייל דאָס עמיצן, וועט מען ניט גלויבן. אויב איך וועל גיין פאַר דער צייט פון דער וועלט וועט דאָס זיין צוליב דער טאָכטער״.

מיירא האָט אים דערציילט, אַז זי שטימט ניט איין מיט די עלטערן. זי האָט זיך שוין אַ סך מאָל געוואָלט אַרויסציען פון הויז, נאָר ווען ס׳קומט דערצו וויינען זיי אויס ביי איר זי זאָל בלייבן.

אין אַ פרימאָרגן איז ער אַרויס מיט מייראן פון הויז. זי איז אַריין אין איר אויטאָ און אים פאַרגעשלאָגן אַ „ראַיד״. ער האָט זיך געזעצט לעבן איר. זי האָט אַ וואָרף געטאָן דעם קאָפּ קופּער־רויטע לאָקן, אַ קוועטש געטאָן אַ קנעפּל און דער דאַך פון דער מאַשין האָט זיך געעפנט איבער זייערע קעפּ און זיך צוזאַמענגעלייגט ווי אַ האַנט־האַרמאָניקע אונ־טער די פּלייצעס. דאָס בראַזגען און הילכן פון דער ריזן־שטאָט איז געוואָרן שאַרפער, הילכיקער ווען דער דאַך איז ניט געוואָרן, און זיך געצויגן ווי אַן אומאויפהערלעכער דונער. הייס־שטויביקע לופט האָט זיי געבלאָזן אין פּנים אַריין.

„ווי געפעלט אייך אַמעריקע?״, האָט מיירא געמוזט שרייען ער זאָל זי הערן, כאָטש ער איז געזעסן לעבן איר.

„ניט אַלץ געפעלט מיר!״, האָט ער אויך געשריגן.

„טאָ וואָס דענקט איר צו טאָן?״

„איך ווייס נאָך ניט!״

„וואָס איז אייער פאַך?!"
„כ'הער ניט!"
„וואָס זענט איר פון דער היים?!"
„אַ סטודענט!"
אָפּשטעלנדיק די מאַשין ביי אַ הויז האָט זי אים געפרעגט:
„איר ווילט מיט מיר אַריינגיין? ס'וועט אייך באַקענען מיט אַמעריקע".
ער האָט איינגעוויליקט.

אין אָפּיס, אויף אַ גרויסן טיש, זיינען געווען אָנגעלייגט פּאַפּירן, צייטונגען, זשורנאַלן. סעמיועל ווילעט, אַ „לאָיער", האָט גערעדט אויפן טעלעפאָן. אַז ער האָט אָפּגערעדט, האָט זי מירא פאָרגעשטעלט:

„סעמיועל, און דאָס איז היימאַן, ערשט געקומען פון איראָפּע, גע־לעבט אונטער היטלערן".

„ס'פרייט מיך זייער אייך צו קענען!", האָט אים סעמיועל וואָרעם געדריקט די האַנט און זי געהאַלטן לענגער ווי געוויינלעך. ער האָט צערטלעך געקוקט אויף חיימס שאַרבנדיקן שטערן, אויף זיינע טיפע טונ־קעלע אויגן, וואָס דער שיין פון אַ שמייכל איז שוין אין זיי פון לאַנג אויסגעלאָשן געוואָרן. ס'האָט ביים גרויסן ברייט־פּלייציקן סעמיועל עפּעס אַ ציטער געטאָן אין האַרץ. ווען ער שעמט זיך ניט וואָלט ער זיך מיט אים צעקושט.

„אַרויסגעריסן זיך, האַ? איז, ווי געפעלט אייך אונדזער אַמעריקע?"
„ניט אַלץ געפעלט מיר".
„כ'הער, אַז ביי אייך זיינען געווען יידן, וואָס האָבן געהאָלפן היטלערן קומען צו דער מאַכט?"
„נו, יאָ..."

„דאָ שניידט זיך שוין אויך איינער צו ווערן אַ היטלער. עס זאַמלען זיך שוין אַרום אים יודן־ראַטלער", האָט סעמיועל געזאָגט און זיך אַנט־שולדיקט ווען מען האָט אים גערופן צום טעלעפאָן. שפּעטער האָט אים מירא דערקלערט, אַז דאָס איז דער אָפּיס פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרטיידיקט פרעמד־געבוירענע, נעמט זיך אָן פאַר די געקריוודעטע. די טיר אין אָפּיס האָט ניט גערוט. מענטשן זיינען געקומען און געגאַנגען. די שטימונג איז געווען אַ פיבערדיקע, אָן אָנגעהיצטע.

איידער ער האָט אַריינגענומען חיימען אין דעם געשעפט, האָט אים מאַקס אַ פרעג געטאָן:

„זאָג מיר באַד, איך בעט דיך, היימאַן, וואָס אייגנטלעך קענסטו?

כ׳מיין, וואָס ביסטו פון דער היים ?״

„ אַ סטודענט״.

„וואָס האָסטו שטודירט ?״

„מאַטעמאַטיק״.

„ס׳הייסט ?״

„ציפערן״.

„וואָס טויגן מיר די ,פּענסי׳ ווערטער, ס׳מיינט דאָך, זע איך שוין, ,בוקקיפינג״, ניש׳קא סחורה. פאַר פּערציק־פופציק דאָלער אַ וואָך קריגט מען די שענסטע מיידלעך, וואָס מאַכן די בעסטע ,בוקקיפּערס׳.״ האָט מאַקס צופרידן געשמייכלט, און געטראַכט: זאָל ער וויסן, אַז ער האָט גאָרניט צו פאַרקויפן, און וועט דאַרפן דאַנקבאַר זיין דעם אָנקל, וואָס וועט אים שטעלן אויף די פיס און מאַכן פאַר אַ מענטש. חיים האָט געשוויגן, איגנאָרירט דעם אָנקל, וואָס מאַכט אים צו־נישט. און פאַרוואָס מישט ער אַריין אין יידישן לשון אַזוי פיל פאַרגרייזטע ענגלישע ווערטער ? ער מאַכט דאָך צו חוזק ביידע שפּראַכן.

מאַקס איז אין אַ פאַרנאַכט אַריין אין הויז מיט אַ געשריי:

„זיי האָבן שוין ווידער אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען!״. דער ציגאַר האָט געטאַנצט אין זיין מויל און געצאָרנט מיט אַ רויט־פייערדיק אויג: „פאַרלאַנגען שוין ווידער אַ ,רעיז׳. באַלד וועלן זיי וועלן כ׳זאָל זיי אַוועקגעבן די גאַנצע ,ביזנעס׳! איך דערקלער זיי, באַווייז זיי, אַז איך קאָן ניט געבן אַזאַ הויכן ,רעיז׳, ס׳וועט מיך רואינירן, כ׳קאָן ניט ,דעפאָדערן׳!״

„דער אָנקל מיינט ,עפאָרדן׳,״ האָט אים חיים פאַרריכט.

נו, ווי געפעלט דיר דאָס? ער גייט מיך לערנען רעדן ענגליש! די אייער זיינען שוין קליגער פון די הינער. דאַכט זיך, ערשט נעכטן אַראָפּ פון שיף, און ווייסט שוין אַלץ. וואַרט, וואַרט ,באָיעלע׳, האָסט נאָך ניט געפּאָקט און געמאָזלט. האָסט נאָך צו קליינע וואָנצעס. ער גייט שוין מיך לערנען! ביי זיי דאָרט, אין שטעטל, וואו די ציגן עסן דעם דאַך, ווייסט מען בעסער.

אַז מאַקס האָט דאָס ערשטע מאָל דערזעען די ציפערן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער איינגעקריצט אין חיימס האַנט האָט ער אים געפרעגט:

„נאָך וואָס טויג עס דיר ?״

„וואָס ?״

„דער ,אַדווערטייזמענט׳.״

„די ציפערן ?״

„יעס".

„היטלער האָט דאָס איינגעקריצט, כ'זאָל ניט פאַרגעסן!"

„פאָלג מיך און מעק עס אויס!"

„פאַרוואָס?", האָט חיים אויסגעשטעלט אַ פּאָר צעצונדענע אויגן.

„ס'וועט דיר קיין נוצן ניט ברענגען. ווער אַן אַמעריקאַנער, וואַרף אַוועק דעם גרינעם!"

„דאָס זיינען די ציפערן פון די אויסגעקוילעטע יידן. איער ברודער איז צווישן זיי!"

„מען קאָן ניט לעבן מיטן טויט. מען מוז פאַרגעסן".

„מען טאָר ניט פאַרגעסן. מיר האָבן געשוואוירן צו געדענקען ווי לאַנג מיר וועלן לעבן!"

מאַקס האָט זיך געפילט באַליידיקט. ער רעדט דאָך אים שוין אָקעגן! אַ מויל ער האָט דאָס געעפנט! די אַלע וואָס קומען פון דאָרט האָבן צעשרויפטע נערוון. ער וועט זיך אָבער באַרואיקן, ס'דאַרף נעמען צייט. מען דאַרף אים געבן אַ „טשענס", ער וועט זיך, מיט גאָטס הילף, אויס־מענטשלען. מען דאַרף האָבן געדולד מיט אים.

חיים האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין איינעם פון אָנקלס געשעפטן אַלס בוכהאַלטער. האָט זיך זייער אויסגעטויגט אין ציפערן, געטאָן זיין אַרבעט גוט און שנעל. דער אָנקל האָט אָנגעקוואָלן:

„דער ,באָי' טויג זיך אויס!"

איבערקוקנדיק אַלטע חשבונות אין די געשעפט־ביכער, האָט חיים דערזעען, אַז אין דעם יאָר פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד האָט דער אָנקל געמאַכט די בעסטע געשעפטן. ווען די געטאָ האָט געברענט האָט אים דאָ גאָט געהאָלפן מיט דער ברייטער האַנט... די ציפערן וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט די גרויסע פּראָפיטן זיינען געוואָרן רויט פאַר זיינע אויגן, אויסגעווייקט אין בלוט... ס'איז געווען אויף אַ בוידעם אין אַ וואַרשעווער הויף. עטלעכע פּירער פון אויפשטאַנד האָבן ביי דער שיין פון אַ ליכט פאַרפאַסט אַ בריוו צו די אַמעריקאַנער יידן. דאָס איז געווען אַ הילפס־רוף פון די פלאַמען אַרויס. דער בריוו איז עטלעכע מאָל אי־בערגעשריבן געוואָרן. מען האָט אַריינגעלייגט אין די פשוטע ווערטער דאָס האַרץ מיט דער נשמה. דערנאָך האָט מען פיבערדיק געוואַרט. פאַר־געשטעלט זיך: די אַמעריקאַנער יידן וועלן אינמיטן טאָג פאַרהאַקן זייערע געשעפטן און אַרויס אין די גאַסן מיט הימל־שפּאַלטנדיקע פּראָטעסטן. האָט מען געוואַרט, און געוואַרט...

אַז חיים איז יענעם פאַרנאַכט אַהיים געקומען האָט ער אַרויסגענומען פון זיין וואַליז אַ פּעקל, וואָס ער האָט געהיט דעם גאַנצן וועג, ווי אַ טייערן אוצר, און מיט ציטערדיקע הענט דאָס אָוועקגעלייגט אויפן טיש. ער איז לאַנג געזעסן און געקוקט אויף דעם: ווידער דערזען זיין שטאָט מיט די אויסגעקוילעטע ייִדן, זיין געליבט יונג ווייב חנהלע, וואָס די ברוטאַלע שדים, די נאַציס, האָבן פאַרפייניקט.

די טיר האָט זיך געעפנט:

„זיצסט גאָר אין דער פינצטער?״, האָט ער דערהערט דעם אַנקלס קול.

חיים האָט געמאַכט ליכטיק. דער אַנקל איז געשטאַנען פאַר אים מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויפן ראַזעווען פּנים, מיטן ציגאַר אין מויל:

„וואָס מאַכט עפּעס מיין ,פּיוטשער ביזנעסמאַן׳?״

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און געוואָלט באַטאַפּן דאָס פּעקל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש. חיימס אויגן האָבן אויפגעבליצט, ווי אַ שריפה וואָלט זיך אין זיי אָפּגעשפּיגלט:

„נעמט אָוועק אייערע הענט! רירט דאָס ניט אָן!״

„וואָס איז דער ,מער׳? פילסט ניט גוט?״, האָט מאַקס, פאַרוואונדערט, געפרעגט.

חיים האָט ניט געענטפערט און מיט ציטערדיקע הענט באַהאַלטן ס׳פּעקל — אַלץ וואָס אים איז געבליבן פון דער היים: אַ קעסטל אַש, וואָס ער האָט באַוויזן אַנצופילן אין אַ קרעמאַטאָריע פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווען די נאַציס האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן אין מיזון־לעכער.

„באַהאַלטסט דאָרט אַן אוצר? געטרויסט ניט דיין אַנקל?״, האָט זיך מאַקס געפילט באַליידיקט.

„דאָס איז אַן אינטימע זאַך״...

„וועל׳, האָב דיר דיין וועג. הער זיך איין, היימאַן, מעגסט מיר אָפּגעבן מזל־טוב, כ׳האָב היינט געקויפט אַ גרויסע ,בילדינג׳, מעגסט שוין זען די ,אַפּאַרטמענטס׳ — פּאַלאַצן. איך זאָג דיר, אמתע פּאַלאַצן!... וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? לעבסט דאָך שוין אין אַמעריקע. טרייב אַרויס דעם טשאַד פון קאָפּ — אויס היטלער! ,סמייל׳! זיי דאָרט קען מען שוין צוריק ניט לעבעדיק מאַכן. ביי אונדז אין אַמעריקע זאָגט מען: ,די שאָו מאַסט גאָ אָן׳!״

חיים האָט געקרומט דאָס מויל און גאָרניט געקענט זאָגן. דעם אַנקל איז אומהיימלעך געוואָרן צו קוקן אויף אים. האָט ער געזאָגט אַ גוטע

נאַכט און אַרויסגעגאַנגען.

„הײמאַן האָט עפּעס אַ פּעקל, וואָס ער ציטערט איבער דעם", האָט מאַקס געזאָגט די זעלבע נאַכט צו קלאַרען אין בעט.

„וואָס פאַר אַ פּעקל?"

„ווער ווייס. כ'האָב עס געוואָלט אָנרירן, איז ער אויפגעשפּרונגען מיט ווילדע אויגן און דאָס צוגעכאַפּט.

„אפשר זײַנען דאָס בריליאַנטן?", איז זי געוואָרן בײַגעריק און זיך אַנגעשפּאַרט אויף אַן עלנבויגן. זיי האָבן אַ וויַיל געשוויגן און זיך אײַנגעהערט צום ווינט וואָס האָט געווײנט אינדרויסן...

יענעם טאָג האָט זיך חיים דערוואוסט פון די געשעפט־ביכער, אַז דער אָנקל האָט געשטיצט מיט באַדײַטנדיקע סומעס געלט די פּאַרטיי פון אײנעם, וואָס שנײַדט זיך צו ווערן דער אַמעריקאַנער היטלער. ער איז אויפגעצאַרנט געוואָרן. זײַן אָנקל גייט דעם וועג פון די דײַטשישע יודען־ראַטלער! אַז ער איז אַהיים געקומען האָט ער אויפגעפּאַקט דאָס קעסטל אַש און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש צו „באַגריסן" דעם אָנקל ווען ער וועט אַרײַנקומען.

ס'איז געווען אַ „פּאַרדי" בײַ די הימלפּאַרבס אין הויז. מען האָט געגעסן, געטרונקען, געלאַכט. שאַמפּיאַן־פלעשער האָבן „געשאָסן", גלעזער האָבן געקלונגען, פרויען האָבן געקוויטשעט. אַ פּראָפעסיאָנעלע אונטערהאַלטערין, מיט אַן אָפענעם בוזעם, האָט געזונגען קופּלעטן, געקנאַקט מיט די פינגער, געדרייט מיט די באַקעס, געוואונקען מיט די אויגן.

חיים איז געזעסן און אַרײַנגעטראַכט אין קעסטל אַש...

דער אָנקל האָט געעפנט די טיר:

„אַלע פרעגן זיך אויף דיר. מײַנע געסט ווילן דיך זען. נו, קום אַרײַן, הײמאַן. דאָ אין אַמעריקע דאַרף מען זײַן ,סאָשעבול'. וואָס האָסטו דאָ אין קעסטל?"

„אַש!"...

„אַש? וואָסערע אַש?"

„פון היטלערס קרעמאַטאָריעס — אײַער ברודערס אַש!"...

מאַקס איז געוואָרן בלאַס, אַרויסגענומען דעם ציגאַר פון מויל און עפּעס געמאַכט מיט די ליפּן, געוואָלט עפּעס זאָגן און ניט געקענט. אַ שווייס איז אים אַרויס אויפן שטערן:

„מײַנסט, אַז דו האָסט מיר געבראַכט מײַן ברודערס אַש?!"

„יאָ!"

„נאָך וואָס?"

„ס'איז אייער ברודער".

„פאַרוואָס איז מען אים ניט מקבר געווען?"

„היטלער פאַרברענט און לאָזט איבער דאָס אַש פאַר אַן אָנדענק".

„דאַרף עס שטיין אויפן טיש?"

„וואו דען?"

מאַקס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול; זיינע ליפּן האָבן אָנגעהויבן ציטערן:

...מיט פערציק יאָר צוריק איז ער געווען ביים ברודער אויף דער חתונה, געזען ווי מען פירט אים צו דער חופה. ער איז אים מקנא געווען, וואָס ער האָט געקראָגן אַזאַ שיינע כלה, אַלע בחורים אין שטעטל זיינען איר נאָכגעלאָפן, ער אַליין איז אין געהיים געווען פאַרליבט אין איר. האָט זי דער ברודער „אויסגעכאַפּט"... איצט — אַש... טרערן זיינען גערונען איבער זיינע באַקן. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס אַש רירט זיך, ווי אַ ווינט וואָלט עס צעבלאָזן, און אויסגעפאָרמירט דאָרט זיין ברודערס פּנים מיט לעכער אין שאַרבן. ווי אַזוי וועט ער קענען לעבן מיטן טויטן ברודער אין איין הויז? ווי וועט ער קענען עסן, שלאָפן, אַנגיין מיט געשעפט, אַז דאָס קעסטל אַש וועט זיך געפינען נאָענט צו אים? דער „גרינער" האָט געבראַכט אַן אומגליק און ער האָט זיך נאָך געאיילט אים אַהער צו נעמען. ווען ער קוקט ניט אַריין אין יענער צייטונג וואָלט צו דעם אַלעם ניט געקומען... די טויטע קען מען שוין ניט לעבעדיק מאַכן... און זיין לעבן איז אים פאַרשטערט געוואָרן... דער היימאַן איז געקומען אים אומצוברענגען...

מאַקס האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעווישט די טרערן:

„דענקסט דאָס צו האַלטן אין הויז?"

„פאַרוואָס ניט? ,ער' טשעפּעט קיינעם ניט".

„אַ הויז איז ניט קיין בית עולם".

„אונדזער גאַנצע שטאָט איז אַ בית־עולם".

מאַקס האָט ניט ווילנדיק אַ לעצטן קוק געטאָן אויפן קעסטל אַש און מיט שרעק אַרויס פון צימער. אַז ער האָט געעפנט די טיר האָט אַ פליי געטאָן פריילעכקייט, מוזיק, געלעכטער פון יענער זייט, און איז באַלד אָפּגעהאַקט געוואָרן ווען ער האָט זי צוריק פאַרמאַכט. אַז די געסט האָבן דערזען מאַקסן האָבן זיי זיך דערשראָקן פאַר אים:

„וואָס איז געשען? קוקסט אויס, ווי דו וואָלסט געזען אַ גייסט!"...

דער טומל און די פריילעכקייט איז באַלד אָפּגעקילט געוואָרן, מען האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז ער האָט זיך דערוואוסט פון זיין פּלימעניק עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך. זיינע פּייכטע אויגן האָבן צעשראָקן אַרויסגעשטאַרצט. ער איז אַרויסגעקומען מיט לאַנגזאַמע טריט, מיט אַן אַראָפּגעהאַקטן קאָפּ, אַזוי ווי מען גייט נאָך אַ לוויה. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנ־דערגיין. קלאַראַ איז צוגעשטאַנען צו אים:

„מאַקס, וואָס איז געשען? ווייִ איז מיר! קוק זיך נאָר אָן, ווי דו זעסט אויס!"

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, פאַררויכערט אַ ציגאַר און געקוקט צע־שראָקן אין רויך אַריין, ווי ער וואָלט דאָרט געזען אַן אויסטערלישע זאַך.

„זאָג מיר, וואָס איז געשען?"

„ביי היימאַנען אויפן טיש שטייט אַ קעסטל אַש!"

„אַש?"

„יאָ, מיין ברודער איז פאַרברענט געוואָרן אין היטלערס קרעמאַטאָ־ריעס, האָט ער מיר געבראַכט דאָס אַש!... דו האָסט געמיינט, אַז דאָס זיינען בריליאַנטן"...

„מאַקס, כ'וועל אַנטלויפן פון הויז! ס'הייסט ער האַלט זיך מיט אַ קעסטל אַש? שפּילט זיך מיטן טויטן טאַטן! זאָל ער עס באַגראָבן!"

„יענער האַלט עס ווי אַן אוצר! שפּילט מיט דעם אויף מיינע נערוון... פאַרגינט מיר ניט וואָס איך האָב אויסגעמיטן ס'אומגליק... כ'האָב עס דערזען איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. פאַרן אַוועקפאָרן פון דער היים האָב איך געטאַנצט אויף זיין חתונה, געפירט אים צו דער חופה. און דאָ — אַש!"

קלאַראַ האָט געקנאַקט די פינגער און מיט צעשראָקענע אויגן גע־קוקט אויף חיימס טיר:

„איך וויל ניט ער זאָל מיר האַלטן אַ ,מת' אין הויז, דו הערסט? ער איז משוגע, מען דאַרף אים נעמען צו אַ ,סייקאַיעטריסט'! זאָל ער ,אַרויס־מופן' מיט זיין ,טאַטן'!"

„מאַכן אים ,מופן', וואָס וועלן מענטשן זאָגן?"

„וואָס אַרט מיך מענטשן? זאָלן זיי מאַכן פון זייער הויז אַ ,סע־מעטערי.'!"

זיי האָבן אויסגעמיטן צו קוקן אויף חיימס טיר, וואָס האָט זיי דער־

מאַנט, אַז אויף יענער זייט איז דער טויט; אַז דאָרט, פון וואַנען זיי האָבן זיך באַצייטנס אַרויסגעכאַפּט, איז פון אַלץ געוואָרן אַש, אָפּגעמעקט, אויס־געוועפּט שוין פון זכרון, ווי אַ שרעקלעכער חלום — איז געקומען דער גרינער און געברענגט אַן אומגליק אויף זייערע קעפּ, שלעפּט אַרויס די טויטע פון די קבֿרים צו זיי אין הויז אַריין. מאַקס האָט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט צום עסן, גייט שוין באַלד אויך איינגעבויגן ווי אַ היימישער אַל־טער ייד. ביינאַכט, ווען ער ליגט אויף און קען ניט איינשלאָפן, ווייזט זיך אים אויס, אַז אין ווינט שרייען ברענענדיקע יידן. העכער פון אַלע שרייט זיין ברודער: „מעכל, דו שלאָפסט? איך ברען און דו שלאָפסט?"... ער טיילט זיך אָפּ פון די אַנדערע יידן און זעצט זיך אויף זיין בעט: „מיינסט, איך בין טויט און פּטור!... האָסט אַ טעות! זיי האָבן מיך ניט געקענט פאַרברענגען, פון פייער בין איך אַרויס נאָך שטאַרקער... צו דיר בין איך געקומען פאַרלאַנגען חשבון... חשבון!..."

מאַקס כאַפּט זיך אויף מיט אַ געוואַלד:

„קלאַרע!"

„וואָס איז געשען?", שטאַמלט זי מיט אַ געלעמטער צונג פון שרעק.

„כ'האָב געהאַט אַ שלעכטן חלום!"

„ווי איז מיר! האָסט דאָך מיך דערשראָקן אויף טויט... שפּיי אויס, אַ חלום איז אַ נאַר!"

ער מאַכט ליכטיק, טוט אָן דעם זיידענעם שלאָף־ראָק, פאַררויכערט אַ ציגאַר. שפּאַנט אַרום מיט ציטערדיקע טריט. דער שאָטן אויף דער וואַנט שפּאַנט אים נאָך, טרעט ניט אָפּ. דער שאָטן איז דעם ברודערס פאַר־ברענטער סקעלעט. און ווי רירעוודיק ער איז — אַלע נאַכט קריכט ער אַרויס פון אַש און פאַרפאָלגט אים מיט ביטערע טענות... אַז דער ברו־דער איז ניט אָפּגעטראָטן, אָפּט געקומען אים צו חלום און קלאַרע פלעגט זיך אויפכאַפּן מיט שרעק פון זיינע געוואַלדן, איז זי צוגעשטאַנען ער זאָל גיין צו אַ „סאַיקאַיעטריסט":

„די רייכסטע און אָנגעזעענסטע מענטשן לאָזן זיך איצט ,סייקאַאַנע־לייזן'. מיינע אַ באַקאַנטע גייט שוין דאָרט פאַר יאָרן"...

מאַקס איז געוואָרן אויסגעבלייכט. זיין בויך האָט אָנגעהויבן איינ־שרימפּן, ווי אַ באַלון וואָס די לופט גייט אַרויס פון אים. ער פלעגט מיט שרעק דערוואַרטן די נאַכט.

מירקאַ האָט אין אַ פאַרנאַכט אָנגעטראָפן חיימען אין קליינעם פּאַרק ניט ווייט פון זייער הויז:

„וואָס מאַכט איר, חיים?"

„מען פּרוּווט זיך איינלעבן. איך גיי זיך אַרויסקלייבן פון אייער פאָטערס הויז".

ער איז לעצטנס זייער נידערגעשלאָגן. וואָס איז געשען צווישן אייך?"

„איך און אייער פאָטער גייען ניט צוזאַמען".

„איך ווייס, ער איז אַ רעאַקציאָנער!"

„כ'קען אָבער ניט באַנעמען, ווי קען אַן אַמעריקאַנער ייד איצט, העלפן קומען אַ היטלער צו דער מאַכט?"

„האָבן די דייטשישע יידן ניט געטאָן דאָס זעלבע?"

„די אַמעריקאַנער יידן האָבן דאָך שוין אָבער געלערנט אַ לעקציע".

„אַזעלכע יידן ווי מיין טאַטע לערנען ניט".

„ס'איז מיר אַ וואונדער, ווי ס'קומט צו אים אַזאַ טאָכטער?"

„איר וועט זיין דאָ לענגער וועלן אייך אַ סך וואונדער אויפגעקלערט ווערן".

„וואָס איך מיין: אין אַנדערע לענדער האָבן טייל קינדער פון דער בורזשואַזיע זיך באַטייליקט אין די קאַמפן פון פאָלק, געשטעלט זיך ביי דער זייט פון די געקריוודעטע, הייסט עס. אַנדערע פון זיי זיינען אפילו גע־ווען די פאָן־טרעגער פון די רעוואָלטן, באַצאָלט מיטן לעבן. צאַריש־גענע־ראַלסקע טעכטער זיינען געהאַנגען געוואָרן אין דער רוסישער רעוואָלוציע. דאָ אין אַמעריקע איז דאָך אַנדערש, איר האָט דאָך שוין געהאַט אייער רעוואָלוציע, הייסט עס.

„וואָס טויג אייך דער ,הייסט עס'," האָט מיירא צוריקגעשאָרט אַ לאָק, וואָס דער ווינט האָט שטיפעריש אַ בלאָז געטאָן אין איר אויג אַריין, „אין אַמעריקע זיינען די מענטשן פון זעלבן ,מין' וואו אומעטום, דאָ זיינען די באַדינגונגען אַביסל אַנדערש, אָבער אין גרונט גענומען — די זעלבע זאַך. איך בין ניט די איינציקע, וואָס שטים ניט איין מיט מיינע בורזשואַזע עלטערן, איך קען קינדער פון מיליאָנערן, וואָס האָבן זייער אייגענע מיי־נונג, האָבן אַ געוויסן און טרעטן אַרויס קעגן אומגערעכטיקייט".

„איר ווייסט, אַמעריקע האָט פאַרלוירן איר רעפּוטאַציע אין דער וועלט?"

„מיר וועלן עס גוטמאַכן!"

„כ'האָף אַזוי".

„און איר שטודירט טאַקע כעמיע?"

„יאָ".

„מאַכט נאָר ניט קיין נייע אַטאָמישע באָמבע!"
חיים האָט געשמייכלט.
„איר גייט זיך טאַקע אַרויסקלייבן פון אונדזער הויז?"
„יאָ. אייער פאָטער איז פאַרציטערט געוואָרן פון אַביסל אַש, וואָס איך האָב געבראַכט אין אַ קעסטל פון אַ קרעמאַטאָריע. מיר האָבן דאָרט געזען בערגער. כ'דענק, אַז דאָס האָט אויפגערודערט זיין געוויסן. ער וויל איך זאָל אויסמעקן די ציפערן, וואָס די נאַציס האָבן אויסגעקריצט אויף מיין האַנט. ער קען ניט פאַרשטיין צו וואָס איך דאַרף עס.. איך זאָל זיך אויסגרינען און פאַרגעסן וואָס ס'איז געווען. איך האָב אים געזאָגט, אַז ציפערן וואָס שטעלן צוזאַמען גרויסע סומעס פון גאָלד און געקוילעטע מענטשן זיינען די סיבות פון אַלע צרות אויף דער וועלט".
„ער וועט דאָס ניט פאַרשטיין", האָט זי געשמייכלט.
„וואָס מאַכט אייער פריינט, דער אַדוואָקאַט?", האָט חיים געפרעגט מיט אַן איבערלעכן ציטער.
„מיר קלייבן זיך חתונה האָבן".
„איך שטעל מיר פאָר, וואָס אייער פאָטער וועט זאָגן!"
„ער האָט שוין זיינס אָפגעזאָגט"...
ס'האָט אָנגעיאָגט אַ ווינט. עטלעכע געלע בלעטער האָבן זיך פאַרמאָסטן צו פליען, און באַלד אַראָפגעפאַלן צו דער ערד.

מאַקס איז געלעגן אויף דער סאָפע אין אָפיס פון פסיכיאַטאָר:
„ווען האָבן אייך אָנגעהויבן פאַרפאָלגן די חלומות?"
„זינט מיין פלימעניק איז געקומען".
„פון וואַנען איז ער געקומען?"
„פון היטלערן. איך האָב אים אַראָפגעבראַכט, אַריינגענומען אין די ,ביזנעס', געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד".
דער דאָקטאָר האָט עפּעס פאַרצייכנט אין ביכעלע.
„דערציילט אַלץ וועגן זיך — אַלץ. באַהאַלט ניט קיין זאַך. דעם אמת, דעם ריינעם אמת — ווי מיאוס און שלעכט ער זאָל ניט זיין. הייבט אָן פון אייער פריער יוגנט, גראָבט עס אַרויס, באַפרייט זיך דערפון"...
טראָפּנס שווייס זיינען געשטאַנען אויף מאַקס שטערן. זיינע דיקע ליפּן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן, ער האָט געטאַפּט מיט דער צונג, געזוכט דאָס וואָרט פון וואַנען אָנצוהייבן...

אַ ניט־דערפאַרענער גענגסטער

אין איינער פון די גרעסטע פאַבריקן פון מענער־קליידער איז אָנגעגאַנגען אַ פאַרצויגענער סטרייק. „פיקעט־לאַינס" זיינען כסדר געווען אַרום דעם שאַפּ. סקעבס, וואָס פּאָליציי האָט מיט פּאַראַד געפירט אַריין און אַרויס פון דער אַרבעט, האָבן ווייניק פּראָדוצירט, ווי זיי וואָלטן אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז פאַר דורכגיין צוויי מאָל אַ טאָג די פייער־ליניע פון די „פיקעטס", וואָס האָבן געצאָרנט קעגן זיי מיט געביילטע פויסטן און ברענענדיקע אויגן — אַז פאַר דעם אַליין פאַרדינען זיי שוין זייערע „וועידזשעס"...

דער פאַרוואַלטער פון שאַפּ, הערי סטעטלער, איז געווען פאַרצווייפלט. ער האָט געפּרואווט רעדן מיטן יוניאָן־אָרגאַנאַיזער מיט בייזן, מיט גוטן, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף יענעמס אַקסל, געוויזן אים דעם שפּיץ פון אַ הונדערט דאָלאַר־ביל, פאַרזיכערט, אַז ס'וועט האַלטן ביי „סעטלען", וועט מען דאָס פאַרטאָפּלען און אפילו פירפאַכן. געווײנלעך האָט ער דאָס אַרויסגעבראַכט אויף אַ דיפּלאָמאַטישן אופן מיט אַ פיינער שפּראַך: „הערי סטעטלער איז אַ ,קאָלעדזש־מאַן', אפילו אַ ליבעראַל און ווייסט פון דעם כלל: לעבן און לעבן לאָזן"...

דער אָרגאַנאַיזער, בען, האָט באַהאַלטן אַ דינעם שמייכל צווישן די ליפּן, וואָס האָבן זיך אַביסל געקרומט פון עקל און געזאָגט, אַז ער איז ניט צום קויפן...

הערי סטעטלער האָט שוין פאַרהאַנדלט מיט פאַרשיידענע יוניאָן־פירער. געווײנלעך, האָט ער געטענהט, רעדט מען זיך צוזאַמען ווי אַ מאַן מיט אַ מאַן. דער גיט נאָך אַביסל, יענער גיט אַביסל נאָך... מען קומט דורך. אָבער אָט־דער בען, מיטן חוצפּהדיקן שמייכל, מיטן קאָפּ בלאָנדע פייערדיקע האָר, וואָס ער פאַררייסט ווי אַ ווילדער האָן — דאָס איז אַ רואינע פאַר דער געזעלשאַפט, דאָס איז אַ שטיין אין וועג, מיט אים האָט זיך סטעטלער פאַרהאַקט. וואָס טוט מען? די קאָנקורענטן נעמען דערווייל צו די געשעפטן, פאַרכאַפּן דעם מאַרק. דער באַלעבאָס פאַרווילט זיך אין פּאַריז און וועט אַלץ אויסלאָזן צו זיין קאָפּ. ער האָט אים ענדלעך אָפּגערופן צו לאָזן וויסן, ווי עס האַלט.

„מיסטער סיווער בײַם טעלעפאָן", האָט זיך דערהערט אַ קול פון פּאַריז.

„דאָס רעדט סטעטלער", האָט זיך דער פּאַרוואַלטער אינסטינקטיוו פאַרנויגט, „איך וויל אײַך מעלדן וועגן סטרייק: עס פּאַרציט זיך צו לאַנג. מיר פאַרלירן דעם מאַרק... דער פאַרדאַמטער ‚אָרגאַנאַיזער' טרעט ניט אָפּ".

„און וואָס האָסטו געטאָן וועגן דעם?", האָט זיך דערטראָגן מיסטער סיווערס שטימע.

„האָב געטאָן אַלץ, וואָס כ'האָב נאָר געקענט, אַלץ אויסגעפּרואווט!"

„ביסטו זיכער?"

„איך פאַרשטיי ניט...", האָט סטעטלער געשטאַמלט.

„דו קריגסט באַצאָלט, אַז דו זאָלסט פאַרשטיין!...", האָט אים דער „באָס" אַ וואָרף געטאָן די לעצטע עטלעכע ווערטער, און אויפגעהאַנגען אין פּאַריז דעם „רעסיווער".

סטעטלער האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן. דער „באָס" איז אין כּעס. ער איז אַ מאַן פון געציילטע ווערטער, מען מוז אים פאַרשטיין אויפן וואונק. ס'פאַרדריסט אים דאָרט וואָס ער, סטעטלער, טוט ניט גע־נוג פּטור צו ווערן פון דעם יוניאָן־אָרגאַנאַיזער. דערפאַר האָט ער געזאָגט, אַז ער קריגט באַצאָלט ער זאָל פאַרשטיין וואָס צו טאָן אין אַזאַ פאַל. סטעטלערן איז געוואָרן ענג אין האַלדז. ס'הייסט, מען דאַרף זיך באַ־נוצן מיטן אַלטן מיטל: דינגען „גענגסטערס", וואָס זאָלן אָפּראַמען דעם אָרגאַנאַיזער. מיסטער סיווער וועט דאָרט ווייטער קענען הוליען אָן דער מינדעסטער זאָרג, אַז ס'קאָן אפילו פאַלן דער קלענסטער חשד אויף אים, און ער, סטעטלער, וועט דאָ דאַרפן טאָן די ריזיקאַלישע אַרבעט... ס'גיט זיך ניט איין, קאָן אַ גענגסטער אַמאָל „זינגען"... דעמאָלט, ווערט אין סטעטלערן פאַרקילט דאָס בלוט, קאָן עס מיינען: „פּירהאַנג!"...

וועט ער ניט אויספירן וואָס דער באַלעבאָס פאַרלאַנגט פון אים, פאַרלירט ער דעם הויך־באַצאָלטן פּאָסטן, און דאָס קאָן ער ניט. ער פירט אַ רייך הויז, האָט אַ יונג ווייב, ער וועט ווערן רואינירט, און אַ חוץ דעם ווייסט טאָקע קיינער ניט, אַ חוץ דעם „באָס", אַז ער האָט שוין אַמאָל גע־דונגען גענגסטערס, וואָס האָבן דורכגעפירט אַזאַ שטיקל אַרבעט. ער ווייסט וואויל, דער „באָס", אַז סטעטלער וועט טאָן, וואָס ער פאַרלאַנגט פון אים. און וועגן ריזיקע? ס'גאַנצע לעבן איז אַ ריזיקע. גייסט אַרויס אין גאַס ריזיקירסטו איבערגעפאָרן צו ווערן. וואָס דו טוסט, לויערן געפאַרן

פֿון אַלע זייטן. אַ מענטש קאָן ניט לעבן אָן ריזיקע...

„יענער" טעלעפֿאָן-נומער איז געווען ביי אים באַהאַלטן אין קאָפּ. ער האָט זיך אומגעקוקט, צי קיינער הערט ניט און אָפּגערופֿן:

„קען איך רעדן צו ען-בי? העלאָו! איך וויל זען אייערן אַ פּאַר-טרעטער וועגן ‚ביזנעס', וואו קאָנען מיר זיך טרעפֿן?"

יענער האָט פֿאָרגעשלאָגן אַ באַקאַנטן רייכן רעסטאָראַן.

אין דעם „גאָלדענעם האָן" קומט אַריין אַ געקליבענער עולם: „מואווי-סטאַרס" מיט זייערע בלאָנדע ליאַלקעס, מיט די בלויע גלעזערנע אויגן. רייכע פֿאַבריקאַנטן, רעקעטירס און גענגסטערס. די גענגסטערס לאָזן איי-בער די גרעסטע „טיפּס". אַז מען טרעט דאָרט אַריבער די שוועל ווערט מען אַ האַר, פֿאַר וועמען מען בויגט זיך און מען בוקט זיך.

סטעטלער איז געזעסן ביי איינעם פֿון די טישן און געקוקט צו דער טיר. דער פֿאַרטרעטער פֿון יענער „אַגענטור" דאַרף טראָגן אַ געל בלימל אין לאַץ, אַז ער סטעטלער וועט אים דערזען, דאַרף ער אויפֿהויבן די לינקע האַנט און אויסשטרעקן איין פֿינגער. ער האָט דערוויל לאַנגזאַם געזופּט פֿון גלעזל און האַסטיק געררויכערט. ס'האָט אים פֿאַרדראָסן אויף מיסטער סיווערן, וואָס ער איז אַזוי פֿאַרעקשנט, לאָזט ניט נאָכגעבן אַ טייל פֿון די פֿאָדערונגען וואָס די אַרבעטער שטעלן אַרויס. די פֿירמע וואָלט נאָך אַלץ אָפּערירט מיט אַ גרויסן פּראָפֿיט און ער וואָלט זיך נישט באַדאַרפֿט פֿאַרבינדן מיט גענגסטערס... דאָס איז אַלע מאָל ריזיקאַ-ליש. ער האָט אַ קינד און אַ יונגע פֿרוי, אַ הויז, פֿאַרנעמט אַ בכבודיק אָרט אין דער פֿיינסטער געזעלשאַפֿט. ווען אַזאַ „זאַך" „רינט אויס" און אַ גענגסטער הויבט אָן „זינגען", קאָן דאָס מיינען טורמע, און אַפֿילו די „טשער". סטעטלער האָט באַשטעלט ביי דער קעלנערין נאָך אַ טרונק...

אין רעסטאָראַן האָט געהערשט אַ שטילקייט, ווי אויס רעספּעקט צו די געהויבענע געסט. פֿון ערגעץ איז געפֿלאָסן ווייכע גלעטנדיקע מוזיק, וואָס האָט געדאַרפֿט באַרואיקן די נערוון, און די טונקעלע באַלויכטונג האָט געהאַלפֿן שאַפֿן שטימונג.

קעלנערקעס אין טיפֿע דעקלאַטיס האָבן אַרומגעשוועבט מיט דעם אונטערטעניקסטן שמייכל צווישן די רייכע געסט, ווי זיי וואָלטן אויסגע-טאַנצט אַ האַרעם-טאַנץ פֿאַר אַ סולטאַן...

אַ מאַן מיט אַ געל בלימל אין לאַץ האָט געעפֿנט די טיר.

הערי סטעטלער האָט זיך אויפֿגעשטעלט און געגעבן דעם צייכן.

באַלד זיינען ביידע געזעסן מיט גלעזלעך אין די הענט, איינגעהילט אין

רויך פון פּאַפּיראָסן.

„דו ווייסט, וואָס דיין אויפגאַבע איז?"

„שור", האָט דער מאַן מיטן געלן בלימל פריילעך געשמייכלט אין גלעזל אַריין.

געננגסטערס מוזן ניט דווקא אויסזען גראָב און ברוטאַל. טייל צווישן זיי האָבן אײדעלע פּנימער מיט זייער פיינע מאַניערן, וואָס פּאַסן זיך אַריין אין די רייכסטע סאַלאָנען... עס זיינען דאָ געננגסטערס וואָס זעען אויס ווי קאָנגרעס־לייט. פאַראַן אין דער אונטערוועלט אַ באַוואוסטער געננגסטער, וואָס זעט פּונקט אויס ווי אַ באַקאַנטער סענאַטאָר... אַנדערע געננגסטערס זעען אפילו אויס ווי קאַבינעט־מיניסטאָרן אָדער באַנקירן. נאָר „איזי דער אגער", מיט וועלכן סטעטלער פאַרהאַנדלט, האָט אַ פאַרגרעבטן אויסזען. דעם צונאָמען „אָגער" האָט ער געקראָגן, ווייל ער האָט אַ גראָבן געבויגענעם קאַרק, ווי אַ פערד. די גראָבע הענט מיט די דיקע מוס־קולן הענגען ביי אים ווי שווערע געוויכטן. ער איז נאָך אַביסל ביי אין דער „פּראָפעסיע", דערפאַר אָבער, אַז ער „באַאַרבעט" אַ „פּאַציענט" קריכט שוין יענער אַרום אויף קוליעס — אויב ער בלייבט לעבן. ער ספּעציאַליזירט זיך אויף מאַכן „טרוקענע דזשאָבס".

„די הויפּטזאַך איז", האָט סטעטלער געזאָגט, פאַרריכטנדיק דאָס שניי־ווייסע טיכעלע מיט די דריי שפּיצן אין זיין אויבערשטער קעשענע, „וואָס עס זאָל ניט געשען, טאָר עס ניט ,אויסרינען'... איך גלויב, אַז דיר איז באַקאַנט דער סוף פון די וואָס ,זינגען'."

„איזי דער אָגער" האָט אַ באַליידיקטן קוק געטאָן אויף סטעטלערן מיט אַ פאַרגליווערט אויג, וואו ס'האָבן זיך אָנגעצונדן רויטע פעדעמ־לעך פון צאָרן...

„כ'מיין ניט, אַז דו וועסט ,זינגען'. איך מיין אַזוי, אין אַלגעמיין", האָט זיך סטעטלער פאַרענטפערט. אויף דיר קאָן מען זיך פאַרלאָזן. דאָס וואָרט פון דיין ,באָס' איז גענוג גוט פאַר מיר".

„שור"... האָט „איזי דער אָגער" מיט ליבשאַפט באַטאַפּט זיין גלעזל און עס געדרייט צווישן די פינגער.

„און דער ,דזשאָב' מוז זיין אַ ,טרוקענער'. האַק אים אונטער די לונגען, צעברעך אים די ביינער, אַז ער זאָל דאַרפן ליגן כאָטש אַ האַלב יאָר אין שפּיטאָל און דערנאָך גיין אויף קוליעס"...

„שור, באָס!"... האָט אים איזי פאַרזיכערט מיט אַ פריילעכן שמייכל, און איינגעגראָבן די אויגן אין דער העל־בלאָנדער קעלנערין, וואָס האָט

זיך פאַר זיי איינגעבויגן און געפרעגט צי זיי פאַרלאַנגען נאָך עפּעס.

הערי סטעטלער האָט מיט אַ זיידן טיכעלע אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן, זיינע גרויע שיטערע האָר זיינען געווען אָנגעצויגן איבער זיין פליך ווי סטרונעס, די אויגן פאַרשפּיצט:

„איז מאָרגן, צען אַזייגער אינדערפרי, זאָלסטו זיין פאַר דער ,פּיקעט־לאַין׳. איך וועל צוגיין צום אָרגאַנאַיזער, ער איז דאָרט דאָ כמעט יעדן טאָג, און פאַרפירן אַ שמועס מיט אים, אָרויפלייגן אַ האַנט אויף זיין אַקסל... זאָלסט זיך גוט איינקוקן אין אים"...

זייערע קעפּ האָבן זיך דערנעענטערט:

„יעדן מיטוואָך ביינאַכט האָט דער אָרגאַנאַיזער אַן עקזעקוטיוו־פאַר־זאַמלונג אין דער צוועלפטער גאַס, דעם און דעם נומער. ער ,פּאַרקט׳ זיין אויטאָמאָביל אין דערבייאיקן ,פּאַרקינג־לאָט׳. די פאַרזאַמלונג ענדיקט זיך אומגעפער עלף אַזייגער, איצט זיינען די נעכט פינצטערע, רעגנדיקע, אין די אַרומיקע גאַסן זעט מען זעלטנס אַ מענטש דורכגיין, דאָרטן זיינען בלויז פאַבריקן, וואָס זיינען ביינאַכט געשלאָסן. די ,קאַר׳ איז אַ גרינגער פערד — גייסט מיט נאָך עמיצן?"

„איך אַרבעט אָן אַרויסהעלפערס!"

די נאַכט פון דינסטאָג אויף מיטוואָך האָט הערי סטעטלער לאַנג ניט געקאָנט איינשלאָפן, געדרייט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער און ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט אין ווייכן בעט מיט די זיידענע קישנס. ער האָט זיך באַמיט ליגן רואיק, די פרוי זאָל ניט באַמערקן זיין צעטראָגנקייט, און אָנהויבן פון אים פאַרשן, קריגן אַ פאַרדאַכט... מען טאָר אויף אים גאָרניט באַמערקן, ווייל דאָס קאָן שפּעטער זיין קעגן אים... מאָרגן דאַרף עס דורכגעפירט ווערן, און אַז ס׳זאָל זיך איינגעבן, וועט זיין זייער גוט, דער סטרייק וועט פאַרענדיקט ווערן, מיסטער סיווער וועט זיין צופרידן, און ער, הערי סטעטלער, וועט פאַרפעסטיקן זיין פּאָזיציע"...

מיטוואָך בייטאָג, אין דער אָפּגערעדטער צייט, ווען די אַרבעטער האָבן אַרומגערינגלט דעם יוניאָן־„אָרגאַנאַיזער" אויף דער „פּיקעט־לאַין", איז סטעטלער צוגעגאַנגען צו בענען מיט אַ שמייכל, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף זיין פלאַטשיק פנים, פאַרפירט אַ שמועס און אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל... עטלעכע אַרבעטער האָבן באַמערקט „איזי" דעם אָגער" ניט ווייט פון דער „פּיקעט־לאַין". ער איז זיי געווען פאַר־דעכטיק, זיינע קאַלטע פערדישע אויגן האָבן צופיל געקוקט אויפן „אָרגאַ־נאַיזער", האָבן זיי אָפּגערופן בענען אין אַ זייט און אים געוואָרנט, ער זאָל

זיך היטן, דער פאַרשוין געפעלט זיי ניט. מען האָט אָפגערעדט, אַז ער זאָל בײַטן זײַן רוטין: פאָרן דורך אַנדערע וועגן, „פאַרקן“ זײַן אויטאָמאָביל אין אַן אַנדער „פאַרקינג־לאַט“, ווײַל מען האָט זיכער פריער אויסגעשפיאָנירט זײַנע באַוועגונגען. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַזוי טאָן, ער ווייסט ווי צו האַנדלען מיט אַ „סקאָנק“...

איזי „דער אָגער“ האָט יענעם אָונט אָפגעשטעלט זײַן אויטאָמאָביל בײַם אָנגעוויזענעם „פאַרקינג־לאַט“. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, אַ רעגנדיקע, קיין הימל האָט מען אינגאַנצן ניט אַרויסגעזען. פון לאַנגן רעגן איז מען אַרײַנגעקראָכן מיט די פיס אין טײַכלעך, אַ פוילע קעלט האָט זיך דורך די קליידער אײַנגעביסן אין לײַב. „איזי דער אָגער“ האָט זיך שוין אַרומגעדרייט אַריבער אַ שעה צווישן די געפאַרקטע אויטאָמאָבילן, און יענעם זעט מען נאָך אַלץ ניט. האָט ער דערווײַל אַרויסגענומען ס׳פלאַטשיקע פלעשל שנאַפס פון זײַן בוזים־קעשענע און געטאָן יעדעס מאָל אַ זופּ: וואָס זאַמט ער זיך דאָרט אַזוי לאַנג דער אָרגאַנאַיזער, און האַלט אים דאָ אין דעם גאָט־פאַרדאַמטן וועטער?“

ער קוויקט זיך מיטן געדאַנק: אַזוי שנעל ווי ער וועט פאַרטיק ווערן מיטן „דזשאָב“ וועט ער באַלד צופאָרן אין דעם נאַכט־קלוב, וואו עס וואַרט אויף אים זײַן מיידל. ער וועט באַשטעלן דעם גרעסטן „סטעיק“ מיטן בעסטן ווײַן, און דערנאָך הערן ווי זי לאַכט...

אַן אויטאָמאָביל איז פאַרבײַגעפאָרן, די פראָנט־ליכט האָבן אין דער פינצטערניש אַ לויכט געטאָן ווי צוויי קליינע זונען. ער האָט זיך אָפגעקערט: ליכט אויף זיך האָט ער פײַנט... פון צײַט צו צײַט האָט ער זיך ווידער צוגעכאַפּט צום פלאַטשיקן פלעשל.

„ס׳אַ הינטיש לעבן“, וואָרטשעט „איזי דער אָגער“, אַ דערוואַרעמטער פון פלעשל, „אַנדערע האַלטן אָפּ אַ באַנק, נעמט דאָס זיי איין מינוט און זיי מאַכן גענוג אויף אַ יאָר צו לעבן, ער אָבער דאַרף זיך ערשט אַרויפאַרבעטן. אין יעדער „ביזנעס“ הויבט מען אָן פון אונטן אַרויף, מיט דער צײַט וועט ער אויך דערהויבן ווערן...

הערי סטעטלער איז אַ גאַנצן טאָג געווען צעטראָגן. פאַרשידענע געדאַנקען זײַנען אַרומגעפלויגן אין זײַן קאָפּ: דער „גאָרילאָ“ האָט אַ פּאָר אײַזערנע הענט און אַוודאי שלאָגט ער נאָך מיט עפּעס... ער קאָן אים זייער לײַכט „קאַלט“ מאַכן. ס׳איז אויך מעגלעך מען זאָל אים כאַפּן, און ווער קאָן גאַראַנטירן, אַז ער וועט נישט „זינגען“ און אויסזאָגן ווער ס׳האָט אים געדונגען צו מאַכן דעם „דזשאָב“? בײַ דעם געדאַנק ווערט

אים פאַרקילט דאָס בלוט אין די אָדערן. ער זעט זיך אין אַ טורמע־שטיבל, טעג מיט נעכט מישן זיך אין אַ לאַנגן פינצטערן קאָשמאַר, ס׳קומט פאָר דער פראָצעס, זיין בילד איז אויף די ערשטע זייטן פון אַלע צייטונגען, מען ווייזט אים אויף דער טעלעוויזיע, זיין יונגע פרוי קומט אים זען ס׳לעצטע מאָל פאַר דער הינריכטונג — ס׳פאַלט אויף אים אַן אַ טויט־שרעק. דאָס לעבן ווערט אים אומגעהויער טייער. און ער דערפרייט זיך מיטן געדאַנק, אַז ער קאָן נאָך ראַטעווען זיך פון דעם אומגליק. ער וועט פאַרלירן די פּאָזיציע אין דער פירמע? איז צום טייוול מיט דער פּאָזיציע! בעסער אַ לעבעדיקער הונט, איידער אַ טויטער לייב...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, ס׳איז שוין באַלד געווען צען, דער „דזשאָב" דאַרף ניט דורכגעפירט ווערן, באַצאָלט האָט ער אים דאָך שוין, נאָך אַלץ צייט אָפּצוהאַלטן דעם „גאָרילאַ".

הערי סטעטלער מאַכט ביי זיך אָפּ, אַז פון היינט אָן וועט ער אַלץ טאָן אויף אַ לעגאַלן וועג... דער געדאַנק, אַז ער וועט אויסלעבן גליקלעך און בכבוד זיינע יאָרן, דערפרייט אים און אַ האָפערדיקער שפּרינגט ער אַריין אין דעם אויטאָמאָביל. די רויטע טראַפיק־ליכט שאַרפן זיין אומגעדולד, האַלטן אָן אומגעהויער לאַנג, גלאַנצן צאַרנדיק אויף אים מיט זייערע בלוטיק־רויטע אויגן... און שפּיגלען זיך אָפּ אין די פינצטערע קאַלוזשעס וואַסער, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט פון רעגן.

ענדלעך איז ער אָנגעקומען צום פּלאַץ. ער איז אַרויס פון דער מאַשין מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער, איינגעהויקערט קעגן רעגן און ווינט, וואָס האָט געפּאַטשט אין פּנים. סטעטלער איז אַריין אין יענעם „פּאַרקינג־לאָט". אין דער געדיכטער פינצטערניש האָט ער באַר געזען די גרויע פאַרגאָסענע שוין פון דער קליינער צאָל מאַשינען, וואָס זיינען געווען שיטער צעשטעלט. „איזי דער אָגער" איז דאָרט ניט געווען, ס׳האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ, אפשר האָט ער שוין פאַרשפּעטיקט... ער האָט געזוכט דעם אָרגאַנאַניזער אַרום די פינצטערע קאַלוזשעס און האָט אים ניט געפונען... ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ מאַשין, וואָס אין דער פינצטער האָט זי אויסגעזען, דאַכט זיך, גרין... פּלוצים האָט אים ווי אַ שווערער האַמער אַ זעץ געטאָן עפּעס איבערן קאָפּ... ער האָט געוואָלט טאָן אַ געשריי איז אים דאָס קול דערשטיקט געוואָרן אין האַלדז... די קלעפּ זיינען געפאַלן געדיכט, ווי אַ האָגל, די ביינער האָבן אים געקנאַקט און זיך געשפּאָלטן, די קישקעס האָבן זיך אָפּגעריסן, די ערד איז ניט

געוואָרן אונטער זיינע פיס... מער האָט ער גאָרניט געדענקט...

„איזי דער אָגער״ האָט בליץ־שנעל געאַרבעט מיט די הענט, געפּרייכט און געסלונעט און זיך באַמיט „ריכטיק צו באַאַרבעטן״ דעם „אָרגאַנאַיזער״. און אַז יענער איז שוין געלעגן אויסגעצויגן און זיך ניט גערירט, האָט איזי אַ בארוישטער פון זיין אַרבעט, און פון אַלקאָהאָל זיך געלאָזט מיט אַביסל וואַקלענדיקע טריט צו זיין נאַכט־קלוב...

ער מוז זיך ריינוואַשן

(צו עטל)

סטיוו איז אַ קלוירק אין אַ באַנק, וואו ער אַרבעט שוין צוואַנציק יאָר. יעדן טאָג כאַפּט ער זיך אויף, ווען דער ווייזער פון זייגער שטייט אויף זיבן. אַמאָל אַ פּאָר מינוט פריער אָדער אַ פּאָר מינוט שפּעטער. אַפילו זונטאָג כאַפּט ער זיך אויף אויף אין דער זעלבער צייט. ער ליגט אין בעט און טראַכט פון פאַרשידענע זאַכן: די באַנק, וואו ער אַרבעט, טוט ריזיקע געשעפטן אין די הונדערטער מיליאָנען דאָלאַר אַ יאָר. ס'איז אַ גאָלד־אימפּעריע. און ער איז שטאָלץ, וואָס ער איז פאַרבונדן מיט איר, און איז, קאָן מען זאָגן, אַ וויכטיקער טייל פון איר מעכאַניזם. דאָס הויז זיינס, וואָס ער האָט נאָך אויף קיין העלפט ניט אויסגעצאָלט, דאַרף מען פאַרבן, די ווענט שיילן זיך. ס'ווייב איז געוואָרן אַ פאַרברענטע קאָרטן־שפּילערין, קומט אַהיים שפּעט ביינאַכט אַ פאַרפלאָמטע מיט צעצונדענע אויגן — סטיוו טראַכט פון פאַרשידענע זאַכן.

יעדן פרימאָרגן ראַזירט ער זיך אין דער זעלבער צייט, טוט אָן אַ קלאָר, געפּרעסט העמד, בינדט אויס דעם שניפּס, אַז יעדער קנייטשעלע, יעדער ווינקעלע איז אויף דעם באַשטימטן אָרט, ווי פון אַ פורעם אַרויס, אַ גרויער שרונט, ווי אַ שלענגל, צעטיילט זיינע האָר, וואָס זיינען צוגעפּלאַטשעט צום קאָפּ מיט אַ שמירעכץ און גלאַנצן, אַז מען קען זיך שפּיגלען אין זיי. צום סוף גלעט ער אויס מיט איין פינגער די שמאָלע געפּוצטע וואָנצעלעך, וואָס זיינען איינגעגעסן ווי טונקעלע פלעקן אין זיינע בלויע דיקלעכע ליפּן.

אַ טייל פון זונטאָגדיקן טאָג גייט ביי אים אַוועק אויף מייסטערעווען אַרום זיין אויטאָמאָביל, ליגן אַן איינגעשמירטער אונטער אים, און אויף לייענען דעם „אָדלער״, וואָס זונטאָג איז ער באַזונדערס פעט און „רייך״ אין אינהאַלט. די אַרטיקלען פילן אָן זיין האַרץ מיט שטאָלץ, וואָס ער איז אַ „ווייסער״ אַמעריקאַנער און לעבט אין רייכסטן לאַנד אין דער וועלט.

ער האָפט אויך צו פאַרנעמען אַמאָל אַ העכערע פּאָזיציע אין דער באַנק. טייל פון זיינע מיטאַרבעטער זיינען אָבער געשטאָרבן מיט דער האָפענונג. שוין צוואַנציק יאָר ווי ער זיצט אין זעלבן ווינקל און באַחשבונט ריזיקע סומעס, וואָס מענטשן פאַרמאָגן, ציילט זייער רייכקייט,

„מעסט" זייער וואוילטאג, מאלט זיך אויס די גליקן, וואס די גרויסע ציפערן פארשאפן זיי, און ער אליין טראגט לעדער אויף די עלנבויגנס פון זיינע ארבל זיי זאלן זיך ניט אויסרייבן. ווען ער געדענקט נאר, שטעלט ער לייכטע טריט, אז זיינע שיך זאלן זיך ניט אזוי שנעל צערייסן. ער האט א צוגעציילטן דאלאר און מוז אלעמאל טראכטן פון עקאנאמיע. איז, וואו האלט ער? יא, די ציפערן... זיי מאכן בלינד זיינע אויגן, ער זעט שוין די וועלט דורך איינסן און נולן. זיין קאפ איז געווארן א רעכן־מאשין, נאר די מאשין איז שארפער און פלינקער פון אים, כאפט אים ביי טעותן און גלאצט חוזקדיק מיט די קיילעכדיקע ציפער־אויגן: אהא, ווער איז גערעכט?...

ווען א נעגערשע פאמיליע האט זיך אריינגעקליבן אין זייער „ווייסער" געגנט, איז סטיוו פארציטערט געווארן. א פאניק איז אים און זיינע פריינט באפאלן: „ריעל עסטעיט" וועט קריגן א קלאפ, „ווייסע" וועלן אנטלויפן, „פראפערטיס" וועלן אנווערן א העלפט פון זייער ווערט. ער איז געווען דער ערשטער צו ווארפן שטיינער אין די פענצטער פון דער נעגערשער פאמיליע. שטארק דערצארנט איז ער געווארן, ווען ווייסע זיינען נאך געקומען זיך אננעמען פאר די נעגערס. יא, דאס זיינען די זעלבע ווייסע, וואס שטעלן צונויף דעם „פינפטן קאלום" דא אין לאנד. זיי פירן אויס די באפעלן פון אונדזערע שונאים, וואס גרייטן זיך אונדז צו באפאלן און פארשקלאפן... אז מען כאפט זיי ביי דער האנט, באהאלטן זיי זיך אונטער דעם „פינפטן אמענדמענט". סטיוו ווייסט אלץ, ער לייענט די ארטיקלען אין „אדלער" און שטייט אויף דער וואך קעגן די שונאים פון לאנד, וואס בייסן די האנט וועלכע שפייזט זיי... ער האט זיך דעמאלט געשלאגן פויסט צו פויסט מיט די ווייסע, וואס האבן זיך אנגענומען פאר די שווארצע, ארויסגעצויגן א מעסער... און די שווארצע האבן זיך אלץ ניט גערירט, ביז ער און זיינער א פריינט האבן אין א פינצטערער נאכט אונטערגעצונדן ס'הויז. אין די פלאמען, וואס האבן געזעצט פון די פענצטער, האבן זיך שאטנס געדרייט און געווארפן אין א טויטן־טאנץ...

„ארויסגערויכערט" די נעגערס, זיינען זיי זיך צוזאמענגעקומען אין פיטס „סאלון" צו פייערן דעם זיג. א העל־בלאנד מיידל מיט פייערדיקע ליפן ווי פונקען אין א שריפה, האט זיי באדינט. דער אייגנטימער פון „סאלון", א ריז מיט א פלאטשיקער נאז, קליינע אייגעלעך אין א שמאלן שטערן, האט אויך געטרונקען מיט זיי פאר א „ווייסער" אמעריקע...

אויף אזא שטייגער האבן זיך געדרייט סטיווס טעג און יארן. ביז איינמאל, האט ער זיך אויס נייגעריקייט אפגעשטעלט ביי א גאסן־פאר־זאמלונג — און פון דעמאלט אן איז געשען עפעס אזעלכעס וואס האט אויסגעקוקט ווי א פינצטערער חלום. געזעדט האט אן עלטערע גרויע־לעכע פרוי מיט אן אמעריקאנישן אקצענט. איר קול איז געווען אנ־גענעם און בארואיקנדיק. אירע בלויע אויגן האבן געהאט אין זיך א סך ווייכקייט און האבן ווי געדולדיק געוויטאקט פון עפעס א גרויס אומרעכט. די פרוי האט אין סטיוו אויגן אויסגעקוקט ווי א לערערין אדער שרייבערין, צי גאר א „סקול־פרינסיפאל", זאל זיך אזא אננעמען פאר אינעם, וואס מען האלט פארשפארט אין טורמע?... און זיכער ניט דער־פאר, וואס ער איז א גוטער קריסט און לייענט די „ביבל". אויב אזוי איז זי דאך איינע פון יענע... זיין איינדרוק איז שטענדיק געווען, אז די וואס שטעלן צונויף דעם „פינפטן קאלום", זיינען פרעמד־געבוירענע, ווילד־דערצויגענע, שרייען, געוואלדעווען. די אבער איז אזא אידעלע, אן אמע־ריקאניש־אריסטאקראטישע, וואס יעדער וואלט געווען שטאלץ זי צו האבן פאר א מאמען און מיט וואס פאר א לייבלעכער רואיקייט זי נעמט זיך אן פאר א שונא פון לאנד!... אירע רייד האבן אים צעמישט און אויפגע־צארנט, זיין בלוט האט אויפגעקאכט, א בלויער אדער אין אנגעשוואלן געווארן אויף זיין האלדז, און ער האט זיך אנגעהויבן איבעררופן מיט איר. זי האט אים אויסגעהערט און געדולדיק געענטפערט, ווי א קלוגע מאמע, וואס פרואווט איינעמען א צעווילדעוועט קינד. דאס האט אים נאך מער פארדראסן. ווען ער האט דא זיינע פריינט, אהא!... און זי שמייכלט אים מיט גוטע רייד...

ווען די פארזאמלונג האט זיך געענדיקט, זיינען נאך געבליבן מענטשן, וואס האבן דיסקוטירט. אין איין רעדל איז געשטאנען די רעדנערין און אלץ געפוראווט בארואיקן דעם צעהיצטן סטיוון. און ווען ער האט אויס־געשריגן צו איר: „געוויס, מיר האבן א קאנסטיטוציע מיט א פינפטן אמענדמענט!", און געוואלט פארענדיקן „נאר ניט פאר שונאים פון לאנד", איז אים דאס לשון אפגענומען געווארן, ווייל גראד אין דעם מאמענט איז דורכגעגאנגען דער פרעזידענט פון דער באנק, וואו ער ארבעט. סטיוו איז געווארן בלאס און דער פרעזידענט — רויט. זיין קארק האט זיך אנגעגאסן מיט בלוט, און ער איז שנעל אוועק מיט בייזע דראענדיקע טריט. סטיוון איז די צונג געלעמט געווארן אין מויל. דער פרעזידענט קען מיינען, אז ער אגיטירט אויף גאסן־פארזאמלונגען פארן „פינפטן

אַמענדמענט"... איז ער אַנטלאָפן ווי אַן אָפּגעבריטער, ניט געהערט דעם אויספיר, וואָס וואָלט אַלץ אויפגעקלערט און אַלץ דערפאַר וואָס די לעצטע ווערטער זיינען אים אָפּגעשטאַרבן פון שרעק אויף דער צונג ווען ער האָט דערזען דעם פרעזידענט פון דער באַנק — וואָס וועט איצטער זיין?...

אַ מענטש, וואָס האָט אַ בכבודיקע פּאָזיציע אין אַ באַנק, זאָל רייצן אויף גאַסן־פאַרזאַמלונגען!... פאַרוואָס האָט ער אַ גרויס מויל און קריכט וואו מען דאַרף ניט?

ער קאָן דאָך זיך אַזוי־אַרום אויפן פייער ברענגען! וואָס עס טוט זיך איצט אָפּ, וואָס ער לייענט זיך אַלץ אָן — מען ברענט דאָך אַזעלכע...

דערזען, אַז ער איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן און שטייט מיט צע־שראָקענע אויגן, האָט אים די רעדנערין געפּעגט:

„וואָס איז מיט אייך, איר פילט ניט גוט?"

„דער פּרעזידענט פון דער באַנק, וואו איך אַרבעט, איז דאָ נאָר וואָס פאַרבייגעגאַנגען".

„איז וואָס?"

„וואָס מיינט איר, איז וואָס? ער האָט געהערט, אַז איך אַגיטיר!"

„איר זיינט דאָך אַרויס קעגן אונדז".

„האָט ער דאָך ניט געוואַרט ביז כ'וועל פאַרענדיקן דעם געדאַנק, און איז אַנטלאָפן".

„ס'קען גאָר מעגלעך זיין, אַז עס ווייזט זיך אייך אויס, אַז ער האָט געהערט. און אַז געהערט, איז וואָס? איר האָט ניט קיין רעכט אויסצו־דריקן אַ מיינונג?"

„אַזאַ מיינונג? וואָס רעדט איר, היינטיקע צייטן? דאָס איז דאָך, דאָס איז..." האָט ער צעשראָקן עפּעס געשטאַמלט, און מיט ציטערדיקע הענט פאַררויבערט אַ פּאַפּיראָס.

די רעדנערין האָט מיט מיטלייד געקוקט אויף אים.

אין סטיווס קאָפּ האָבן זיך גענומען דרייען פאַרשיידענע ווילדע גע־דאַנקען, ס'איז אים באַפאַלן אַ שרעק: ער מוז שוין עפּעס טאָן, ער מוז זיך רייגוואַשן. ער וועט אַריינגיין צום פּרעזידענט און אים אַלץ אויפ־קלערן...

„דו, סטיוו, וועסט אים אויפקלערן?" האָט אַ בייזער געדאַנק חוזק געמאַכט פון אים, „ווער ביסטו דאָס, צו פירן אַ פּאָליטישן שמועס מיט אַזאַ גרויסן מאַן?" ער מוז אָבער, ער מוז זיך רייגוואַשן...

צומאָרגנס האָט ער עטלעכע מאָל געפּרוּווט אַנקלאַפּן אין פּרעזי־

דענטס טיר, נאָר די האַנט איז אים געוואָרן געלעמט. ס׳האָט אים אויס־געפעלט כוח דורכצופירן דעם באַשלוס, ער האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם געהערט ווי זיין האַרץ קלאַפּט. אונטער דער טיר פונעם געניאַלן פינאַנסיר, קעגן דעם מיליאָנער, האָט ער זיך דערפילט קליין און נישטיק — אַ וואָרעם, וואָס קריכט רעדן פּאָליטיק מיט אַ ריז. יענער האָט מיליאָנען דאָלאַר „ביזנעס״ אויף זיין קאָפּ, קומט ער פּלוצים אַריין מיט אַ „פינפטן אַמענדמענט״... דער פּרעזידענט וועט מיינען, אַז ער איז פון זינען אַראָפּ און אים אַוועקשיקן אין אַ משוגעים־הויז.

איינמאָל האָט ער מיטגענומען זיין פּלאַטשיק פלשעל בראַנפן אין דער בוזים־קעשענע אַ זופּ צו טאָן פאַר קוראַזש איידער ער וועט אַריין צו „אים״ אויפקלערן זיין אומשולד, און אַז ער האָט שוין געוואָלט אָנקלאַפּן אין דער טיר, איז אים פּלוצים איינגעפאַלן: אפשר איז די רעדנערין גע־רעכט? ס׳קען דאָך זיין, אַז דער פּרעזידענט האָט אים אפילו ניט באַ־מערקט און ווייסט פון קיין זאַך ניט, וועט ער קומען און זיך אַליין אַרויס־געבן... דאָס איז דאָך נאַריש, האָט ער קלוג געשמייכלט, און מיט שטילע טריט אַוועקגעגנבעט זיך פון דער טיר צוריק צו זיין דעסק. נאָר די זאָרג איז שוין ניט אָפּגעטראָטן פון אים. דער פּרעזידענט איז פאַרבייגעגאַנגען זיין ווינקל און געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף אים. דער קאַרק האָט זיך אים ווידער אָנגעגאָסן מיט בלוט...

סטיוו האָט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט צום עסן, האָט אָנגעהויבן זיצן מיטן לעפל ביים מויל און טראַכטן... די אויערן אָנגעשפּיצט צום טע־לעפאָן, צום טיר־גלעקל. ער האָט זיך אָנגעלייענט אַ סך אין די צייטונגען וועגן אַזעלכע זאַכן: מען קומט און מען נעמט אַרויס מענטשן פון הויז, וואָס עמיצער ווייזט אָן אויף זיי... אין אַזאַ פאַל איז דאָך שוין קיינער ניט זיכער...

ס׳וויב, לינדאַ, האָט געקוקט אויף אים פאַרזאָרגט, מיט פאַרדאַכט:

„סטיוו, דו באַהאַלטסט עפּעס פון מיר. איך דערקען דאָס אין דיינע אויגן. דו שרייסט פון שלאָף!״

„איך שריי פון שלאָף?״

„יאָ, דו שרייסט, דו רעוועסט! עפּעס ליגט אויף דיין געוויסן... זאָג מיר, וואָס האָסטו אָפּגעטאָן?״

„אָפּגעטאָן? לינדאַ, דו מאַכסט מיך לאַכן״...

„סטיוו, מיך קענסטו ניט נאַרן. זאָג מיר דעם אמת, וואָס איז געשען?״

„גאָרניט איז געשען. כ׳בין מיד, די באַנק מאַטערט מיך אויס, זיך

פאַרשפּאַרט צוואַנציק יאָר אין אַ ווינקל מיט ציפערן, ציפערן, ציפערן... דער מוח שפּאַלט זיך!"

„סטיוו, עפּעס שטיקט דיך, שפּיי עס אויס!"

„ווערסט אויפהערן יאָדען, צו ניין?"

זי הערט ניט אויף און ער לויפט אַרויס פון הויז.

צו זיינע צוויי זין, סקול־יינגלעך, איז סטיוו געוואָרן שטרענג. פאַר דער מינדעסטער קליינקייט באַשטראָפט ער זיי. אַ סך מאָל פאַלט ער צו צום עלטערן מיט קולאַקעס, אַז לינדאַ רייסט אים קוים אַרויס פון זיינע הענט.

ער האָט אָפטער זיך געקריגט מיטן ווייב, פאַרגעוואָרפן איר, אַז זי פאַרשפּילט דעם קאָפּ אין קאָרטן, און אַז פרויען וואָס פאַרשפּילן דעם מאַנס „פּעי" קענען דערפירט ווערן, דער טייוול ווייסט צו וואָס... נאָר לינדאַ האָט זיינע רייד אויפגענומען מיט שפּאָט און גריל־צנדיק געלאַכט... זי האָט געוואוסט איר כוח: אירע נאַטירלעך־בלאָנדע האָר, די בלויע אויגן, איר פולע פיגור פון אַ גראַנד דאַמע צעשמעלצן אים, מאַכן אים שוואַך און אונטערטעניק.

סטיוו לויפט אַרויס פון הויז, און אַז ער ווערט מיד אַרומצושפּאַנען איבער די גאַסן, כאַפּט ער זיך אַריין צו פיטן אין סאַלון, טרינקט מיט פריינט און קלאָגט, וואָס די וועלט איז געוואָרן ניט־זיכער, ס'לויערן געפאַרן פון אַלע זייטן. אין לאַנד זיינען פאַראַן אַ סך שונאים, און ער האַלט אין איין פאַרזיכערן זיינע פריינט ווי געטריי ער איז דער מלוכה...

נאָר ס'האָט גאָרניט געהאָלפן. זיינע פריינט האָבן אָנגעהויבן קוקן מיט פאַרדאַכט אויף אים, טייל פון זיי האָבן אָפּגעדרייט די קעפּ...

זונטאָג שטייען עטלעכע באַקאַנטע אין פראַנט פון דער „טשוירטש" און רעדן צווישן זיך. אַז ער קומט צו, ווערט שטיל...

גייען פאַרביי עטלעכע נעגערס.

„זיי קריכן... מען דאַרף זיי אויסקעמען...", וויל זיך סטיוו אויסשיינען פאַר זיינע פריינט.

„ווען מען וואָלט עס געמיינט מיט אַן אמת, וואָלט מען זיי שוין „אויסגעקעמט", זאָגט איינער, וואָס האַלט דעם ציגאַר אין ווינקל פון מויל, און קייט אים מיט אַ מיין...

„דו מיינסט דאָך ניט מיך", פאַלט אין סטיוון איין ס'האַרץ.

„מען רעדט ניט פון דיר... אין אַלגעמיין ווייסט מען ניט היינטיקע צייטן ווער איז ווער"...

אין האַרבסטיקע נעכט קערט דער ווינט וועלטן, צעלאָזט זיך מיט

זיין גאַנצער קאַפּעליע, און סטיוו קען ניט איינשלאָפן... וואַרפט זיך שעהן פון איין זייט אויף דער אַנדערער, און אַז ער שלאָפט שוין איין, חלומט זיך אים: מען שפּירט אים נאָך, מען זוכט אים, מען יאָגט אים. מען כאַפּט אים, מען פאַרשפּאַרט אים אין אַ פינצטערן קאַמער. מען פירט אים צו אַ פאַרהער: אַ מאַן, וואָס ער האָט אים קיינמאָל ניט געזען, טייטלט אויף אים מיטן פינגער: „דאָס איז ער! איך בין געווען מיט אים אויף אַ געהיימער פאַרזאַמלונג, וואו ער האָט פאָרגעשלאָגן אויפצורייסן מיט אַ באָמבע ס׳ווייסע הויז!“... און יענער האָט געשוואוירן, אַז ער זאָגט דעם אמת, דעם ריינעם אמת, אַזוי זאָל אים גאָט העלפן“...

אַן אַנדער נאַכט האָט זיך אים געחלומט: ער זיצט אין טויטן־הויז, די טיר עפנט זיך, מען שלעפּט אים צום „עלעקטריק־טשער“... ער וואַרפט זיך, צאַפּלט זיך, און שרייט מיט די לעצטע כוחות, אַז ער איז אומשולדיק... לינדאַ שטייט פאַר אים אין דער פינצטער, אין ווייסן נאַכט־העמד, ווי אַ גייסט, וואָס איז אים שוין אַנטקעגנגעקומען אויף יע־נער וועלט און טרייסלט אים:

„משוגענער, וואָס רעוועסטו?“

גיי דערצייל איר אין וואָס פאַר אַן אומגליק אַ מענטש קען אומשול־דיקערהייט אַריינגעשלעפּט ווערן, טראַכט ער ווען ער קומט צו זיך.

מען קען אים נאָך אָפּזאָגן פון דער באַנק, ער קען פאַרלירן ס׳הויז, דעם אויטאָמאָביל, דאָס ווייב...

ער האָט געלייענט וועגן אַ האָליוואודער אַקטריסע: ווען ס׳איז געפאַלן אַ חשד אויף איר, אַז זי איז קעגן דער רעגירונג, האָט זי איינגענומען אַ גרויסע דאָזע שלאָף־פילן און אַנשלאָפן געוואָרן אויף אייביק... אַ טויט־שרעק באַפאַלט אים. ניין, ער טאָר זיך דאָס ניט אַריינהאַקן אין קאָפּ אַריין... ניט דאָס!... ער מוז אָבער מאַכן אַ סוף צו זיינע ליידן, ער מוז זיך רייניוואַשן. כאַפּט אים אָבער ניט קיין מוט אַנצוקלאַפּן אין גרויסן מאַנס טיר. פאַלט אים איין: ער וועט אים אָפּוואַרטן אין גאַס. איז ער געשטאַנען שעהן און געוואַרט, און געוואַרט, ביז איינמאָל — ער קומט! רויכערט געמיטלעך זיין ציגאַר מיט אַ מילדן צופרידענעם שמייכל אויפן ראָזעווען פנים. איצט איז די צייט, ער איז אין אַ גוטער שטימונג.

„אַנטשולדיקט פאַר באַלעסטיקן... כ׳האָב געוואָלט בעטן, סער, אייער אויפמערקזאַמקייט“...

„יאָ?“, נעמט דער פרעזידענט אַרויס דעם ציגאַר פון מויל.

„כ׳האָב איך געוואָלט זאָגן... פרעגן... פרעגן ווי שפּעט ס׳איז“...

נאָר יענעם פרימאָרגן האָט סטיוו באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף צו זיינע מאַטערנישן. ער האָט געטאָן שוין גאָר אַ טיפן זופּ פון פלאַטשיקן פלעשל, און איז האַסטיק אַריין צום פּרעזידענט, ווי מען שפּרינגט אַריין אין קאַלטן וואַסער. אַ ווייל איז ער געשטאַנען צעטומלט און דערשראָקן, ענדלעך האָט ער געפּרוּווט באַוועגן מיט דער צונג, נאָר זי האָט אים ניט געדינט. האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן מיטן האַלדז... עפּעס אומפאַרשטענדלעך געבראָמט, געוואָרטשעט, די הענט זיינען אים שלאַבעריק אַראָפּגעהאַנגען, ווי ביי אַ הונט וואָס שטייט אויף די אונטערשטע פיס...

דער פּרעזידענט האָט געקוקט אויף אים מיט שרעק און פאַרוואונדערונג...

סטיוו האָט אָנגעהלשט...

ניטאָ קיין צימערן

די זון האָט בלענדיק געלויכטן אויף דער באַשטראַלטער „האַיוועי״, וואָס האָט זיך געצויגן ווי אַ לאַנגער זילבערנער טעפּיך צווישן וועלדער און פעלדער. דער וועג איז געווען געפּאַקט מיט מאַשינען, וואָס האָבן זיך געיאָגט מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז דאָס אויג האָט קוים געקאָנט דערכאַפּן. צונויפקומענדיק זיך אין דער צענטער ליניע, וואו די אויטאָמאָבילן פון ביידע זייטן לויפן זיך אַנטקעגן, האָבן זיי זיך ציטנוויז שיעור אָנגערירט, און אַרויסגעלאָזט אַ ווינטיק־אָפּגעהאַקטן „זום״!

סעם גאָלדשטיין האָט געיאָגט זיין נייעם „מאַנטקלעיר״ זיבעציק, אַכציק מייל אַ שעה.

זיין ווייב, ראָזע, האָט אים מיט שרעק געוואָרנט:

„סעם, ווילסט געהרגעט ווערן? גייסט דאָך שוין באַלד אַכציק מייל אַ שעה! וואָס איז דער ‚מער׳ מיט דיר, פּירסט מיך אויף ‚וואַקעישאַן׳, צי אויף יענער וועלט אַרויס?!״

„וואָס קען איך טאָן, אַז די מאַשינען הינטער מיר יאָגן מיך? כ׳מוז לויפן מיט זייער ‚ספּיד׳, אַניט וועלן זיי אַריינפאָרן אין מיר, כ׳קען זיך ניט העלפן...״

„פּרוביר. זיי וועלן אויך מוזן ‚אָפּסלאָען׳.״

סעם האָט פּיינט זיך אויסצוטענהן מיט זיין ווייב אין דער מאַשין. האָט ער גענומען די נשמה אין דער האַנט אַריין און אָנגעהויבן פאָרן לאַנגזאַמער.

אַ מאַשין האָט בליץ־שנעל זיך געטאָן אַ קרימלעכן שנייד אַריין און אים אַריבערגעיאָגט, אָבער אַזוי שאַרף און נאָענט, אַז זיי האָבן זיך שיעור ניט אָנגעקלאַפּט.

אסתר איז געוואָרן אויסער זיך:

„אַזאַ אויסוואורף! האָסט געזען, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן?! ער האָט דאָך געקאָנט מאַכן דעם גרעסטן ‚עקסידענט׳! ער מוז זיין שיכור, צי דער טייוול ווייסט אים וואָס. ס׳דאַרף זיין אַ ‚לאָ׳, אַז אַזעלכע משוגעים זאָלן ניט טרייבן קיין מאַשינען!״

זי האָט זיך גאָרניט געקאָנט בארואיקן, ס׳האַרץ האָט איר געקלאַפּט — זי האָט נאָר וואָס געזען דעם טויט פאַר די אויגן.

„אוודאי איז ער משוגע געווארן", האט סעם גאָלדשטיין מסכים גע־ווען מיטן ווייב און זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז דער זעלבער נעגער, וואָס איז פריער אַזוי „געקראָכן" אין פראָנט פון אים, אַז ער האָט פאַרשטאָפּט דעם „טרעפיק" און אים ניט געלאָזט פאָרן. איז ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג ווי איבערצונעמען פון דער רעכטער זייט, וואָס דאָס איז קעגן געזעץ. די לינקע זייט איז אָבער געווען געפּאַקט און ער האָט שוין פאַר־לוירן דעם געדולד... האָט ער גענומען אַ „טשאַנס" און אים אויך שיעור ניט אָנגערירט... דער נעגער, וואָס די פּרוי האָט זיך צו אים געטוליעט, האָט געקוקט אויף אים מיט אַ פאַרקרומט מויל און צעשראָקענע אויגן...

„הערסט, סעם, איך קאָן שווערן, אַז דאָס איז דער זעלבער נעגער, וואָס האָט פריער פאַרבלאָקירט דעם וועג און דיך ניט געלאָזט פאָרן".

„יאָ, דאָס איז ער".

„מייד אים אויס, ער וועט נאָך היינט מאַכן אַן ,עקסידענט'. ער יאָגט זיך צום טויט, און וויל נאָך אַנדערע מיטשלעפּן".

„טויזנט אויגן דאַרף מען האָבן צו זיי", האָט זיך סעם באַקלאָגט.

„אַבי מיר זיינען פון אים שוין פּטור געוואָרן, איך זע אים ניט מער", האָט זיך ראָזע אָנגעהויבן באַרויקן.

סעם גאָלדשטיין איז געווען אַביסל בלאַס פון דעם „עקסידענט", וואָס האָט שיעור ניט געטראָפן, האָט ער אײַנמיטן פאָרן פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און דערווייל געקירעוועט דאָס רעדל מיט די עלנבויגנס"...

זייער מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן האָטעל „טעלער", וואָס איז אַ זומער־רעזאָרט. ווען זיי זיינען אַרויס פון דער מאַשין, האָבן זיי געזען דאָס נעגערשע פּאָר־פאָלק אַריינגיין אַהין.

„ער איז שוין ווידער דאָ!"

„ווער?"

„דערקענסט אים ניט? דאָס איז דאָך דער זעלבער נעגער, וואָס איז שיעור ניט אַריינגעפאָרן אין אונדזער מאַשין. אַבי איך האָב געמיינט, אַז מיר האָבן אים פאַרלוירן".

„ווי קומט ער אַהער?"...

„פרעג אים"...

סעם האָט זיך אויסגעגלייכט, אויסגעצויגן זיך נאָך אַזוי פיל שעה'ן פאָרן און פאַררויכערט אַ ציגאַר. „עפּעס אַ צוטשעפּעניש", האָט ער געטראַכט. „טרייבט די זעלבע מאַשין, וואָס מיינע און מוז דווקא איינ־שטיין מיט מיר אין זעלבן האָטעל. פאַרוואָס גייט ער ניט צו זייניקע?

ס'איז צום לאַכן", האָט ער געפּרוּווט פאַרציִען אַ שמייכל אויף זיין ארמעטיקן פלאַכן פּנים, וואָס די קליינע וואָצעלעך האָבן זיך דאָרט פאַרלוירן און דער גוידער האָט עס געמאַכט לענגער. דער גלאַנציקער פּליך זיינער האָט טאַקע געלאַכט...

ווען סעם מיט ראָזען זיינען צוגעקומען צום דעסק, וואו דער קלוירק פון האָטעל איז געשטאַנען, זיך נאָכפרעגן אויף אַ צימער, איז דאָס נעגערשע פאָר־פאָלק געווען אין פראָנט פון זיי... עפּעס האָבן זיי זיך לאַנג צוזאַמענגערעדט, אַזוי לאַנג, אַז סעם און ראָזע האָבן זיך דערוויילאַוועקגעזעצט.

דעם קלוירקס פּנים איז געווען האַרט, די אויגן שפּיציק. דער הויכער מאַסיווער נעגער האָט אַראָפּגעקוקט צו אים, און אים פאַרמאַטערט מיט זיין רואיקער מעטאַלענער שטימע. צום סוף זיינען זיי אַוועק אויפגערעגטע פון „דעסק" און אַרומגעקוקט זיך אין דער „לאָבי", ווי זיי וואָלטן געזוכט הילף ביי עמיצן...

אויף זייער אָרט איז צוגעקומען אַ ווייס פאָר־פאָלק און געקראָגן צימערן אויף אויסצוקלייבן. דער קלוירק איז פאַר זיי שוין געשטאַנען אַ ליבער, אַ זייער פריינטלעכער, ווי ער וואָלט געווען פּשוט גליקלעך, וואָס ער קאָן באַדינען און העלפן מענטשן...

דעם נעגערס בליק איז געפאַלן אויף די גאָלדשטיינס...

„אַנטשולדיקט, איר זיינט מיר קענטלעך... ערגעץ האָב איך אייך געזען, איך האָב אַ סך יידישע פריינט...". טראָפּנס שווייס האָבן געפינקלט אויף זיין שטערן. „ס'איז דאָ באַגאַנגען געוואָרן אַן אומגערעכטיקייט, מען האָט אונדז באַליידיקט, אָפּגעזאָגט צו פאַרדינגען אַ צימער מיט אַ ליגנערישן אויסרייד... איר האָט דאָך דאָס אַליין צוגעזען. איך וויל אָנקלאָגן דעם האָטעל, וויל איך באַשטיי אויף מיינע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט... וואָלט איר, ,סער', געוואָלט זיין אַן עדות?"

„איך?"

„יאָ, איר האָט געזען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען".

„עס זיינען נאָך מענטשן פאַראַן אין דער ,לאָבי', וואָס קאָנען זיין עדות".

„איר זייט געווען דערביי".

סעם איז געוואָרן אין כּעס: אַ חוצפּה דאָס איז, ער זאָל זיך שלעפּן אין „קאָורט" פאַר אים! אַז ווי קומט ער גאָר צו זיין פאַרמישט מיט נעגערס?

„איך קאָן דאָס ניט טאָן, איך בין אַ פּאַרנומענער מענטש", האָט ער זיך אויסגעדרייט פון אים און מיט ראָזען צוגעגאַנגען צום „דעסק", וואו דער „קלוירק" איז געשטאַנען.

דאָס נעגערשע פּאָר־פּאָלק האָט נאָך ניט געוואָלט פאַרלאָזן די „לאָבי". זיי האָבן פּרובירט בעטן אַנדערע צו זיין עדות, נאָר אַלע האָבן זיך אָפּ־געזאָגט: זיי האָבן ניט געזען און ניט געהערט...

„וואָס האָט ער געוואָלט פון דיר?"

„ווער?"

„דער נעגער. פאַרוואָס וויל ער זיך ניט אָפּטשעפּען פון אונדז?"

„ער וויל אָנקלאָגן דעם האָטעל, ווייל מען האָט אים ניט געוואָלט פאַרדינגען קיין צימער און איך זאָל זיין אַן עדות".

„זאָל ער זיך זיין קאָפּ פאַרדרייען. מיר האָבן גענוג אייגענע צרות. הער נאָר אַ חוצפה פון אַ ,ניגער'! גיי זיי אים אַן עדות... ווער הייסט אים קריכן אין אַזעלכע פּלעצער? זאָל ער גיין צו זיינע..."

סעם גאָלדשטיין האָט זיך דערפילט געהויבן, וואָס ער איז אַ „ווייַ־סער" און באַלאַנגט צום העכערן סאָרט מענטשן... האָט ער פאַררויכערט אַ ציגאַר, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געבלאָזן דעם רויך אַרויף... פּלוצים האָט ער דערהערט דעם קלוירקס טרוקענע האַרטע שטימע:

„ניטאָ מער קיין צימערן!"

סעמען האָט געטאָן אַ קלאַפּ אין האַרצן... ער האָט געקוקט צע־שראָקן און פאַרדעכטיק אויפן קלוירק:

„איך האָב געהערט ווי איר האָט נאָר וואָס געזאָגט צו די מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אין פראָנט פון מיר, אַז איר האָט צימערן פאַר פאַרשידענע פרייזן. איך קאָן צאָלן יעדן פּרייז..."

„ניטאָ מער קיין צימערן", האָט דער קלוירק פאַרהאַקט דאָס מויל.

סעם האָט דערפילט ווי מען וואָלט אים דערלאַנגט מיט אַן אייזן צווישן די אויגן. שוואַרצע קרייזן האָבן זיך געדרייט פאַר אים, ער האָט מורא געהאַט אָנצוטרעפן די בליקן פון נעגערשן פּאָר־פּאָלק, וואָס האָבן נאָך אַלץ געזוכט עמיצן, וואָס זאָל זאָגן עדות פאַר זיי.

„אַ בייזער, אַ פינצטערער חלום אויף זיין קאָפּ! נו, ווי געפעלט דיר אַזאַ אַנטיסעמיט? היטלער!", האָט זיך ראָזע געקאָכט. „סעם, גיב דאָס איבער צו אונדזער לאָיער, זאָל ער זיי שלעפּן אין ,קאָורט'. הער נאָר אַ מעשה, מען לאָזט אונדז שוין אויך ניט אַריין, ווי מיר וואָלטן געוועזן ,באָמס' פון דער גאַס, צי כ'ווייס וואָס", האָבן אירע אויגן געשאָסן פונקען,

„קלאָג זיי אָן״, האָט זי שוין געשריגן צו אים. „זיי ניט קיין לעמעשקע... לאָז דיר ניט שפּייען אין פּנים, אַ קרענק וואָלט איך זיי דאָס פאַרשוויגן״.

„אַז מען קלאָגט אָן דאַרף מען האָבן עדות״.

„וויפיל עדות זיינען דאָ פאַראַן?״

„לאָמיר זען, קריג עמיצן...״

„דו האָסט ניט קיין מויל, קענסט ניט רעדן צו מענטשן?!״

„דער ‚ניגער׳ האָט גערעדט, האָט עס אים געהאָלפן?״

„גלייכסטו זיך צום שוואַרצן? אוי, מאַמע, איז דאָס אַ שטיק פערד!״

מענטשן האָבן זיך אומגעקוקט אויף זיי.

„שוין, האָסט שוין צעעפנט דיין ווערעמדיק מויל?״, האָט סעם פאַרשנעלערט זיינע טריט און ראָזע איז אים נאָכגעלאָפן...

אינדרויסן אַרום דעם האָטעל, וואָס איז געווען ווייט אָפּגערוקט פון דער „האַיווער״, האָבן געסט געדרוט אין באַקוועמע שטולן, געגרויכערט און געמיטלעך געשמועסט. אין געשווירענעם גראָז האָבן טויבן פלאַטערנדיק אונטערגעטאַנצט, פאַרזיכטיק זיך דערנעענטערט צו די געסט, וואָס טייל פון זיי האָבן אויסגעשטרעקט אַ האַנט מיט שפּייז, מורא געהאַט קומען צו נאָענט צו די לאַנגע „באַטשאַנעס״ און פעטע „רויב־פויגל״, וואָס אַ רויך מיט פייער גייט פון זייערע מיילער... די געוואַגטע טויבן האָבן אַ פּיק געטאָן, דערמוטיקנדיק די אַנדערע, וואָס האָבן דערביי געפאָכעט מיט די פליגל, גרייט אַוועקצופליען. די לופט איז געווען טרוקן, אָנגעגליט, געלויכטן ווי זילבערנער שטויב און טויבן פון פאַרשידענע קאָלירן האָבן פאַרליבט געוואָרקעט צווישן זיך...

ווי לאַנג די אויגן זיינען אָפן

ס'איז געווען אַ שיינער זומער־טאָג, ווען איזי איז אַהיים געפאָרן פון זיין ווייבס לוויה. שטראָמען מענטשן האָבן פריילעך שפּאַצירט אין די גאַסן. קינדער האָבן געטראָגן קאָלירטע באַלונען, וואָס האָבן זיך געריסן צום הימל. יונגע פּאָרלעך האָבן אונטערגעטאַנצט אין גאַנג, געלאַכט און געשטיפט. די זון האָט העל געלויכטן. נאָר פאַר אים איז די וועלט געווען פינצטער. ער איז געזעסן אַ געבויגענער פון צער און ווייטאָק אין זיין אידעמס אַלטן אויטאָמאָביל, וואָס האָט טרויעריק צוגעקרעכצט אויף זיין גרויסן אומגליק.

ביידע אויסגעגעבענע טעכטער האָבן געהאַלטן די הענט אין זיינע אָרעמס, און אים פאַרזיכערט מיט אַ שטומען דרוק, אַז ער איז ניט געבליבן אַליין אויף דער וועלט: די קינדער וועלן אים ניט לאָזן פאַלן. ביידע האָבן פאַרשטיקט געוויינט, געוויגט די קעפּ, זיך צוגעשאָקלט, ווי זיי וואָלטן ערשט איצט באַשטעטיקט, אַז דאָס אומגליק האָט טאַקע געטראָפן: ניטאָ מער די געטרייע מאַמע, וואָס האָט אָפט פאַרנאַכלעסיקט איר אייגן הויז און געהאָלפן זיי מיט די קליינע קינדער. ניט איינמאָל האָט זי זייער געפּעס צעוואַשן, געריייניקט ס'הויז, ווען זיי זיינען געווען קראַנק. זי וועט זיי אויספעלן, ווי אַן אייגענע האַנט. איצט בלייבט זיי איבער איין זאַך: האַלטן טייער דעם טאַטן, טרייסטן אים, פאַרזיסן די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

פלוצים האָט איזי אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט אין אַ בייעם אויסברוך:

„אוי, גיטל, גיטל! פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט אויף די עלטערע יאָרן? פאַרוואָס בין איך פריער ניט געשטאָרבן?!“

ס'איז אָנגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל מיט אַ נאָר־וואָס חתונה־געהאַטן פּאָרל. דער אויטאָמאָביל איז געווען פאַרוויקלט אין פאַפּירענע קאָלירטע סטענגעס, ווי אין אַ פאַרביקער נעץ... הינטער אים האָט זיך געצויגן אַ קייט פון אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער חתונה־פּראָצעסיע. אַלע צוזאַמען האָבן געבלאָזט די טרובעס מיט פאַרשיידענע טענער: הויכע, שטילע, אָפּגעהאַקטע, אויסגעצויגענע — אַ קאַצניאַמער. פאַרבייגייער

האָבן געלאַכט, קלוג געשמייכלט. אייניקע האָבן הויך אַפּלאָדירט.

איזי האָט זיך צוגעהאַלטן די אויערן, ניט צו הערן דעם פריילעכן גערויש. ערשט איצט זעט ער איין, וואָס ער האָט אָנגעוואוירן. ביים לעבן האָט ער זי ניט געוואוסט ווי אָפּצוהיטן. זי האָט זעלטנס געהערט פון אים אַ גוט וואָרט. פאַרקערט, ער האָט זיך גאָר אַרומגעקריגט מיט איר. פאַרצאַפּט איר דאָס בלוט. און וואָס האָט ער געהאַט צו איר, דער גזלן? ס׳האָט דאָך שוין עטלעכע מאָל געהאַלטן דערביי, זיי זאָלן זיך גטן... פאַרוואָס איז איר דאָס געקומען?!... פאַרוואָס? ווייל ער איז אַ ביטערער מענטש, ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט אים! איין טרייסט האָט ער: פון יעדן קריג איז זי אַרויס די זיגערין... ווען ס׳איז געקומען צו אַן „אַרגומענט", האָט זי געהאַט אַ פלינקע צונג, און זי פלעגט אים באַשיטן מיט אַ האָגל פון רייד. ער האָט קיינמאָל ניט געקאָט קומען צום וואָרט, אָבער אַזוי איז זי דאָך געווען אַ זעלטענע באַלעבאָסטע: איר קאָכן, איר באַקן! די היימלעכקייט מיט איר אין הויז! און זי איז דאָך געווען אַ צוכט: ס׳האָט געפינקלט אין יעדן ווינקעלע. אירס אַ לעפל געקעכץ האָט געהאַט טויזנט טעמען. און אים האָט זי אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ.

„אוי, גיטל, גיטל", — האָט ער זיך פון אויפסניי צעוויינט. די טעכטער האָבן דערביי צעוויגט די קעפּ, געבראָכן די הענט. דער איידעם ביים רעדל האָט הילכיק געבלאָזן די נאָז. ער האָט געטריבן דעם אויטאָמאָביל שנעלער, ווי ער האָט כוח געהאַט צו לויפן — געוואָלט וואָס גיכער זיין אינדערהיים, ניט הערן ס׳קלאָגעניש נאָך דער שוויגער, וואָס ער האָט זיך געפילט אַביסל שולדיק קעגן איר... און סתם פיינט געהאַט לוויות.

אַ וואָך צייט איז איזי געווען ביי אַ טאָכטער און מורא געהאַט אַהיימצוגיין אין ליידיקן הויז. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער וועט עפענען די טיר, וועט אים גיטל אַקעגן קומען... ערגעץ באַהאַלטן אין אים האָט זיך נאָך אַלץ ניט געגלויבט, אַז זי איז טאַקע געשטאָרבן.

די צווייטע וואָך האָט ער זיך דערפילט ענג ביי דער טאָכטער אין הויז. דער איידעם האָט ניט געקוקט אין זיין זייט און נערוועז געהוסט. די אייניקלעך האָבן בעסער געוואָלט אַרומלויפן אין גאַס, איידער פאַרברענגען מיטן זיידן. אויף דער טעלעוויזע האָט מען אָנגעשטעלט קולאַקפאַרמעסטן, מאָרד־געשיכטעס, און אים האָט זיך גאָר געוואָלט זען עפּעס אַ „מאָראַלישע" זאַך, וואָס זאָל היילן זיין צעבראָכן האַרץ. שווער צו

וואוינען ביי קינדער: אַלט מיט יונג מישט זיך ניט — האָט ער געטראַכט, און איז מיט אַ ביטער געמיט אַוועק אַהיים.

די ערשטע נאַכט איז ער אומרואיק געשלאָפן. איינמאָל האָט זיך אים אפילו אויסגעוויזן, אַז ס'וויב ליגט ניט אין רואיק אין בעט און האַלט אין איין הוסטן. האָט ער פאַרשלאָפענערהייט מיט פאַרדרוס אַ זאָג געטאָן: „נעם אַ טרונק וואַסער! הער אויף האַקן האַלדז!" און מיט שרעק אַ קוק געטאָן אויפן ליידיקן בעט. ער האָט געמאַכט ליכטיק, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און געקוקט זייטיק אויפן שאָטן פון דער וואַנט, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען. אַז ער האָט אָנגעהויבן שפּרייזן שנעלער, איז אים דער שאָטן נאָכגעלאָפן. ס'האָט זיך אים דערמאָנט, ווי ער מיט גיטלען פלעגן גיין אויף דער גאַס צע־קריגטע: ער — פאָראויס, און זי האָט נאָכגעפאָלגט.

ווען איזי איז געקומען צוריק אין שאָפּ אַריין, האָט ער אויסגעזען ווי איינער, וואָס איז אויפגעשטאַנען פון אַ שווערער קרענק: מיט טונ־קעלע פלעקן אונטער די פאַרוויינטע אויגן. דאָס פּנים — בלאַס, ביי־נערדיק. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי איינער, וואָס איז צוריק־געקומען פון יענער וועלט. איזי איז געווען אַ פרעסער ביי מענער־קליי־דער. אַ דאַרער, נאָר אַ רירעוודיקער, האָט ער איבערגעיאָגט פעטע פרע־סערס מיט אויפגעבלאָזענע בייכער, וואָס האָבן געפּרייכט און געשוויצט ביי דער אַרבעט. כדי צו פאַרטויבן זיך, האָט ער איצט נאָך פיבערדיקער, נאָך שנעלער געפּיטערט דאָס לאַנגע אויפגעריסענע מויל פון דער פרעס־מאַשין, וואָס האָט אַן אויסגעהונגערטע געשלונגען, געריסן די מאַנטלען פון זיינע הענט.

בייטאָג איז נאָך געווען צו דערליידן. האָט זיך אָבער אָנגערוקט די נאַכט, איז אים באַפאַלן אַ שרעק: ס'האָט זיך אים שטאַרק ניט געוואָלט אַהיים גיין צו די פאַריתומטע פיר ווענט. האָט ער אַלץ אויספאַרקויפט, און זיך אַריינגעצויגן צו יענעם אין אַ צימער. געגעסן אין רעסטאָראַן, באַצאָלט געלד, געקרענקט מיטן מאָגן, און געטרויערט נאָך גיטלען.

אַ שבת פאַרנאַכט איז געקומען צו אים זיין פריינט דזשעק, אויך אַ פרעסער, וואָס אַרבעט מיט אים אין איין שאָפּ.

„העלאָ, איזי!", האָט ער אַריינגעפּראַלט. „זיצסט גאָר אין דער פינצ־טער? ווייסט, אַז עדיסאָן האָט אויסגעטראַכט עלעקטריק? גיסט אַ דריק אַ קנעפּל, און עס ווערט ליכטיק!"

„מיר, איז אין דער ליכטיק אויך פינצטער".

„איזי, ביסט משוגע!"

„קאָן זיין".

„ניט קאָן זיין, נאָר אַזוי איז עס! ווילסט זיך מישלייגן מיט איר אין דער ערד אַריין? אַלראַיט, דאָס איז אַ פרייע מדינה — קיינער וועט דיר ניט שטערן. נאָר אויב דו מיינסט אויף איין מינוט, אַז ווען ס'וואָלט געווען פאַרקערט, וואָלט זי אויך געווען אַזוי משוגע, מאַכסטו אַ גרויסן טעות!"

„דזשעק, כ'וויל ניט זאָלסט אַזוי רעדן וועגן איר!"

„ס'איז דער אמת. הערט אַ משוגענער! ס'איז שוין אפשר אַ יאָר, ווי דאָס ווייב איז טויט, און ער זיצט שבת ביינאַכט אַליין אין דער פינצטער... ווען זי זאָל אויפשטיין פון קבר, וואָלט זי אויך געזאָגט, אַז דו ביסט משוגע.

דזשעק האָט געפונען ס'קנעפּל אויף דער וואַנט, אַ דריק געטאָן און געמאַכט ליכטיק. איזי האָט זיך פאַרשטעלט מיט דער האַנט די אויגן.

„דו ביסט דאָך אַן אַלטער בחור. וואָס ווייסטו, ווי איינער פילט, ווען ער פאַרלירט אַ געטרייע ווייב?"

„איזי, דו ביסט ניט דער איינציקער. ס'וועט זיך אויספּרעסן. און וועגן די געטרייע ווייבער, לאָמיר דיר זאָגן, אַז איך קען אַ פּרויקע, וואָס האָט שוין באַגראָבן אַ סך מענער. ביי די לוויות קערט זי וועלטן: שרייט מיט באַנומענע קולות, האַקט זיך קאָפּ אין וואַנט, האַלט אין איין חלשן, מען מוז איר געבן צו שמעקן טראָפּנס. נאָר איידער מען קוקט זיך אַרום, האָט זי ווידער חתונה. וואָס טויגן מיר דאָרט די מעשיות: ווער ס'שטאַרבט דער ליגט, ווער ס'לעבט דער ,קיקט'."

„דו האָסט ניט געגנוג געקענט מיין פּרוי".

„האָסט געהאַט אַ פיינע פּרוי? גוט. איצט אָבער איז זי ניטאָ, און ווען אַ מענטש, שוין אין דיינע יאָרן, בלייבט אַליין, איז ער אַ פאַרלוירענער. דו מוזט האָבן צו וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן, אַניט וועסטו אַראָפּ פון זינען. ביסט דאָך שוין סיי ווי באַלד האַלב־משוגע: אַ מענטש זיצט אין דער פינצטער! אַ מאַן, וואָס איז צוגעוואוינט צו אַ פאַרהייראַט לעבן, קאָן ניט זיין אַזוי וואַוויליונגעריש ווי איך... דו מוזט האָבן אַ באַלעבאָסטע אין הויז, וואָס זאָל דיר אָפּקאָכן אַ לעפל געקעכץ, פאַרצירעווען אַ זאָק. אַז דו ווערסט קראַנק, זאָלסטו ניט בלייבן, ווי אַן עלנטער הונט. זעסטו, אַ רייכער מאַן, די פּרוי שטאַרבט אַרט אים ניט... ער האָט קעכינס מיט דינסטן, מיט נאַכטן־קלובן, וואָס טרייסטן אים, אָבער אַ קבצן ווי דו מוזט ליגן איינגעלייגט און זיך האַלטן מיט אַ ייִדענע... גיי, קוק

זיך אַליין אַן אין שפּיגל, ווי דו זעסט אויס. אַ שענערן לייגט מען דאָך אין דער ערד אַריין!"

„שוין, האָסט שוין צעלאָזט דיין פּיסק?"...

— —

די פּויק און די טאַץ האָבן פּאַרטויבט דעם פידל מיטן קלאַרנעט אין דער קליינער קאַפּעליע. מיטליאַריקע און עלטערע מענטשן מיט פאַר־שוויצטע פּנימער האָבן געפּראוווט טאַנצן לויטן האַסטיקן דזשעז־ריטם, וואָס איז פאַר זיי געווען שווער נאָכצופאָלגן.

אייניקע האָבן אפילו צוגעטופּעט מיט די פיס און זיך געפּראוווט וואַרפן ווי די יונגנטלעכע. ביי די זייטיקע טישן האָט מען געגעסן „סענד־וויטשעס" און געטרונקען ביר. איזי איז געזעסן אין אַ ווינקל און באַ־טראַכט די טענצער, איינגעהערט זיך צו דער הייסער מוזיק, וואָס האָט גע־רייצט די פיס צום טאַנץ. ער האָט ביטער געשמייכלט: גיטל ליגט אין דער ערד, און ער אַמוזירט זיך! דאָס האָט אים דזשעק גענומען צו דער אונטערנעמונג פון זיין לאַנדסמאַנשאַפט; ער האָט אים פּשוט פון הויז אַרויסגעשלעפּט. דאָס גלאָז ביר, די רייצנדיקע טענער פונעם אָרקעסטער האָבן אים ביסלעכווייז גענומען אויסטשוכען. ס'האָט זיך עפּעס גענומען רירן אין אים, פאַרגליווערטע בלוט־צעלן האָבן זיך אָנגעהויבן אויפוועקן און ווידער פליסן. ער איז געוואָרן אויפגעהייטערט, אויסגעטרונקען נאָך אַ גלאָז ביר און האַסטיק פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

ער האָט דערפילט אַ שטורך אין דער זייט.

„זע נאָר ווי פלינק יענע פּרויקע דאָרטן טאַנצט, ווי זי שטעלט אַ פיסל", האָט אים דזשעק גערעדט אין אויער אַריין. „נאָך גאָר אַ זשוואָווע ווייבל, האַ?!..."

איזי האָט זי נאָך פריער באַמערקט. דער עלטערער מאַן, וואָס האָט מיט איר געטאַנצט, האָט אַלע ווײַלע געעפנט ס'מויל, ווי ס'וואָלט אים אויס־געפעלט לופט. זי האָט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט פלינק צו באַוועגן זיך, געפּראוווט אפילו דרייען מיט די באַקעס, וואָס איז איר ניט לייכט אָנגע־קומען צוליב איר באַלייבטקייט. ס'פּנים — פאַרפלאַמט, די מידע אויגן אויפגעלויכטן ווי אַ פייערל, וואָס צאַנקט־אויף, ווען ס'האַלט זיך ביים פאַרלעשן. אויף דער בלייכער נאָז — גרויסע טראָפּנס שווייס. איזי האָט פאַרמרוזשעט די אויגן: אַ פרוי אין די יאָרן זאָל נאָך זיין אַזוי רירעוודיק! ווי פלינק דאָס דרייט אַ „מיידעלע"! ער האָט האַסטיק גע־רויכערט דעם פּאַפּיראָס...

„אַז דו ווילסט וועל איך דיך באַקענען מיט איר. זי איז אַן אלמנה, נאָך צום האָבן !"

„גיי שוין, גיי ! ווער מיר שוין געהרגעט !"

דזשעק האָט זיי באַקענט. זי האָט געהייסן רייזעלע, אַ וואַרשעווער.

„פריט מיך אײַך צו קענען", האָט זי פאַרצויגן די ליפּן אין אַ זיסן שמייכל, ווי זי וואָלט די ווערטער אויסגעפּייפט, און געווישט דעם שווייס פון שטערן מיט אַ פּייכט טיכל. זי איז קוים אײַנגעשטאַנען אויף די פיס און געזוכט אַן אָרט, וואו זיך צו זעצן.

„אָט זײַנען צוויי לײדיקע שטולן", האָט זיי דזשעק אָנגעוויזן, און ער איז ניט געוואָרן.

„איר קומט טאַקע פון וואַרשע צי פון אַ שטעטל לעבן וואַרשע ?", האָט איזי ביי איר געפּאָרשט.

„באַידע זאָלן מיר אַזוי לעבן, ווי כ'בין אַ געבוירענע אַ וואַרשע־ווערן. אַלע יאָרן געוואוינט אויף געינשע לעבן די נאַלעפּקעס. כ'קאָך נאָך היינט אויך אַמאָל באָבעלעך מיט קליסקעלעך, ווייסן זי, מיט ריישעכץ, צעגייט עס אין מויל".

„הערט־אויף, צערייצט מיר ניט דעם אַפּעטיט !", האָט זי איזי געבעטן.

„און פון וואַנען קומען זי ?", האָט אים רייזעלע געפרעגט.

„איך קום פון קרעניק, האַרט לעבן וואַרשע. מען קאָן זאָגן, אַז ס'איז כמעט ווי אין וואַרשע".

„ס'וועט זיך נאָך באַלד אַרויסווייזן, אַז מיר זײַנען משפּחה", האָט זי געלאַכט, און אים דערציילט, אַז איר מאַן איז מיט צוויי יאָר צוריק געשטאָרבן. „איך האָב געפירט אַ שיין הויז. מיין מאַן איז געשטאַנען אין אַ גוטער ביזנעס. ער איז געווען דער פּרעזידענט פון אונדזער וואַרשעווער ,סאָסאַיעטי'. פאַר זיין רייזעלען איז אים קיין זאַך ניט געווען צו־טייער. ער האָט דאָך מיך אויף די הענט אַרומגעטראָגן"...

„מיין גאָטזעליקע פרוי איז געווען אַ שטילע טויב... מען האָט זי שוין געדאַרפט גוט דערצערענען אַרויסצוברענגען זי פון געדולד... היינט אַ זעלטענע באַלעבאָסטע : ס'האָט געברענט אונטער אירע הענט : איר קאָכן, איר באַקן. און מיך האָט זי אָפּגעהיט, ווי אַן אויג אין קאָפּ".

„אַזוי דאַרף צו זיין : אַ פרוי דאַרף פאַרזיסן דעם מאַנס לעבן", האָט זי אים וואַרעם געקוקט אין די אויגן אַריין, און ווידער פאַרצויגן די ליפּן, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס אויספּייפן.

אַהין־אַהער, זיי האָבן אין עטלעכע וואָכן אַרום חתונה געהאַט.

באַלד נאָך דער חתונה האָט זיך רייזעלע געכאַפּט ביי די קרויזשעס.

אַלץ טוט איר וויי; ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי לײַדט פון אַ בינטל קראַנקהייטן. ליגט אין בעט ביז אין שפּעטן טאָג אַרײַן. איזי האָט דערשראָקן געפּאַדעט אַרום איר. דאָס הויז איז געוואָרן אַ קליינע אַפּ־טייק מיט פאַרשיידענע מעדיצינען, וואָס האָבן פאַרשפּרייט אַ שפּיטאָל־ריח. אַהיים געקומען פון דער אַרבעט, האָט ער זי געטראָפן אַ קרעכצנ־דיקע אין בעט. שוין גאַרניט יענע זשוואַווע פרוי, וואָס האָט געטאַנצט אויף דער אונטערנעמונג פון דער וואַרשעווער לאַנדסמאַנשאַפט; די מידע אויגן — אויסגעלאָשן. אויף איר געל אײַנגעפאַלן פּנים — אַ פאַרשעמ־טער שולדיקער שמייכל... ס׳הויז איז ניט אויפגערוימט; אַנגעוואָרפן אין אַלע ווינקלען. אירע ציין, וואָס זי האָט פאַרגעסן אָנטאָן, זײַנען גע־לעגן אין אַ גלאָז וואַסער און געשטשירעט אויף אים... ער האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ: זי האָט אים גוט אַרײַנגענאַרט! — האָט ער גע־טראַכט — איר פלינקייט און זשוואַוועקייט איז געווען אַן אָנשטעל; זי האָט געטאַנצט מיט די לעצטע כּוחות צו קריגן אַ מאַן; אַזוי שנעל ווי זי האָט אים אַרײַנגענאַרט אונטער דער חופּה, האָט זי צוזאַמענגעבראָכן. איצט האָט ער געאַרבעט פאַר דאָקטוירים און מעדיצינען. דאָס האָט ער אַלץ צו פאַרדאַנקען זײַן פרײַנט דזשעקן. רייזעלע האָט זײַטיק געקוקט אויף זײַן פאַרזאָרגט פּנים, און זיך באַהאַלטן אונטער דער אויבערדעק, אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. זי האָט מורא געהאַט אַ הוסט צו טאָן, אַ קרעכץ צו טאָן.

ער איז אַוועק אויפן בית־עולם זיך אויסרעדן ס׳האַרץ פאַר גיטלען. אַז דער ווינט האָט צעבלאָזן דאָס זאַמד פון איר קבֿר, האָט ער געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז זי רירט זיך דאָרט. ער איז לאַנג געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, מיטן טרערן אין די אויגן געקוקט אויפן בערגל ערד.

„גיטל טײַערע, דזשעק האָט מיר פאַרדרייט דעם קאָפּ!"... בית־עולם פייגל האָבן געפּאַטשט מיט שוואַרצע פליגל, פאַרמאָסטן זיך מיט די שנאָבלען אויף אים. זיי האָבן זיך אָנגענומען גיטלס קרייוודע, געקראַקעט און געקרייזט אַרום אים. דער ווינט האָט אַראָפּגעריסן זײַן קאַפּעליוש. דער רעגן האָט אים געפּאַטשט אין פּנים. ער איז שנעל אַרויס פון בית־עולם. גיטלס קול האָט אים נאָכגעיאָגט... ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט ער זיך געפילט שולדיק קעגן רייזעלען; זי ליגט קראַנק, און ער פאַרמסרט זי פאַרן ערשטן ווײַב...

רייזעלע האָט זיך ביסלעכווײַז אָנגעהויבן בעסערן. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט זי זיך צוריק געשטעלט אויף די פיס. איזי האָט געקוקט אויף

איר און צופרידן געשמייכלט. איינמאָל, קומענדיק פון דער אַרבעט, האָט ער געטראָפן אַ געגרייטן טיש. דאָס געקעכטס האָט פאַרשמעקט ס׳הויז.

אין אַ וואָך שפּעטער איז ער קראַנק געוואָרן, איינגעפאַלן. רייזעלע איז ניט אָפּגעטראָטן פון זיין בעט. ווי אַ גוטע קראַנקן־שוועסטער האָט זי געשוועבט אַרום אים. אין פיבער האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז גיטל שלעפּט אים צו זיך אין קבר אַריין און רייזעלע ראַנגלט זיך מיט איר, רייסט אים פון איר אַרויס. ער האָט געשוועבט צווישן לעבן און טויט.

אין אַ פרימאָרגן איז אים געוואָרן ליכטיק אין די אויגן, רויזעלע איז געזעסן לעבן אים, געווישט דעם שוויס פון זיין שטערן און געשמייכלט:

„אָבי איך זע דיך שוין אַזוי, ביסט אַ היגער!"

„העי, כ׳האָב געמיינט, איך וועל מוזן פאַרלירן אַ האַלבן טאָג אַרבעט צוליב דיין לוויה", איז דזשעק אַריינגעקומען מיט אַ טענה. „ווייזט זיך אַרויס, אַז דו ווילסט נישט איבערלאָזן רייזעלען פאַר עמיצן אַנדערש! דו ווייסט דען, וואָס זי האָט צעאַרבעט אַרום דיר? טאָג־און־נאַכט ניט אָפּגעטראָטן פון דיין בעט. ווען גיטל זאָל אויפשטיין פון קבר, וואָלט זי רייזעלען אַ קוש געטאָן פאַר דיר"...

„קאָן זיין!", האָט זיך איזי פאַרטראַכט מיט פייכטע אויגן...

מוטערשאַפט

דער זאַל איז געווען איבערפולט מיט אַן ענטוזיאַסטישן עולם. ביים טיש זיינען געזעסן: דער יונגער דיכטער דוד גאָלד מיט זיין פרוי עטל, זיין מוטער סאָפיע און הערי ברין, דער פאָרזיצער פון אָונט און קול־טור־טוער.

„מיר זיינען זיך צונויפגעקומען צו באַגריסן די דערשיינונג פון דוד גאָלדס בוך לידער „דאָס געזאַנג פון מאָרגן״, — האָט דער פאָרזיצער אָנגעהויבן, און נאָך אַ קורצן אַריינפיר, פאָרגעשטעלט דעם ערשטן רעד־נער, אַן עלטערן שרייבער. צווישן אַנדערע געדאַנקען וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט האָט ער געזאָגט: „דוד גאָלדס לידער זיינען ליכטיקע און לויטערע, זיי מונטערן און וועקן צו אַ בעסער און שענער לעבן. די געדאַנקען אין זיינע לידער זיינען ניט איינגעהילט אין מיסטישע נעפּ־לען, איר דאַרפט זיך ניט ברעכן דעם קאָפּ צו טרעפן וואָס דער דיכטער מיינט, וואו ער צילט: זיינע פערזן זיינען קלאָר, אָפן, ווי דער אמת אַליין, און אויך מוזיקאַליש, נשמהדיק. דער דיכטער דוד גאָלד...״ — האָט זיך דער עלטערער זשורנאַליסט דערוואָרעמט פון זיינע אייגענע רייד.

סאָפיע, די מוטער, וואָס איז געזעסן לעבן איר זון, האָט געלויכטן פון נחת, איינהערנדיק זיך צו די רעדנער. זי האָט געפילט דעם זונס האַנט אויף איר אַקסל און זיך פאַרטראַכט. — — — ס׳איז דעמאָלט געווען אַ שווערער ווינטער אין ניו־יאָרק, מענטשן האָבן שוין לאַנג ניט געדענקט אַזעלכע פרעסט. צו דעם, האָט נאָך געהערשט אַ גרויסע אַרבעטסלאָזי־קייט: ברויט־ליינס האָבן זיך צאַרנדיק געוויגט אין שניידיקן ווינט, טויזנ־טער פיס מיט צעריסענע שיך האָבן געטופּעט אין פאַרפרוירענעם שניי, „געטאַנצט״ זיך צו דערוואָרעמען, געבלאָזן די פאַרע פון מויל אין די בלויע פאַרשטייפטע הענט אַריין, אין די שפּיץ פינגער וואָס דער פראָסט האָט מיט נאָדלען געשטאָכן.

אין איינעם פון יענע טעג האָט זי זיך געכאַפּט אַז זי שוואַנגערט. ס׳איז איר באַפאַלן אַ שרעק: דער מאַן קראַנק, ניטאָ קיין ברויט, קיין קוילן אין הויז. דער לענדלאָרד סטראַשעט אַרויסצוואַרפן פון דער דירה. און דאָ, אַזאַ אומגליק! זי האָט געפילט זיך צו רייסן די האָר פון קאָפּ: ווי

האָט זי געוואָגט? פאַרוואָס האָט זי פאַרלוירן דעם פאַרשטאַנד?! זי איז דאָך ווערט מען זאָל זי צעשניידן אויף שטיקער! און אפשר איז דאָס ניט אינגאַנצן איר שולד? אַמאָל העלפן ניט קיין פאַרהיט־מיטלען — מען פאַלט אַריין.

אַ באַקאַנטע פרוי האָט איר געזאָגט, אַז זי ווייסט פון אַ דאָקטאָר, וואָס מאַכט אַן אַבאָרט פאַר פינף־און־צוואַנציק דאָלאַר — נאָר וואו נעמט מען פינף־און־צוואַנציק דאָלער?

ס׳איז גוט צו נעמען לאַנגע „שפּאַצירן", האָט מען איר געזאָגט, ס׳העלפט אַמאָל. פלעגט זי שעה׳ן אַרומשפּאַנען. אַז ס׳האָט ניט געווירקט, איז זי געוואָרן פאַרצווייפלט און כמעט געלאָפן איבער די גאַסן ווי אַ משוגענע, ביז ס׳האָט איר פאַרפעלט אָטעם. מענטשן האָבן איר נאָכגעקוקט. דער שווייס אויף איר פּנים איז פאַרפרוירן געוואָרן אין אַ דין אייזיק הייטל, געשטאָכן ווי גלאָז אין די באָזלעכער. זי האָט אָבער ניט אויפגעגעבן, האַסטיק געשפּאַנט, געשפּאַנט, האַלב־גייענדיק, האַלב־לויפנדיק, ביז די פיס האָבן איר אָנגעהויבן ציטערן. זי האָט פאַרלוירן דעם באָדן אונטער זיך, און קוים זיך דערשלעפּט אַהיים — ס׳האָט ניט געהאָלפן.

מען האָט זי געהייסן שפּרינגען, איז זי געשפּרונגען פון אַ שטול. דערנאָך פון טיש. די קישקעס האָבן זיך איר שיעור איבערגעריסן. יעדער שפּרונג האָט אָפּגעשלאָגן ווי אַ האַמער אין איר שאַרבן: אין שפּיגל קעגן איר איז געפלויגן אַ פרוי מיט טרייסלענדיקע בריסטן ווי צעשראָקענע טויבן — ס׳האָט ניט געהאָלפן. זי איז אַוועקגעפאַלן אויפן בעט. געפּויקט מיט די פויסטן אין בויך אַריין, און געוויינט אויף איר ביטער מזל.

„דער דיכטער דוד גאָלד האָט אונדז געגעבן אַ מתנה: אַ בוך פרייַדיקע אָפּטימיסטישע לידער", האָט אַ רעדנער פאַרענדיקט.

— — — זי איז געזעסן אין אַ הייסער וואַנע. דעם קאָפּ פאַרוויקלט מיט אַ האַנטוך. דער שווייס האָט זיך געגאָסן פון איר פּנים. ס׳וואַסער האָט געברענט, מען האָט זי געהייסן זיצן וואָס לענגער. איר צעפּאַרעט פלייש האָט זיך געקאָכט אין גרויסן טאָפּ ווי אַ מאָלצייט פאַר קאַניבאַלן. די אָדערן אויפגעלאָפן צום פּלאַצן. די פּאַרע האָט געזעצט צו דער סטעליע. זי האָט געברענט און זיך געמונטערט מיט קאַלט וואַסער, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר אין אַ גלאָז. פון ווייטיק האָט זי פאַרהאַקט די ציין, פאַרמאַכט די אויגן. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז די וואַנע איז אָנגעפילט מיט פייער און זי בראָט זיך. דער קאָפּ האָט זיך געריסן פון

אירע אַקסלען. זי האָט געפילט אַז זי פאַרלירט די כוחות. זי האַלט ביי חלשן. ס׳איז איר באַפאַלן אַ שרעק: אַז זי זאָל פאַרלירן דעם באַוואוסט־זיין קען זי אַזוי לעבעדיקערהייט אָפּגעקאַכט ווערן. זי ווערט טאַקע פון מינוט צו מינוט לייכטער, ווי אַ טייל פון איר וואָלט שוין פאַרברענט געוואָרן. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן מיט די לעצטע כוחות און מיט וואַקלדיקע טריט זיך קוים דעשלעפּט צום בעט. אַזוי נאַכט נאָך נאַכט, נאַכט נאָך נאַכט. ס׳האָט ניט געהאָלפן. און די צייט איז געלאָפן, מיט יעדער מינוט איר דערנעענטערט צום „אומגליק״. זי האָט מיט ציטערדיקע הענט געריסן די בלעטער פון קאַלענדאַר, ווי אַ פאַרברעכער וואָס דערוואַרט די עקזעקוציע. זי האָט זיך אַרומגעשלעפּט אַ פאַרנודיעטע, געבראָכן די קישקעס פון זיך אַרויס. די אויגן האָבן ביי איר אַרויסגעשטאַרצט ווי צוויי גרינע בלאָטערן.

איינמאָל, ביינאַכט אין בעט, האָט זי אַ פאַרצווייפלטע אַרויפגעלייגט די פויסט אויפן בויך, און דערפילט אַ ווייכע באַוועגונג ווי אַ פישעלע וואָלט דאָרט אַרומגעשווימען. און ס׳האָט איר אַרומגעכאַפּט אַ רחמנות אויפן קליינעם נפש: זי ברענט און בראָט עס, דערלאַנגט דאָס אַזעלכע טויט־קלעפּ, און דאָס לעבט נאָך אַלץ. מיט יעדער באַוועגונג וואָס עס מאַכט ווייזט זיך איר אויס, אַז עס טוליעט זיך צו איר און בעט זיך זי זאָל עס לאָזן לעבן. איר האַרץ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן פון ליבשאַפט צו דעם אומגליקלעכן באַשעפעניש. די האַרטע פויסט איז אויסגערונען פון איר האַנט. זי האָט צערטלעך געגלעט ס׳אָרט וואו זי האָט געפילט די באַוועגונג און געטראַכט: וואָס פאַר אַ מאַמע איז זי?! הינט, קעץ זיינען בעסער צו זייערע קינדער! אָבער וואָס קען זי טאָן? אין גאָט ווייסט, אַז איר האַרץ בלוטיקט.

האָט זי אָבער אַ רעכט אין אַזאַ אַרעמקייט, דער מאָן אין שפּיטאָל, צו ברענגען אַ ניי אומשולדיק נפש אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיך מאַטערן און איר פאַרשילטן?! טאַקע ווייל זי האָט שוין איצט אַזאַ ליבשאַפט פאַר דעם נפש דאַרף זי דאָס אומברענגען, דערשטיקן, אויסברענען, איר האַרץ זאָל אפילו פּלאַצן פון ווייטאָק.

„דוד גאָלדס לידער זיינען פול מיט ליבשאַפט צו אַלע ליידנדיקע און געקריוודעטע. זיין געזאַנג שטאַרקט, מונטערט, ווייזט דעם וועג באַרג אַרויף צו דער זון״, האָט אַ רעדנער פאַרענדיקט זיין באַגריסונג. דאָס גערויש פון אַפּלאָדיסמענטן האָט איבערגעריסן די דעראינערונגען פון דיכטערס מוטער. דערנאָך האָט אַ פידל געשפּילט, ווי ער וואָלט צערטלעך

איינגעוויגט אַ קינד... צום סוף האָט ער זיך צעוויינט און צעלאַכט...

— — — יענעם פּאַרנאַכט איז זי אַריין אין אַ „דראַג־סטאָר" פרעגן פאַר אַן אָפּטרייב־מיטל. דער אייגנטימער האָט זי בייגעריק באַטראַכט, אַ גליטש געטאָן זיין בליק אויף איר האַלדז, אירע בריסטן.

„אַ שאָד קאַליע צו מאַכן, איר וועט האָבן אַ שיין קינד".

„איך פרעג פאַר אַ מיטל!"

„פאַראַן", האָט ער געשמייכלט און אויפגעטרייסלט אַ גרין פלעשעלע ביז אַ שוים איז אַרויפגעקומען צום העלדזל, ווי ביי אַ שטאַרבנדיקן אויף די ליפּן, „אין וויפלטן חודש"?

„אין פערטן".

„שוין באַלד צו שפּעט. אויב דאָס וועט ניט העלפן, ווייס איך פון אַ דאָקטאָר".

„איך האָב ניט קיין געלט".

„אַ שיינע פרוי איז אַליין געלט. איך בין וויליק איך צו העלפן", האָבן זיך זיינע אויגן פאַררויכערט, און ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו איר — — — אַ פּאַטש האָט אַ הילך געטאָן. אַ פלעשל איז צעבראַכן געוואָרן.

אויף דער גאַס האָט דער ווינט געדרייט מיט צאָרן דעם שניי אין דער לופטן און צעבלאָזן אַ זילבערנעם שטויב, וואָס האָט געשטאָכן און געקילט איר צעהיצט פּנים. יונגע פּאָרלעך מיט פאַרפלאַמטע פּנימער, צעצונדענע אויגן, האָבן פריידיק געלאַכט און זיך געאיילט ערגעץ, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן עפּעס אַ גרויס גליק.

דעם מאַן, דערמאָנט זיך סאָפיע, האָט מען מער ניט געוואָלט האַלטן אין שפּיטאָל. דאָקטוירים האָבן געזאָגט, ער איז אומהיילבאַר. אַלץ וואָס ער דאַרף איז — רוען.

מען האָט איר רעקאָמענדירט פּילן. זי האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער, גענומען אַ ווייסע גרויסע פּיל צום מויל.

„וואַרט", האָט דער מאַן אָנגעכאַפּט איר האַנט, „ווייסט ווי אַזוי מען דאַרף דאָס נעמען?"

„ס'הייסט ווי אַזוי? מיט אַביסל וואַסער".

„ביסט זיכער, אַז ס'איז אַראָפּצושלינגען?"

„ס'מיר ניט איינגעפאַלן צו פרעגן. ווי אַזוי דען נעמט מען אַ פּיל?"

„עפּעס אַ צו גרויסע פּיל. זי קוקט מיר אויס פאַרדעכטיק. גיי אַראָפּ און פרעג זיך איבער אין ,דראַג־סטאָר'," איז ער צוגעשטאַנען.

זי איז געקומען צוריק אַ פאַרציטערטע:

„ביסט געראַכט. דעם פּיל דאַרף מען אַריינלייגן אין אַ וואַנע וואַסער. ווען כ׳שלינג דאָס אַראָפּ וואָלט איך געלעבט עטלעכע מינוט״.

הענט און פיס האָבן איר געציטערט.

„סאָפּיע!“, האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן אין די אָרעמס, ווי ער וואָלט זי באַר־וואָס אַרויסגעריסן פון מלאך המוות, „דאָס איז אַ סימן, אַז ס׳איז דיר אָנגעצייכנט צו לעבן. וועסט זען אַז אונדז וועט נאָך אויך אַמאָל גוט זיין״.

זי האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל און פריי געלאָזט די טרערן. די זעלבע וואָך איז דער מאַן געשטאָרבן.

אין יענע טעג האָט זיך דער לענדלאָרד ברייט אַריינגעשטעלט אין דער טיר.

„איר זיינט שוין שולדיק פאַר דריי חדשים רענט״, האָט ער מיט זיינע דיקע פינגער געמישט אין אַ ביכל. זיין צעהיצט פּנים איז געווען האַרט, צאָרנדיק. נאָר כאַפּנדיק אַ קוק אויף אירע צעלאָזטע האָר, וואָס זי האָט גע־האַלטן אין קעמען, אויף איר ווייסן צאַרטן האַלדז, זיינען זיינע אויגן ווייכער געוואָרן, און זיך פאַרזשמורעט אין אַ שמייכל. „איר דאַרפט פאַר־שטיין, אַז איך מוז צאָלן מיינע „מאָרטגעדזשעס׳, אַניט וועט מען ביי מיר צונעמען די בילדינג. איר זיינט דאָך ניט קיין נאַריש ווייבל...“

„איך זוך אַרבעט, כ׳האָב אַ צוזאָג״.

„איך קען אָבער לענגער ניט וואַרטן, איר מוזט זען עפּעס טאָן״.

„וואָס קען איך טאָן?“

„וואָס איר קענט טאָן?“, האָבן זיך שדימלעך גענומען רירן אין זיינע מוטנע אויגן, „איר קענט מיר טאָן אַ טובה, און איך קען אייך טאָן אַ טובה... האַ, וואָס זאָגט איר?“...

זי האָט דערפילט זיין פעטע האַנט, און מיטן גאַנצן כוח אים אָפּגע־שטויסן פון זיך. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר אירע אויגן און זיך אָנגע־הויבן רוקן הינטערוווילעכץ צו דער טיר. ער איז אַראָפּ מיט שנעלע טופּענדיקע טריט פון די שטיגן, ווי ער וואָלט פאַרלוירן זיין גלייכגע־וויכט. זי האָט אים עפּעס נאָכגעשריגן. שכנים האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ.

מען האָט איר „נאַראַיעט“ צו טרינקען אַזאַ מין טיי, וואָס ברענט אויס די קישקעס. איר קאָפּ איז פון די ווייטיקן און פאַרשיידענע מיטלען פאַר־טשאַדעט געוואָרן. ביינאַכט האָבן זיך איר געחלומט ווילדע חלומות:

זי שלאָגט זיך מיטן קינד, ווי קולאַק־העלדן אין אַ רינג. כדי צו דער־לאַנגען די קלעפּ מוז זי זיך שטאַרק אַראָפּבייגן צום קליינעם נפש.ביידע טראָגן זיי אויסגעבעטע לעדערנע הענטשקעס: דאָס „קינד" וואַרפט שנעל מיט די קליינע הענטלעך, וואָס פאַרפלאָנטערן זיך איינס אין אַנדערן, פלאַ־טערן אַרום, ווי צעשראָקענע פייגל ווען ס׳באַפאַלט זיי אַ ווילדע קאַץ. זי לויפט נאָך און פּויקט אין דעם אַריין האַמערדיקע קלעפּ, ביז עס פאַלט אַוועק טויט. זי גלייכט זיך אויס, ציט אָפּ דעם אָטעם, און פון אַלע זייטן טראָגט זיך צו איר פון טויזנטער אויפגעברויזטע שטימען אַ דונערדיקער פּראָטעסט־געשריי, אָבער זי מוז זיך צוהאַלטן די אויערן.

סעלמאַ, אַן עלטער, אויסגעבלייכט מיידל, מיט רינגען אונטער די אויגן, איז געקומען צו איר און געזאָגט, אַז זי ווייסט פון אַ דאָקטאָר וואָס מאַכט אַן אבארט פאַר ביליק.

„איך האָב ניט קיין געלט".

„כ׳וועל דיר אויסלייען".

„קומסט מיר אָקעגן ווי אַן אייגענע שוועסטער", האָט איר סאָפיע גע־קושט. „אַזוי שנעל ווי מיינע הענט וועלן אויפגעבונדן ווערן און איך וועל אָנהייבן אַרבעטן וועל איך דיר אומקערן יעדן סענט. זאָל נאָר אַראָפּ־גענומען ווערן דער שטריק פון מיין האַלדז וועט שוין אַלץ גוט זיין!"

ווען סעלמאַ האָט איר באַדאַרפט פירן צום דאָקטאָר איז זי געקומען אַ דערשראָקענע.

„סאָפיע, טייערע", האָט איר קול געציטערט. „מיין באַקאַנטע איז נאָכן אַבאָרט געשטאָרבן. דעם דאָקטאָר מיט זיין אַרויסהעלפערין האָט מען אַרעסטירט, ווייזט אויס, ער איז גאָר קיין דאָקטאָר ניט געווען. ווען כ׳האָב דאָס דערהערט איז מיר ס׳האַרץ איינגעפאַלן. ער האָט דיך געוואָלט אָפּע־רירן פאַר איר, איז זי געווען זייער אומגעדולדיק און אויסגעכאַפּט דיין ,בעקסט׳. סאָפיע, טייערע, ביסט צוריקגעקומען פון יענער וועלט!"

זי האָט דעמאָלט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און זיך פאַרטראַכט מיט פאַרטרערטע אויגן: דאָס קינד האָט ווידער אָפּגעהאַלטן אַ זיג איבער איר. זי וואָלט איצט געלעגן ערגעץ אין אַ „פיונארל־פּארלאר" און גע־וואַרט מען זאָל זיי ביידע באַגראָבן.

אירע געדאַנקען זיינען איבערגעריסן געוואָרן מיטן הילכיקן געזאַנג פון איר זונס אַ ליד. מונטערע, פריילעכע טענער האָבן צעלויכטן די פנימער פון די פאַרזאַמלטע. דער זאַל האָט פריידיק גערוישט, הונדערטער אויגן האָבן מיט ליבשאַפט געקוקט אויפן דיכטער. און זי, זיין מאַמע, האָט גע־

האָלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. ווען זיי וואָלטן געוואוסט וואָס זי האָט אַלץ אָפּגעטאָן אים אומצוברענגען, וואָס וואָלטן זיי געזאָגט? — — — זי האָט דאָך געוואָלט אומברענגען זייער באַליבטן דיכטער!...

— — — דעמאָלט איז זי אַוועק צו אַ דאָקטאָר און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן ער זאָל איר זאָגן, וואָס צו טאָן אויסצוטראָגן אַ געזונט קינד. זי האָט אים דערציילט, וואָס זי האָט אַלץ אָפּגעטאָן, און ער האָט איר באַרואיקט, געגעבן אינסטרוקציעס וואָס זי האָט דורכגעפירט ווי אַ הייליק געבאָט: אָנגעהויבן שטעלן לאַנגזאַמע פּאָרזיכטיקע טריט, געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער. געגלעט מיט ציטערדיקע הענט דאָס אָרט וואו דאָס קינד האָט זיך שוין אָנגעהויבן „איבערקערן", מאַכן „קאָזשעלי־קעס" פון פרייד און נצחון איבער דער שלעכטער מאַמען...

ער איז געבוירן געוואָרן מיט אַזעלכע געוואַלדן, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אים עפּעס שולדיק געווען... ער האָט זיך אַזוי צעשריגן, אַז ער האָט זיך אַזש פאַרקייכט... דער דאָקטאָר האָט אים פריילעך אַ פּאַטש געטאָן אין רוקן געזעסל און געזאָגט:

„אַ יינגל! אַ יונגאַטש!"

זי איז געלעגן אַ דערשראָקענע און מורא געהאַט די אויגן צו עפענען, נאָך דעם וואָס זי האָט אַלץ אָפּגעטאָן, ווי זי האָט אים געברענט און געבראָטן! ווער ווייסט צי איז ער ניט געבוירן געוואָרן אַ קאַליקע! ווען די קראַנקן־שוועסטער האָט אים שפּעטער געבראַכט און אַוועקגעלייגט לעבן איר, האָט זי מיט שרעק באַטאַפּט זיין קערפּערל, די הענטלעך, די פיסלעך, דאָס פּנימל. אַריינגעקוקט אים אין די שפּעלטלעך פון די אייגעלעך. געזען זיי זיינען קלאָר, אַז ער זוכט שוין מיט זשעדנעקייט איר ברוסט, האָט זי זיך פון פרייד אַזוי צעוויינט, אַז מען האָט זי קוים געקענט איינשטילן.

איר זון האָט געקראָגן ס'לעצטע וואָרט. זי קוקט אויף אים מיט פאַרלאָפענע אויגן. ער רעדט וועגן ליטעראַטור און אַנדערע וועלט־זאַכן.

„איך קום אַרויס פון אַן אָרעם הויז. מיין פאָטער איז יונג געשטאָרבן, האָט מיין מוטער געהאָרעוועט טאָג און נאַכט און מיר געגעבן אַ בילדונג, פאַרוואָס איך בין איר, און נאָך אַזעלכע מאַמעס דאַנקבאַר"...

זיינע לעצטע ווערטער האָט זי שוין ניט קלאָר געהערט...

ווען דער עולם איז אַרויס פון זאַל, האָט זי אַרומגענומען דעם זון און זיך גאָרניט געקענט אָפּרייסן פון אים...

דער טענצער

שיאַנעץ האָט זיך אויסגעוויזן, אַז יענע נאַכט האָט ער געטאַנצט בעסער ווי אַלעמאָל: ער איז אָנגעצונדן געוואָרן פון אַ הייליק פייער, אַלע זיינע אברים האָבן געטאַנצט, ס'איז פאַרשוואונדן דער באָדן אונטער זיינע פיס, און ער האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן, אַריינגעוועבט אין דער מוזיק פון אָרקעסטער: די גאַנצע וועלט איז געוואָרן קלאַנג און טאַנץ, טאַנץ און קלאַנג. אַז די לעצטע טענער פון דער מוזיק האָבן זיך אויסגעלאָשן, איז ער געשטאַנען אַ דערשעפּטער מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און זיך פריידיק איינגעהערט צום שטורמישן גערויש פון אַפּלאָדיסמענטן.

דאָס האָט ער געגוי געדענקט אינדערפרי, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. באָר ס'איז שוין ניט געווען פרי. באַלד צוועלף אַזייגער. ער דאַרף זיין אין טעאַטער צו פּראָבע. זיין פרוי, וואָס ער האָט גערופן „פלאַטערל", און וואָס פלעגט זיך אַמאָל באַטייליקן אין מאַסן־סצענעס פון באַלעט, האָט זיך געריבן די אויגן, נעגענעצט און געווען פויל אַרויסצוגיין פון בעט.

„פּראָבע!", האָט ער איר דערמאָנט, „ס'איז שפּעט, די טענצער און דער אָרקעסטער וועלן וואַרטן!" און ער איז מיט אַן עלאַסטישן באַוועג אַרויס פון בעט פּרובירנדיק מיטשלעפּן די אויבערדעק, וואָס זי האָט ניט געלאָזט אַראָפּציען פון זיך. ער האָט גוטמוטיק נאָכגעגעבן.

שפּעטער זיינען זיי איילנדיק אַראָפּ פון די טרעפּ. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין קאָרידאָר ביים בריוו־קעסטל מיט זיין נאָמען, אַרויסגענומען אַ בינטל בריוו. געטאָן אַ מיש אין האַנט און זיין אויג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קאָנווערט. ס'האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ: דאָס איז געווען אַ רוף, ער זאָל זיך צושטעלן צו זיין „דרעפט־באָאַרד"...

לאַיאָלאַ, זיין פאַרחלומט ווייבל (ער האָט זי גערופן מיט פאַרשיידענע נעמען), האָט אַרויסגעלייענט פון זיינע אויגן אַ שלעכטע בשורה:

„וואָס איז?", האָט זי אַרויפגעקוקט צו אים (איר קאָפּ האָט דערלאַנגט צו זיין אַקסל), און אירע ווייס־צאַרטע הענט האָבן אַ פלאַטער געטאָן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט עפּעס אַ כאַפּ טאָן אין דער לופט...

דוד שאָלשטיין, וואָס אין די טעאַטער־אַפישן איז פון זיין פאַמיליע־

נאָמען געבליבן איין „ש" — שאַיאַן, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָפּ־געצויגן דעם אָטעם: „מען רופט מיך אין דער אַרמיי".

„ניין!", האָבן אירע הענט אָנגעכאַפּט זיין אָרעם, ווי עמיצער וואָלט אים געוואָלט אַרויסרייסן פון איר.

„אַז מען רופט מוז מען זיך צושטעלן. ס'גייט־אָן אַ מלחמה, מען דאַרף פאַרטיידיקן דאָס לאַנד!"

ער איז אַרויס פון קאָרידאָר מיט לייכטע ריטמישע טריט. זי האָט ניט אָפּגעלאָזט זיין אָרעם און נאָכגעפּלאָנטערט. אַ „טעקסי" האָט זיי גע־פירט אין טעאַטער צו פּראָבע.

שאַיאַן האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן פאַר דער אַרמיי. לאַיאַלאַ איז גע־וואָרן בלאַסער. זי האָט געקוקט אויף אים מיט זאָרג און שרעק, ווי אַ געליבטע און אַ מאַמע...

אין באַלעט איז זי געווען איינע פון די „פּלאַטערלעך", וואָס האָבן געשוועבט אַרום דעם „אָדלער" שאַיאַן — אינדערהיים איז זי געווען זיין געליבטע, אַמאָל זיין „מאַמעלע" און אַמאָל זיין „גריכישע געטין"... אירע אויגן האָבן ניט אויפגעהערט וואַכן איבער אים, דעם גרויסן צעבאַלעוועטן שאַיאַן, וואָס שטייט ניט מיט די פיס אויף דער ערד, פליט אין די הימ־לען און פאַרליבטע פרויען קוקן אים נאָך מיט צעבראָכענע הערצער...

ס'האָבן זיך דערנענטערט די טעג, ווען ער האָט זיך באַדאַרפט צו־שטעלן". אויפן „ערן־טאַוול" אין דער טעאַטער־לאָבי איז צוגעקומען נאָך אַ שטערנדל... דער פּאַרוואַלטער האָט שטאָלץ געדרויכערט זיין ציגאַר און געקנייטשט דעם שטערן: „שאַיאַן וועט דערווייל מאַכן אַ לאָך אין דער קאַסע... מען דאַרף שוין אָנשטעלן אַ נייעם אויף זיין אָרט, און אפשר וועט דער נייער זיין נאָך בעסער"...

שאַיאַן און לאַיאַלאַ זיינען געזעסן אין אַ טונקל־באַלויכטענעם רעס־טאָראַן און זיך איינגעהערט צו שטילער פאַרבענקטער מוזיק. געטרונקען שאַמפּאַניער, געדרויכערט.

„לאַיאַלאַ!"

„יאָ, טייערער!"

„איידער איך פאָר אַוועק, וואָלט איך געוואָלט גיין אין אַ יידישער שול אַריין... דער דיריגענט פון אָרקעסטער האָט מיר געזאָגט, אַז היינט איז אַ גרויסער יידישער יום־טוב... מיין טאַטע איז געווען אַ פרומער ייד", האָט שאַיאַן געזאָגט מיט שטאָלץ, „ווען מיר זיינען געקומען קיין אַמעריקע, בין איך געווען איין יאָר אַלט. מיינע עלטערן האָבן שוין גאָר אָפּגעהיט

יידישע יום־טובים. מיין מאַמע איז אויך געווען אַ פרומע, זי האָט גע־האָט אַ נשמה פון אַ דיכטערין אָדער אַ טענצערין... אַ סך מאָל טראַכט איך: וואָס בין איך? ניט קיין ייד, ניט קיין קריסט... עפּעס דאַרף דאָך אַ מענטש זיין... און איך באַשליס, איך בין אַ קינסטלער... דאָך בין איך די לעצטע נאַכט אויפגעלעגן, געטראַכט און געטראַכט... איידער מען האָט מיך גערופן אין דער אַרמיי, איז דאָס מיר אפילו אויפן געדאַנק ניט גע־קומען. ווער האָט צייט געהאַט? מען איז באַרוישט. דו ווייסט דאָך אונ־דזער לעבן. נאָר אַז מען גרייט זיך אין אַזאַ וועג אַריין, צעשפּילן זיך אין דיר פאַרשיידענע געדאַנקען...

זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל און זיך געטוליעט צו אים. ער האָט געהערט, ווי זי אַרבעט מיטן האַלדז צו דערשטיקן די טרערן.

פון רעסטאָראַן זיינען זיי אַוועק אין אַ שול... שאַיאַן האָט געוואָלט בעטן עפּעס ביי גאָט און ניט געוואוסט ווי אַזוי. תּפילה טאָן האָט ער געקענט נאָר דורך טאַנץ... אָבער ניט אין סידור... האָט ער געטראַכט און געטראַכט, ביז ער האָט געזאָגט שטיל אין זיך:

„גאָט פון מיינע פרומע עלטערן! היט־אָפּ מיינע פיס! אויב אַ קויל דאַרף מיר אָפּרייסן אַן אבר, זאָלן עס ניט זיין די פיס, ווייל אָן הענט קאָן מען נאָך טאַנצן, אָן אויגן אפילו קאָן מען טאַנצן, אָבער אָן פיס איז גלייכער דער טויט!...״

צוויי יאָר איז ער געווען אין דער מלחמה.

אין אַ הייסן זומער־טאָג איז אַריינגעקומען אין ניו־יאָרקער האַפן אַ שיף מיט סאָלדאַטן, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק צוריקצוקומען לע־בעדיק פון די שלאַכטן. זיי זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט מוזיק און מיט הילכיקע אויסרופן. ווייסע טיכלעך האָבן ווי טויבן געפלאַטערט אין דער לופט, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט געוויין און געלעכטער... לאַיאָלאַ איז געשטאַנען אויף די שפּיץ פינגער, ווי זי וואָלט זיך פאַרמאָסטן צו שפּרינגען אָדער אַרויפפליען אויף דער שיף. ס׳האָבן אָנגעהויבן אַרויס־קומען סאָלדאַטן: צעקרומטע, צעבויגענע, הינקענדיקע, טרייסלענדיקע און אויך גלייכע, גאַנצע, לאַכנדיקע... צום לעצט האָט מען אַרויסגעפירט שאַיאַנען. זיינע „פיס״ פאַרדעקט. לאַיאָלאַ איז צוגעשפּרונגען און אַ טאָפּ געטאָן ס׳ליידיקע אָרט אונטערן גרויען טוך און אַרויסגעלאָזט אַזאַ קוויטש, ווי מען וואָלט איר דעם האַלדז איבערגעשניטן. אַלע אַרומיקע זיינען פאַרציטערט געוואָרן און זיך אָפּגערוקט... אַראָפּגעלאָזט די קעפּ,

געווישט די אויגן מיט טיכלעך, וואָס האָבן פריער פריידיק געפלאַטערט.

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן זײַנע הענט, און ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַוועקגעדרייט פון איר. זי האָט אים לאַנג געקושט, געגלעט די האָר, און זיך געפרייט, וואָס ער איז כאָטש געבליבן לעבן... „שאַיאַן, אָ, שאַיאַן טייערער! רעד צו מיר, פאַרוואָס ביסטו ברוגז, פאַרוואָס?“... ער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, ניט געוואָלט קוקן דער וועלט אין פּנים אַריין... לאַיאָלאַן האָט ער אויך ניט געוואָלט זען. ער וואָלט דאָך באַדאַרפט פאַררייסן דעם קאָפּ צו איר און באַווייזן ווי נידעריק צו דער ערד ער איז... אין האַרץ אָבער איז ער נאָך אַלץ אַן „אָדלער“, כאָטש מען האָט אים אַרונטערגעהאַקט די פיס. די בעסטע זאַך וואָלט געווען, זי זאָל זיך אָפּשניידן פון זיין לעבן, ווייל ער איז ניט מער פאַר איר, און זי איז ניט פאַר אים. זי איז יונג און גאַנץ, פאַר איר הויבט זיך ערשט אַלץ אָן. מיט אים איז אַלץ פאַרענדיקט. ווען ער האָט געבעטן יענע נאַכט אין שול צו גאָט, האָט ער אים נאָך דעמאָלט געזאָגט, אַז אָן די פיס וויל ער ניט לעבן, ווייל דאָס וואָלט קיין לעבן ניט געווען. האָט גאָט זיין געבעט ניט געוואָלט פאַרנעמען און אים געשלאָגן אויפן אָרט, וואָס טוט צום שטאַרקסטן וויי. דאָס איז געווען אַ טויט־קלאַפּ! אין יענער שלאַכט ווען דאָס גיהנום האָט זיך צעשפּילט, האָט ער געפּרואווט באַהאַלטן די פיס אונטער זיך... ביז ס׳האָט עפּעס גאָר אַ שאַרפן בליץ געטאָן פאַר זיינע אויגן, און די וועלט האָט זיך אויסגעלאָשן...

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין שפּיטאָל, האָט ער ניט פאַרשטאַנען וואו ער איז. אפילו ניט געקענט דערמאָנען זיך ווער ער איז. שפּעטער, ווען זיין געדאַנק האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, האָט ער שנעל אַ טאַפּ געטאָן ס׳אָרט, וואו די פיס האָבן באַדאַרפט זיין, און אַרויסגעלאָזט אַזאַ געשריי, אַז אַלע אַרום אים זיינען פאַרציטערט געוואָרן: אויפן אָרט פון די צוויי טאַנצנדיקע פיס — לופט. אונטערן בויך — בלוטיקן באַנדאַזשן. ס׳איז געבליבן פון אים אַזוי ווייניק: אַ קאָפּ מיט אַ בויך. איז דאָס אַ מענטש? נאָך וואָס דאַרף אַזעלכער לעבן אויף דער וועלט?! און ער האָט אַזוי פיל געבעטן ביי גאָט: די פיס, די פיס, די פיס!

שאַיאַן האָט זיך אויפסניי צערעוועט, ווי אַ געקוילעטער אָקס, געסטראַשעט מיט די פויסטן דעם הימל, און געהאַקט מיט זיי אין קאָפּ אַריין, מען האָט אים געמוזט בינדן די הענט. די „נורס“ האָט אים געגלעט די האָר און געקושט דעם שטערן...

נו, די אַרמיי האָט אים געגעבן אַנדערע פיס... ס׳האָט גענומען אַ

לאַנגע צייט פון שווערע מאַטערנדיקע איבונגען, ביז ער האָט זיך געקאָנט אַ ריר טאָן מיט זיי. ניט איינמאָל האָט ער זיי געוואָלט אַוועקוואַרפן, פאַרברענען. ביז ער האָט אָנגעהויבן שטעלן די ערשטע טריט, ווי אויף שטאָלצן, טרייסלענדיק זיך, ווי ס׳וואָלט געווען אַן ערד־ציטערניש אונטער אים. און לאַיאָלאַ... ער האָט זי געטריבן פון זיך. געזאָגט, אַז ער האָט זי מער ניט ליב, ער האָט זי קיינמאָל ניט ליב געהאַט. ער וויל באַפרייט ווערן פון איר... די מלחמה האָט אַלץ אויסגעלאָשן אין אים: די פיס האָבן מיטגענומען זיין נשמה, זיין האַרץ, און איבערגעלאָזט אַ קאָפּ מיט אַ בויך — מער גאָרניט... זי איז יונג, זי האָט אַ רעכט צו לעבן מיט אַ גאַנצן מאַן, ניט מיט אַ קאַליקע, וואָס אַן די „שטאָלצן" דאַרף ער זיך רוקן אויף דער ערד און איבערשרעקן קליינע קינדער, ווי אַ סטראַשידלע. ביז ער האָט איינמאָל איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין איר שויס און געוויינט:

„פלאַטערל, מיין פלאַטערל!"...

די ערשטע צייט זיינען אים געקומען באַזוכן פריינט פון באַלעט. אַרומגעגאַנגען אַרום אים אויף די שפּיץ פינגער, ווי זיי וואָלטן ניט געוואָלט, ער זאָל הערן זייערע טריט... געציטערט ניט צו דערמאָנען דאָס וואָרט „פיס"... זייער פאַרזיכטיק געפרואווט אים טרייסטן, און זיך געכאַפּט, אַז קיין טרייסט איז פאַר אים ניטאָ. האָבן זיי געשוויגן, געהאַלטן פאַרשולדיקט אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט. ס׳איז זיי געוואָרן שווער און זיי האָבן געהאַפּט וואָס שנעלער איבערצוקומען דעם וויזיט. דערנאָך איז די באַלעט־גרופּע אַוועקגעפאָרן אויף אַ טור. זיי פלעגן אים אַמאָל שיקן אַ בריוו. אַנדערע פריינט האָבן אָפּגעטאָן זייער פליכט: געקומען, אויסגעזעסן... און פריי אָפּגעאָטעמט אויף דער אַנדערער זייט טיר.

פון שאַיאַנס און לאַיאָלאַס אָפּגעשפּאָרט געלט איז געוואָרן וואָס אַמאָל ווייניקער. מיט דער פּענסיע פון דער אַרמיי האָט מען ניט געקאָנט אויפהאַלטן דעם גוטן אַפּאַרטמענט. לאַיאָלאַ האָט אָנגעהויבן זוכן אַ ביליקע דירה, און געפונען אַזאַ וואוינונג אין „גרעניטש ווילעדזש" — אַרונטערצוגיין אַ פּאָר טרעפּ. ס׳פּענצטער האָט דערגרייכט צו די פיס פון די דורכגייער...

„שאַיאַן, איך האָב געפונען אַן אַפּאַרטמענט אין ,ווילעדזש׳, אין דעם קינסטלער־קוואַרטאַל פון ניו־יאָרק... דאָרט וואוינען אמתע קינסטלער, וואָס פאַרקויפן ניט זייער טאַלאַנט... אייניקע פון זיי שאַפן אַמאָל גרויסע ווערק".

„וואָס פאַרא ווערק וועל איך דאָרט שאַפן?"

„דו אַליין ביסט אַ ווערק!"...

„וועמענס ווערק? דעם טייוולס?"

„שאַיאַן, דו ווילסט זיך אומברענגען?", האָט זי פאַרבראָכן די הענט.

„איך בין שוין אומגעבראַכט געוואָרן! איך בין שוין ניטאָ!"

„דו ביסט דאָ!", האָט זי מיט ווייטאָק און פאַרוואורף אַ געשריי געטאָן. אַ מענטש איז ניט בלויז פיזיק. דיין נשמה, דיין האַרץ איז געבליבן, דיין געדאַנק איז דאָ — דו ביסט דאָ! און איך האָב דיך ליב, ליבער נאָך ווי פריער... און דו נערסט דיין ביטערקייט און פייניקסט מיך! פאַרוואָס פייניקסטו מיך?", האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני פאַר זיין בעט און „אַרויפגעקוקט" צו אים מיט פאַרווייַנטע אויגן. ער האָט געגלעט אירע נאַסע באַקן.

„וויין ניט, לאַהלע!", האָט ער זי פלוצים גערופןביים יידישן נאָמען. „מיין אָרעם, אומגליקלעך מאַמעלע... וויין ניט! דיר פאַסט בעסער צו שמייכלען, ווייל דו ביסט אַזאַ העלע, אַזאַ זוניקע. שמעטערלינג, פלאַטערל, מיינס!"...

„געדענקסט, האָסט מיר אַמאָל געשריבן אַ ליבע־בריוול אין פערזן?", האָט זי זיך אויסגעווישט די אויגן, און אַ ליכטיקער שמייכל איז אין זיי אויפגעגאַנגען.

„איך בין ניט קיין פּאָעט", האָט ער זיך פאַרשעמט.

„דו ביסט, שאַיאַן! אַלץ אין דיר איז פּאָעטיש".

„הלוואַי בין איך אַ פּאָעט, וואָלט איך אָנגעשריבן אַ פּאָעמע און זי גערופן ,לאַיאַלאַ'," האָט ער געשמייכלט. פאַר אַ לאַנגער צייט אַרויס גליקלעך געשמייכלט... אין דעם מאָמענט איז ער געווען דער זעלבער שאַיאַן פון פריער: אין העלן שיין פון אירע אויגן איז זיין אומגליק צערונען, אָפּגעמעקט געוואָרן. זייערע הערצער האָבן אויפגעזונגען פון ליבע, פון גליק און שלום...

ס'איז לאַיאַלאַן אָנגעקומען שווער דאָס אַראָפּקלייבן זיך אין קעלער אַריין. זי האָט געמוזט אַלץ טאָן אַליין, אַחוץ זיין אַ קראַנקן־שוועסטער צו שאַיאַנען. אין געוויסע מאָמענטן איז ער געווען הילפלאָז ווי אַ קינד, אַז זי האָט אים באַדאַרפן איבערלייגן פון איין אָרט אויפן צווייטן איז ער געהאַנגען מיט די הענט אויף איר האַלדז... און אָוועקגעבויגן דעם קאָפּ, ניט געקענט איר קוקן אין די אויגן אַריין... ער האָט אָפט געטראַכט, אַז ער איז אַן אַרונטערגעשאָסענער פויגל, וואָס יעדער קען אויפהייבן,

זיך שפּילן מיט אים און זיין גרויסמוטיק... אפילו אויף לאַיאַלאַן האָט ער צייטנוויז געהאַט דעם חשד, אַז ער באַפרידיקט איר רחמנות־געפיל און דאָס האָט אים ווי געטאָן... ער האָט געהאַט אַ סך צייט צו טראַכטן און שפּעקולירן. ניט איינמאָל האָט ער זיך געכאַפּט ביים קאָפּ...

די פענצטער פון קעלער האָבן קוים דערגרייכט דעם טראָטואַר. שאַיאַן פלעגט שעה'ן אָפּזיצן און נאָכקוקן די פאַרבייגייענדיקע פיס. גאָט, וויפל פיס!... ס'פלעגט אים אָזש שווינדלען פאַר די אויגן: פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי געטופּעט און געפּויקט איבער זיין קאָפּ, געאַרבעט אויף זיינע נערוון... אַ סך מאָל האָט זיך אים שוין אָנ־געהויבן אויסווייזן, אַז שטיינער טאַנצן אויף זיין שאַרבן.

ניט איינמאָל האָט אים לאַיאַלאַ דערזען מיט געביילטע פויסטן און צעצונדענע אויגן. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר אים — שאַיאַן האָט זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין, ער האָט זיך דערזען אויפן ראַנד פון משוגעת: מען וועט אים אָנטאָן אַן אייזן־העמד, פאַרשפּאַרן ערגעץ אין אַ שטייג... אָן לאַיאַלאַן? דאָס איז גרוילּיק!... ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין לעצטן טראָפּן קאַלטן שכל, וואָס איז געבליבן אין זיינע צעהיצטע געהירן און זיך אָנגעהויבן נעמען אין די הענט אַריין.

„וואָס איז דיר, טייערער?", האָט זי אים פאַרזאָרגט געפרעגט.

„באַקומען אַ קאָפּ־ווייטיק, אַז כ'האָב זיך אָזש אַ וויג געטאָן", האָט ער דערשראָקן געשמייכלט. „דו שרעקסט זיך פאַר מיר?..."

„פאַרוואָס זאָל איך זיך שרעקן פאַר דיר? דו ביסט ניט קיין בער, אַ, דו נאַריש יינגל"...

שאַיאַן האָט אָנגעהויבן לייענען ביכער, זשורנאַלן, צייטונגען, ווי איינער וואָס טרינקט זיך האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין זיי. צייטנוויז האָט אַ שמייכל וויך געמאַכט די האַרטע ווינקלען פון זיין מויל און אַ פייערל האָט אַ לויכט געטאָן אין זיינע אויגן.

„לאַיאַלאַ! דו מוזט דאָס הערן!", פלעגט ער זי מיט באַגייסטערונג אַ רוף טאָן. זי האָט אַלץ אָוועקגעלייגט, געזעצט זיך אויפן טעפּיך, וואָס איז זיי פאַרבליבן פון די גוטע צייטן און אַרויפגעקוקט צו אים מיט לויכטנדיקע אויגן...

איינמאָל, צוקומענדיק צו איר הויז, האָט זי אַריינגעקוקט דורכן פענצ־טער און געבליבן פאַרגאַפט: די ראַדיאָ האָט געשפּילט און שאַיאַן האָט געטאַנצט מיט די הענט אין דער לופט... ס'איז געווען איינער פון די דערפאָלגרייכסטע נומערן אין באַלעט, פאַר וואָס ער האָט אַמאָל געקראָגן

אַ סך לויב. די מוקולן אין זיין בלייך ביינערדיק פּנים האָבן קאָנוואולסיוו געציטערט און מיטגעטאַנצט. אַז די ראַדיאָ האָט אויפגעהערט שפּילן, זיינען זיינע הענט אַראָפּגעפאַלן און ער האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן...

זעלטנס איז אים שוין ווער געקומען באַזוכן. ס'איז צו פּיינלעך געווען פאַר זיינע פריינט אים צו זען אַן אונטערגעהאַקטן, אַ לעבעדיק באַגראָבענעם. זיי האָבן מורא געהאַט צו קוקן אין זיינע אויגן אַריין, וואו ס'האָבן אַמאָל געשימערט גאָלדענע פייערלעך. איצט — פינצטערע לעכער. זיי האָבן אַוועקגעקוקט ווען זיי האָבן גערעדט צו אים און מורא געהאַט אַ שמייכל צו טאָן.

לאַיאָלאַ האָט געפּרעסט זיינע הענמדער. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אויף די פאַרבייגייענדיקע פיס.

„פלאַטערל!״

„יאָ, טייערער!״

„האָסט היינט געליינט אין דער צייטונג וועגן אַ פרוי, וואָס האָט אויס רחמנות דערהרגעט איר האָפענונגסלאָז־קראַנקן מאַן?״...

„ביין!״...

„דענקסטו ניט, אַז מען דאַרף אין אַזאַ פאַל אַ מענטשן באַפרייען פון ליידן?״

„איך דענק ניט, אַז איין מענטש האָט אַ רעכט צוצונעמען דאָס לעבן פון אַ צווייטן!״

עס ווענדט זיך וואָס פאַר אַ לעבן״.

„יעדער לעבן איז מער ווי דער טויט!״

„ווי לאַנג אַ מענטש לעבט האָט ער אַ האָפענונג, קען ער געפינען גליק אין עפּעס, קאָן ער עפּעס אויפטאָן. שטאַרבן פאַרשפּעטיקט מען ניט... אַ נאַר דאַרף זיך אַליין צו שטאַרבן און איך בין קעגן יעדן סאָרט מאָרד... יענע פרוי האָט געמוזט זיין אַן עגאָאיסטקע און ניט ליב געהאַט איר מאַן!...״, האָט זי אָפּגעהאַקט מיט פאַרדרוס און ווייטיק אין קול.

עס זיינען פאַרבייגעלאָפן פאַרן פענצטער היינט מיט פאַרריסענע קעפּ אונטערטאַנצנדיק אויף זייערע פיס... דרייענדיק פריילעך מיט די עקן. „ערס״ האָבן זיך געיאָגט נאָך „זיס״ און ראַמאַנסירט מיט זיי. אַ סך פיס זיינען אַנטלאָפן פון אויטאָמאָביל־רעדער, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך זיי און דווקא געוואָלט איבערפאָרן... טראָפּנס רעגן האָבן אָנגעהויבן קאָפּען אויף די שויבן. ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט...

די פענצטער פון קעלער זיינען געווען אָפן. ס'האָט זיך איינגעגעבן דער זון אַריינצושיקן אַ שטראַל, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט שאַיאַנס אויגן, געגלעט די קנייטשן פון זיין פּנים, וואָס האָבן זיך פּריצייטיק אָבגעהויבן אַריינשניידן אין אים. אַ ווינטל האָט זיך געשפּילט מיט זיינע בלאָנדע האָר, וואָס זיינען געוואָרן גרויער מיט יעדן טאָג. ער האָט געהאַלטן פאַרלייגט אַ האַנט אויף אַ האַנט, ווי מען פאַרלייגט איין פוס אויפן אַנדערן... איינמאָל איז אים איינגעפאַלן: פאַרוואָס זאָל ער זיך ניט לערנען גיין אויף די הענט? פאַרשידענע ווילדע געדאַנקען זיינען אים באַפאַלן אין די איינזאַמע שעה'ן...

לאַיאָלאַ איז איינגעקומען פון גאַס אַ פאַרפלאַמטע מיט פעקלעך.

„שאַיאַן, טייערער, כ'האָב דיר געבראַכט פאַרבן מיט אַ פענזל... אַ סך מענטשן מאָלן איצט פאַר צייט־פאַרטרייב. מען מוז ניט דווקא זיין אַ געבוירענער מאָלער דערפאַר... אַזוי ווי אַ סך מענטשן שפּילן אויף דער פיאַנאָ צי אויף אַנדערע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן און זיינען ניט קיין מוזיקער... אַנדערע וואָס האָבן אָנגעהויבן מאָלן פאַר צייט־פאַרטרייב האָבן גאָר אַנטדעקט אין זיך טאַלאַנט"...

„מיין באַרוף איז ניט מאָלן, עמיצער האָט מיך שוין אויסגעמאָלט... געפעלט דיר דער פאָרטרעט?..."

„שאַיאַן!... דו, נאַרעלע!... הער זיך איין: פאַרבן האָסטו ליב? אַוודאי, ס'איז שיין פאַרן אויג, ס'נעמט אַוועק די גרויקייט — פּרוּאוו. איך האָב געלייענט פון אַ פרוי, וואָס האָט אָנגעהויבן מאָלן אין די עלטערע יאָרן און איז באַרימט געוואָרן. ער לאַכט.. ס'איז אַ פאַקט!"

שאַיאַן האָט זיך גענומען שפּילן מיטן פענזל. איינמאָל האָט ער געפּרובט אויסמאָלן לאַיאָלאַן און זיי האָבן ביידע אַזוי געלאַכט, אַז ס'האָט זיי דעם אָטעם פאַרכאַפּט... און איבערן קאָפּ האָבן געשפּאַנט פיס, פיס... טייל איילנדיקע, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אויף הייסע קוילן און געוואָלט וואָס שנעלער איבערקומען דעם וועג... פיס אין צעלעכערטע שיך, וואָס האָבן זיך געשלעפּט אָן אַ פּלאַן און ניט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטאָן — און פיס שפּאַצירנדיקע מיט שיך פון טייערן ווייכן לעדער, וואָס האָבן געגלאַנצט און פאַרריסן די נעז... אַזעלכע פיס זיינען אַוודאי נאָר וואָס אַרויס פון אַ לימוזין און דער שאָפער וואַרט אויף זיי. דאָס זיינען זיי געקומען באַקוקן דעם „קוואַרטאַל", וואו ס'האַלטן זיך אויף אָרעמע ניט־אַנערקענטע קינסטלער, וואָס שטעלן אויס זייערע בילדער ביי די ווענט פון הייזער אונטערן פרייען הימל. מען קען דאָרט אַמאָל קויפן אַ בילד

פאַר שפּאָט ביליק פון אַ צוקונפטיקער באַרימטהייט און דערוויייל אויך אַפּראַטעוועו אַזאַ איינעם פון הונגער... ס'איז אַ פּיינער שפּאַציר, אַ נאָ־בעלער, אַן אינטעלעקטועלער... אַזעלכע פּיס שטעלן שבת־יום־טובדיקע טריט, לאַנגזאַם, ניט געאיילט, אַזוי ווי מען טרינקט גוטן וויין און ס'איז אַ שאָד אַראָפּצושלינגען — אַזעלכע ווילן דער וועג זאָל זיך ציען און ציען און זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. און ס'שלעפּן זיך פאַרביי פּיס מיט צי־טערדיקע קני, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען באַרג־אַרויף מיט אַ שווערן פּאַק אויף די פּלייצעס... פּיס, פּיס... נאָך אַ רעגן טרעטן זיי אין דער נעץ און צעשפּריצן „בלאָטע־פאַנטאַנדלעך" אויף די קעלער שויבן. און פרויען־פּיס... לייכטע, טאַנצנדיקע, שוועבן גראַציעז פאַרביי, ווי שוואַנען־העלדזער... אַנדערע ווידער זיינען פּלאַטשיק, געשוואָלן, קלעצערדיק, און קענען קוים טראָגן די אייגנטימער אויף זיך...

אין פאַר פרויען־פּיס, וואָס גייען יעדן טאָג פאַרביי, קוקט שאַיאַן נאָך מיט באַוואונדערונג... זייער איידלקייט, צאַרטקייט, פאַרכאַפּן זיין אָטעם. דאָס זיינען „פּיס", ניט קיין „טרעטערס"... מיט אַן אייגנאַרטי־קער גראַציע. זייערע טריט קלינגען לאַנג אָפּ אין זיינע אויערן... ער פּרוּווט זיך אַ סך מאָל אויסמאָלן די אייגנטימערין פון זיי, שפּילט אפילו מיט איר אַ געהיימע ליבע... זי וואָלט געקענט זיין אַ באַרימטע טענ־צערין פון גאָר אַ הויכן קאַליבער אונטער זיין דירעקציע... ווען זי גייט פאַרביי פאַררייסט ער דעם קאָפּ — און זי איז שוין ניטאָ... ער וואָלט כאָטש איינמאָל געוואָלט אַ קוק טאָן אויף איר, דאַרף ער אָנטאָן די „שטאָלצן" אָדער זיך אָנהענגען ביי לאַיאַלאַן אויפן האַלדז...

ס'איז געווען אין חודש מאַי. דורך די אָפענע פענצטער פון קעלער האָבן „אַריינגעשמעקט" די „גאַרבעדזש־קענס" (בלעכענע מיסט־פּעסער), וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט פאַרן הויז. קעץ האָבן זיך פאַרמאָסטן אַרויפצושפּרינגען אויף זיי און פראַווען ליאַמעס. ס'האָט אַמאָל פאַר־בלאָנדזשעט אַ ווינטל אין קעלער אַריין, וואָס איז געווען געווירצט מיט גאַז פון אויטאָמאָבילן און שטויב.

נאָך אַ סך מאַטערנישן האָט שאַיאַן ענדלעך שלום געמאַכט מיט זיינע נייע „פּיס", וואָס ער האָט שוין אַזוי פיל מאָל געוואָלט אַוועקוואַרפן. די צייט האָט אָנגעהויבן היילן, מילדער מאַכן זיינע ווייטיקן. ער האָט אַ סך געטראַכט, ביז ער האָט איינמאָל געזאָגט:

„לאַיאַלאַ, איך בין אַן עגאָאיסט: פאַר מיר עקזיסטירט נאָר איין מענטש אויף דער וועלט — איך!... אַזוי ווי איך וואָלט געווען דער

איינציקער אומגליקלעכער... אַ סך מאָל שעם איך זיך פאַר זיך אַליין..."

„שאַיאַן, וואָס רעדסטו!..."

„יאָ, יאָ! דאָס איז דער אמת! איך האָב לאַנג נאָכגעטראַכט אידער איך בין געקומען צו דעם באַשלוס. ווייל וואָס זיינען איין פאָר פיס קעגן הונדערטער טויזנטער פיס פון אַזוי פיל יונגע מענער, איינגעשלאָסן טענ־צער, וואָס מען שאַרפט שוין די האַק פאַר זיי?... יאָ, יאָ! לייען די צײַ־טונגען, הער זיך איין צו דער ראַדיאָ... זיי לעכערן מיר דעם קאָפּ, מאַכן מיך נערוועז און איך וויל אויסשרייען: פאַרוואָס שווייגט מען? פאַר־וואָס דערלאָזט מען דאָס? פאַרוואָס שטעלט מען זיי ניט אָפּ?! זיי גראָבן דאָך שוין ווידער קברים פאַר מיליאָנען מענטש, פאַר מיליאָנען פיס, הענט, קעפּ! איינגעשלאָסן אומשולדיקע קינדער, אַלטע, קראַנקע. פאַרוואָס שווייגט מען? פאַרוואָס?!..."‚ האָט ער זיך צעשריגן מיט צעצונדענע אויגן.

„שריי ניט, איך בעט דיך, שאַיאַן, שריי ניט!", האָט זיך לאַיאַלאַ דערשראָקן פאַר אים, „דו מוזט קאָנטראָלירן דיינע נערוון. דאָס שרייען וועט דיר קיין גוטס ניט טאָן".

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף איר... מיט ציטער־דיקע פינגער אָנגעשטאָפּט די ליולקע, וואָס זי האָט אים לעצטנס געקויפט און פאַררויכערט צו באַרואיקן זיך...

נאַכט. דורך די פענצטער פון קעלער הערט זיך דאָס איינגעצוימטע גערויש פון דער שטאָט, זעלטנס גייט עמיצער פאַרביי. דאָס ליכט פון אַ גאַסן־לאָמפּ שלאָגט אָפּ אויף אַ פענצטערער וואַנט פון קעלער און וואַרפט אַ שיין אויף שאַיאַנס פנים. אַן אינערלעכע אומרואיקייט האָט לאַיאַלאַן אויפגעוועקט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף שאַיאַנען און זיך געפריִיט, וואָס ער שמייכלט אין שלאָף. נאָכן לעצטן נערוועזן אויסברוך, ווען ער האָט געוואָרפן מיט די פויסטן און געשריגן אַז מען טאָר ניט שווייגן, איז ער ביסלעכווייז באַרואיקט געוואָרן. די לעצטע טעג האָט ער אָפּט געשמייכלט, דערציילט וויצן פון דער מלחמה... און הילכיק געלאַכט, כאָטש דאָס געלעכטער איז איר ניט געפעלן... אָבער איצט שלאָפט ער רואיק און שמייכלט ווי אַמאָל... ווען זי איז ווידער איינגעשלאָפן האָט שאַיאַנס גע־שריי אויפגעריסן די פאַרטאָגיקע שטילקייט. לאַיאַלאַ האָט אויפגעצי־טערט, ווי מען וואָלט איר אָפּגעשפריצט מיט קאַלט וואַסער. שאַיאַן האָט געקוקט אַרום זיך מיט צעשראָקענע אויגן און געזוכט עפּעס מיט צי־טערדיקע הענט אַרום זיין גוף...

„וואָס איז געשען ? וואָס שרייסטו ?", האָט זי אים מיט שרעק גע־פרעגט.

ער האָט געפּלאָנטערט מיט דער צונג, געוואָלט עפּעס זאָגן, געפּרובט צוזאַמענגעמען די געדאַנקען.

„ענטפער מיר, דו שרעקסט מיך !"

„ס'האָט זיך מיר עפּעס געחלומט".

„וואָס האָט זיך דיר געחלומט ?"

„אַ גוטער חלום".

„דאַרף מען שרייען ?"

„ס'האָט זיך אַרויסגעריסן".

„וואָס האָט זיך דיר געחלומט ? נאַרעלע !"

„ס'האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך טאַנץ אין מיין בעסטן רעפּער־טואַר... דאָס טעאַטער איז איבערגעפּאַקט, דער עולם שטורעמט פון באַ־גייסטערונג, מען טראָגט אַרויף בלומען אויף דער בינע — און איך האָב מיך אויפגעכאַפּט..."

לאַיאָלאַ האָט געשוויגן... דורך די שפּאַרעס פון די פּאַרהאַנגען האָבן זיך באַוויזן גרויע שטריכן פון אָנקומענדיקן טאָג. די איינגעצוימטע נאַכט־שטילקייט איז געוואָרן לויזער, רוישיקער. עס האָבן אָנגעהויבן פאַרביישפּאַנען די ערשטע פיס, וואָס איילן זיך צום סאָבוויי, צום אויטאָ־בוס. אויטאָמאָבילן האָבן אָפּטער גענומען אונטערטאַנצן אויף די פלאַ־טשיקע שטיינער פון „ווילעדזש". עס האָבן פאַרבייגעהילכט גרויסע „טראָקס". די שטאָט האָט אָנגעהויבן דונערן...

שאַיאַן האָט אָפּטער אָנגעטאָן די „שטאָלצן" און זיך געשאָקלט אויף זיי מיט צוויי שטעקנס אין די הענט. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, ער מוז זיך צוגעוווינען, צוזאַמענוואַקסן זיך מיט זיי.

„אָט גיי איך אויף פיס", האָט ער געשפּאַסט. „אין אַ נאָוועלע האָט אַ יונגערמאַן געטאַנצט מיט אַזעלכע פיס... איך ווייס ניט ווי אַזוי, מיר דאַכט זיך, ס'איז לייכטער צו טאַנצן אויף די הענט".

די שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן אָנהיצן, די לופט איז געוואָרן קלע־פּיק, בייסיק. ס'האָט זיך שאַיאַנען אויסגעוויזן, אַז לאַיאָלאַ איז אין אַ גע־פּרעסטער שטימונג. זי זוכט אָפּט אַ געלעגנהייט אַרויסצוגיין פון הויז. איר צערטלעכקייט צו אים פאַרלירט די עכטקייט און ווערט, דאַכט זיך, אַביסל מעכאַניש... זי רעדט צופיל וועגן זייערס אַ באַקאַנטן, אַ טענצער, וואָס זי האָט אָנגעטראָפן... אין יענעם טאָג האָט זי זיך פאַרזאַמט...

סיידן דער זייגער האָט אים אָפּגענאַרט... און דער „אויכמיר" טענצער, איסאַי, איז דאָך אין באַלעט געווען אַ פינפטער ראָד צום וואָגן און דאָך ווען זי רעדט פון אים פלאַמען אירע באַקן... און שדימלעך טאַנצן אין אירע אויגן... אפשר ווייזט זיך אים דאָס אַזוי אויס? ווייל די היץ שטיקט אים און די פיס איבער זיין קאָפּ הערן ניט אויף שפּאַנען, רעדן זיינע נערוון, זיינע געדאַנקען, טאַנצן ווי ניט גוטע אויף אַ שוואַרצער חתונה...

דורך די פענצטער האָט אַריינגעקוקט די טונקעלע פאַרענגטע גאַס. אין דער גלאַנציקער פייכטקייט האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די גאַסן־לאָמפּן און די קאָלירטע „ביאָן־סיינס". ס'רעגנט שוין עטלעכע טעג. שאַיאַנען דאַכט זיך, אַז עס גיסט שוין אַזוי עטלעכע יאָר. פּלוצים איז אָנגעפאָרן אַ „פּאָליס־פּאַטראָל" אויף ברוינע גלאַנציקע פערד. די שטאַרקע שלאַנקע פערדישע פיס צעשפּריצן פונקען אויף די פלאַטשיקע שטיינער. גאָט, וויפל פיס! און ווי שנעל זיי לויפן! מיטן אויג ניט צו דערכאַפּן, אַזוי ווי הימישע קאָזאַקן, וואָס זיין פאָטער פלעגט דערציילן פון זיי, ווען שאַיאַן איז געווען אַ קליין יינגל. קאָזאַקן מיט שווערדן אין די הענט, וואָס פליען פייל אויס בויגן און שאטקעווען מענטשלעכע קעפּ. — — — דאָס רייט די „קאַוואַלעריע", יאָגט זיך צום שלאַכט־פעלד... און טרייבט אַהין הונדערטער, טויזנטער מענטשלעכע פיס פאַר דער „האָק"... דערנאָך ווען זיי אַרומקריכן אויף די בייכער, „טאַנצן אויף שטאָלצן"... עפּעס האָט אַ בליץ געטאָן פאַר זיינע אויגן, ווי אויפן שלאַכט־פעלד ווען ער האָט די פיס פאַרלוירן און ער האָט אָנגעהויבן שרייען מיט אַ פרעמד ווילד קול:

„איך ווייס וואוהין מען פירט זיי, צום טויט פירט מען זיי! מענטשן, פאַרוואָס שווייגט איר? פאַרוואָס דערלאָזט איר דאָס? לאָזט זיי ניט אומברענגען! לאָזט ניט, לאָזט ניט!!" — — —

אין אַ ווינטער־נאַכט

אָנהויב ווינטער האָט מען אַריינגעשטעלט טאָפּלטע פענצטער, צווישן די פענצטער האָט מען אָנגעשטאָפּט וואַטע עטלעכע סענטימעטער הויך, אַ באַוואָרעניש קעגן די אָנקומענדיקע קעלטן. די וואוינונג, וואָס איז באַשטאַנען פון איין צימער איז באַלד געוואָרן אַ פאַרהאַקטער קאַסטן. האָט עמיצער געעפנט די טיר איז געוואָרן אַ געשריי מען זאָל זי שנעל פאַרמאַכן, ווייל ס׳האָט זיך אַריינגעריסן אַ פראָסטיקער ווינט געמישט מיט שניי, אַז ס׳האָט אַלעמען צוזאַמענגעדרייט, און פון צימער, וואו דאָס אייוועלע האָט געברענט, האָט אַרויסגעזעצט אַ פאַרע, ווי פון אַ שוויץ־באָד.

דער גרויער פאַרנאַכט איז געוואָרן טונקעלער, דער שניי אינדרויסן האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסזען העלער. גאַנצע בערג זיינען געווען אָנגעשאָטן. די קינדער האָבן זיך געשפּילט מיט די בלומען, וואָס דער פראָסט האָט אויסגעמאָלט אויף די שויבן, געפירט מיט די פינגער אין די זילבערנע ליניעס, ביז שאַרפע מעסערלעך האָבן זיך אַריינגעשניטן אונטער זייערע נעגל. די ערשטע שטערן האָבן זיך באַוויזן אין הימל, און די מאַמע זעלדע האָט זיך גענומען גרייטן אָנצינדן ס׳לעמפּל.

די קינדער זיינען אַרומגעהאַנגען אַרום איר און געמאָנט:

„מאַמע, עסן!“

„הערט אויף רייסן פון מיר שטיקער. ווי לאַנג איז גאָר ווי איר האָט געגעסן, די ,מיט־עס׳ האָבן זיי היינט געקראָגן...“, האָט זי זיך געבייזערט, נאָר ס׳האַרץ האָט איר ווי געטאָן פאַר זיי. פון וואָס קאָנען זיי זיין זאַט, פון דער שיטערער זופּ, אָן אַ טראָפּן שמאַלץ, פון ביסל פאַליפּקע?

נאָך עטלעכע מינוט שוייגן האָט זיך קליינוואַרג ווידער דערמאָנט, און מעכאַניש געצויגן: „מאַמע, עסן!“

„מאַמע, ס׳איז פינצטער, כ׳האָב מורא, צינד אָן ס׳לעמפּל!“

„וואָס האָסטו מורא, נאַרעלע?“

„בערן קלאַפּן אין פענצטער!“

„וואָסערע בערן? דאָס איז דער שניי, וואָס קלאַפּט אַזוי“, טוליעט זי דאָס ייִנגעלע צו זיך.

„דאָס לעמפּל!“, שליסן זיך צונויף עטלעכע שטימען.

„באַלד, קינדערלעך, באַלד וועט די מאַמע אָנצינדן ס׳לעמפּל, וועט ווערן ליכטיק, וועט ווערן פריילעך", טוליעט זי די קינדער אונטער די „פליגל" פון איר פּאַטשיילע, „אפשר ווילט איר הערן אַ שיינע מעשה פון אַ קייסער, וואָס האָט געהאַט צוויי טעכטער?", וויל זי זיי פאַררעדן, כדי אָפּצוציען דאָס אָנצינדן ס׳לעמפּל און שפּאָרן נאַפט, „כ׳קאָן אייך אויך דערציילן אַ וואונדערלעכע מעשה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן צוויי וואָכן אונטער וואַרשע"...

אַ מעשה האָבן די קינדער שטענדיק ליב צו הערן, ווייל די מאַמעשי דערציילט זייער שיין: זי מאָלט פאַר זיי גאָלדענע פּאַלאַצן מיט פּרינצן און פּרינצעסינס, איינגעטונקען אין פּערל און בריליאַנטן, אַז די קינדער בלענדט אַזש אין די אויגן, דאָס צעפינקלטע ליכט פון יענע פּאַלאַצן וואַרפט אַזש אַן אָפּשיין אויפן פינצטערן שטיבל. נאָר אין סאַמע מיטן דערציילן הייבט דער הונגער ווידער אָן צו מאַטערן, און זיי שלאָגן איר איבער: „מאַמע, עסן!"...

זעלדע ברעכט די הענט: וואָס טוט מען? זי האָט ניט קיין גראָשן ביי דער נשמה. זאָל זי אַריינגיין אין שפּייז־קראָם און בעטן לייען אַ ברויט מיט אַ הערינג? דער קרעמער האָט איר ס׳לעצטע מאָל אָפּגעזאָגט, זי איז אים שוין צופיל שולדיק. קוקט זי אויף די קינדער ווי זיי ווערן פאַר־צערט פון הונגער, און ס׳באַפּאַלט איר אַ שרעק: זיי קענען דאָך אַזוי שטילערהייט אויסגיין פאַר אירע אויגן. און דאָ איז זי איינע אַליין, דער מאַן אין שפּיטאָל, קיין לעבעדיקער מענטש ווייזט זיך ניט... ס׳באַפּאַלט איר אַ שרעק. דער קאָפּ צינדט זיך איר, זי וויל אויפרייסן די טיר און שרייען מיט אַלע כוחות: „געוואַלד, מענטשן, ראַטעוועט! מיינע קינדער שטאַרבן פון הונגער!"

זעלדע דערשרעקט זיך פאַר זיך אַליין, ווען זי זאָל דעם פאַרשטאַנד פאַרלירן, איז אויף וועמען וועלן די קינדער בלייבן? אָבער צו וועמען זאָל זי זיך פּאָרט ווענדן? זי גראָבט אין איר געדאַנק און זוכט, ביז זי דערמאָנט זיך אָן אירס אַ רייכער קרובה. יענע האַלט זיך אָבער פונוויטנס, דערקענט זי ניט, ווייל זי ניט דערקענען. זי איז אָבער פּאָרט נעענטער איי־דער אַ פרעמדע, צו וועמען דען קאָן זי גיין אין איר ביטערער נויט? זעלדע באַשליסט נאָך היינט ביינאַכט צו גיין צו דער קרובה. אַ האָפענונג האָט אויפגעלויכטן אין איר און פריידיק אַ פלייץ געטאָן אַרום איר האַרץ: זי וועט דער קרובה דערציילן, אַז איר מאַן איז אין שפּיטאָל און זי מיט די קינדער גייען אויס פון הונגער, קומען אום פון קעלט. בלוט איז

דאָך ניט קיין וואַסער. זי וועט איר פאַלן צו די פיס... די קרובה וועט איר זיכער העלפן. וועט זי קאָנען קויפן שפּייז פאַר די קינדער, — שטעלן זיך זעלדען טרערן פון פרייד אין די אויגן.

„צינד אָן ס'לעמפל!", האָבן די קינדער ווידער גענומען מאָנען.

„שוין, שוועלבעלעך מיינע, די מאַמע גייט שוין אָנצינדן ס'לעמפל. באַלד וועט ווערן ליכטיק", האָט זי אויסגעזונגען, „דערנאָך וועט די מאַמעשי אַוועקגיין צו איר קרובה, דער מאַדאַם גאָלדנהיימער, און ברענגען גוטע זאַכן צום עסן פאַר די קינדערלעך, אפשר גאָר זעמעלעך מיט פוטער, מיט זיסע באַווארקע".

די קינדער האָבן האָפענונגספול געמיכלט:

„הונגעריק, מאַמע!"

זעלדע האָט אָנגעהויבן אָנצינדן ס'לעמפל: זי האָט זיך געשטעלט ביי דער שיין פון פאַרשנייטן פענצטער און גענומען אַרבעטן אַרום דעם. דאָס ערשטע האָט זי איינגעדרייט אַ שמאַטע און זי אַדורכגעצויגן דורכן גלעזל, ווי אַ קוימענקערער רייניקט אַ קוימען. דערנאָך האָט זי אַרויסגעדרייט דאָס קנייטל פון לעמפל און אָפּגעשניטן ס'פאַרברענטע ציינגל, איינגעטונקען דאָס קנייטל אין לעצטן ביסל נאַפט, וואָס זי האָט אַריינגעגאָסן פון אַ בלעכן קענדל, צוגעטראָגן אַ שוועבעלע און — שאָטנס האָבן זיך צעטאַנצט אויף די ווענט.

זעלדע האָט זיך שנעל גענומען אָנטאָן, אַרויפגעשלעפּט אויף זיך אַלץ וואָס זי האָט נאָר געהאַט, איינגעהילט זיך אין דער פאַטשיילקע און אַ צעשראָקענעם קוק געטאָן אויף דער דרויסנדיקער שניי־זאַווערוכע, וואָס האָט זיך געדרייט הינטער די שויבן. זעלטן האָט זיך געזען אַ פאַרביי־גייער, אָדער אַ ראָד האָט אַ שנייד געטאָן אין שניי ווי אַ מעסער אויף גלאָז. אַ הונט האָט זיך ערגעץ מיט אַ בילעריי געריסן פון דער קייט. זעלדע האָט זיך אַזוי איינגעוויקלט אין דער פאַטשיילע, אַז מען האָט איר בלויז די נאָז אַרויסגעזען, און אָנגעזאָגט דודלען, דעם עלטסטן, אַכטונג צו געבן אויף די קלענערע קינדער ביז זי וועט צוריקקומען. די קינדער האָבן מורא געהאַט צו בלייבן אַליין, נאָר אַז די מאַמע האָט זיי צוגעזאָגט צו ברענגען גוטע זאַכן צום עסן האָבן זיי געשוויגן, זיך פאַררוקט אונטער דער פּערינע און זיך אָנגענומען מיט קוראַזש.

דער פראָסט האָט פאַרהאַרטעוועט דעם שניי. זי האָט געטראָטן ווי אויף צעשטויסן גלאָז, דער ווינט האָט זיך מעסערדיק דורכגעשניטן דורך זעלדעס אַלטער פאַטשיילע און געשניטן איר לייב. זי

האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן פענצטער פון דער שפּיז־קראָם, אונטערגע־טאַנצט אין די צעריסענע שיך און אַריינגעקוקט. דער קרעמער האָט איר דערזען און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, אָנגעשטעלט אויף איר אַ קרומע פּלייצע, אַ בייזע. ס'האָבן אַרויסגעמאַניעט צו איר די גלאַנציק־געשמאַקע ברויטן, די פּאַס הערינג האָט איר געמאַכט וואַסערן ס'מויל. דער ווינט האָט אַ ריס געטאָן אַ ברעג פון איר פאַטשיילע, זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, אָנגעכאַפּט דעם פליענדיקן עק, און זיך געלאָזט לויפן צו דער קרובה.

זעלדע דערמאָנט זיך יענערס גבירישע געשטאַלט מיטן שטאָלצן גוי־דער; אירע ברילי־אַנטענע אויערינגען בליצן מיט גרינע פייערן, דעם קאָפּ האַלט זי הויך פאַרריסן און זי רעדט נאָר פּויליש אָדער דייטש. זעלדע ווייסט ניט ווי זאָל זי ריידן צו איר, ווי זאָל זי אָנהויבן. פון שרעק ווערן איר די פיס געליימט, זי וואָלט געוואָלט גיין צוריק, נאָר אינדער־היים וואַרטן די הונגעריקע קינדער. שניידט זי זיך האַסטיקער אין פראָס־טיקן ווינט אַריין, פּאַטשט מיט די צעריסענע שיך אין שניי. זי מוז וואָס שנעלער אַהין קומען — און דאָס איבערקומען.

אָט איז דאָס הויז. פון די גרויסע פענצטער פלייצט אַרויס אַ יום־טובדיקע ליכטיקייט, ס'טראָגן זיך טענער פון אַ פּיאַנאָ און געלעכטער. זי דערפילט זיך קליין און דערשלאָגן לעבן דעם הויכן רייכן הויז. וועט איר די קרובה וועלן דערקענען? און ווי אַזוי זאָל זי ריידן צו איר, אויף יידיש? ניין, יענע וועט זיך נאָך באַליידיקן.. פּויליש? צי אפשר גאָר דייטש? זעלדען דאַכט זיך, אַז זי קאָן רעדן אַביסל דייטש...

אין הויף איז איר אַנטקעגן געקומען דער סטרוזש, ער האָט זיך בעריש געשאָקלט אין ברייטן פעלץ מיטן פוטער פון דרויסן, געקוקט אויף איר מיט בייזע שכורע אויגן:

„וועמען זוכסטו דאָ? וואָס ,שליאַיעסטו' זיך אַרום?“

זי האָט קוים געקענט דעם אָטעם כאַפּן פון לאַנגן וועג, אַ פאַרע האָט געזעצט פון איר מויל:

„זאָל דער ,פּאַן' זיין אַזוי גוט און מיר זאָגן וואו די גאָלדנהיימערס וואוינען.

דער סטרוזש האָט גענומען אַ וואָנצע אין דער האַנט אַריין, און פאַר־דעכטיק געקוקט אויף איר:

„וואָס דאַרפסטו די גאָלדנהיימערס?“

„זי איז מיינע אַ קרובה“.

ער האָט פּאַרדוקט דאָס היטל, שווער אַ טראַכט געטאָן, ביז געוואָר־טשעט אין די וואָנצעס אַריין, און צום סוף געוויזן וואו די גאָלדנהיימערס וואוינען. נאָר ער האָט איר נאָכגעקוקט — און געהיט...

זי האָט געעפנט אַ טיר, ס׳האָט אַ בלענד געטאָן אין אירע אויגן דאָס ליכט פון אַ סך הענגלייכטער, אַ וואָרעמקייט האָט זיך אַ טראָג געטאָן אויף איר, הערן און דאַמען האָבן געטאַנצט, זיך עלעגאַנט געבויגן איינע פאַר די אַנדערע. פּלוצים האָט עמיצער אויסגעשריגן: „אַ חוצפּה פון אַ שנאָ־רער צו קריכן דווקא דורך דעם פּאַראַדנעם אַריינגאַנג! זאָל זי גיין הינטן אַרום דורך דער קיך!", און די טיר האָט זיך פאַרהאַקט פאַר איר.

זעלדע האָט געעפנט די טיר פון דער קיך, אַ היץ האָט איר אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין, פאַרשוויצטע קעכינס זיינען געשטאַנען איבער גרויסע קאָכעדיקע טעפּ, אויף לאַנגע טישן זיינען געווען אויסגעלייגט לע־קעכער און טאָרטן, מאַנדל־ברויטן, שטרודלען, קעז־קוכנס. עס איז געווען אָנגעשטעלט בראָנפן, און פאַרשיידענע וויינען מיט פאַרהאַרטעוועטן שטויב אויף די פלעשער פון אַלטקייט. צוויי קעכינס האָבן זיך געקריגט און גע־פאָכעט מיט קאָך־לעפל איינע קעגן דער אַנדערער, געבליצט מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, געשרייען מיט באַנומענע קולות, ביז ס׳האָט זיך גע־עפנט אַ טיר, וואָס האָט אָפּגעהאַקט די געוואַלדן — ס׳איז געוואָרן טויט־שטיל.

די מאַדאַם גאָלדנהיימער איז געשטאַנען אויפן שוועל, און אַלע האָבן זיך איינגעקאָרטשעט, ווי אַ שטורעם־ווינט וואָלט זיי צוזאַמענגעדרייט און איינגעבויגן. זעלדעס רייכע קרובה איז געשטאַנען פאַר זיי, אָן אויסגע־צויגענע אין איר גאַנצער הויך, מיט די בריליאַנטענע אויערינגען און פּערל אויפן האַלדז, זי האָט זיי באַטראַכט און אַ ווײַלע געשוויגן. מען האָט געקענט הערן ווי די טעפּ זידן, ווי די גריוון וויינען אין שמאַלץ. זי האָט צוגעטראָגן די ברילן צו די אויגן און באַפוילן אויף אַ יידישן־דייטש:

„זאָל מאַן דערלאַנגען נאָך געבראַטנס, און האַלט יעמאַנד אַן אויג אויף די וויינען? אַכטונג געבן, עס ווערן פאַרפאַלן זאַכן! און ווער איזט די דאָרט ביי דער טיר? פאַרוואָס לאָזט מען האַריין שלעפּער, וואָס איסט דאָס איינע קרעטשמע?!"

איין קעכין האָט זיך מיטן פאַרטוך אָפּגעווישט ס׳פאַרשוויצטע פּנים און הכנעהדיק געענטפערט:

„ס׳האָט זי קיינער ניט אַריינגעלאָזט, זי האָט זיך אַריינגעריסן"...

דער שניי אויף זעלדעס שיך און פאַטשיילע האָט אָנגעהויבן צעגיין און ס'איז געוואָרן אַ וואַסער אַרום איר, זי האָט ניט געוואוסט וואו די אויגן אהינצוטאָן, ווען ס'עפנט זיך אַ גרוב וואָלט זי אַריינגעשפּרונגען.

די מאַדאַם האָט אַ שאַרפן קוק געטאָן אויף זעלדען דורך דיברילן און געוואָרן רויט: ס'איז די שלעפּערקע! זי איז איר געקומען פאַר־שוואַרצן ס'פּנים, ניט געקאָנט אויסקלייבן קיין אַנדערע צייט נאָר גראָד ווען ביי איר איז אַ באַל און ס'איז פאַרזאַמלט אַזאַ הויכע געזעלשאַפט?! נאָך געקראָכן דורך דעם פּאַראַדנעם אַריינגאַנג!... דער מאַדאַמס טרייס־לען מיטן גוידער האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף זעלדען. זי האָט אין פאַרצווייפלונג געשטעלט אַ טריט צו דער קרובה, נאָר יענערס צאָרנדיקע אויגן האָבן זי געטריבן פון זיך, ווי אַ בייטש וואָלט זי געשמיסן און זי איז אַרויסגעלאָפן פון דער קיך.

זעלדע איז שנעל געלאָפן אַהיים, געוואָלט אָנקומען איידער מען פאַר־מאַכט די שפּייז־קראָם, אפשר וועט איר דער קרעמער פאָרט לייען אַ ברויט מיט אַ בינטל האָלץ אָנצוואַרעמען די אייז־קאַלטע שטוב. דער ווינט האָט ווילד געדרייט מיטן שניי־שטויב, וואָס האָט געבלענדט און געשטאָכן אירע אויגן, היימלאָזע הינט האָבן צאָרנדיק געבילן און איר נאָכגעלאָפן. זעלדע האָט זיך אויסגעגליטשט און געפאַלן אין שניי, אויפגעהויבן זיך און ווידער געלאָפן. אַז זי איז געקומען צו איר הויז האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ — די שפּייז־קראָם איז שוין געווען פאַרמאַכט! זי איז געבליבן שטיין, קוים געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן און זיך צעוויינט. קיי־נער איז ניט געווען אַרום, האָט זי געהעשעט ווי אַ קליין קינד. ווען זי איז געקומען צו זיך האָט זי מיט די געפרוירענע הענט, וואָס זי האָט זיי קוים געפילט, זיך אויסגעווישט די אויגן, און זיי אויסגעוואַשן מיט אַביסל שניי, די קינדער טאָרן איר ניט זען קיין פאַרוויינטע, באַדאַרפן דער קרובה אַזאַ שפּיי טאָן אין פּנים אַריין, זי זאָל בלינד ווערן...

זעלדע האָט זיך אַריינגעגנבעט אין הויז. די קינדער זיינען געשלאָפן איינגעטוליעט אייבס אין אַנדערן אונטער דער פערינע. גיטעלע האָט גע־הוסט מיט אַ קריי פון אַ געשאָכטן הינדל, אַ פאַרדעכטיקער הוסט... איז זעלדען באַפאַלן אַ טויט־שרעק, ס'זאָל נאָר ניט זיין קיין קרופּאָווער הוסט, ווי ביי פייגעלען, וואָס איז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק געשטאָרבן, איר צו לענגערע יאָר.

דער אַכט־יאָריקער דוד האָט זיך אויפגעכאַפּט, דערזען דער מאַמען האָט ער זיך דערפרייט און גענומען מאַנען עסן.

„מאָרגן, קינד מיינס", האָט זי אים פאַרזיכערט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, „מאָרגן וועט דיר די מאַמע געבן עסן, היינט איז שוין שפּעט. שלאָף, וועט דיך ניט הונגערן".

און געטראַכט האָט זי: ווען אַ האַנדלאַרזש וועט מאָרגן דורכגיין וועט זי פאַרקויפן די לעצטע פּאָר אַלטע זאַכן... וואָס ווייטער וועט זיין, האָט זי מורא געהאַט צו טראַכטן...

מילדרעד

ווען מילדרעד האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען באַלד נאַכט. די ווייסע קאַץ, וואָס איז געזעסן אויף אַ שטול לעבן בעט, האָט געבליצט מיט די גרינע אגרעס־אויגן, און נאָכגעפאָלגט אירע באַוועגונגען. אין פענצטער האָט אַריינגעקוקט דער טונקל־גרויער סאַן־פראַנציסקער הימל, פון וואַנען ס'איז שוין דעם צווייטן טאָג געפאַלן אַ מיד־פוילער רעגן. פון מינוט צו מינוט, איז געוואָרן טונקעלער, אויף די גרויע פאַררעגנטע שויבן האָט זיך שוין אָפּגעשפּיגלט דאָס ליכט פון די גאַסן־לאָמפּן.

מילדרעד האָט זיך געצויגן, געגענעצט. ס'איז איר אַ שאָד געווען אַרויסצוגיין פון וואַרעמען בעט. אַ שווערע נאַכט געווען: אויף איר לייב זיינען נאָך שלאַנגיק געקראָכן די הענט פון שיכורים, ס'האָט איר געשטיקט דער נאָך־ריח פון גרינע סלוניקע מיילער פון עלטערע לייט, וואָס האָבן איר אָטעם געסמט. זי איז דערנאָך אַוועקגעפאַלן ווי אַ דערהרגעטע און אָפּגעשלאָפן אַ גאַנצן טאָג. איצט מוז זי אויפשטיין, אַנדערע מיידלעך זיינען שוין אין גאַס, איר קאָפּ ליגט שווער, ווי אַ שטיין אויפן קישן. אין מויל איז טרוקן, זי דאַרף אַ „טרונק“, דאָס וואָלט איר געשטעלט אויף די פיס. זי האָט זיך אָנגעטאָן, געשטאַנען אַ ווײַלע פאַרן קליינעם צעבראָכענעם שפּיגל, וואָס האָט געשפּאָלטן איר פּנים, און זיך באַטראַכט: איצט זעט זי אויס די גאַנצע פערציק יאָר, אויב ניט מער. די יאָרן האָבן זיך טיף איינגעשניטן אין איר, געמאַכט אין איר געלבלעך פּנים קברים־גריבלעך וואָס וואַרפן אויף איר אָן אַ שרעק. נאָר אַז זי שמירט אָן אַ פעטע זאַלב, וואָס פילט אויס די קנייטשן, פלאַמט צו די קינבאַקן, מאַכט בלוט־רויט די ליפּן, גיסט אַריין טראָפּנס אין די אויגן זיי זאָלן גלאַנצן — וואַרפט זי אַראָפּ גוטע צען יאָר פון זיך. זי פּאַטשט אָפּ די הענט פון פודער, וואָס זי טוט צום סוף אַרויף אויפן אונטערשטן טייל פון פּנים — און ווען זי גייט אַרויס אויף דער גאַס מיט אונטערטאַנצנדיקע „יוגנטלעכע“ טריט, טוט זי נאָך אין דער פינצטער אַ בליאַסק, און טייל פאַרבייגייענדיקע מענער קוקן איר נאָך.

זי איז אַריין אין אַ „סאַלון“, אויסגעטרונקען אַ גלעזל בראָנפן און

אויפגעציטערט. זי האָט זיך געהייסן געבן אַ פליישׁ־„סענדוויטש" מיט קאַווע.

„קרים, צוקער?", האָט די קעלנערין געפרעגט.

„שוואַרץ, ביטער"...

דער בראָנפן האָט אָפּגעווישט די מאַטקייט פון אירע אויגן. זי האָט לאַנגזאַם געקייט און געקוקט אין דער פענצטערער נאַכט אַריין. עטלעכע מיידלעך האָבן אַ רוף געטאָן:

„העי, מילדרעד!"

צווי מענער: איינער מיט אַ רויט פּנים ווי פון פייער אַרויס, האָבן איר מיט די עלנבויגנס געשטורכעט אין דער זייט אַריין. זי האָט אַ לייכטן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו זיי, געקייט דעם לעצטן ביסן און באַ־שטעלט נאָך אַ טעפּל קאַווע. דערנאָך האָט זי פאַררויכערט און זיך פאַר־טראַכט: דאָס קינד, וואָס זי האָט אַמאָל איבערגעלאָזט ביי אַ טיר, מוז שוין איצט זיין אַ דערוואַקסענער מאַן. זיין פאָטער איז געווען אַ מאַטראָס, איז ער אַוודאי אויך אַ מאַטראָס. דער פאָטער איז אַרומגעפאָרן איבער אַלע ימען און געהאַט אין יעדן פּאָרט אַ מיידל, ווער ווייסט ווי דער זון פירט זיך אויף?... זי איז דעמאָלט געווען פאַרבלענדט, פאַרליבט ביז משוגעת און זיך געלאָזט פאַרפירן, געגלויבט אין זיינע שיינע רייד. אַז ער האָט זיך דערוואוסט זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן, איז ער פאַרשוואונדן. זי איז געבליבן מיטן קינד ווי מיט אַ שטריק אויפן האַלדז. געוואָלט נעמען סם, נאָר זי האָט ניט געהאַט קיין האַרץ אומצוברענגען ס׳קינד, און באַשלאָסן — דאָס אונטערצוּוואַרפן.

זי געדענקט ווי דאָס קינד האָט זיך ניט געלאָזט אָפּרייסן פון איר, איינגעגראָבן די קליינע פינגערלעך אין איר ברוסט, און זיך פאַרקייכט ווען זי האָט עס איבערגעלאָזט.

אַז זי טראַכט דערפון דערוועקן זיך אין איר געפילן פון אַ מאַמען, און זי וויינט פון בענקשאַפט, ביז — זי נעמט זיך צום „טרונק". דאָס קינד, רעכנט זי אויס, מוז שוין איצט זיין אַ מאַן, און האָדעווענדיק זיך אָן עלטערן — ווער ווייסט ווי אַזוי ער איז אויסגעוואַקסן? חברים קענען נאָך אים אַמאָל פאַרשלעפּן אין אַן אומאַנשטענדיק הויז. ער קען נאָך אַמאָל קומען צו איר... באַפאַלט איר אַ ווילדע שריק, און זי פאַרגיסט דעם פענצטערן געדאַנק מיט בראָנפן.

ס׳קינד האָט געהאַט אַ געבורט־צייכן, אַ שוואַרץ פינטל אונטערן רעכטן אויג. קאָן אַ מאַן ניט קומען נאָענט צו איר איידער זי מאַכט

ניט זיכער, אַז ער האָט ניט יענעם צייכן. זי ווייסט, אַז זי איז משוגע, נאָר די געדאַנקען דרייען זיך קעגן איר ווילן.

ס'איז ווידער געווען צווישן טאָג און נאַכט ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, די קאָפּ איז געזעסן לעבן איר בעט און געשפּיזלט מיט די גרינע אויגן. מילדרעד האָט אויסגעצויגן די האַנט און געגלעט איר ווייכן רוקן. זי האָט זיך ווידער געפילט אַרויסצוקריכן פון וואַרעמען בעט, ביז זי האָט האַסטיק אַרונטערגעוואָרפן פון זיך די אויבער־דעק, געשטעלט זיך פאַרן שפּיגל, „אַנגעטאָן" אַן אַנדער פּנים, און אַרויס אין גאַס. זי האָט איינעם „אויפגעשטאָכן" אויף איר בליק, יענער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיי האָבן אויסגעטוישט עטלעכע ווערטער, אָפּגערעדט אַ פּרייז, זי האָט מעכאַניש געשמייכלט מיט די ליאַלקע־אויגן. זיי זיינען ביידע געגאַנגען צו איר אין האָטעל. מיטאַמאָל האָט ער איר געוויזן אַ „דעטעקטיוו־בעדזש" און געזאָגט, אַז ער אַרעסטירט זי פאַר פאַרטשעפּען מענער. מילדרעדן איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן, די העל־באַלויכטענע גאַס האָט זיך אַ וויג געטאָן. זי האָט געזוכט אַרום זיך אירע באַקאַנטע מיידלעך, וואָס זאָלן לאָזן וויסן דעם „באַשיצער" וועגן אַרעסט, נאָר יענע זיינען ניט געוואָרן. זי האָט געשפּאַנט זייט ביי זייט מיטן „דעטעקטיוו", פון די אָפענע „סאַלונס" האָבן זיך געטראָגן פריילעכע שיכורע קולות, און זי איז מקנא געווען די אַלע וואָס זיינען דאָרט. ווער ווייסט אויף ווי לאַנג מען וועט זי איצט פאַרשפּאַרן.

מען האָט זי אַריינגעלאָזט אין אַ פינצטערן קאַמער. פון קאָרידאָר האָט אַריינגעשיינט אַ בלייך ליכט. ס'האָט זיך באַוועגט אַ פלאַנטער פון פרויען־שאָטנס, וואָס האָבן געדרוקערט, געשפּיגן און זיך געקריגט. אַ געשטאַנק האָט איר אַ זעץ געטאָן אין נאָז אַריין. קיינער האָט דעם קאָפּ ניט אויסגעדרייט צו איר. פון קאָרידאָר האָט זיך געטראָגן אַ פרום געזאַנג פון אַ רעליגיעזער סעקטע, וואָס זוכט צו באַקערן די זינדיקע צו גאָט. דאָס געזאַנג האָט זיך געצויגן ווי אַ לוויה־ניגון און אַנגעוואָרפן אַ שרעק. אַן אַלקאָהאָליקערין האָט זיך צערעוועט ווי אַ געקוילעטע, געיאָמערט, געפּלאָנטערט אומפאַרשטענדלעך מיט דער צונג, געריסן די גראַטעס, נאָר קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף איר.

מילדרעד האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און אַנגעהויבן אַרויסזען פנימער.

„כ'האָב געהאָפט, אַז כ'וועל האָבן אַ געזונט קינד", האָט זי דערהערט אַ שטימע לעבן זיך, „ס'וועט אויפוואַקסן הויך און שטאַרק ווי דזשאָן.

קאָרמענען זיי מיך מיט הינטישע שפּייז, וואָס איך קאָן אין מויל ניט נעמען. זיי פאַרהונגערן מיין קינד, ס׳וועט געבוירן ווערן שוואַך און פאַרקריפּלט!״, האָט זיך געוויגט איר אַ בלאָנד קעפּל.

מילדרעד האָט אַ קוק געטאָן אויף איר: נאָך כמעט אַליין אַ קינד מיט אַ הויכן בויך.

„איך האָב געגלויבט דזשאַנען. ער האָט געהאַט אַן ערלעך פּנים״, האָט יענע גערעדט האַלב צו זיך, „אַז איך בין שוואַנגער געוואָרן האָט מיך דער טאַטע געוואָלט דערהרגענען, בין איך אַנטלאָפן פון דער היים און וואַלגער זיך אַרום. מענער זיינען אַ טשאַטע הינט וואָס זוכן אַ ביין. צוריקגיין אַהיים האָב איך מורא, דער טאַטע האָט געשוואוירן ער וועט מיך דערהרגענען.

„פאַרוואָס האַלט מען דיך דאָ?״, שלאָגט איר איבער מילדרעד.

„צוליב די פאַרדאַמטע ,קאַפּס׳! ס׳קומט מיר אַקעגן אַ פיינער ,דזשענטל־מאַן׳ און פרעגט מיך וואו איך וואוין, זאָג איך אים, אַז איך וואוין דערוויל אין ערגעץ ניט, אַרעסטירט ער מיך, און זאָגט אין ,פּאָליס־סטעישאָן׳, אַז איך האָב אים פאַרטשעפּעט. ס׳איז אַ גאָט־פאַרדאַמטער ליגן! איך שווער ביי מיין איינציק קינד, אַז ער איז אַ ליגנער! ווייל איך בין ניט ,אַזאַ׳. מיט דזשאַנען בין איך געגאַנגען, ווייל ער האָט מיר אָפּגעטאָן כישוף, אַז כ׳האָב זיך געמוזט פאַרליבן אין אים. ער איז מיין ערשטע ליבע — גלויבן זיי וואָס דער „קאַפּער״ זאָגט. האַלטן מיך פאַרשפּאַרט ווי איך וואָלט דערהרגעט אַ מענטשן, און שפּייזן מיך ווי אַ הונט. זיי וועלן פאַרהונגערן מיין קינד, ס׳וועט געבוירן ווערן פאַרקריפּלט. אַזאַ קינד וויל איך אויף דער וועלט ניט ברענגען, כ׳וועל עס בעסער פריער אַליין דערהרגענען!״, רייסט זי זיך די האָר פון קאָפּ.

מילדרעד כאַפּט זי אָן פאַר דער האַנט:

„משוגענע! אַ קינד איז הייליק, ס׳איז אַ גאָטס געשאַנק, מען טאָר עס ניט אומברענגען, ס׳איז אפילו אַ זינד אַזוי צו רעדן, גאָט וועט דיך שטראָפן דערפאַר!״

„גאָט האָט מיך שוין געשטראָפט!״...

מילדרעד נעמט אַרויס אַ טיכל און ווישט אויס דעם מיידלס טרערן, גלעט צערטלעך, מאַמעדיק אירע האָר:

„וויין ניט, נאַרעלע, ביסט יונג און קאָנסט נאָך אַלץ גוטמאַכן, און דזשאַן וועט צוריקקומען, ער וועט זיך פאַרבענקען נאָך דיר, ווייל דו ביסט אַ שיינע און דו נעמסט און פאַרשמירסט אַזאַ פּנים מיט טרערן!״

דאָס יונגע מאַמעלע האָט אָנגעכאַפּט מילדרעדס האַנט און זיך נאָך ביטערער צעוויינט, געצוקט מיט די דאַרע שפּיציקע אַקסלען און זיך גאָרניט געקענט איינשטילן, ביז מילדרעד האָט זי איינגענומען מיט אַ סיגאַרעט, ווי מען שטילט איין אַ קינד מיט אַ צוקערל. יענע האָט גע־ניט אַריינגעצויגן דעם רויך, און אַרויסגעלאָזט פון די נאָז־לעכער צוויי גרויע שלענגלעך. זי האָט אָפּגעזיפצט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און באַ־טראַכט מילדרעדן.

„ער וועט צוריקקומען", האָט איר מילדרעד גלייך געמאַכט די האָר, „אויב ניט, וועסטו קריגן אַ צווייטן, אַ בעסערן, וואָס וועט וויסן ווי דיך צו שעצן. דו נאַר, מיט אַזאַ פּנים האָסטו וואָס מורא צו האָבן? און הער זיך איין: אַזוי שנעל ווי מען וועט דיך אַרויסלאָזן פאָר צוריק אַהיים, באַהאַלט זיך פון טאַטן, זוך אויס דער מאַמען, זי וועט דיר פאַרגעבן און העלפן, אַ מאַמע איז ניט קיין טאַטע".

מילדרעד האָט פאַררויכערט, אַראָפּגענומען מיטן פינגער אַ קערנדל טאַבאַק פון דער ליפּ, טיף אַריינגעצויגן דעם רויך:

„די הויפּט־זאַך, פאַרליר ניט דעם קאָפּ, ביסט יונג און שיין, האָסט נאָך די גאַנצע וועלט פאַר זיך. און דאָס קינד היט אָפּ, אַ קינד איז אַלץ. און אַ מאַמע צו זיין איז אַ גרויסע זאַך! טו ווי איך האָב געטאָן: אין דיינע יאָרן האָט מיך מיין געליבטער אויך איבערגעלאָזט מיט אַ קינד, האָב איך פאַרלוירן דעם קאָפּ? ,נאָוסערי', כ'האָב זיך געשטעלט אַרבעטן און מיין קינד דערצויגן"...

די קליינע הויבט אויף די אויגן:

„האָסט אויך אַ קינד?"

„אַ קינד? ער איז שוין אַ דערוואָקסענער מאַן, אין אַ יאָר אַרום קריגט ער זיין דאָקטאָר־דיפּלאָם... זאָלסט ניט מיינען ס'איז מיר אַזוי לייכט אָנגעקומען: כ'האָב געאַרבעט ווי אַ פערד, אָפּגעשפּאָרט פון מויל, אַבי מיין קינד זאָל גאָרניט פעלן. אין שווערע צייטן, ווען ס'איז ניט געווען מעגלעך צו קריגן קיין אַרבעט, כאָטש לייג זיך אַוועק און שטאַרב, האָב איך מיין קערפּער פאַרקויפט, אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן, און מיין קינד האָט גאָרניט געפעלט. היינט איז די מאַמע ביי אים אַ קעניגין. ,מאַמע', זאָגט ער, ,אַז איך וועל ווערן אַ דאָקטאָר וועסטו וואוינען אין שענסטן הויז, מיט אַ דינסט און אַן אויטאָמאָביל ביי דער טיר'... ער איז אַ טייערער ,באָי'", שטעלן זיך מילדרעדן טרערן אין אויגן פון נחת...

„מיין זון", פאַנטאַזירט די יונגע מאַמע, „קאָן נאָך ווערן אַ באַרימטער לאָיער אָדער אַ קאָנגרעס־מאַן, דעמאָלט: זאָל דזשאָן זען, וואָס פאַר אַ מאַמע איך בין"...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען מילדרעדן אַרויסגעלאָזט פון אַרעסט. אינדרויסן האָט געוואַרט איר „באַשיצער". זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים:

„דזשאָני!"

„פּאַוואָליע, שוועסטער! זע נאָר ווי דו קוקסט אויס, אַ שענערע ליגט מען אין דער ערד אַריין. די ממזרים מאַכן מיר אַ תל פון די מיידלעך. קום, וועלן מיר אויסטרינקען"...

זיי זיינען געזעסן אין טונקעלען „סאַלון" און געזופּט פון די גלעזלעך. דזשאָן: הויך, מוסקוליעז, מיט ווייכע לאַשטשענדיקע אויגן, וואָס זיינען אַ נעץ פאַר יונגע מיידלעך, וואָס ער פאַנגט ווי פיש אין מוטנע וואַסער... נאָר זיינע מויל־ווינקלען באַהאַלטן אַ ברוטאַלע האַרטקייט. זי האָט גע־האַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן צום גלעזל, ער זאָל ניט זען איר פאַר־עלטערט צעקנייטשט פּנים, וואָס זי האָט אין טורמע ניט געהאַט קיין מעגלעכקייטן „איבערצובייטן". דזשאָן האָט אַראָפּגעקוקט צו איר:

„פאַרוואָס לאָזטו זיך כאַפּן אויף דער ווענדקע? שוין צייט זאָלסט דערקענען די פאַרדאַמטע ,קאַפּס'!"

מילדרעד האָט געדרייט אין דער האַנט דאָס גלעזל:

„וואָס האָב איך געקאָנט וויסן? ער האָט אויסגעזען ווי יעדער אַנ־דערער מאַן".

„שוין צייט זאָלסט וויסן, ביסט שוין גענוג לאַנג אין דער ,ביזנעס'... דאַרפסט זיי שוין דערשמעקן. נו, גיי אַהיים און רו זיך אויס, טו אָן אַן אַנדער פּנים, און נעם ניט מער קיין ,הילצערנע ניקלס'..."

ס'האָבן זיך ווידער געצויגן לאַנגע שווערע נעכט, די טעג זיינען אַרויסגעפאַלן פון איר לעבן, זי האָט קיינמאָל ניט געזען די זון. איר ווערט האָט אָנגעהויבן פאַלן. דזשאָני, איר „באַשיצער", האָט געבראַכט אַ נייעם „סטאָק" יונגע שיינע מיידלעך, טייל נאָך כמעט קינדער. מילדרעד האָט דערזען, אַז זי דערנעענטערט זיך צום אָפּגרונט און אָנגעהויבן טראַכטן פון אַן אויסוועג. אָט איז גאַסי, אַ מיידל וואָס האָט אַמאָל „געאַרבעט" מיט איר צוזאַמען אין אַ „הויז". יענע האָט געהאַט שכל — אָנגעזאַמלט געלט און געעפנט אַן אייגן געשעפט. איצט איז זי אַ „לעידי", געקראָגן אַ פיינעם מאַן, זי האָט איר אַמאָל געטראָפן מיט אים, אַ דזשענטלמאַן,

מיט רינגען אויף די פינגער וואָס בלענדן די אויגן, אַן אידעלער אַזאַ. ער פאַרנויגט זיך ווי אַן אמתער גראַף. אפשר קאָן זי אויך קריגן אַזאַ מאַן ווען זי וועט האָבן אַ „ביזנעס"? זי מוז עפּעס טאָן, באַפאַלט איר אַ פּאַניק, ס'דערנעענטערט זיך די צייט ווען זי וועט אַרויסגעוואָרפן ווערן אויפן מיסט. די נייע יונגע מיידלעך וואָס דזשאָן האָט געבראַכט גייען אויף איר לעבן. די אויגן וואָלט זי זיי אויסגעברענט, די פּנימער אָפּגע־שיילט. דערנאָך פאַרטראַכט זי זיך — און האָט אויף זיי רחמנות...

שוין עטלעכע טעג ווי מען רעדט אין די סאַן־פראַנציסקאָ ביר־שענ־קען, אַז „ביזנעס" איז שלעכט. די „באַרטענדערס" האָבן צייט צו דערציילן פּעפּערדיקע וויצן, קוקן אויפן „קאַסטאָמער" מיט אַ האַלב פאַרקוועטשט אויג, און אַז יענער שיסט אַרויס מיט אַ געלעכטער, שמייכלען זיי אונ־טעניק מיט היניטישער דאַנקבאַרקייט, און כאַפּן זיך ווישן די גלעזער מיט ווייסע האַנטיכער, שפּיגלען זיך אין זיי ביז זיי פינקלען.

מיידלעך זיצן מיט גלעזלעך ביי די טישלעך און באַקלאָגן זיך אויך, אַז „ביזנעס" איז שלעכט. אין די שענקען איז די לופט שווער, פאַרגרויט מיט רויך. די „מיידלעך" קוקן צו דער טיר, וואַרטן אויף אַ גאַסט, רוי־כערן סיגאַרעטן און טרינקען שוין בראָנפן אויף באָרג.

אינדרויסן טאַנצן אַ קאַראַהאַד די סאַן־פראַנציסקער ווינטן, צעבייגן די פאַרביגייער ווי ליימיקע פיגורן אין די הענט פון אַ לצוואַטן סקולפּטאָר. אַ באַלייבטער פאַרשוין לויפט נאָך זיין קאַפּעליוש וואָס פאַרט ווי אַ רעדל, האַלט זיך פאַרן בויך, טרייסלט מיטן גוידער, און איז רויט פון כעס. סאַן־פראַנציסקער פּנימער זיינען רויט, ווי די שטענדיקע שאַרפע ווינטן וואָלטן די הויט פון זיי אַראָפּגעשיילט און איבערגעלאָזט ס'רויע פליייש.

יענע נאַכט איז אַריינגעקומען אַ שיף: איבער דער שטאָט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן יונגע מאַטראָסלעך, בלוט און מילך, פרישע, אויסגעפּוצטע מיט שניי־ווייסע היטעלעך, וואָס האָבן זיך קונציק געהאַלטן אויפן הינ־טערשטן טייל פון קאָפּ און אַרויסגעלאָזט געלאָקטע צעהעלטע טשופּרינעס. געפּאַסטע געפּרעסטע הויזן, — ליאַלקע־מאַטראָסלעך, מיט שיינענדיקע אויגן. ס'האָט געשמעקט פון זיי מיט ים, מיט צעשוימטע כוואַליעס, מיט זון, מיט הימל... זיי האָבן אָבער באַלד אָנגעפילט די „סאַלונס", די הייזלעך, שיטערער האָט מען זיי אָנגעזען אין די „קאַפּעטעריעס". די שטאָט איז אויפגעלעבט געוואָרן, זילבער האָט געקלונגען, פּאַפּיר־געלט איז געפלויגן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז זיי ניט געווען צו דערקענען, אַזוי ווי

זיי וואָלטן אַרויסגעקראָכן פון אַ מיסט־קאַסטן: די קליידער צעקנייטשט, פאַרקויטיקט, די אויגן פאַרלאָשן, דער גאַנג מיד, זיי האָבן קוים נאָכגע־שלעפט די פיס. זייערע פאַרנודיעטע פנימער האָבן אויסגעזען ווי אָט־אָט, וועלן זיי אויסברעכן אַלץ וואָס זיי האָבן אין זיך אַריינגענומען.

געשעפט האָט אָבער געבליט... „קעש־רעדזשיסטערס" האָבן געקלונ־גען, און פייערלעך אויסגעשפּילט די גרויסע סימפאָניע פון: „ביזי, ביזי, ביזי!"...

די „מיידלעך" זיינען שוין קוים איינגעשטאַנען אויף די פיס, ביז געהאַט קיין צייט אפילו אָפּצועסן, געלעבט אויף קאַווע מיט פּאַפּיראָסן, אויף שאַרפע פאַרטויבנדיקע געטראַנקען.

ס'איז געווען שפּעט אין דער נאַכט. מילדרעד איז שוין געווען שטאַרק פאַרמאַטערט. אַ מאַטראָסל האָט זיך נאָך איר נאָכגעשלעפּט.

„קום מאָרגן, זונעלע, כ'בין זייער מיד, ס'הייבט שוין אָן טאָגן".

ער אָבער, פלאָטערנדיק מיט די פיס איז איר נאָכגעגאַנגען ביז אין האָטעל אַריין.

זי האָט אָנגעצונדן ס'עלעקטרישע לעמפּל. דאָס האָטעל־צימערל איז געווען אָנגעפּילט מיט אַ פייכטער קעלט, מיט אַ פאַרבליבענעם ריח פון בראָנפן, שווייס און קלעפּיקן שטויב. ס'צעוואָרפענע קויטיקע בעט האָט אַרויסגעשטאַרצט פון די גרוי־פאַרפלעקטע ווענט.

ס'מאַטראָסל האָט וואויל־יונגעריש גענומען אויסטאָן ס'רעקל. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין קינדעריש פּנים, און ס'האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ: ער האָט געהאַט אַ פינטל אונטערן רעכטן אויג... זי האָט זיך אַ ריס געטאָן צו אים און זיך שאַרף איינגעקוקט: ס'קאָן זיין ער... דער פאָטער האָט אויך אַזוי אויסגעקוקט אין די יונגע יאָרן...

ס'מאַטראָסל האָט זיך וואוילעריש אונטערגעשאָקלט. מילדרעד האָט זיך געזעצט אויפן בעט און געקרייצט די הענט אויפן האַרץ ווי אַ היילִיקע, געקוקט אויף אים מיט פייכטע צעשראָקענע אויגן.

ער האָט זיך אַ בויג געטאָן צו איר. זי האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ אַזוי ווי מען צערטלט אַ קינד... דאָס האָט באַליידיקט זיין מענלעכן שטאָלץ, און ער האָט זי אַ וואָרף גע־טאָן, זי האָט זיך געראַנגלט מיט אים, ער איז געוואָרן צערייצט, געביילט די פויסטן, גענומען רייסן אירע קליידער, זי איז אים מיט די בעגל אין פּנים אַריין, דאָס מאַטראָסל האָט איר דערלאַנגט מיטן פויסטן צווישן די אויגן. מילדרעד האָט זיך היסטעריש צעשריגן. די ווייסע קאַץ האָט זיך

אַ דערשראָקענע באַהאַלטן אונטערן בעט.

דזשאָן, איר „באַשיצער״, איז געשטאַנען אין טיר:

„וואָס טוט זיך דאָ?״

„זי רופט מיך אַריין און טרייבט פון זיך, ווי זי וואָלט געווען אַ היי־ליקע שוועסטער אַזאַ!״

מילדרעד זיצט איינגעדרייט, דעם קאָפּ אין די הענט, לאָזט אַרויס קלאַנגען פון האַלדז, ווי אַ זעג וואָלט דאָרט געאַרבעט.

„פאַרוואָס האָסטו באַליידיקט די „נעיווי״?...

זי שווייגט.

„דו ווייסט וואָס איך טו פאַר פראַווען משוגענע שטיק״.

זי פאַרקרימט דאָס מויל, פאַרהאַקט די ציין.

דער „באַשיצער״ גלעט מיטן שלאַנקן פינגער די קליינע געפּוצטע וואָנצעלעך... זי גראָבט איין דעם קאָפּ אין שויס, מאַכט אַ הויקער פון דער פּלייצע.

דער מאַטראָס לאָזט איבער עטלעכע זידל־ווערטער, טוט אַ שפּיי און גייט אַרויס. דזשאָן האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די אַקסלען און אויפגעשטעלט, דער קאָפּ איז ביי איר אַראָפּגעהאַנגען, ער האָט איר דערלאַנגט מיט דער לינקער פויסט, זי איז געפאַלן און זיך אָנגעשלאָגן אויף דער וואַנט, ער האָט זי געכאַפּט פאַר די האָר און אויפגעשטעלט, צוגעשלעפּט צו זיך און איר אָנגעהויבן דערלאַנגען האַרטע האַמערדיקע קלעפּ. זי האָט שווער געסאָפּעט, געקרעכצט און געשוויגן. מיידלעך טאָרן ניט שרייען ווען דער „באַשיצער״ שלאָגט זיי... איין קלאַפּ האָט איר געטראָפן אין דער לינ־קער ברוסט, ס'האָט אָפּגעהאַקט איר אָטעם.

דאָס צימער האָט זיך אַ וויג געטאָן, ס'לעמפּל האָט זיך פאַרלאָשן...

אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גרויסער טאָג, אין צי־מער האָט אַריינגעטרויערט אַ שטיקל כמאַרנער הימל. אין מויל האָט איר געברענט, געווען געזאַלצן, זי האָט געטאַפּט מיט דער טרוקענער צונג אַ צעבראָכענעם צאָן. די קאַץ איז אַרויפגעקראָכן אויפן בעט און זיך גע־טוליעט צו איר...

פאַרבעטן די מאַמע

ס'איז געווען אַ גרויער זונטאָגדיקער נאָכמיטאָג. סאָניע איז געלעגן אויף דער סאָפע און געלייענט אַן אַרטיקל אין אַ יידישער צייטונג. אין צווייטן עק צימער האָט זיך מאָריס, איר מאַן, אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אָנגעהויבן גענעצן. אין מוטנעם הימל האָט דער ווינט אַרומגעיאָגט הויקערדיק־שוואַרצע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך ערגעץ באַהאַלטן און ווידער אַרויסגעקראָכן. מאָריס האָט ניט אויפגעהערט גענעצן, ווי ס'וואָלט אים באַפאַלן אַזאַ מין ספּאַזמע. סאָניע האָט זיך צוגעהאַלטן די אויערן, ס'האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אירע נערוון:

„נעם אַ טרונק וואַסער, טשוכע זיך אויס. אַ מענטש זאָל האַלטן אין איין גענעצן! ס'נעמט דאָך דעם קאָפּ אַראָפּ!"

„אַז דו שנאָרכסט אַ גאַנצע נאַכט און לאָזט מיך ניט שלאָפן".

„איך שנאָרך?"

„אַוודאי שנאָרכסטו".

„וואָס נאָך וועסטו אויסטראַכטן אויף מיר?"

„איך טראַכט ניט אויס".

דער פאַרגלייזטער הימל האָט פאַרגרויט דאָס הויז, באַשוועַרט דאָס געמיט. זיי האָבן ביידע געשוויגן אַזוי ווי פאַר דער צייט, וואָס זיי לעבן צוזאַמען, האָבן זיי שוין אויסגענוצט אַלע רייד. די מינוטן האָבן זיך שווער, מאָנאָטאָן געצויגן. און ווידעראַמאָל האָט מאָריס אויפגעריסן ס'מויל און אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם גענעץ, וואָס האָט זיך ווי אַן אויסטערליש־טרויעריקער ניגון געקלאָגט אין דער וועלט אַריין און אויסגעפירט, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי...

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען.

„העלאָ!", האָט זיך מאָריס דערפרייט, הערנדיק אַ פרישן מענטשלעך קול.

פון יענער זייט האָט זיך דערטראָגן דער טאָכטערס שטימע:

„העלאָו, פּאַ! וואָס מאַכסטו?"

„אַ, אַזוי זיך... וואָס הערט זיך עפּעס ביי דיר?"

„ביטאָ קיין נייעס", איר קול איז געווען פאַרשלאָפן, מאַט, „קאָן איך

רעדן צו דער מאמען ?"

„צו דער מאמען ?... נו, אוודאי. סאניע, גוירטרוד וויל רעדן צו דיר !"
זי האט זיגעריש איבערגענומען דעם טעלעפאן...

זיי האבן געפירט א לאנגן שמועס. אויף איר פנים האט אויפגעלויכטן א נחתדיקער שמייכל. מאריס איז געשטאנען א געפלעפטער: אים האט זי אפגעהאקט ביי די ערשטע פאר ווערטער און געהייסן צושיקן דער מאמען, אזוי ווי ער וואלט קיין טאטע ניט געווען...

„גוירטרוד וויל איך זאל אריבערקומען צו איר", האט סאניע געזאגט מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ. „זי וויל אוודאי רעדן מיט מיר וועגן עפעס", און זעענדיק אז ער איז געבליבן שטיין א דערשלאגענער האט זי צוגעגעבן: „קום אויך מיט".

„מיך האט זי ניט געבעטן".

„זע נאר ווי ער שפילט זיך דאס מיט אן אייגן קינד אין צערעמאניעס! יא געבעטן, ניט געבעטן, אז איך וויל גיי איך צו איר און פרעג זי ניט".

„דו פרעגסט ביי זיך אליין. האסט שוין גאר מורא צו ווערן א צו אפטער גאסט, מען וועט דאס דיך לאזן פילן"...

„דאס טראכסטו שוין אויס".

„איך טראכט ניט אויס. ס'איז דער ביטערער אמת. אז מיר קומען א איבעריק מאל, קוקט די טאכטער אויפן זייגער און דער ,געניידעם' ווארטשעט".

„זאל ער ווארטשען, איך קוק מיך ניט אום אויף אים".

„טא גיי צו זיי. איך וועל זיך ניט מיטשלעפן. ס'איז ניט ס'ערשטע מאל וואס כ'נעם דעם טעלעפאן און זי טוט מיך א האק אפ — כ'זאל איר צושיקן דער מאמען"...

„נו, איז וואס, פארגינסטו מיך ניט ?"

„הער זיך איין, סאניע, איך ווייס אז דו האסט זי אלעמאל דערוויי־טערט פון מיר !"

„ניט אמת! דו האסט זי אליין דערווייטערט !"

„איך האב זי דערווייטערט ? !"

„אוודאי. האסט איר קיינמאל קיין ליבשאפט, קיין צערטלעכקייט ניט ארויסגעוויזן. ביסט אלעמאל געווען צופיל פארטאן מיט זיך, נאר מיט זיך !"...

„ס'א ליגן !", איז ער געווארן אנגעצונדן. מיט די צעשויבערטע האר נאכן שלאף האט ער אויסגעזען ווי א צערייצטער האן, „איך האב מיין

גאַנץ לעבן אַוועקגעגעבן פאַר די קינדער!"

„נעבעך!... הער זיך איין, מאָריס, אַז מען וויל ליבשאַפט פון קינ־דער דאַרף מען דאָס זיי פריער אַליין געבן!"

„און דו קאָנסט מיר זאָגן, אַז איך האָב זיי קיין ליבשאַפט ניט גע־געגעבן?!"

„ניין!"

„ס'אַ געמיינער ליגן! דו טראַכסט דאָס אויס כדי מיר ווי צו טאָן. האָסט זיך צעהוליעט איבער מיר, ווייל די טאָכטער האָט דיך פאַרבעטן און מיך געהייסן זיצן אין דער היים... דאָס צאָלט זי דיר אָפּ פאַר דיין ליבשאַפט. אַוודאי, יעדע מאַמע האָט ליב איר קינד, דאָס מיינט ניט, אַז איך האָב איר קיין צערטלעכקייט ניט אַרויסגעוויזן. דער אמת איז, אַז דו פאַרסמסט זי קעגן מיר. מיין ניט, אַז איך ווייס דאָס ניט. איר זענט מיר ביידע פאַלש. איך וויל איךביידן ניט קענען!"...

סאָניע האָט אַ ווייל געקוקט אויף אים מיט צעצונדענע אויגן, צום סוף אַ שפּיי געטאָן און פאַרהאַקט די טיר הינטער זיך.

*****

מאָריס האָט שנעל געשפּאַנט היין און צוריק איבערן צימער ווי עמי־צער וואָלט אים געיאָגט, געריבערט איין פאַפּיראָס נאָכן אַנדערן, גע־שטיקט זיך, געהוסט, געכראַקעט.

מיד געוואָרן אַרומצוגיין, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער. אין האַלבער הימל איז געווען שוואַרץ, די צווייטע העלפט גרוי, אַ טייל שטאָק פינצטער. ער האָט זיך דערפילט זייער איינזאַם, ווי ער וואָלט זיך געפונען איינער אַליין אין אַ וויסטעניש. אפשר זאָל ער אַריבערגיין צום זון דעם לאַיער? יענער איז אָבער אַ פאַרנומענער מענטש, מען טרעפט אים זעלטנס אינדערהיים. אַז מען רופט אים אויפן טעלעפאָן איז שטענדיק די „לאַין" פאַרנומען. ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, נאָר קיין זון איז ער ניט, ער האָט פשוט קיין צייט ניט... זיין ווייבל, די רויטע ליאַלקע, איז אַ „יענקי", בלאָזט זיך, זיצט איבער אין די „ביוטי־פאַר־לאָס", לויפט צו פערד־געוועטן, פאַרשפּילט דעם קאָפּ. אַז זי דאַרף אַרויס־רעדן אַ יידיש וואָרט פלייסט זי זיך דאָס וואָס מער צו פאַרקרומען, און שטאָלצירט דערמיט...

ער האָט אַנגעצונדן אַ לאָמפּ, ווידער אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער:

„אָפּגעהאָרעוועט אַ לעבן, אויפגעבויט אַ קאָרטן־שטיבל, און ס'איז

צעפאלן, ניט קיין היים, ניט קיין קינדער, א ווייב וואס איז אים פאלש. מיט וואס פאר א טריאומף זי איז דאס אוועק צו דער טאכטער און אים איבערגעלאזט אליין, ער זאל זיך האקן קאפ אן וואנט״...

אויף די שווארצע גלאנציקע שויבן האבן זיך געגליטשט גרויע רעגן־טראפנס. ס׳איז איצט זעקס אזייגער. זי קאן דארט אפזיצן א גאנצע נאכט. וואס וועט ער דא טאן אזוי פיל לאנגע שעה׳ן? לייענען קאן ער ניט, צו נערוועז. ער וועט ארונטערגיין אין גאס, לויפן וואו די אויגן וועלן אים טראגן. נאר וואוהין וועט ער לויפן? כאפט ער זיך מיט ביטער־קייט, שוין יארן ווי ער וויל לויפן... פון זיך און פון ווייב איז שווער צו אנטלויפן... און פארוואס זאל ער לויפן, ער האט עמיצן דערהרגעט? סאניע זיצט דארט און טרינקט טיי מיט דער טאכטער, זי האלט זיך אוודאי אן עצה מיט איר וועגן עפעס...

פלוצים פאלט אים איין: פארוואס זאל ער דריקן אין זיך? ער וועט אהינגיין און אויפשטעכן דעם בלאטער, אראפרעדן זיך פון הארץ, זאגן איר אז זי האט גראד אזא גוטן טאטן ווי א מאמען, ער וועט דאס, פאר־שטייט זיך, ארויסברענגען, פארבייגייענדיק, מיט אנצוהערעניש... פאר־וואס זאל ער שפילן א ברוגז מיט אן אייגן קינד?

ער איז שנעל ארויס פון הויז.

***

סאניע האט געטראפן די טאכטער אין קיך. זי איז געשטאנען לעבן א בארג קויטיק געפעס, וואס איז געלעגן אין „סינק״ און זיך צוגעהאלטן דעם קאפ.

„העלאו, טאכטער! וואס איז, פילסט ניט גוט?״

„כ׳האב א שטארקן קאפווייטאק, דאס הויז וויגט זיך מיט מיר״...

„דיין קול איז מיר באלד ניט געפעלן דורכן טעלעפאן... פון וואנען האסטו אזוי פיל ,דישעס׳?

„עס זיינען אונדז נעכטן באפאלן אומגעריכטע געסט. מיר האבן זיך געלייגט שלאפן איז שוין באלד געווען טאג״.

„כ׳האב דיך דערזען, האב איך זיך דערשראקן פאר דיר״...

„א, ס׳וועט מיר גארניט זיין. כ׳דארף זיך אויסרוען. וואס מאכסטו, וואס מאכט ,פא׳?״

„איך פיל ניט שלעכט. פא? דו ווייסט דאך, ס׳פליט אים עפעס אי־בער דער נאז, עסט ער מיר אויס דאס הארץ... ס׳פארדריסט אים וואס דו האסט מיך פארבעטן און אים ניט״...

„גלויב מיר, מאַ, אַז איך האָב ניט געמיינט ער זאָל ניט קומען"...

„אַוודאי. איך האָב אים דאָס געזאָגט, שפּילט זיך אין צערמאַניעס מיט אַן אייגן קינד... פאַרוואָס שטייסטו און האַלטסט זיך ביים קאָפּ? לייג זיך צו, נעם „אַספּירינס".

„כ'האָב שוין היינט צוויי מאָל גענומען. ס'ווייזט זיך מיר אויס, אַז כ'טראָג אַ פרעמדן קאָפּ אויף זיך"...

„קאָן זיין דער מאָגן, טרינק הייסע טיי מיט „לעמאָן".

סאָניע האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, צוגעשטעלט וואַסער צום קאָכן, פאַרשאַרצט די אַרבל און זיך געוואָלט נעמען וואַשן ס'געפעס.

„מאַמע, איך וועל דיך ניט לאָזן!", האָט זיך גוירטרוד געראַנגלט מיט איר, „איך האָב דיך ניט גערופן זאָלסט קומען וואַשן מיינע ‚דישעס'!"

„פאַרשטייט מען דאָך דאָס... נאָר אַז איך בין שוין דאָ, און דו פילסט ניט גוט, פאַרוואָס זאָל איך דיר ניט אַרויסהעלפן? ביי מיר איז דאָס גאָרניט... ס'האָבן דאָ נעכטן געמוזט זיין אַ סך מענטשן?"

„זיינען מיך באַפאַלן אַלע מיט איינמאָל"...

„אַט האָט שוין דאָס וואַסער אויפגעקאָכט, נעם טרינק אויס אַ פּאָר גלעזער טיי מיט ‚לעמאָן', וועסטו פילן בעסער".

סאָניע האָט זיך ווידער פאַרמאָסטן צו וואַשן ס'געפעס און גוירטרוד איז מיד געוואָרן צו פּראָטעסטירן... אַז די מאַמע איז אַזוי איינגעשפּאַרט, וואָס זאָל זי טאָן? זי פילט ניט גוט און האָט ניט קיין כוח צו רייסן זיך מיט איר.

סאָניע האָט הויך פאַרשאַרצט די אַרבל און אָנגעהויבן פאַנאַנדערנע־מען דעם באַרג פעטע טעלער, פאַרברענטע טעפּ, ביינער, פעטס, וואָס אַרום דעם האָבן געקריעט פליגן. זי האָט זיי גאָרניט געקאָנט אָפּטרייבן פון זיך. איינגעהילט אין מוטנער פאַרע האָט איר פּנים אָנגעהויבן שוויצן.

„מאַמע, זאָלסט וויסן אַז איך פיל שלעכט, וואָס דו האָסט זיך גע־כאַפּט וואַשן מיינע ‚דישעס'."

„זאָל דאָס דיך ניט אַרן. ס'איז פאַר מיר אַ פאַרגעניגן"...

אַ קלונג ביי דער טיר.

„העלאָו, פּאַ!", האָט גוירטרוד באַגריסט דעם פאָטער' „זע נאָר, מאַ, דער פּאַ איז דאָ!"

סאָניע האָט ניט אויסגעדרייט דעם קאָפּ...

„זיק, פּאַ, וועסט טרינקען אַ גלאָז טיי?"

„וואו איז דיין מאַן?"

„ליגט אויף דער סאָפע. קאָן זיך גאָרניט אויסשלאָפן. מיר זיינען אויפגעוועקט אַ האַלבע נאַכט, געהאַט אומגעריכטע געסט"...

סאָניעס דאַרע פּלייצע האָט זיך שנעל, פיבערדיק באַוועגט. אירע צעפּאַרעטע הענט האָבן אויסגעזען ווי שטיקער רוי־פליקש. זי האָט מיט אַ לעפל אָנגעהויבן קראַצן אַ פאַרברענטן טאָפּ. מאָריס האָט זיך צוגעהאַלטן די אויערן... ווי זי האָט דאָס אָראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ?... די טאָכטער האָט זי פאַרבעטן צו וואַשן די „דישעס"... ווייל זי האָט איר געגעבן אַ סך צערטלעכקייט, ניט אַזוי ווי ער, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרטאָן מיט זיך, וואָס דאָס איז אַ ליגן, און איצט גיבן אים די קינדער ניט אָפּ קיין כבוד דערפאַר... אָן אַלטער גאַנג: אין יעדן אומגליק איז ער שולדיק... טאָ זאָל זי זיך פאַרען אין הייסן טאָפּ דאָרט, זי עסט אים גענוג אויס דאָס האַרץ!

„ווי געפעלט דיר דאָס, פאָ? קומט צו גאַסט און כאַפּט זיך וואַשן מיינע ,דישעס'. כ'האָב ניט קיין כוח זיך צו רייסן מיט איר", האָט זי פאַרקלאָגט דער מאַמען.

„ס'געפעלט מיר שוין גאָר!", האָט ער נקמהדיק געקוקט אויף דער ווייבס ברוגזער פּלייצע. זי האָט שנעל געוואָרפן מיט די צעפּאַרעטע הענט און מיט די עלנבויגנס געווישט דעם שוויס פון צעהיצטן פּנים.

ס'איז אַריינגעקומען גוירטרודס פריינדין.

„העלאָ, פרענסיס!"

„העלאָ, גוירטרוד! ס'טוט מיר לייד, וואָס איך האָב ניט געקאָנט קומען צו דיין „אַניווערסערי" בעכטן. איך האָב געהערט, איר האָט פאַרבראַכט ביז אין טאָג אַריין. הייסט עס, ס'איז שוין געוואָרן אַ יאָר ווי איר האָט חתונה געהאַט? ווינטש איך אייך אַ סך גליק און לאַנגע געזונטע יאָרן. איך און דזשעק האָבן זיך געגרייט צו קומען, נאָר ער האָט פּלוצים געקראָגן שטאַרקע קראַמפּן אין מאָגן, אַז איך האָב געמוזט שיקן נאָכן דאָקטאָר. אַ גאַנצער וואָך האָב איך געטראַכט וועגן דיין איינלאַדונג. ווען איך האָב געקאָנט איינפאַלן" — — —

זי האָט געהאַלטן אין איין מאַלן, דער פּלוידערזאַק. ס'האָט ניט געהאָלפן גוירטרודס ווינקען אויף די עלטערן... איר אַרבעטן מיטן פּנים, צולייגן אַ פינגער צו די ליפּן, זי זאָל שווייגן, ווייל זי האָט זיי ניט איינגעלאַדן... זיי „גייען" נישט צוזאַמען מיטן יונגן „קראַוד"... ביז די פרענסיס האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט, און אויסגעשטעלט אַ פּאָר תמעוואַטע אויגן...

מאָריס האָט טיף אַריינגעקוקט אין גלאָז טיי, ווי אין אַ שפּאַקטיוו. סאָניע האָט אַ וויל אויפגעהערט וואָשן ס'געפּעס... דערנאָך האָט זי זיך אויסגעגלייכט און געזאָגט מיט פאַרשטיקטער שטימע און פייכטע אויגן:

„זאָלסט לעבן מיט דיין מאַן אַ סך לאַנגע גליקלעכע יאָרן!"...

זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, האָבן איר די ווערטער געגומען וואָרגן. זי האָט זיך געכאַפּט ביים האַלדז. אַריינגעבויגן דעם קאָפּ אין „סינק" און שנעל אָנגעהויבן וואַשן ס'געפּעס, געמאַכט אַ הויקער פון דער פּלייצע, ווי זי וואָלט געבליבן צעבויגן אין צווייען. געווישט מיטן עלענבויגן דעם שוויס פון פּנים צוזאַמען מיט די טרערן.

און דער רעגן האָט געקלאַפּט אויפן פענצטער, און דער ווינט האָט צוגעפּייפט ווי אין אַ שדים־קאַפּעליע...

הונגער

העקער האָט זיך געדרייט אויפֿן ווייכן געלעגער מיטן זיידענעם איבערצוג און ניט געקאָנט איינשלאָפֿן. דער טאָג האָט זיך שוין גרוי און רוי אַרויסגעשניטן פֿון דער נאַכט, און פֿאַרבלאַסט די טונקעלע ווענט אין גרויסן רייכן שלאָף־צימער. העקערס פֿרוי האָט אין צווייטן בעט געדעדט פֿון שלאָף, אַ וואָרף געטאָן אַ בינטל פֿאַרפּלאָנטערטע ווערטער מיט דער פֿאַרשלאָפֿענער צונג און אָפּגעהאַקט מיט אַ: „גייט שוין, גייט, איר מיינט עס טאַקע?“

העקער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנט און צוגעלייגט אַן אויער... געוואָלט עפּעס אַרויספּלאָנטערן פֿון אירע רייד: צו וועמען רעדט זי דאָס? זי האָט ווידער געדרייט מיט דער צונג, ער האָט נעענטער צוגעשטעלט ס'אויער, נאָר ער האָט ניט געקאָנט דערגיין קיין טאָלק... ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ער וועט דאַרפֿן דינגען אַ פּריוואַטן דעטעקטיוו ער זאָל איר נאָכשפּירן, כּדי אויסצוגעפֿינען וואָס ס'גייט אָן הינטער זיינע פּלייצעס...

דער טאָג האָט זיך שוין בולט אַרויסגעוויזן, מילך־וועגענער האָבן געקלונגען מיט די פֿלעשער און דאָס האָט דערמאָנט העקערן אָן אָנבייסן: קאַווע מיט שמאַנט, פֿרישע בולקעלעך מיט פּוטער, אַ גוט שטיקל גאָלדענעם לאַקס געבאָדן אין אויל, געפּרעגלטע אייער מיט אויסגעברוינטן „בעיקאָן“, וואָס האָט דעם טעם פֿון היימישע גריוון. ס'האַרץ חלשט אים פֿון הונגער, די ציין רייסן זיך צום קייען, ווערן משוגע פֿון גאָרניט טאָן, נאָר דער דאָקטאָר און דאָס ווייב לאָזן ניט עסן... זי רייסט אים דעם ביסן פֿון מויל אַרויס און אַליין פֿרעסט זי... אים ציילט זי דעם ביסן, פֿאַרמאַטערט אים, זי וויל ער זאָל שטאַרבן פֿון הונגער וועט אַלץ בלייבן פֿאַר איר. די שווערע הונדערטער טויזנטער, די פֿאַבריקן, די הייזער... אַ גרויל כאַפּט אים אַרום: יענער חזיר וועט קומען צום גרייטן... ווי איז אים, דרייט העקער מיטן קאָפּ, ווי איינער וואָס ליידט פֿון ציין־ווייטאָק.

ס'ווייב האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, אויסגעצויגן די הענט אין דער לופֿט, ווי זי וואָלט געוואָלט עמיצן אַרומנעמען און געגענעצט מיט הנאה.

„אריינגעפרעסן א נאכט שלאף“, האט העקער אין זיך געבורטשעט אויפן ווייב.

„גוטמארגן, פאפעלע!“, האט זי אים באגריסט.

„מארגן...“, האט ער זויער געברומט.

„ביסט גוט געשלאפן?“

„פיין! פיין!“...

דערציילן איר, אז ער האט זיך אפגעמאטערט א גאנצע נאכט וועט זי האבן אומזיסטן פארגעניגן... געוועזן א נאכט, אז ער האט קוים דערלעבט דעם טאג. געוואלט נעמען שלאף־פילן, זיינען זיי גראד אויסגעגאנגען, און אזוי ווי ער איז געלעגן זיינען אים פארשיידענע פינצטערע געדאנקען געקראכן אין קאפ אריין, וועגן זיין ווייב מיטן פאלשן שמייכל, וואס רופט אים „פאפעלע“ און פוצט זיך פאר אנדערע... דערזעט זי א געזונטן שיינעם מאן ווערט זי פארצאפלט. העקערן קאן מען ניט אפנארן, ער האט א געניט אויג... זי קומט אהיים שפעט, באלאנגט צו א האלב טוץ אקוילעריס, פארנעמט זיך מיט „טשאריטי“... ער גלויבט איר ניט. אפילו זי זאל זיך שטעלן אויפן קאפ, גלויבט ער איר ניט...

די קינדער זיינען אויך פאלש, ווארטן נאר אויף דער ירושה, קוקן אויס ער זאל שוין צומאכן אן אויג. די מענטשן אין זיינע געשעפטן באנעמען אים... די שותפים באגנבענען אים, און דער הונגער פרעסט אים אויף, ציט ארויס דעם מארך פון די ביינער, און לאזט אים איבער דעם פעטן בויך... ער מוז פטור ווערן פון בויך, דעמאלט, זאגט דער דאקטאר, וועט ער קאנען עסן... העקער איז די נאכט אויפגעלעגן שעה׳ן, ניט געקענט איינשלאפן און זיין לעבן איז דורכגעגאנגען פאר אים, ווי אין א „מואווי“: די גרינע יארן, ווען ער האט געפעדלט מיט א קעסטעלע, מ׳קאן זאגן, געבעטלט. דעמאלט האט ער שוין גאר געקאנט עסן, נאר ער האט ניט געהאט וואס. שפעטער האט ער געעפנט א געשעפט און זיך אנגעהויבן שטעלן אויף די פיס, געקליבן א דאלאר צו א דאלאר, אפגעריסן פון מויל, ביז ער האט אנגעזאמלט א שיין ביסל קישקע־געלט און געווארן א שותף מיט איינעם אין א פאבריק. דא האט אויסגעבראכן די מלחמה און גאט האט אים געהאלפן: ס׳איז אים אוועק גוט. פארשטייט זיך, אז דאס איז אדאנק זיינע פיאיקייטן און זיין שארפן קאפ. ס׳האבן זיך א שאט געטאן גוטע יארן, וואס האבן אים אפגעצאלט פאר דער גאנצער פריערדיקער שווערער צייט. די בעסטע קעכינס האט ער געדונגען, די טייערסטע ווינען געטרונגען און „פאטראניזירט“ די שענסטע טענצע־

רינס... אַלץ וואָלט געווען גוט, האָט אים אָבער דער מאָגן אָפּגעטאָן: זאָל ער אַ שמעק טאָן צו אַ שטיקל געבראָטנס ווערט ער פּעט, און פעט־קייט איז שלעכט פאַר זיין האַרץ, ס׳קאָן ניט פּאַמפּען, זאָגט דער דאָק־טאָר, דערפאַר מוז ער פאַרלירן וואָג.

...ביי די מאַלצייטן האָט אים ס׳ווייב געהיט ווי אַ גנב, ער זאָל עסן נאָר דאָס וואָס דער דאָקטאָר פאַרשרייבט: אָנבייסן — אַ האַלבן גרעיפּפרוכט, אַ שטיקל טאָוסט אָן פּוטער, מיט אַביסל שוואַרצע קאַווע אָן צוקער, און אַליין האָט זי געגעסן געפּרעגלטע אייער מיט בעיקאָן, זיסע קאַווע מיט קרים. איר פּאַטשן מיט די ליפּן האָט אים געררייצט. זי איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין עסן, אַז זי האָט קיינעם ניט געזען אַרום זיך, ווי ער וואָלט שוין מער אויף דער וועלט ניט געווען, ווי זי וואָלט אים שוין געהאַט באַגראָבן... נאָכן עסן פאַררויכערט זי אַ סיגאַרעט, ציט מיט געשמאַק אַריין דעם רויך, טוט אַ וואָרף דעם בלאָנדן קאָפּ גע־פאַרבטע לאָקן:

„פּאַפּעלע, גייסט היינט אין אָפיס?“

„קעגן וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן?“...

„כ׳פרעג, סתם אַזוי“...

אַז זי האָט זיך פאַרקוקט, האָט העקער געכאַפּט אַ שטיקל „בעיקאָן“. מיט דער פלייצע האָט זי דאָס אָבער דערזען, און אים אַ פּאַטש געטאָן איבער דער האַנט:

„טאָרסט דאָס ניט עסן!“

„אַז איך וויל, מעג איך!“

„קאָנסט זיך דערהרגענען, אַז דו ווילסט“.

„דו ווילסט מיך דערהרגענען!“

„ביסט משוגע!“

ער האָט ווידער אַ כאַפּ געטאָן דאָס שטיקל פאַרברוינטע „בעיקאָן“, וואָס זי האָט אים פריער אַרויסגעקלאַפּט פון דער האַנט. די אויגן האָבן ביי אים געבליצט, די ליפּן פייכט פון סלונע, זי האָט זיך געראַנגלט מיט אים, און אַז ער האָט דאָס שוין געהאַט ביים מויל האָט זי דאָס אים אַרויס־געריסן און אַוועקגעוואָרפן. ער האָט איר געגעבן אַ פּאַטש... זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש, די דינערשאַפט האָט צעשראָקן אַריינגעקוקט דורך דער טיר, וואָס איז געווען אַביסל אָפן, דערנאָך האָבן זיי געהערט אירע פאַרשטיקטע ספּאַזמעס.

העקער האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַן

אפגעשמיסענער הונט. דער מענטש איז אַ חיה, האָט ער געטראַכט. שפּע־טער האָט ער זי איבערגעבעטן, גערופן זי „מאַמעלע״, צוגעזאָגט איר קויפן אַ נייעם טייערן פוטער־מאַנטל און אַ ברילִיאַנטענע בראָש, עפּעס גאָר אַן אַנטיק, אויף וועלכן זי האָט אַמאָל געוואָרפן אַן אויג...

ס׳איז געווען אַ שפּעט־האַרבסטיקער טאָג. אַ פייכטער ווינט האָט אַנגעזאָגט אויף שניי. מענטשן האָבן געאײַלט אויף דער גאַס מיט אײַנ־געבוירעטע קעפּ אין די אויפגעשטעלטע קעלנער. העקער האָט אַרײַנגע־קוקט אין פענצטער פון אַ רייכן רעסטאָראַן, דער שאָפער האָט געוואַרט אויף אים אין לימוזין. לעבן העקערן איז געשטאַנען אַ „טרעמפּ״ און גע־ציטערט אין דינעם צעריסענעם רעקל. ביידע האָבן זשעדנע אַרײַנגעקוקט, ווי מענטשן עסן זאַפטיקע „סטעיקס״ און פאַרטרינקען מיט ווײַן. העקער האָט זיך געטאָן אַ וויג, געוואָלט אַנעמען די קליאַמקע פון דער טיר.

„סעי, מיסטער, אפשר קאָנט איר העלפן אַ הונגעריקן? שוין צוויי טעג ניט געגעסן״.

העקער האָט אים דערלאַנגט אַ „דאַים״ און זיך אָוועקגעשלעפּט אַ צוזאַמענגעדרייטער פון הונגער צו דער מאַשין. דאָס ווײַב האָט ער ניט געטראָפן אין דער היים. די בלויע און גרינע צימערן אין רייכן גרויסן הויז האָבן געפוסטעוועט. ווער האָט זיי אַנגעקוקט? ווער האָט זיי אַלע געקענט באַנוצן? אַ טויט־שטילקייט האָט געהערשט אין זיי. דער אײַנ־ציקער לעבעדיקער קלאַנג איז געקומען פון דער זייט, וואו די דינער־שאַפט האָט געוואוינט. ס׳האָבן זיך פון דאָרט געטראָגן רייציקע ריחות פון געבראָטענע פליישן, וואָס האָבן אים משוגע געמאַכט. ער האָט אַרומ־געבלאָנדזשעט אין די צימערן, ווי איינער וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ וויסטעניש און איז פאַראורטיילט צו שטאַרבן פון הונגער. דאָס ווײַב... ער וועט מוזן אָפּרופן אַ פּריוואַטן דעטעקטיוו ער זאָל איר נאָכ־שפּירן. נאָר שוין האַלטנדיק דעם טעלעפאָן אין האַנט האָט ער זיך פאַרטראַכט און דערפילט, אַז ער האָט מורא אויסצוגעפינען דעם אמת... אַזוי דענקט ער אַמאָל, אַז זי איז אים פאַרט געטריי, ווײַל קיין פאַקטן קעגן איר האָט ער דאָך ניט. ווען ער הויבט אָן צווייפלען אין זיין פאַר־דאַכט ווערט אים לייכטער. אָבער ווען אַ דעטעקטיוו זאָל זי פּאַקן וועט זיין ביטער. וואָס קאָן ער טאָן, מאַכן אַ סקאַנדאַל? ער שטייט דאָך אַזוי אויך קוים אויף די פיס. דער דאָקטאָר זאָגט, אַז אויפרעגונג איז פאַר אים סם. גטן זי, נעמען אַ צווייטע — ווער דאַרף אים. סיידן זיין געלט. און פון וואַנען ווייסט ער, אַז יענע וועט זיין בעסער? שלמה המלך

האָט דאָך געזאָגט, אַז צווישן טויזנט ווייבער...

אין גרויסן געשליפענעם שפּיגל קעגן אים אין דער גאָלדענער ראָם איז געשטאַנען אַ הונגער־שטאַרבער, אַ מיליאָנער, וואָס שטאַרבט פון הונגער... מילא, אַן אָרעמאַן האָט נעבעך ניט, איז דאָס אַ האַלבער ווייטאָק... אָבער, וואָס באָדט זיך אין גאָלד, זאָל אים גאָט אַזוי שטראָפן? שטייסט ביי אַ פרישן קוואַל מיט פאַרברענטע ליפּן און מען לאָזט דיך ניט טרינקען. וואָס האָט ער דאָס אַזוי אין זיין לעבן געזינ־דיקט, אַז אים זאָל קומען אַזאַ שטראָף?... ס'טוט אים אַ ביס אַ בייזע דעראינערונג. אין יענעם סטרייק, וואָס איז אַמאָל פאָרגעקומען אין זיינער אַ פאַבריק איז אַן אַרבעטער דערהרגעט געוואָרן... ס'איז גע־ווים געווען אַ צופאַל, וואָס דען? ווי דאָס איז געשען ווייסט קיינער ניט... אויף דער פירמע איז אָבער געפאַלן אַ חשד און ס'האָט אים אָפּגעקאָסט געגוג גאָלד דאָס צו פאַרשמירן... ער אַליין, העקער, האָט אָוודאי און אָוודאי ניט געהאַט צו טאָן דערמיט... און חוץ דעם, אַז מען וויל שטיין אין געשעפט מוז מען זיין האַרט ווי שטאָל, ס'איז: אָדער דו יענעם — אָדער יענער איבער דיר. „ביזנעס איז אַ מערדער", האָט העקער אָנגעהויבן פילאָזאָפירן. דערפאַר אָבער האָט ער געגעבן ספר־תורה'ס אין שולן אַריין, און וועגן זיין „טשאַריטי" שרייבן דאָך די „פּעי־פּערס". קאַרג גוטס טוט ער?

...ס'ווייב איז נאָך אַלץ ניטאָ... ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די צימערן מיט הונגעריק־פיבערדיקע אויגן. דער בויך איז אים שלאַ־בערדיק באַבגעהאַנגען ווי אַ זאַק, וואָס הויבט זיך אַן אויסליידיקן. ער האָט פאַרצווייפלט געפירט מיט די הענט אין דער לופט, ווי איינער וואָס טרינקט זיך און וויל זיך אַן עפּעס אָנכאַפּן.

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען:

מען לאַדט אים איין צו אַ „דינער", וואָס וועט פאָרקומען אין אַ רייכן האָטעל, הונדערט דאָלאַר אַ „פּלעיט"; ס'וועלן דאָרט זיין די סאַמע גע־הויבנסטע מענטשן...

„גיי זיי צו 'דינערס' און ווער צעפּלאַצט, קוקנדיק ווי אַנדערע עסן... רייצן זיך מיט אים! וואָס האָבן זיך אַלע אויף אים פאַרלייגט?"

די „מעיד" האָט אַריינגעבראַכט אויף אַ זילבערנער טאַץ זיין מאָל־צייט: עטלעכע טונקעלע פּילן אויף אַ ווייס טעצעלע, אַביסל זופּ אין אַ גאָלדן שיסעלע וואָס האָט דעם טעם פון צעשטויסן קרייד אין וואַסער, אַ שטיקל „טאָוסט" און שוואַרצע קאַווע. „איי, די 'מעיד'! די 'מעיד'!"...

זיין בליק האָט מיט צער געבלאָנדזשעט אויף איר... ער האָט אַרונטער־געלאָזט אַ לעפּל... זי האָט זיך איינגעבויגן אויפצוהויבן. העקער האָט טיף אָפּגעזיפצט: „מ׳וואָלט געקאָנט לעבן, נאָר מ׳לאָזט ניט״... און זי האָט צו אים געשמייכלט... שטענדיק ווען זי גייט אים פאַרביי און פילט זיינע גליטשיקע בליקן אויף זיך שמייכלט זי...

ער האָט אַרונטערגעשלונגען די פּילן, גענומען עטלעכע לעפל זופּ און אויסגעשפּיגן, געטרונקען די שוואַרצע קאַווע: אַ פינצטער לעבן...

ער האָט זיך אַ לאַנגע צייט אַרומגעדרייט, און ס׳האָבן מיטגעשפּאַנט מיט אים שווערע פאַרצווייפלטע געדאַנקען אין קאָפּ. ווען ער איז מיד גע־וואָרן האָט ער זיך אַוועקגעזעצט שפּילן אַ „סאָליטער״, מיט זיך אַליין. די גאַנצע צייט האָט אים געצויגן אין קיך אַריין, ס׳האָט זיך אים אויסגע־וויזן, אַז ער הערט די „מעיד״ לאַכן... און ריחות פון געבראָטענע פליישן טראָגן זיך פון דאָרט. אָבער ער קאָן אין זיין אייגענער קיך ניט אַריינגיין, ווייל וואָס פאַר אַ פּנים וועט עס האָבן? דאָס ווייב האָט אָנגעזאָגט מען זאָל אים ניט אַריינלאָזן...

העקער האָט אַוועקגעלייגט די קאָרטן, אַריינגעזעצט זיך אין ווייכן שטול און ווידער אָנגעהויבן „פילאָזאָפירן״: אַז מען קאָן שוין ניט מאַכן קיין שנאַפּס, אויפעסן אַ סטעיק, און „פּאַטראָנאַיזן״ אַמאָל אַ זינגערין אָדער אַ טענצערין, איז וואָס טויג אַזאַ לעבן?

זיצנדיק אַזוי „פאַרטיפט אין די געדאַנקען״ האָט ער זיך פאָרגעשטעלט זיין לוויה: די גאַסן זיינען שוואַרץ פון מענטשן, ס׳גייען נאָך פאַר־שיידענע „טשאַריטי״ אינסטיטוציעס, ס׳מאַרשירן קינדער פון די „היברו־סקולס״ (קאַרג טויזנטער האָבן זיי אים אָפּגעקאָסט!), ס׳ציען זיך לאַנגע רייען רייכע אויטאָמאָבילן מיט שאָפערס, פּאָליציי האַלט אָרדענונג... זיין ווייב טראָגט אַ שוואַרצן שלייער, שפּאַרט זיך אָן אויפן אָרעם, פון עפּעס אַ געזונטן „חזיר״ מיט אַן אָנגעפרעסענעם פּיסק... באַלד נאָך דעם ראַבאַיס הספּד צעלויפן זיך אַלע ווי פון פייער און לאָזן אים איבער...

ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, די ביימער האָבן זיך געשושקעט, דער ווינט האָט אים באַווייזט. יאָ, האָט ער געטראַכט, געווען אַ מענטש מיט אַ ברייט האַרץ, געטאָן גוטס דער וועלט, אָבער ס׳ווייב און די דאָקטוי־רים האָבן אים די יאָרן פאַרקירצט... ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול און אַ שפּיי געטאָן, ער וועט נעמען אַ טרונק בראָנפן... אויסגע־טרונקען, האָט עס אים אַ „הויב״ געטאָן, ער האָט באַקומען קוראַזש: דערווייל איז ער נאָך ניט געשטאָרבן, ס׳וועט דער ווייב אַזוי לייכט ניט

אָנקומען. מען זאָגט: אַ צעבראָכענער שאַרבן לעבט אַמאָל איבער אַ גאַנצן טאָפּ... ער האָט זיך דערפילט ווי פון טויט לעבעדיק, און עס זיינען אים באַפאַלן קראַמפּן פון הונגער. די פיס האָבן אים געפירט אין קיך אַריין. ער איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער ווי אַ גנב, ניט אויפצו־וועקן די דינערשאַפט, וואָס האָט געוואוינט אין יענעם טייל פון הויז. אין „פרידזשידער" איז געלעגן אַ האַלבע געבראָטענע קאַטשקע, אַ גאָלדיק־ברוינע, אַ פעטע, אַ זאַפטיקע. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער אָפּגעריסן אַ קליין שטיקל און געכאַפּט אין מויל אַריין, זיינע ציין האָבן זיך צע־טאַנצט. דאָס שטיקל האָט אים ערשט צערייצט, ער האָט דעם קאָפּ פאַר־לוירן, געפליקט פון דער קאַטשקע, געשלונגען מיט אַן אָנגעפּאַקט מויל, געסלונעט, ניט רעכט צעקייט, געקרעכצט פון הנאה, געפּאַשט מיט די ליפּן און געלאַכט, שטיל, גנביש געלאַכט...

אַז דאָס ווייב איז אַהיים געקומען האָט זי געמוזט רופן דעם דאָקטאָר. העקער האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף איר שויס און געוויינט:

„מאַמעלע! מאַמעלע!"

אַ מאַשין

אַז רחל איז געקומען פון ניו־יאָרק קיין לאָס־אַנדזשעלעס און דערזען דעם אָפענעם בלויען הימל (ס'האָט גראָד ניט גערעגנט!...), מיט די הויכע פּאַלמען־ביימער און די קליינע הייזער מיט בלומען אַרום, האָט זי טיף, פריידיק אָפּגעאָטעמט און געזאָגט:

„דאָ קען מען דאָך לעבן!"

„מען זאָל נאָר לאָזן!"... האָט דער מאַן, אַ פּרעסער ביי מענער־קליידער, וואָס האָט זי אַראָפּגעבראַכט, געזאָגט מיט אַ שמייכל

„ס'איז דאָך אַ גן־עדן!", האָט זי געשלונגען די מילדע זוניקע לופט.

„ווי פאַר וועמען!", האָט ער איר געפּרואווט אויפקלערן...

די ערשטע וואָך איז זי געווען אַ גאַסט, האָט זי אַ באַקאַנטער „אויסגענומען" אין זיין מאַשין צו ווייזן איר די שיינע פּלעצער פון קאַליפאָרניע. רחל איז געווען באַגייסטערט. זיך געפרייט און געפּלאַפּלט ווי אַ יונג מיידעלע.

ערשטנס, דאָס פאָרן אין אַ מאַשין. ווען איז זי אין ניו־יאָרק אַרומגעפאָרן אין אַן אויטאָמאָביל? בלויז געציילטע מאָל, ווען זי האָט באַדאַרפט געלעגן ווערן. אַזוי ווי זי איז יעדערס מאָל געווען פאַרשפּעטיקט, פלעגט דער מאַן אַ צעשראָקענער כאַפּן אַ טעקסי און זי פירן אין שפּיטאָל אַריין. איז איר דאָס פאָרן ניט באַקומען, ווייל ס'איז געווען אויסגעמישט מיט ווייטאָג. דאָ אָבער פאָרט זי אַרום אַ געזונטע אין אַן אויטאָמאָביל. און ניט צווישן גרויע הייזער און שטויב פאָרט זי, נאָר דורך פעלדער און בערג, וואָס דער שניי בליצט אונטער דער זון אויף זייערע שפּיצן, ווי זיי וואָלטן געטראָגן זילבערנע קרוינען. דער דאַך פון דער מאַשין איז אַראָפּגעלאָזט, דער ווינט טראָגט אַן שמעקעדיקע ריחות און פייגל זינגען איר אַקעגן. זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן מאַנס אַקסל, האַלב פאַרמאַכט די אויגן און פריידיק אָפּגעזיפצט

אַז זי איז געוואָרן אויס גאַסט, איז שוין דער באַקאַנטער זעלטן געקומען מיט זיין מאַשין. זיי האָבן געוואוינט אויף אַ בערגל מיט אַ וועג, וואָס האָט זיך געצויגן אין שטאָט אַראָפּ. ס'איז געווען שיין דאָרט צו

וואוינען באַר אומבאַקוועם. זי האָט באַדאַרפֿן אַרויפֿקלעטערן מיט די איינגעקויפֿטע פּעקלעך שפּייז. זי האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן צו כאַפּן דעם אָטעם, ווישן דעם שוויס, ווייל זי איז שוין ניט געווען קיין יונ־גיטשקע, נאָענט צו פֿופֿציק. די שווערע יאָרן אין די ניו־יאָרקער שע־פּער, וואו זי האָט געהאָלפֿן דעם מאַן מאַכן אַ לעבן, האָבן אירע זאַפֿטן אַרויסגעצויגן. אירע פֿיס זיינען מיד געוואָרן און געציטערט ביז זי האָט זיך אַרויפֿגעשלעפּט צום הייזל. אויפֿן בערגל איז אָבער געווען שיין, קאָלירטע בלומען האָבן אַרומגעגאַרטלט די הייזלעך, מען האָט געהערט דאָס געזאַנג פֿון פֿייגל אויף די ביימער, דער רויש פֿון שטאָט האָט זיך שוואַך דערטראָגן, ווי כוואַליעס פֿון ים וואָס שפּילן זיך אַרום ברעג.

די מערסטע איינוואוינער אויף אַזעלכע בערגלעך האָבן אַלטע מאַ־שינען, וואָס זיינען שוין געגאַנגען זייער לעצטן גאַנג, געקלאַפּט ווי טאַטש־קעס, וואָס מען שלעפּט אויף שטיינער, געכאַרכלט, „געפּרייכט" מיט די זייטן, און זיך אָפּט פֿאַרקייכט — געשלעפּט מיט די לעצטע כוחות.

„זעסטו, יצחק", האָט רחל געזאָגט צום מאַן, „איצט זע איך פֿאַרוואָס מען מוז האָבן אַ מאַשין אין לאָס־אַנדזשעלעס. ס׳איז דאָ אַזוי נויטיק ווי ברויט. אָן אַ מאַשין איז מען געבונדן".

„נו, אַוודאי, מען דאַרף דאָ האָבן אַ סך זאַכן"!

„אָן אַ סך זאַכן קאָן מען זיך באַגיין, אָבער אָן אַ מאַשין — ניט. אַז איך הויב מיך אָן אַרויפֿשלעפּן מיט די פּעקלעך אויפֿן באַרג, פֿעלט מיר אויס אָטעם, איך מוז זיך דערנאָך אָוועקלייגן, אַזוי קלאַפּט מיר ס׳האַרץ".

יצחק האָט פֿאַרשטאַנען אַז זי איז גערעכט. נאָר די שווערקייט פֿון מאַכן אַ לעבן איז אים געלעגן אין די ביינער. שלעכט אין די שעפּער, ס׳איז אַן אַנגעלאָפֿענע שטאָט. קראַנקע, אויסגעמאַטערטע אַרבעטער קו־מען אַהער פֿון דער „איסט", ווייל דער קלימאַט איז דאָ גוט. פֿאַר דער פּריווילעגיע דאָ צו זיין, אַרבעטן זיי ביליקער, באַצאָלן טייער פֿאַרן ביסל זון. ווי קאָן ער נעמען די געציילטע עטלעכע הונדערט דאָלאַר, וואָס אים איז אַזוי שווער אָנגעקומען אָנצוזאַמלען, און אַוועקגעבן פֿאַר אַ מאַשין?

„אויף אַ „לאָט" זיינען געווען אויסגעשטעלט הונדערטער געניצטע מאַשינען, פֿאַרלאַטעטע, צונויפֿגעקלעפּטע, כדי ווידער צו שלעפּן אַ שטיקל צייט און צוזאַמענפֿאַלן אין ברוכוואַרג.

דער פֿאַרקויפֿער, אַ בחור מיט אַ רויט פּנים און פֿאַרנאַשטע ליפּן, גלאַנציק אָנגעשמירטע האָר, צעטיילט מיט אַ שרינט, האָט געהאָט אַ מויל,

וואָס איז געווען דער לעבעדיקסטער טייל פון זיין פּנים. ס׳מויל זיינס האָט מעכאַניש געאַרבעט:

„איר זעט די אַלטע מאַשינען? — זיי זיינען אַזוי גוט ווי ניי, נאָך בעסער, ווייל זיי זיינען שוין איינגעבראָכן, עקזאַמינירט און גאַראַנטירט, נאָך גוט פאַר יאָרן און יאָרן. קעש אָדער אויסצאָלן — דער זעלבער פּרייז. די מאַשינען וועלן דאָ לאַנג נישט שטיין, מען צעכאַפּט זיי, אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן. אַז איר וועט אָנהויבן טראַכטן, וועט איר פאַרלירן די בעסטע געלעגנהייט אין אייער לעבן. איר זעט די מאַשין?“, האָט ס׳מויל גערעדט אָן אָפּשטעל און די צונג האָט אַרומגעטאַנצט ווי אַ רויט פּלעמל, נאָר זיינע אויגן זיינען געווען טויט — צוויי פאַרפרוירענע וואַסערלעך, ווי די נשמה וואָלט אין אים געווען אויסגעלאָשן. ער האָט מיט גרויס פּריינטלעכקייט געהאַלטן זיין האַנט אויף יצחקס אַקסל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט ער זאָל ניט אַנטלויפן... און געמאַכט אַ „סעיל“.

זיי האָבן געהאַלטן די מאַשין אויף אַ שטילער גאַס לעבן בערגל, ווייל רחל האָט זיך געלערנט טרייבן. אַלע פאַרנאַכט איז געקומען אַ פּריינט, וואָס איז געווען איר „אינסטראָקטאָר“. רחל איז געזעסן ביים רעדל מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ און פאַרפלאַמט פּנים. זי האָט אין איין צייט באַדאַרפט טאָן אַזוי פיל זאַכן: אַרבעטן מיט בײדע פיס און בײדע הענט, מיט די אויגן היטן די פאַרבייגייער. די אַרומיקע אויטאָמאָבילן זיינען איר געווען אין וועג, די גאַס איז געווען צו שמאָל און אויסגעזען אַנדעריש ווי שטענדיק. די הענט האָבן זיך ביי איר געטרייסלט. די מאַשין איז געפאָרן זיג־זאַג, אָפּט שיער נישט אַריין אין עמיצן. ס׳איז איר באַפאַלן אַ שרעק, זי האָט זיך צעטומלט און אַוועק אין אַ זייט. דער וואָס האָט זי געלערנט טרייבן האָט אַ ווילדן געשריי געטאָן: „סטאַפּ!“ נאָר דאָס פאָדערשטע ראָד האָט שוין אָנגעשפּאַרט אויפן טראָטואַר.

די מאַשין האָט אַליין אויסגעזען צעטומלט און דערשראָקן, זי האָט שווער געסאָפּעט און געגראַגערט. וואָלט זי נאָך אַריינגעקומען אין די הענט פון אַ געניטן טרייבער, וואָלט נאָך געווען צו דערליידן, נאָר רחל האָט איר „צעמישט“, זי האָט ניט געוואוסט וואָס מען וויל פון איר, האָט זי זיך געבויגן און געדרייט אין אַלע זייטן. רחל איז אַרויס נאָך אַזאַ לעקציע אויסגעווייקט אין שווייס. דער פּריינט, וואָס האָט איר געלערנט טרייבן, האָט געקוקט אויף איר מיט ווילדע אויגן. יצחק איז געשטאַנען אַ בלייכער און פאַרשעמט געשמייכלט. אַז דער פּריינט איז געקומען צו זיך, האָט ער זיי באַרואיקט:

„יעדער אָנהויב איז שווער, ס'נעמט צייט".

„נאָר ניט פאַרלירן דעם מוט!", האָט זיך רחל מיט דאַנקבאַרקייט אָנגעכאַפּט אָן זיינע טרייסט־ווערטער, „אַזוי פיל מענטשן לערנען זיך אויס, וועל איך זיך אויך אויסלערנען... קינדער טרייבן דאָך מאַשינען"...

דער פריינט איז שוין מער ניט געקומען, און שפּעטער געלאָזט וויסן, אַז ער פילט ניט גוט. האָט זי אַ שכן אָנגעהויבן לערנען. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ. נאָר אַז ער איז עטלעכע מאָל אַריין מיט איר אין דער מאַשין האָט ער זיך צום סוף פאַרלוירן, ווייל ס'האָט גע־האַלטן אַט, אַט, ביי אַן אומגליק. ער האָט דערזען דעם טויט פאַר די אויגן און אָנגעהויבן שרייען מיט באַנומענע קולות: „סטאָפּ!"

אַרום די בערגלעך זיינען אַרומגעפאָרן אַ סך אַזעלכע אַלטע אויסגע־נוצטע מאַשינען. פון אַ טייל איז שוין געווען אַראָפּגעשיילט דער בלע־כענער קאַסטן וואָס פאַרהילט דעם מאָטאָר. זיי זיינען געפאָרן מיט די פאַרזשאַווערטע געדערים אינדרויסן. מיט רעדער וואָס זיינען געווען פאַר־שידן איינע פון דער אַנדערער, גרעסערע און קלענערע. האָבן זיי זיך געשלעפּט הינקענדיקע און געפּאָכעט מיט דער נשמה. אַז מען האָט זיי אַרויסגענומען אינדערפרי האָט נאָך לאַנג געדויערט ביז זיי האָבן זיך דערוואָרעמט. און אַז זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן רירן, האָבן זיי ספּאַזמאַטיש געהוסט, געשפּיגן מיט אויל און זיך פאַרקייכט, געשלעפּט זיך אַביסל און ווידער געבליבן שטיין. אַמאָל האָט מען זיי אונטערגע־שטופּט, נאָר ניט שטענדיק האָט עס געהאָלפן. און אַז אַזעלכעס האָט שוין אָנגעהויבן פאָרן האָט מען עס ניט געקאָנט אָפּשטעלן, ווייל די „ברעיקס" זיינען געווען אויסגעריבן און לויז.

אָבער רחל און יצחק זיינען געווען פאַרקאָכט אין לערנען זיך טרייבן. זיי האָבן ביסלעכוויז אָנגעהויבן פּראָגרעסירן. דער שכן וואָס האָט זיי געלערנט, האָט געהאַט דעם געדולד פון אַ הייליקן. ער האָט געוואוסט ווי נויטיק ס'איז פאַר זיי די מאַשין.

איין מאָל כאַפּן זיי זיך: די מאַשין גייט ניט, רירט זיך ניט פון אָרט. מען טוט אַ קוק, זי רינט, אַ גאַנצע קאַלושע אונטער איר. רחל האָט פאַרבראָכן די הענט:

„ער האָט דאָך אונדז צוגעזאָגט, אַז זי איז אַזוי גוט ווי ניי! ער האָט דאָך גאַראַנטירט, דער גנב!"

יצחק האָט אומעטיק געשמייכלט:

„האָסטו אים געכאַפּט ביי אַ ליגן, שעמען זי זיך, הער קאָזאַק!"...

אַ מעכאַניק, וואָס האָט זיך געהייסן גוט באַצאָלן, האָט פאַרריכט, זי האָט אויפגעהערט רינען.

רחל איז איינמאָל אַריבערגעפאָרן אַ רויט ליכט. אַ פּאָליסמאַן שפּרינגט פון דער ערד אַרויס. ס'ווערט איר פינצטער אין די אויגן. ס'האַרץ קלאַפּט איר. דערזעזן די „זשעלאַפּי" מיט די „צעשראָקענע יידע־לעך", וואָס זיצן אינעווייניק, וואַקסט אויס דער פּאָליסמאַן ביי זיך גאָר גרויס. ער גייט זייער געלאַסן אַראָפּ פון זיין גלאַנציקן „מאָטאָרסאַיקל", ווי מען נידערט אַראָפּ פון אַ טראָן, און שטעלט זיך אַוועק מיט צע־שפּרייטע פיס. ער גלעט מיט אַ פינגער זיין געפּוצט וואָנסעלע און פרעגט זייער שטיל מיט אַ ווייך קול פון אַ קאַץ, וואָס דערזעט אַ מייזל:

„ווער איז דער טרייבער?"

„איך", זאָגט רחל מיט אַ ציטערדיק קול.

„לייסנס?"

זי דערלאַנגט אירע ציטערדיקע „לייסנס" פון אַ לערנער. יצחק איז בלייך און קוקט אויף איר מיט טרייסטנדיקע אויגן. דער שכן ווייזט זיינע פּערמאַנענטע „לייסנס" און דערקלערט, אַז זי לערנט זיך טרייבן.

„לערנט זיך דערהרגענען מענטש", וואָרטשעט דער פּאָליציימאַן האַלב צו זיך, און שרייבט אַריין אין זיין ביכעלע. ער נעמט זיך צייט, ווי ער וואָלט געגעסן אַ גוטן מאכל און וויל דאָס וואָס לענגער אויסציען, ער טאַקט אויס יעדעס אות.

„לערנט זיך אַריבערפאָרן רויטע ליכט... זי וועט אַזוי דערפאָרן אויף יענער וועלט אַרויס און מיטשלעפּן מיט זיך אומשולדיקע מענטשן!"...

„ס'איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך פאָר אַריבער אַ רויט ליכט", פּלאָנטערט רחל מיט דער טרוקענער צונג.

„ס'איז אַלעמאָל אַן ערשט מאָל", שרייבט ער נאָך אַלץ, און זיי זיצן איינגעבויגן מיט געפּרעסטן אָטעם. ענדלעך דערלאַנגט ער רחלען ס'בי־כעלע זי זאָל זיך אונטערשרייבן אויף דער לאַנגער מגילה, וואָס ער האָט דאָרט פאַרפאַסט.

„אַז דו זעסט ניט וואו דו פאָרסט, פאָר בעסער ניט. ס'ווערן גענוג מענטשן דערהרגעט אָן דיר. און איך וואָרן דיך, אַז דו וועסט אַזוי פאָרן, וועט מען דיך פאַרשפּאַרן אין טורמע"...

ער האָט נאָך לאַנג און הנאהדיק געקייט זיינע בייסיקע רייד, ער האָט גאָרניט געוואָלט אויפהערן זיך שפּילן מיט אירע צעשראָקענע אויגן און קלאַפּנדיק האַרץ. ענדלעך האָט זיין „מאָטאָר־סאַיקל" אַ דונער גע־

טאָן און ער איז פאַרשוואונדן.

אַז זיי זיינען געקומען צו זיך, האָט דער שכן געזאָגט צו רחלען:

„איידער מען קריגט דעם ערשטן טיקעט איז מען ניט קיין „דראַיווער". און ס'איז שוין אַזוי אין דער מענטשלעכער נאַטור: אַז מען באַצאָלט אַ ,צענערל' היט מען זיך".

„איך האָב זיך געהיט און געזען דאָס רויטע ליכט נאָך מיט אַ בלאָק פריער. כ'האָב אַ פּרעס געטאָן אין צייט אויפן „ברעיק", נאָר די מאַשין האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט"...

„קאָן זיין, אַז די ,ברעיקס' אַרבעטן ניט", האָט יצחק אַרויפגעלייגט די האַנט אויף רחלס אַקסל, וואָס האָט נאָך געציטערט.

„מען דאַרף אַריינגיין איבערקוקן די ,ברעיקס'", האָט דער שכן פאָר־געשלאָגן.

דער מעכאַניקער האָט זיך געקראַצט דעם קאָפּ:

„ס'איז גאָר קיין ,ברעיקס' ניט, אַ וואונדער וואָס אַזוי פיל מענטשן ווערן דערהרגעט, אַז מען לאָזט אַזוינס אַרומפאָרן?"

„צו לערנען זיך טרייבן האָבן מיר ניט געוואָלט קויפן קיין גוטע מאַ־שין", האָט זיך רחל פאַרענטפערט.

דער מעכאַניקער האָט אָפּגעאַרבעט אַ שטיקל צייט און זיך געהייסן גוט באַצאָלן. פאַרזיכערט, אַז איצט זיינען די „ברעיקס" אַזוי גוט ווי ניי.

דעם אָוונט זיינען די ליכט אין פראָנט פון דער מאַשין פאַרלאָשן געוואָרן. זי האָט געהערט ווי מען שרייט „לאַיטס", און איידער זי האָט זיך געכאַפּט אַז מען מיינט איר, האָט זי אַ פּאָליציימאַן אָפּגעשטעלט. זי האָט ווידער באַצאָלט אַ שטראָף און באַדאַרפט קויפן אַ נייע „בעטערי". מען האָט זי געטרייסט, אַז זי האָט גוט אָפּגעשניטן, אַן אויטאָמאָביל האָט נאָך געקענט אַריינפאָרן אין איר.

אַזוי שנעל ווי זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און אָנגעהויבן איינשלאָפן האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי פאָרט אַריין אין מענטשן, זי וויל טאָן אַ דריק מיטן פוס אויפן „ברעיק" קאָן זי ניט דערלאַנגען, פון שרעק כאַפּט זי זיך אויף.

אָט אַזוי איז ניט אַוועק דער טאָג ס'זאָל עפּעס ניט זיין אַ צרה מיט דער מאַשין, אַ געוויסער טייל זאָל ניט קאַליע ווערן און מען זאָל מוזן פאַרריכטן.

„אַ נייעם לימוזין קאָסט ניט אַזוי פיל אויפהאַלטן, ווי אַן אַלטע טראַנטע", האָט דער שכן געזאָגט. „דער אָרעמאַן עסט פאַר זיין געלט קאָפּ־פלייש,

און דער רייכער — אינדיק".

רחלען האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ, וואָס יצחק איז אַזוי פאַרזאָרגט, אין שאַפּ איז דאָ ווייניק אַרבעט, מען רייסט אַרונטער פון די פאַרדינסטן, ס'האָבן זיך אַריינגעריסן אַ חברה „רעקעטירס" אין דער יוניאָן, און העלפט שטיקן די אַרבעטער. און די מאַשין „עסט זיי אויף", האָט זי באַשלאָסן, גיין זוכן אַ „דזשאַב".

יצחק האָט פּראָטעסטירט:

„ביסט געקומען קיין קאַליפאָרניע זיך אויסרוען אַביסל".

„בין איך שוין אויסגערוט. ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט? אַז מיר'ן ביידע אַרבעטן וועלן מיר קענען מיט דער צייט קויפן אַ בעסערע מאַשין און פטור ווערן פון דעם אומגליק. זי רינט ווידער און ברענט אויל".

זיי זיינען געפאָרן אויף אַ צעהויקערטן וועג פון קליינע בערגלעך. די פאַרגייענדיקע זון האָט באַפאַרבט דעם הימל מיט פאַנטאַסטישע קאָלירן. רחלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי שוועבט צווישן הימל און ערד. יצחק האָט אויף איר זייטיק געקוקט מיט שטאָלץ, „ווי גוט און פלינק זי טרייבט שוין!". די זון האָט זיך געשפּילט אין אירע אויגן און רחל האָט גע־טראַכט: אַז די אַלע צרות וואָס זיי זיינען ביז איצט אויסגעשטאַנען האָבן זיך געלוינט, ווייל אָן אַ מאַשין איז מען ווי אָן פיס אין לאָס־אַנדזשעלעס. ס'איז גוט צו קענען אַזוי אַ פאָר טאָן אין דער אָפענער גרויסער וועלט אַריין, וואָס איז די אַלע יאָרן געווען פאַרמאַכט פאַר איר. ס'האַרץ ווערט איר אָנגעפילט מיט פרייד, זי פילט יצחקס האַנט אויף איר טאַליע...

דער שכן האָט אויך אָנגעקוואָלן, ווי גוט זי טרייבט.

אַהיים פאָרנדיק האָט זי זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו אַ מאַשין אין פראָנט פון איר, וואָס האָט זיך פלוצים אָפּגעשטעלט. זי האָט אין צייט אַ דרוק־געטאָן מיטן פוס אויפן „ברעיק", נאָר דער „ברעיק" האָט ניט גע־אַרבעט. די מאַשין האָט אַריינגעשמעטערט אין דער פראָנטיקער... די וועלט האָט אויפגעריסן... דער הימל האָט זיך אויסגעלאָשן... די גאַס איז באַפאַרבט געוואָרן מיט בלוט...

דער קליינער ברודער

פעני גלעס איז צוריקגעקומען פון „ביוטי־פּאַרלאָר“ אַן אויפגעברויזטע, אַן אומרואיקע: זי האָט זיך דאָרט געטראָפן מיט אַ פרוי, וואָס איר ייִנגל שפּילט אין די מואווים. דאָס גליק פון יענער מאַמען איז איר ניט אַרויס פון קאָפּ: ווי אירע אויגן האָבן דאָס געלויכטן! מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ זי האָט דערציילט פון איר זינדל, און אַלע אַנדערע זייַנען איר מקנא געווען, ווי זי וואָלט אויסגענומען ס׳גרויסע געווינס. אַהיים גייענדיק האָט פעני געטראַכט, אַז זי פאַרנאַכלעסיקט אירע קינדער, טוט גאָרניט פאַר האַרווין, וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט אין דער פאָרשטעלונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין זייַן „סקול“. זי דערמאָנט זיך איצט ווי די לערער האָבן אים געלויבט, באַקאַנטע האָבן גראַטולירט, גערופן אויפן טעלעפאָן. איז, פאַרוואָס זאָל זי אים אויך ניט נעמען אין אַ סטודיאָ מען זאָל אים פאַרהערן, ווי אַנדערע מאַמעס טוען? עלטערן ווערן דאָך אַמאָל אויפגעריכט דורך קינדער, און האָליוואוד איז ניט ערגעץ אין עק וועלט, זי וואוינט דאָך אין לאָס־אַנדזשעלעס. אין צען מינוט איז זי אין אַ סטודיאָ, וואָס האָט זי אָנצואווערן?

פעני איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל און באַטראַכט די פריזור, וואָס מען האָט איר נאָר־וואָס געמאַכט, און אויך אויפגעפרישט, מען קען זאָגן, „געביטן“ איר פנים. זי זעט איצט אויס מיט צען יאָר ייִנגער, האָט זי צופרידן געשמייכלט צו זיך. אין האָליוואוד זאָגט מען: אַ מיליאָן דאָלערדיקע פּיס; אַ מיליאָן דאָלערדיקע שטימע; אַ מיליאָן דאָלערדיקער שמייכל. און איר האָבן דאָך שוין אַ סך מענטשן געזאָגט, אַז זי האָט אַ שיינעם שמייכל. זי האָט אַ בויג געטאָן דעם קאָפּ, צעוואָרפנדיק די פריש־געקאַרבטע לאָקן אויף די אַקסלען. פאַרזשמורעט אַביסל די אויגן: וואָלט עמיצער געגלויבט, אַז זי איז שוין אַ מאַמע פון צוויי זין? אַ סך אַקטריסעס אין האָליוואוד זייַנען ניט שענער פון איר. פאַרקערט. זי האָט אָבער ניט געהאַט די געלעגנהייט, וואָס זיי האָבן, און זיך פאַרנאַכלעסיקט, ווי זי פאַרנאַכלעסיקט אירע קינדער. איצט אָבער איז שוין צו שפּעט. לאָזט זי מיט באַדויערן אַראָפּ דעם קאָפּ און פאַרטראַכט זיך: די יאָרן לויפן. בעכטן האָט זי אַרויסגעריסן די ערשטע גרויע האָר פון

קאַפּ, וואָס האָט געציטערט אין איר האַנט, און זי האָט דערזען אין איר אַן אַלטע צעקנייטשטע באָבע, וואָס גייט איר אַקעגן...

זי האָט געעפנט די טיר צו דער אָפענער וועראַנדע. אין העל־בלויען הימל האָבן זיך דורכגעקרייצט צוויי עראָפּלאַנען, צעפינקלט פון דער זון. די לופט איז געווען מילד און אומבאַוועגלעך. צוויי רייען פּאַלמען־ביימער אויף דער גאַס האָבן פאַרריסן די „קעפּ" אויף די לאַנגע שלאַנקע העלדזער צום הימל. ס'האָט זיך קלאָר געהערט ס'געזאַנג פון פייגל, וואָס האָבן אַרומגעטאַנצט אין גראָז. זי האָט געקוקט אויף איר פאַרנאַכלעס־סיקטן „לאָון": דער מאַן קומט פון דער אַרבעט איז ער מיד. עסט אָפּ און פאַלט שלאָפן. לעצטנס טוט ער גאָרניט אַרום הויז. מען דאַרף שניידן ס'גראָז. איבערקאָפּען די ערד אַרום די בלומען בייטן, און וואַסערן, וואַסערן. אַלץ ווערט פאַרטריקנט, פאַרגעלט. אין הויז קעגנאיבער זיי וואוינט אַ פאַמיליע, וואָס דער מאַן גייט אויך אַרבעטן, פונדעסטוועגן געפינט ער צייט פאַרן גאָרטן. זייער „לאָון" זעט אויס ווי אַ גרינער טעפּיך אַרומגערינגלט מיט קאָלירטע בלומען, איר „לאָון" וויאַנעט. ס'וואַקסן ערטערווייז קופּקעלעך ווילדע שוואָמען, און די בלומען האַלטן אַראָפּגעלאָזט די פאַרחלשטע קעפּלעך.

אירע צוויי ייִנגלעך, לערי און האַרווי, זיינען אָנגעקומען פון „סקול". געמאַכט פון וויטן מיט די הענט צו איר. זי איז אַריין אין הויז און זיי געגעבן עסן. איידער זי האָט זיך אומגעקוקט זיינען זיי שוין געזעסן מיט די גלעזער מילך ביי דער טעלעוויזיע. פּעני האָט אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן אירס אַ פריינדין:

„העלאָ, בעני! וואָס מאַכסטו, דיין מאַן, די קינדער? הער זיך איין: געדענקסט ווען מיין האַרווי האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער קינדער־פאָרשטעלונג? ווי מיינסטו איז ער געווען, גוט? אָ, דו דענקסט אויך אַזוי? אַלע האָבן אַזוי געזאָגט. די לערער האָבן זיך גאָרניט געקענט אָפּלויבן. קעגן וואָס איך פרעג דאָס? אָ, איך האָב זיך נעכטן באַקאַנט אין ,ביוטי־פּאַרלאָר' מיט אַ פרוי, וואָס איר זון שפּילט אין די מואַוויס, איז מיר איינגעפאַלן, אפשר זאָל איך אויך נעמען מיינע קינדער אין אַ סטודיאָ מען זאָל זיי פאַרהערן. דו דענקסט אויך אַזוי? ווי קומט מען אָבער אַן אַהין? איך האָב געהערט, אַז מען דאַרף קענען עמיצן, וואָס קען עמיצן, ער זאָל אַריינוואַרפן אַ גוט וואָרט"...

זי האָט אַזוי לאַנג גערעדט אויפן טעלעפאָן ביז אַ טעפּל האָט אָנגעהויבן ברענען. אויפגעשפּרונגען און פאַרדרייט ס'פייער. די קינדער

זײנען געזעסן מיט די אויגן אײנגעגראָבן אין דער טעלעוויזיע, ווי זײ וואָלטן דאָ ניט געווען, נאָר מיטגעפלויגן מיט די „קאָר־באָיס" אויף פלינקע פערד באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, און געהאָלפן שיסן ווילדע אינדיאַנער.

„פאַרוואָס גײט איר ניט אַרויס אַביסל אינדרויסן? ס'איז שטיקיק אין הויז און איר בלענדט זיך די אויגן בײ דער טעלעוויזיע. ס'איז אײך ווייניק בײנאַכט?"

נאָר זײ האָבן זי ניט געהערט, און איר קאָפּ איז שוין געווען פול מיט מואווים, מיט סטודיאָס, מיט האָליוואוד...

לערי האָט אַלע מאָל אַרויפגעקוקט צו זײן „גרויסן ברודער" האַרווי, וואָס איז געווען צוויי יאָר עלטער פון אים. האַרווי איז געווען זײן באַשיצער און וועג־ווײזער. ער האָט געהאַט „גרויסע מוסקולן", וואָס לערי פלעגט אָנטאַפּנדיק באַוואונדערן. פאַר האַרווין האָבן די ייִנגלעך מורא געהאַט, ער האָט געקאָנט דערלאַנגען אַ שטאַרקן קלאַפּ. אין „סקול" האָט ער זיך בעסער געלערנט פון זײן קלײנעם ברודער, און פלעגט אים אַרויסהעלפן מיט דער הײם־אַרבעט. לויט לערין, האָט האַרווי אַלץ געוואוסט און אַלץ געקאָנט. און האַרווי האָט זיך געפילט שטאָלץ מיטן קלײנעם ברודערס באַוואונדערונג. בײדע ברידער זײנען ניט אָפּגעטראָטן אײנער פון אַנדערן. בײדע ברידער האָבן זיך ליב געהאַט אויף זײער שטײגער. און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז קײנער קען זײ ניט צעשײדן.

ווען פעני האָט אָנגעהויבן טראַכטן צו נעמען די קינדער אין אַ סטודיאָ מען זאָל זײ פאַרהערן, ווי אַ סך אַנדערע מאַמעס און טאַטעס טוען אין לאָס־אַנדזשעלעס, האָט איר דערמוטיקט דער דערפאָלג, וואָס האַרווי האָט געהאַט אין דער קינדער־פאַרשטעלונג. ס'האָט אָבער גענומען אַ שטיק צײט ביז זי האָט אויסגעפונען עמיצן, וואָס קען עמיצן אין אַ סטודיאָ צו זאָגן אַ גוט וואָרט. צו דערצײלן אַלע אײנצלהײטן, ווי אַזוי זי האָט דאָס דערגרײכט, וואָלט פאַרנומען צופיל צײט. ענדלעך איז געקומען דער טאָג ווען מען האָט אײנגעוויליקט צו פאַרהערן אירע ייִנגלעך און נעמען פון זײ בילדער. נאָך לאַנגן וואַרטן האָט זיך געעפנט אַ טיר און מען האָט אַרײנגערופן די ברידער. זי איז געבליבן אין אָפיס אַ נערוועזע מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.

מען האָט די ייִנגלעך געהײסן לײענען פון אַ בוך. דער וואָס האָט זײ פאַרהערט האָט פאַרמאַכט די אויגן און אָנגעשפּיצט די אויערן. דערנאָך האָט ער זײ שאַרף באַטראַכט. זײן בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף לערין, דעם ייִנגערן ברודער, און געזאָגט: „דאָס איז אַלץ".

עס זיינען אַוועק וואָכן. ביז איינמאָל האָט דער טעלעפאָן געקלונגען. פעני האָט געזאָגט מיט אַ געגעץ:
„העלאָו, ווער רעדט?"
„די סענטשורי סטודיאָ".
דער טעלעפאָן האָט אַ ציטער געטאָן אין איר האַנט:
„העלאָו" — — —
„ס'איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ ראָלע פאַר אייער זון לערי ווייזנפעלד. ברענגט אים מאָרגן צו פראָבע".
„לערי?", האָט זיך פעני געוואונדערט, „איר מיינט אַודאי הארווין". אַ ווייל איז קיין ענטפער ניט געקומען. אין פענין האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ, דער טעלעפאָן האָט זיך געוויגט אין איר האַנט צווישןביידע זין... ענדלעך האָט זי דערהערט:
„מיר מיינען טאַקע לערין דעם ייִנגערן. קומט אַכט אינדערפרי. קען זיין ער וועט דאָ דאַרפן פאַרברענגען עטלעכע שעה".
„ער גייט דאָך אין ,סקול'," האָט פעני שטיל געזאָגט, און זי האָט זיך באַלד דערשראָקן, אפשר האָט זי דאָ עפּעס קאַליע געמאַכט...
„מיר האָבן דאָ אַ סקול פאַר יונגע אַקטיאָרן. ער וועט גאָרניט פאַרלירן אין זיין בילדונג".
אין פענין איז אויפגעגאַנגען אַ פרייד און אַ זאָרג, אַ וויטיק פאַרן עלטערן זון, איר געראָטענעם הארווין, וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט אין יענער שפּיל, אים האָט מען בראַקירט. ער וועט זיך פילן אָגענאַרט, פאַרשעמט. געגאַנגען איז מען דאָך צוליב אים, און ער האָט פאַרלאַנגט מען זאָל דעם קליינעם ברודער אויך מיטנעמען, ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אים ווי שטענדיק. און ס'קאָן דאָך זיין, האָט זי זיך געטרייסט, אַז מען וועט הארווין אויך רופן. אָט האָט דער טעלעפאָן געקלונגען — ס'איז האָליוואוד. זי האָט שוין געהערט דערפון: מען האָלט אָנגעשפּיצט די אויערן אויפצוכאַפּן דעם „צוביבער־קלאַנג", און ניט אַלע דערלעבן אים צו הערן. זי האָט געלייענט וועגן אַן עלטערן אַקטיאָר, וואָס האָט יאָרן געוואַרט, און מען האָט אים ניט גערופן. ער איז אויסגעגאַנגען פון הונגער. און אַז דער טעלעפאָן האָט זיך איינמאָל פריידיק צעקלונגען, און מען האָט אים געהייסן קומען אין דער סטודיאָ צו מאַכן פראָבע, אין אַ געוויסע ראָלע, איז ער פון גרויס פרייד אַוועקגעפאַלן טויט...
דאָס איז האָליוואוד! אירע קינדער זיינען אָבער יונג און האָבן נאָך אַ גרויסע צוקונפט פאַר זיך. הארווי וועט נאָך איבערשטייגן לערין. זי

האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, צוגעלאָפן צו די ייִנגלעך און זיי גע־כאַפּט קושן, זיי איז ניט אָנגעשטאַנען וואָס די מאַמע קושט זיי, זי האָט גאָר באַליידיקט זייער „מענלעכקייט"... בײדע האָבן זיך געריסן פון איר.

„די סטודיאָ האָט אָפּגערופן מען זאָל מאָרגן קומען מאַכן פּראָבע. דערווייל האָבן זיי נאָר אַ ראָלע פאַר לערין, זיי דאַרפן זיין ‚טייפּ׳, שפּעטער וועלן זיי דאַרפן האַרווין"...

ס׳האָט איר באַלד אַ ביס געטאָן אַ בייזער געדאַנק: פאַרוואָס האָט זי זיי נישט געזאָגט דעם אמת? דער ליגן וועט דאָך אַרויסשווימען. זי האָט געהערט, אַז מען טאָר קינדער ניט אָפּנאַרן, זיי פאַרלירן דעם צו־טרוי, דעם רעספּעקט. און פאַרוואָס זאָל זי פאַרפירן איר עלטערן זון? ער וועט וואַרטן, ווערן נערוועז, און קוקט מיט „גרינע" אויגן אויפן קליי־נעם ברודער. ס׳וועט אים שטערן אין לערנען, ער וועט אָנשפּיצן די אויערן צום טעלעפאָן ווי יענער עלטערער אַקטיאָר. פאַר אַ ייִנגל פון צוועלף יאָר איז דאָס זייער ניט גוט. אָבער אין סאַמע פאַרלעגנהייט האָט זי זיך דערמאָנט, אַז מען האָט איר געזאָגט: לערי וועט קריגן אַכציק דאָ־לער אַ טאָג אפילו, ער זאָל מער ניט „אַרבעטן" ווי געציילטע מינוטן...

לערי האָט פאַרשולדיקט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און אויסגעמיטן צו קוקן אויפן עלטערן ברודער. ער האָט ניט געמיינט צו פאַרלויפן האַר־ווין דעם וועג. ס׳איז ניט רעכט. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און ניט געוואוסט וואָס.

ביינאַכט, אַז מאָריס איז געקומען פון דער אַרבעט האָט אים פּעני אַקעגנגעטאַנצט מיט די נייעס.

„טאַקע?", האָט זיך אַ גליקלעכער שמייכל צעשפּרייט אויף זיין פּנים, „און זיי האָבן גאָר אויסגעקליבן לערין?"

„דערווייל דאַרפן זיי זיין ‚טייפּ׳, שפּעטער וועלן זיי דאַרפן האַרווין".

„גיי וייס!", האָט מאָריס צעפירט די הענט.

„און מאָריס, זיי האָבן געזאָגט, אַז פאַר יעדן טאָג וואָס לערי וועט זיין אין דער סטודיאָ וועט ער קריגן אַכציק דאָלער, אויב ער וועט אפילו ניט דאַרפן אַרבעטן מער ווי עטלעכע מינוט".

וואַשנדיק זיך ביים קראַן איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ פרייד: זיין ייִנגל וועט ביים אָנהייב קריגן אַכציק דאָלער אַ טאָג, און ער דאַרף שוין באַלד אַרבעטן צוויי וואָכן פאַר דעם געלט. די צוויי זין זיינע וועלן אים אפשר אַמאָל אויסלייזן פון שאָפּ. גיי ווייס, אַז אין זיי ליגט אַזאַ טאַלאַנט! אַז ער פאַרמאָגט אַזאַ אוצר! און דאָס אַלץ איז צו פאַרדאַנקען זיין פּעני,

מיט איר רירעוודיקייט, מיט איר מויל. זי קאָן אָנשפּאַרן אפילו ביים פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. און ווי אירע רויטלעך־בלאָנדע האָר האָבן זיך צעלאָקט, די פּייערלעך אין די אויגן צעשפּילט, דאָס פּנים מיט די חן־גריבלעך „פאַרפלאַמט", ווי ביי אַ כּלה־מיידל! ער איז אַ גליקלעכער מאַן און אַ גליקלעכער פאָטער. און נאָך אַ זאַך: דאָס אַלץ האָט ער צו פאַרדאַנקען, וואָס ער וואוינט אין לאָס־אַנדזשעלעס, נאָענט צום האָליוואודער „גן־עדן". ניט אומזיסט רופט מען דאָס די שטאָט פון די „מלאכים"...

אין דער משפּחה און צווישן פריינט האָט מען זיך שנעל דערוואוסט, אַז לערי איז אָנגענומען געוואָרן אין די „מואוויס". פּעני האָט געהאַלטן אין איין קלינגען אויפן טעלעפאָן, אָנזאָגנדיק, אַז איר זון וועט געזען ווערן אויף דער און דער סטאַנציע אין אַ טעלעוויזיע בילד צוזאַמען מיט באַ־רימטע האָליוואודער „סטאַרס". מען זאָל ניט פאַרגעסן די שעה, מען זאָל אָנשטעלן די זייגערס, מען זאָל לאָזן וויסן צווישן באַקאַנטע...

לערי איז אין דער שפּיל געווען אַ ייִנגל, וואָס פאַרקויפט צייטונגען לעבן אַ באַנק וואו ס'קומט פאָר אַ „האָלד־אָפּ". ס'לויפט אָן פּאָליציי, ס'ברעכט אויס אַ שיסעריי, און ער אַנטלויפט קוים מיטן לעבן. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן זיין קאַריערע אין די „מואוויס". פּעני האָט אַ גליקלעכע אַרומגעטאַנצט אַרום אים, געקעכלט און געצערטלט: דאָס בעסטע און שענסטע אין הויז איז געווען פאַר לערין. די משפּחה און פריינט האָבן זיך מיט אים געגרויסט. און האַרווי איז ווי פאַרגעסן געוואָרן. מען האָט אים ניט אַרויסגעזען. דער קליינער ברודער האָט אים פאַרדעקט. ער האָט זיך נאָך מער געפילט דערשלאָגן פון דעם, וואָס מען האָט צו אים צופיל געשמייכלט, ווי מען וואָלט אים געוואָלט פאַרגיטיקן פאַר עפּעס...

אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע יאָר. און מען האָט האַרווין קיינמאָל ניט גערופן פון דער סטודיאָ. לערי האָט שוין געהאַט אַ נאָמען פון אַ יונגן אַקטיאָר. ער האָט שוין געקראָגן דריי הונדערט און פופציק דאָלער אַ וואָך, פיר הונדערט, פינף הונדערט... דורך דער צייט האָט האַרווי גע־טאָן אַ שאָס אַרויף: אַ דאַרער אומעטיקער בחור מיט פרישטשעס אויפן פּנים. ווי ווייט מעגלעך האָט ער אויסגעמיטן דעם קליינעם ברודער. ס'האָט ניט געהאָלפן לעריס לאַסטשען זיך צו אים. האַרווי איז געבליבן שטום און קאַלט, פאַרהאַקט אין זיך. אין וואַקאַציע־צייט, ווען די שולן זיינען פאַרמאַכט האָט ער געאַרבעט אין אַ רעסטאָראַן אַראָפּנעמענדיק ס'געפעס פון טישן, וואָס ער האָט אַרומגעפירט אויף אַ וועגעלע, און

גאָרניט געוואָלט געניסן פון ברודערס גרויסע פּאַרדינסטן. אַז ער איז פאַרנאַכט אַהיים געקומען אַ מידער אין זיינע וואָכעדיקע אָפּגעריבענע, פאַרפלעקטע קליידער, פלעגט ער אים טרעפן אַן אויסגעפּוצטן ווי אַ יונגן פּרינץ. לערי האָט אים פרייגטלעך און מיט געבעט אין קול באַגריסט, און ער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, ברומענדיק עפּעס אונטער דער נאָז. דער פאָטער האָט אויף זיי געקוקט מיט צער. און פּעני האָט געווישט די אויגן.

איין נאַכט איז ער אינגאַנצן ניט אַהיים געקומען. מען האָט אָפּגערופן די פּאָליציי, אפשר האָט געטראָפן מיט אים אַן אומגליקספּאַל? — ער איז פאַרשוואונדן. די עלטערן זיינען קיין נעכט ניט געשלאָפן. לערי האָט געשוויגן, פאַררוקט זיך אין אַ ווינקל ווי ער וואָלט שולדיק געווען אין דעם. האַרווי איז אַרויפגעשוואומען אויף דער אויבערפלאַך, אַלע זיינען געווען פול מיט אים. פּעני האָט זיך אַרומגעדרייט מיט צעפּאטלטע האָר. זי איז אין עטלעכע נעכט עלטער געוואָרן מיט יאָרן. אויף לערין האָט מען זיך ניט אומגעקוקט. אַז ס'איז אַוועק אַ וואָך און צוויי, האָט עמיצער געגעבן אַן עצה, מען זאָל וויזן האַרווים בילד אויף דער טעלעוויזיע, און אים בעטן ער זאָל אַהיים קומען. דאָס מאָל איז האַרווי אויך געווען אין די „מואוויס", נאָך אים איז דערשינען פּעני, זיין מאַמע. מיט אויסגעשטרעקטע הענט האָט זי אים געבעטן:

„האַרווי, טייערער, קום אַהיים! איך און דיין פאָטער און דיין ברודער בעטן דיך, קום אַהיים, ווייל מיר קענען אָן דיר ניט לעבן! אַז דו וועסט אַהיים קומען וועט שוין אַלץ גוט זיין. מיר וועלן ווידער זיין אַ גליקלעכע פאַמיליע!"

לערי האָט געקראָגן חברים אין דער סטודיאָ: קינדער־אַקטיאָרן, און קינדער פון אַקטיאָרן. ספּעציעל איז צו אים צוגעזאָטן געוואָרן אַ זיבדל, וואָס זיין מוטער איז אַ באַרימטער סטאַר. פרעדי האָט ער געהייסן, עלטער מיט אַ יאָר פון לערין. איין טאָג האָט ער זיך דערוואוסט פון די צייטונגען, וואָס האָבן געמאָלדן מיט גרויסע קעפּ, ווי מען וואָלט אָנגעזאָגט אַ וועלט־איבערקערעניש: זיין מאַמע גייט צום פינפטן מאָל חתונה האָבן מיט עפּעס אַ זינגער. ער איז דערצויגן געוואָרן ביי דינסטן און זעלטנס זי געזען. דעם פאָטער געדענקט ער אויך ניט קלאָר, ער ווייסט נאָר, אַז ער איז אַ מואווי־דירעקטאָר און מאַכט איצט אַ בילד אין פּאַריז. פרעדי האָט אים אויך דערציילט, אַז זיין מאַמע האָט אַמאָל אַראָפּגעשלונגען צופיל שלאָף־פּילן און איז שיעור ניט געשטאָרבן.

איינמאָל האָט ער לערין מיטגענומען צו אַ האַליוואודער הוליאַנקע פון יוגנטלעכע. מען האָט אַ סך געטרונקען און גערויכערט פאַרבאָטענע פּאַפּיראָסן. לערי איז שוין אַלט געווען זעכצן יאָר, אַז מיידלעך האָבן געטרונקען און גערויכערט האָט ער ניט געקענט אָפּשטיין. אויסרויכערנ־דיק אַזאַ פּאַפּיראָס איז ער געפלויגן אין הימל אַריין. נאָך אַזעלכע הוליאַנ־קעס פלעגט ער צומאָרגנס שלאָפן שפּעט. אַז ער איז אויפגעשטאַנען האָט ער געפילט מיד, עפּעס האָט אים געפעלט, ער איז געווען אומרואיק. די מאַמע האָט צוגעלייגט די האַנט צו זיין שטערן, צי האָט ער ניט קיין היץ. ער איז געווען אויסגעבלייכט.

איינמאָל האָט אים פרעדי מיטגענומען „סלאָמען", זען אויסטערלישע טיפן אין דער פינפטער גאַס, די לאָס־אַנדזשעלעסער „באָוערי": וואו מען קריגט אָפּצועסן אַ מיטאָג פאַר צוואַנציק סענט. די רעסטאָראַנען זיינען דאָרט איינגעגראָבן אין קויטיקע לעכער. דייער ריח שלאָגט פון ווייט אין דער נאָז אַריין. דאָרט פאַרקויפט מען אַלטע העמדער, אַלטע נאָז־טיכלעך, ביליקן בראָנפן און ווענערישע קראַנקהייטן. דאָרט דרייען זיך אַרום „געוועזענע" מענטשן מיט אויסגעלאָשענע אויגן און קויטיק־פאַר־וואָקסענע פּנימער. לערי האָט באַוואונדערט די „טיפּן" און פרעדי האָט אים פאַרזיכערט, אַז ס'וועט אים צונוצקומען, ער וועט אַמאָל דאַרפן שפּילן אַזעלכע מענטשן.

פאַרבייגייענדיק איינעם פון די רעסטאָראַנען איז לערי בלאַס געוואָרן. אָנגעכאַפּט פרעדין ביי דער האַנט.

„וואָס איז געשען?", האָט זיך פרעדי געוואונדערט.

„וואַרט אַ מינוט", האָט ער געזאָגט, און איז אַריין אין יענעם רעס־טאָראַן.

ביי איינעם פון די טישלעך, צווישע די אַנדערע געבויגענע, שאָטנ־דיקע מענטשן, איז געזעסן זיין גרויסער ברודער האַרוי, געטרונקען קאַווע און געהאַלטן צווישן די נעגל אַ ברעקל פּאַפּיראָס.

„האַרוי!", האָט לערי אַ געשריי געטאָן, און איז צוגעפאַלן צו אים. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין אויסגעדאַרט פאַרוואָקסן פּנים. די צעקנייטשטע קויטיקע קליידער, ווי ער וואָלט אַרויסגעקראָכן פון אַ מיסט־קאַסטן: „וואו ביסטו געווען? פאַרוואָס קומסטו ניט אַהיים? די מאַמע האָט שוין אירע אויגן אויסגעוויינט. מיר אַלע בענקען נאָך דיר. קום אַהיים! זעסט אויס קראַנק. מיר האָבן געמיינט, אַז דו לעבסט שוין ניט. וואָס איז געשען? וואָס האָסטו קעגן אונדז?". ער האָט אַרויפגעלייגט

די האַנט אױפֿן ברודערס אַקסל, האַרװי האָט אים אַפּגעשטױסן, און זיך געלאָזט צו דער טיר. לערי האָט אים אָנגעכאַפּט בײ דער האַנט: „איך װעל דיך ניט אַפּלאָזן! קום אַהײם!"

„טשעפּע זיך אָפּ!"

„נײן, װעסט איצט מער ניט אַנטלױפֿן!", האָט אים לערי אַרומגעכאַפּט.

„טשעפּע זיך אָפּ!", האָט אים האַרװי געגומען אַפּשטױסן פֿון זיך, „לאָז אָפּ, איך װאָרן דיך!"

„כ'װעל ניט אַפּלאָזן, דו מוזט אַהײם גײן מיט מיר! די מאַמע..." ס'איז געװאָרן אַ רעדל אַרום זײ.

„קום אַהײם!", האָט אים לערי געבעטן מיט אַ װײנענדיק קול.

האַרװי האָט אים דערלאַנגט מיט דער פֿויסט צװישן די אױגן, לערי איז אומגעפֿאַלן זײַנע הענט האָבן געזוכט דעם ברודער אין דער לופֿט. דערנאָך האָט ער זיך צעװײנט...

„פֿאַרװאָס שװײַגסטו אים? אָט גײט ער אינדרױסן, לאָז אים אַרעסטירן", האָט אים פֿרעדי געהאָלפֿן אױפֿשטײן פֿון דער ערד.

„דו פֿאַרשטײסט ניט", האָט לערי געװישט זײַן אױפֿגעלאָפֿן אױג.

אַ קעלנערין אין אַ קױטיק פֿאַרטוך האָט צוגעטראָגן אַ שטיקל שװאַרצן „סטעיק" צום רײך־געקלײדטן יונגן מאַן, ער זאָל דאָס צולײגן צום אױג.

זײ האָבן געטרונקען שװאַרצע קאַװע, געררױכערט. לערי האָט דערצײלט פֿרעדין, װאָס ס'איז פֿאָרגעקומען צװישן אים און זײַן ברודער. פּלוצים האָט זיך געעפֿנט די טיר און האַרװי איז אַרײַנגעקומען.

לערי איז אױפֿגעשפּרונגען:

„מײַן גרױסער ברודער!"

האַרװי האָט זיך געזעצט בײַם טישל:

„אַזױ, ביסט געװאָרן אַ האָליװאָודער סטאַר!"

„איך בין ניט קײן סטאַר, אפֿשר װעל איך אַמאָל זײַן, אױב ניט אַרט מיך אױך ניט. זאָל זיך די מאַמע זאָרגן. איך װיל נאָר דו זאָלסט אַהײם קומען, װידער זײַן מיט אונדז — איך האָב נאָר אײן ברודער!"

„אַ טרעמפּ!", האָט האַרװי פֿאַרענדיקט זײַן זאַץ, „װעסט זיך דאָך שעמען צו גײן מיט מיר איבער דער גאַס!"

„איך האָב אַלע מאָל שטאָלצירט מיט דיר!"

האַרװי האָט אַרױפֿגעלײגט די האַנט אױף לעריס אַקסל:

„דעם קלאַפּ װאָס כ'האָב דיר געגעבן — האָב איך ניט געמײנט"...

„אַ, פאַרגעס אָן דעם!"

סאַראַ פרייד ס'איז געווען אין הויז ווען די ברידער זיינען צוזאַמען אַהיים געקומען!

אין די עטלעכע חדשים זינט האַרווי איז פאַרשוואונדן האָבן זיך אָנ־געקליבן נייע גרויע האָר אונטער פעניס „בלאָנד־רויטלעכע לאָקן". זי איז געוואָרן מיד זיי אויסצורייסן און צום סוף אָפּגעפאַרבט. די קנייטשלעך אַרום אירע אויגן, וואָס זי פלעגט פאַרשמירן, ווי מען פילט אויס שפּאַלטן אין אַ וואַנט האָבן זיך טיפער איינגעשניטן, און געוואָרן בולטער. איר מיליאָן־דאָלערדיקער שמייכל פאַרבלאַסט, פאַרטרויערט. אַ ווייטיק און אַ בענקשאַפט האָט ניט אויפגעהערט נאָגן און ציען דאָס בלוט פון איר האַרץ אַרויס. זי האָט זיך באַשולדיקט אין דעם ריס צווישן די קינדער, אין האַרוויס אַנטלויפן פון הויז, אין זיין מעגלעכן טויט. זי איז געוואָרן דער „קענסער" וואָס האָט זיך אַליין לעבעדיק געגעסן.

ווען די זין האָבן זיך צוזאַמען באַוויזן אויף דער שוועל האָט די וועלט צוריק אויפגעלויכטן פאַר איר. זי האָט געוויינט און געלאַכט און ניט אויפגעהערט האַרווין צו קושן. ער האָט זיך גאָרניט געקאָנט באַ־פרייען פון איר. אין עטלעכע טעג אַרום איז אים ניט געווען צו דער־קענען: אָפּגעוואַשן, אויסגערוט, איבערגעטאָן אין ריינע קליידער, האָט מען אים ערשט אָנגעהויבן אַרויסזען. ס'בלוט אין זיינע אָדערן האָט אויפ־געשפּילט, אויפגעזונגען. אַ געפיל פון פריידיקער דערוואַרטונג איז אויפ־געגאַנגען אין זיין יונג בחוריש האַרץ. אַלע פרימאָרגן האָט ער געמאַכט פיזישע איבונגען צו שטאַרקן, און אויסצוגלייכן זיין קערפּער, וואָס איז אַביסל צעבויגן געוואָרן אין די „סלאַמס" און אָנגעהויבן וויאַנען. ער האָט גענומען אָניאָגן אין שול די פאַרלוירענע צייט, און פעני האָט זיך באַרימט פאַר אַלעמען, אַז איר זון גייט ווערן אַ גרויסער „לאָיער"...

צייט דער גרויסער ברודער איז צוריקגעקומען האָט לערי אויפגעהערט גיין מיט זיינע יונגע פריינט צו נאַכט־הוליאַנקעס אין האָליוואוד. האַרווי האָט געהאַלטן אָן אויג אויף אים. ער האָט אים געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט מער ניט רויכערן די פאַרבאָטענע פּאַפּיראָסן, און ניט „טרינקען". עס זיינען אַוועק חדשים און ער האָט געהאַלטן וואָרט. ביז ער איז ווידער אַהיים געקומען פאַרטאָג. ס'האָט זיך געפילט פון אים בראָנפן מיט נאָך עפּעס אַ פאַרדעכטיקן ריח. ער האָט נישט געקאָנט איינשטיין אויף די פיס און געברומט אונטער דער נאָז אַ פריילעך לידל.

האַרווי האָט זיך געריבן די אויגן. דערזען דעם ברודער איז זיין פּנים

פאַרהאַרטעוועט געוואָרן.

„האָסט מיר און דעם טאַטן צוגעזאָגט, אַז דו וועסט מער ניט אַהיים קומען פאַרטאָג!"

„מיין טאַטע און מיין גרויסער ברודער, דער פילאַדעלפיער ,לאָיער' האָבן פאַרגעסן, אַז איך בין שוין אַרויס פון קינדער־גאָרטן... היק..."

„ביסט שיכור!"

דאָס איז ניט קיינעמס פאַרדאַמטע ,ביזנעס', נאָר מיין אייגענע. איך וועל טרינקען ווען איך וועל וועלן".

ס'האָט אָפּגעהילכט אַ פּאַטש...

לערי האָט דערשראָקן און מיט פאַרוואונדערונג אַ קוק געטאָן אויפן גרויסן ברודער:

„דו לויזיקער טרעמפּ!"...

זייערע פויסטן האָבן זיך צעוויגט. די עלטערן האָבן זיי קוים צענומען.

דאָס מאָל איז לערי אַוועק פון דער היים. ער האָט זיך אַריינגעצויגן צו פרעדין, וואָס האָט געוואוינט מיט זיין מוטער אין אַ רייך הויז אין „בעווערלי הילס". פרעדיס מוטער האָט אים באַלד „אַדאָפּטירט" פאַר אַ זון... לערי האָט זיך דעמאָלט שטאַרק אויסגעצייכנט אין דער ראָלע פון אַ גענסטער: מיט איידעלע פיינע מאַניערן, אַ ווייך זיידן קול, אַ פּנים פון אַ מלאך, און פאַרליבטע ווייך־זאַנפטע אויגן — האָט ער דורכגעפירט די גרעסטע רויבערייען, און געשאָסן יעדן וואָס האָט זיך אים געשטעלט אין וועג. זיין מאָטאָ איז געווען: „לעב שנעל און מאַך אַ שיינעם מת"... דאָס איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון טויזנטער יונגע לייט. ער איז געוואָרן זייער העלד, זייער אידעאַל. טויזנטער מיידלעך האָבן אויפגעהאַנגען זיין בילד אויף די ווענט אין זייערע שלאָף־צימערן און געשפּילט ליבעס מיט אים אָן זיין וויסן. אַז ער האָט זיך באַוויזן אין גאַס זיינען זיי אים באַפאַלן פאַר „אויטאָגראַפס".

לערי האָט דעם פאָטער מער ניט געלאָזט גיין אין שאַפּ אַריין. געדונגען פאַר די עלטערן אַ דירה אין אַ רייכער געגנט מיט אַ דינסט אין הויז.

אין לאָס־אַנדזשעלעס האָבן אָנגעהאַלטן בלויע מילדע טעג אין דעם לאַנגן, ניין־חדשימדיקן זומער. שטאָלצע איידעלע פאַלמען־ביימער האָבן זיך געצויגן צום הימל ווי די ערד וואָלט זיי ניט אָנגעשטאַנען... און דער הימל איז געווען אַזוי לויטער, ווי גוט אויסגעוואַשן גלאָז, אָן אַ פלעק פון אַ וואָלקנדל. די לופט אומבאַוועגלעך, מאָנאָטאָן, איינשלעפערנדיק.

רייען שטילע גאַסן מיט גראָז־טעפּיקער אַרום די הייזער זיינען געווען ווי פאַרזונקען אין אַן אייביקער רו, ווי עס וואָלט גאָר קיין אינדוסטריעלער געשעפעט־טייל פון שטאָט ניט געווען, וואו עס הילכט און בראזגעט, וואו צוזאַמענגעפּאַקטע מאַסן מענטשן לויפן, יאָגן, און ווילן איבעריאָגן ניו־יאָרק; וואו דער „סמאָג" ברענט אין די אויגן און בייסט זיך איין אין האַלדז. דאָ האָט מען געהערט ס'פּאָכען פון אַ פויגלס פליגל און דאָס זשו־מען פון אַ בין. מאָריס, לעריס פאָטער, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן מיט אַזוי פיל פרייע צייט האָט אָנגעהויבן מאָלן בילדער פאַר אַ „האָבי"... און פעני האָט זיך אָפּגעגעבן מיט „טשאַריטי"... אַמאָל פלעגט לערי קו־מען אין זיין גלאַנציקן „קעדילאַק" עסן דער מאַמעס געפילטע פיש... איינ־מאָל איז געווען געמאָלדן אין די צייטונגען, אַז ער קלייבט זיך חתונה האָבן מיט אַ טענצערין. אַז די עלטערן האָבן אים אָפּגערופן און געפרעגט צי ס'איז אמת, האָט ער געלאַכט:

„האָליוואוּדער פליאָטקעס"...

איז פעני צוגעשטאַנען:

„ווען וועסטו פאַרט חתונה האָבן?"

„מאַמע, קריג ניט קיין גרויע האָר צוליב מיר", האָט ער געשפּאַסט.

אַ פרימאָרגן, זיצנדיק אין גאָרטן פון איר הויז, האָט פעני געעפנט אַ צייטונג און אַ היסטערישן געשריי געטאָן:

„מאָריס!"

דער מאַן איז אַ דערשראָקענער אויפגעשפּרונגען. פעני האָט איינגע־גראָבן די פינגער אין אירע האָר און געוואָלדעוועט:

„אוי, אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן!"

זי האָט געוויגט דעם קאָפּ גראָבנדיק די נעגל טיפער אין שאַרבן אַריין. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער צייטונג און ס'איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן איבערלייענענדיק:

„היינט פאַרטאָג איז לערי וויינפעלד איבערגעפאָרן אַן אַלטע פרוי. זי איז געשטאָרבן אין אַמבולאַנס אויפן וועג צום שפּיטאָל. דער פּאָליס־מאַן וואָס איז אָנגעקומען צו דער סצענע זאָגט, אַז ער איז ניט געווען ניכטער... ער איז אַדורך אַ רויט ליכט. מיט אים זיינען געווען צווי יונגע מיידלעך".

דער פאָטער האָט באַלד אויפן טעלעפאָן אָפּגערופן האַרווין, וואָס איז שוין געווען אַ „לאָיער" און געהאַט אַן אָפיס.

לערי איז געלעגן אויפן בעטל אונטער גראַטעס. דערזעענדיק דעם „גרויסן ברודער" האָט ער אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און זיך צעוויינט...

אין אַ רו־טאָג

באַלד אינדערפֿרי איז שוין געווען הייס. אַ שטויביק ווינטל איז צייטנווייז אָנגעפֿלויגן און געשטאָכן ס׳פּנים. דראַאונג־סיגנאַלן פֿון אױ־טאָמאָבילן האָבן איינגעזאַפּט אין זיך געשרייען פֿון קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין פֿלאַנטער פֿון גאַס־פֿאַרקער מיט טויט־געפֿאַרן פֿון אַלע זייטן.

ס׳איז געווען שבת אינדערפֿרי. רחל איז געלעגן אין בעט און זיך געקליבן אויפֿצושטיין. דורכן פֿענצטער האָט אַריינגעקוקט דער „פֿייער־עסקעיפּ" מיט עטלעכע שטיקלעך צעהאַנגענע וועש. ראַדיאָס האָבן שוין געשפּילט „דזשעז" אויף הויכע טענער, פֿליגן האָבן געריועט, געבליצט מיט די גרין־גלאַנציקע קעפּלעך אונטער דער זון, וואָס האָט זיך קרומ־לעך, שטיקלעכווייז, דערקליבן אין הויז אַריין דורך די צוזאַמענגעפּרעסטע ווענט פֿון די הויכע הייזער.

רחל האָט געהאַט אַ שווערע וואָך: געלאָפֿן זוכן אַרבעט אין די גרויסע היצן. די שטאָט איז געווען אָנגעגליט, דער גאַרמענט־צענטער האָט גע־ברענט. זי האָט שעהענווייז אַרומגעשפּאַנט און ניט געקענט געפֿינען קיין „דזשאַב". די הויכע הייזער האָבן פֿון די שמאָלע גאַסן געמאַכט טיפֿע קברים, ס׳איז ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. ווען זי האָט געפֿילט אַז זי פֿאַלט שוין פֿון די פֿיס, איז זי אַריין אין אַ קאַפֿעטעריע אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער, געזעצט זיך אונטער אַן עלעקטרישן־פֿעכער, געווישט דעם שווייס און אָפּגעאָטעמט — אָפּגערוט זיך אַביסל, האָט זי ווידער גענומען שפּאַנען. אויפֿן דריטן טאָג האָט זי דערזען אַ מעלדונג: „פֿאַרלאַנגט אָפּערעיטאָרס צו אַ גוטער לאַין דרעסעס". זי איז געשטאַנען אַ ווייל און געטראַכט: זאָל זי פֿרעגן פֿאַרן „דזשאַב"? ביי דער גוטער אַרבעט, האָט זי געהערט, נעמט מען זיך די אויגן אַרויס, מען ווערט אַ „נערוועז רעג", נאָר די לעצטע פֿאָר דאָלער גייען איר אויס — זי וועט פּרובירן.

דאָס ערשטע קליידל האָט זי געמאַכט ערגער ווי זי קאָן, ווייל זי איז געווען נערוועז, די הענט האָבן איר געציטערט.

דער פֿאָרמאַן האָט פֿאַרקרימט ס׳פּנים ווי אַ געקרייציקטער:

„מיסעס, ביי וואָס האָט איר געאַרבעט, ביי תכריכים?“

ער האָט איר אַ וואָרף געטאָן די דרעס, געהייסן צעטרענען און איי־בערמאַכן. זי האָט אַרויסגענומען פון אַ פּאַפּירל אַ קלייניניקע האַנט־נאָדל, און אָנגעהויבן מיטן שפּיץ אַרויסצוגראָבן די איינגעגעסענע געדיכטע שטעך, יעדעס שטעכעלע באַזונדער. די הענט האָבן זיך איר געטרייסלט זי זאָל ניט פּאַרטשעפּען אַ זיידן פּעדעמל פון געוועב און מאַכן אַ „דע־מעדזש“. געהאַלטן ס׳קליידל ביים עלעקטרישן לעמפּל פון דער מאַשין, בעסער צו זען. שווייס איז איר פון שטערן גערונען אין די אויגן אַריין און איר בלינד געמאַכט. שווייס קען מאַכן אַ פלעק, האָט זי אַלע ווייל אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ און אָפּגעטרייסלט די טראָפּנס. איר פּנים האָט געפלאַמט. ס׳האָט זיך איר געוואָלט אַ וואָרף טאָן דאָס קליידל און אַוועק־גיין, נאָר איר עקשנות האָט דאָס ניט געלאָזט. ווידער געגראָבן מיט דער שפּיץ־נאָדל, וואָס האָט זיך געגליטשט אין אירע שווייסיקע פינגער, ביז זי האָט, דאַכט זיך, דאָרט פאַרטשעפּעט אַ זיידן פּעדעמל, ס׳קליידל האָט זיך גענומען וויגן פאַר איר...

זי האָט עס אָבער איבערגעמאַכט ווי מען דאַרף. ווען זי האָט צוגע־טראָגן ס׳קליידל צום פאָרמאַן, ער זאָל דאָס עקזאַמינירן, האָט איר געַ־קלאַפּט דאָס האַרץ, די פיס האָבן ביי איר געציטערט.

דער פאָרמאַן האָט דאָס אַרויפגעצויגן אויף דער „פיגור“, געדרייט, געטאַפּט, געפּאָרשט, און אַ שמייכל געטאָן:

„ס׳איז ביים וועג, איר וועט זיך איינאַרבעטן. זעט, איר ברענט דאָך איבגאַנצן, גייט אַריין, וואַשט זיך אַרום“...

זי האָט זיך שטאַרק דערפרייט: „געמאַכט דעם דזשאַב!“ פון פרייד האָט זיך איר אַזש געוואָלט וויינען. ז׳איז אַריין און זיך אַרומגעוואַשן, אויסגעגלייכט אַביסל די צעפּאַטלטע האָר, אַ פאַרב געטאָן די ליפּן, און צוריק אַוועק צו דער מאַשין. דער פאָרמאַן האָט איר צוגעטראָגן אַ „באָנדל“ און מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן:

„אָבער איצט!“...

זי קלייבט זיך אַלץ אַרויסצוגיין פון בעט, ס׳וואַרט אויף איר אַ סך אַרבעט. ס׳הויז איז אָפּגעלאָזן, דער אָנגעוואָקסענער שטויב בייסט אין האַלדז, די פאָרהאַנגען „בעטן זיך“ מען זאָל זיי אויסוואַשן. ס׳ליגט אַביסל איינגעשפּריצטע וועש און פוילט, מען דאַרף עס אויספּרעסן, און זי איז מיד, ס׳ווילט זיך איר נאָך ליגן אין בעט, זי דאַרף זיך גוט אויס־

רוען. היינט ביינאַכט איז דער קאָנצערט פון זייער כאָר און זי וועט דאַרפן „אויפטרעטן“. די נעכטיקע אַלגעמיינע פּראָבע האָט די זינגער אויסגעמאַטערט. דער דיריגענט פאַרלאַנגט, ס'געזאַנג זאָל זיין „הונדערט פּראָצענט“. אַ פאַלשער טאָן רייסט אויף אין זיינע אויערן ווי אַ באָמבע און ער כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ. ס'איז שלעכט וואָס די מערסטע זינגער קענען ניט לייענען קיין נאָטן, האַלט ער אין איין אויסבעסערן, אין איין אָפּשטעלן. ס'געזאַנג מוז זיין עכט, לויטער, און „נשמהדיק“ — בעט ער זיך: „פּיאַניסימאַ, פּיאַניסימאַ“... און פייער... ברען...“ מיט אַ מאַך פון דער האַנט צעשפּאַלט ער דעם כאָר אויף פאַרשידענע טיילן און לויט אַ צווייטן צייכן פון דער האַנט, דאַרפן זיי זיך בליץ־שנעל צוזאַמענגיסן, אַזוי ווי אַריינגעוועבט. עס טאָרן ניט זיין קיין „שפּאַלטן“, קיין „עקן“. פאַרטשעפּעט זיך איינער, איז איבערגעזונגען, און ווידעראַמאָל איבערגעזונגען, ס'נעמט גאָר קיין סוף ניט. די נערוון ווערן אָנגעצויגן, אין קאָפּ נעמט האַקן. דאָס זיינען אויסגעהאָרעוועטע, און מערסטנס עלטערע מענטשן. זיי זיינען באַלד צו דער פּראָבע געקומען דערשעפּטע פון די שעפּער, אין אַזאַ היץ ווי ס'איז יענע וואָך געווען. און ער לאָזט ניט אָפּ. וואָס וויל ער, מאַכן פון זיי אָפּערע־זינגערס?... די קאָנסערוואַטאָריעס וואָס זיי זיינען דורכגעגאַנגען זיינען געווען די שעפּער, די „פּיקעטלאַינס“.

פאַרגעסט מען „אַריינצוקומען“ צו דער סעקונדע כאַפּט ער זיך שוין פאַרן האַרץ... און הייבט אויף אַ געוואַלד, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אונטערגעגאַנגען. אַמאָל איז דאָס אַן עלטערער מענטש, אַ זיידע, בלייבט יענער זיצן ווי אַן אָפּגעשמיסן יינגל. נעכטן האָט עס איר געטראָפן... נאָך אַזאַ וואָך ווי זי האָט געהאַט האָט זי קוים געקאָנט דעם קאָפּ האַלטן אויף זיך, איז זי „אַריינגעקומען אפשר מיט אַ סעקונדע שפּעט“... אַזוי זאָגט ער. נו, נו! מען האָט אים שוין גאָרניט געקאָנט באַרואיקן... און וואָס הייסט ער וועט שרייען אויף איר, פאַרשוואַרצן איר פּנים?... זי, אַן אַלטע זינגערין, אַ גרינדערין און בויערין, וואָס זי וואָלט זיך געלאָזט אַ האַנט אָפּשניידן פאַרן כאָר! דער כאָר איז איר לעבן, נעמט ער און „וואַשט“ זי אַזוי אָפּ! ס'האָט איר פאַרצויגן ביים האַרץ און זי האָט זיך אַזש צעוויינט... נאָר אַ דיריגענט איז ער שוין גאָר אַ גוטער... ער קאָן אַרויסציִען טענער פון אַ שטיין... זייער כאָר האָט נאָך קיינמאָל אַזוי גוט ניט געזונגען ווי מיט אים. ס'איז טאַקע שווער, נאָר ס'איז ווערט. זייער כאָר זינגט אָראַטאָריעס פון גרויסע קאָמפּאָזיטאָרן מיט וועלט־נעמען. זיי טרעטן

אויף אין די גרעסטע זאַלן, טויזנטער מענטשן קומען זיי הערן, צייטונ־גען לויבן — ער איז שוין איינמאַל אַ דיריגענט!...

זי איז געלעגן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און געררוט, געררוט. דער דיריגענט האָט אַנגעזאָגט זיי זאָלן זיך גוט אויסרוען פאַרן קאָנצערט. פאַרשידענע געדאַנקען שווימען אַרום אין איר קאָפּ, זי דערמאָנט זיך אָן איר יוגנט, דאָס שטעטל פון וואַנען זי קומט: יידישע היזעלעך שטאַרצן אַרויס פון דער בלאָטע, ציגן מיט קויטיקע בערד קריכן אויף צעפוילטע דעכער. פאַרנאַכט צעפינטלען זיך די פאַרשמירטע שויבן מיט רויכיקע פייערלעך, דער קלויסטער־גלאָק קלינגט מיט אַ באַכקלאַנג... פון צע־בראָכענע שויבן און קולות פון שיכורע פויערים...

אַן אָוונט:

ביים טיש זיצט דער גביר פון שטעטל. פון זיין ברייטער גרויער באָרד שטאַרצט אַרויס אַ פאַרשוויצט פּנים מיט עפּל־באַקן. די געדיכטע גראָבע וויעס קלעפּן אויף זיין שטערן, ווי פּיאַווקעס. ער ווישט דעם שווייס מיט אַ רויטער פאַטשיילע און סאָפּעט פון צופיל פעטס. דער טאַטע רעדט צו אים מיט גרויס דרך־ארץ און בייגט זיך פאַר אים. די מאַמע שטייט אין אַ ווינקל און פאַרריכט זיך ס׳שייטל. דער גביר קוקט אַריבער זייערע קעפּ, ציילט מיט קאַרגשאַפט די ווערטער: „מנע־נ־יא״... פאַרררייסט דעם קאָפּ, און נעמט אָן מיט עטלעכע גבירישע פינגער זיין שפּיץ־באָרד און זוכט מיט דער פלייצע... איר, דער זיבעצן־יאָריקער, וואָס ער גייט נעמען פאַר אַ ווייב...

יענע נאַכט איז זי אַנטלאָפן פון דער היים. אַוועק אין אַ גרעסערער שטאָט, אָפּגעזוכט די „סטרייקערס״ און זיך געווענדעט צו זיי נאָך הילף... יענע האָבן איר וואַרעם אויפגענומען... זי אַרבעט אין אַ פאַבריק... פאַרטיילט פאַרבאָטענע בלעטלעך און ווערט אַרעסטירט. די טורמע: אַ פינצטערע קויטיקע שטיג, נאָר די לידער וואָס מען האָט דאָרט געזונגען האָבן ליכטיק געמאַכט און איר אַנגעטאָן פליגל.

זי קומט קיין אַמעריקע. פאַרליבט זיך און האָט חתונה. האָט אַ קינד, אַ שיין הויז. ווערט דער מאַן אַ „דעזיינער״. דער שאָפּ גייט אַרויס אין סטרייק און ער גייט אַ דורך די „פּיקעט־לאַין״. „אַ דעזיינער איז נית קיין אַרבעטער״, האָט ער געטענהט. דער באַלעבאָס דינגט געגנסטערס. אַ יוניאָן־טוער ווערט צעשלאָגן — זי פאַרהאַקט די טיר פאַר איר מאַן... וויל נית זיין בלוטיק געלט... אַרבעט און דערציט אַליין דאָס קינד...

זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, אַרומגעוואַשן זיך, און אָפּגעשיילט אַ מאַראַנץ. דער טערפּקער זאַפט פון דער שאָל איז איר פאַרגאַנגען אונ־טער די נעגל. זי האָט זיך געקוויקט מיט יעדן פּענעצל באַזונדער, וואָס האָט אײַנגענומען דעם שלעכטן טעם פון מויל און איר דערפרישט. נו, זי דאַרף זיך נעמען צו דער אַרבעט. נאָר פריער וואָלט זי געוואָלט אײַנאָטעמען אַביסל פרישע לופט. זי איז אַרויס אויפן „פיער־עסקייפ״. די שטאָט האָט אַ הילך געטאָן אין אירע אויערן, זי האָט שפּאַסיק פאַר־זשמורעט די אויגן און זיך אונטערגעזונגען:

„גיי איך מיר אַרויס אויפן גאַניקל,
דאָס שטעטעלע באַקוקן...
איז אַראָפּגעפלויגן אַ שיינער פויגל
און מיך געטאָן באַגליקן...״

איבער איר קאָפּ האָט זיך אַ פּאָר־פּאָלק געקריגט בײַ אַן אָפן פענצטער. דער קוויטש פון דער פרוי האָט זיך פאַרמישט מיטן שאַרפן בראַזגערײַ פון צעבראָכענע טעלער.

זי האָט אַרומגעוויקלט אַ פאַטשיילקע אויפן קאָפּ און אָנגעהויבן ריי־ניקן ס׳הויז. אַוועקגעלייגט זיך אויפן קיך־דיל מיט אַ הייסן טאָפּ פאָ־רעדיק וואַסער מיט זייף, און געריבן מיט אַ האַרטער באַרשט וואו נאָר אַ ווינקעלע. ריטשקעלעך שווייס האָבן זיך געגליטשט אויף איר צעקאָכט לייב, זי האָט שווער געאָטעמט ווי זי וואָלט געקלעטערט אויף הויכע טרעפּ.

שפּעטער, אַז דאָס הויז איז געווען ריין, ס׳האָט „געשמעקט אין יעדן ווינקעלע״, האָט זי גענומען אַ וואַנע, און זיך אָנגעטאָן אַ לייכט זומער־דיק קליידל, וואָס זי האָט פאַר זיך אַליין אויפגענייט. זי האָט זיך גע־פילט פריש, כאָטש גיי טאַנצן...

קומענדיק זיך פאַרן שפּיגל האָט זי באַמערקט, אַז זי קריגט וואָס אַמאָל מער גרויע האָר. ס׳איז איר באַפאַלן אַן אומעט. זי האָט נאָך, דאַכט זיך, גאַרניט געלעבט און ס׳באַווייזט זיך שוין דער סוף. זי איז געבליבן שטיין מיטן קאָם אין האַנט, ווי ס׳וואָלט איר עמיצער אומגע־ריכט אַ קלאַפּ געטאָן. זי האָט זיך פאַרטראַכט, די האַנט מיטן קאָם איז בײַ איר נאָכגעהאַנגען... זי האָט זיך דערמאָנט אַן אַלט לידל, וואָס זי האָט אַמאָל געהערט:

„גרויע האָר, בית־עולם בלומען,
„איך קוק אויף אייך און גיי אויס פון קעלט"...

„פע!", האָט זי אָפּגעהאַקט. אַזעלכע לידער פּאַרקלעמען ס'געמיט און מאַכן עלטער ווי מען איז. זי ווייסט פון יונגע מענטשן וואָס זייַנען זקנים, און פאַרקערט. און זי האָט אויפגעזונגען ס'ליד, וואָס מען זינגט אין זייער כאָר:

„יונג איז יעדער, יעדער,
ווער עס וויל נאָר:
יאָרן האָבן קיין באַדייט.
אַלטע קענען, קענען, אויך זיין קינדער
אין אַ נייער, פרייער צייט"

ס'האָט אין איר אַ שוים־געטאָן מיט פריילעכקייט, דער קאַם איז ביי איר געפלויגן אין דער האַנט. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז דער טאָג שטייט ניט, זי דאַרף אַראָפּגיין עפּעס איינקויפן, זי האָט נאָך אַזוי פיל צו טאָן...

היימאַן דער בוטשער איז געשטאַנען אַ פאַרבלוטיקטער מיט אַ כמאַרע פליגן אַרום זיך. ער האָט באַדינט אַ געהויבענעם קאַסטאָמער, דער מיסעס גרין. זי האָט אומצופרידן געטרייסלט מיטן גוידער, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט איר ניט געפעלן. אויף אירע דיקע קורצע פינגער האָבן געפינקלט בריליאַנטן. זי קומט מיט אַ גרויסער מאַשין באַגלייט פון אַ דינסט. פאַר איר קלייבט היימאַן ס'בעסטע, קיין ביין, קיין ברעקל פעטס, גאַלע בלוט־טיקער „סטעיק". און קוקט צו איר אַרויף מיט אונטערטעניקע אויגן פון אַ הונט, וואָס דרייט מיטן עק, חנפהט זי, „לעקט", האַלט אין איין „לעקן".

די פרויען אַרום, וואָס קויפן קליינע פעקעלעך און ציילן די ניקלס מיט ציטעריקע פינגער, זייַנען געוואָרן אומרואיק, זיך געשושקעט און געשפּיזט מיט די אויגן אויף איר: אויף זיי ברענט די הויט, געלאָזט קינדער אין דער היים, און ער וויל איר ניט אויפהערן „לעקן".

געבליבן מיט די אָרעמע ווייבער איז היימאַנס נאָז געוואָרן שאַרף, די אויגן שפּיציק: „די ווייבער מאַכן אים דעם טויט, באַפאַלן אים ווי די היישעריקן און ווילן ער זאָל זיי אַלע באַדינען מיט איינמאָל". רחל איז געבליבן די לעצטע.

„וואָס ווילט איר, מיסעס ?"

זי זאָגט אים וואָס זי וויל.

ער כאַפּט אַביסל פּעטס מיט ביינער, אַ וויקל, אַ וואָרף, און שטעלט אויס די האַנט...

„כ'האָב אייך געזאָגט, וואָס איך וויל".

„מיסעס, דאָ קלייבט מען זיך ניט אויס, און מען ווערט פון אייך ניט רייך".

„איך פון אייך אויך ניט, כ'האָב אייך געזאָגט" — — —

„זאָגט אַביסל וויניקער. נאָ דיר אַ נייע זאָגערין אויף מיין קאָפּ! קויפט אַמאָל אַ פונטל פלייש און עסט אויס דאָס האַרץ!"

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, זי איז אַוועק צו אַן אַנדערן „בוטשער".

אַז זי איז געקומען נאָענט צו איר הויז האָט זי דערזען אַ רעדל מענטשן. וואָס האָט געטראָפן? טייל פאַרדרייען די קעפּ אַרויף צו דער „בילדינג" און אַנדערע שטייען מיט די קעפּ געבויגן ווי ביי אַ לוויה. פרויען ווישן די אויגן. פאַרבייגייער שטעלן זיך אָפּ.

„וואָס איז געשען ?"

„אַ פייער ?"

„שוין, פאַרשניטן געוואָרן אַזאַ יונגער בוים, ווינד איז מיר! דאָס האָט דאָך נאָך גאָרנישט געלעבט!", האָט אַ מאַמע עמיצן באַקלאָגט.

„ווען ? וואו ?"

„וואו? ערגעץ עק וועלט. די מערדער האָבן אים פאַרשלעפּט אַהין. אַזאַ טייערער באַי! דער מאַמעס מילך נאָך אויף די ליפּן!"

דאָס וואָרט „קאָרייע" איז געפאַלן מיט שרעק און צאָרן.

אַ פרוי האָט אַרויפגעקוקט צו אַ פענצטער און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„היינט אינדערפרי האָבן זיי דערהאַלטן די שוואַרצע בשורה. ווייִ איז דער מאַמען!"

מאַמעס האָבן צעוויגט די קעפּ, געבראָכן די הענט.

„ווער דאַרף מלחמות? צו וועלכע שוואַרצע יאָר!", האָט איינע געקלאָגט מיט אַ ניגון ווי מען באַוויינט אַ טויטן.

„אָט, וועט מען באַלד ביי אייך פרעגן עצות אין דיפּלאָמאַטיע", האָט זיך אָנגערופן אַ מיטל־יאָריקער מאַן, און געדרייט מיט די פינגער דעם ציגאַר אין מויל.

„זאָלן זיי ברענען מיט זייער דיפּלאָמאַטיע", האָט אַ פרוי געבליצט מיט די אויגן אויף אים, „זאָלן זיי אַליין גיין דערהרגעט ווערן!"

„זיי ווילן רייך ווערן אויפן בלוט פון אונדזערע קינדער", האָט רחל צוגעטראָגן.

„אַז איר זייט אַזאַ קאָפּ־מענטש, פאַרוואָס גייט איר ניט אין קאָנגרעס אַריין", האָט יענער קלוג געפרעגט און פאַרשפּיצט דעם ציגאַר.

„גייט אויף קוליעס", האָט זי געצאַרנט.

„יידענע, איר האָט אַ ווערעמדיק מויל !"

„און איר זייט אַ געמיינער ייד, אַ מלחמה־פּראָפיטירער !"

דער מאַן האָט אַרויסגעכאַפּט דעם ציגאַר און אַ שפּײַ געטאָן אויף איר.

זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף אים... דערמאָנט: אַ צעשראָקענע אויפגעצאַרנטע הון, וואָס קלאַפּט פאַרצווייפלט מיט די פליגל, בעת זי וואַרפט זיך אויף אַ רויב־פויגל, וואָס וויל אירע הינדלעך פאַרצוקן... ס'איז געוואָרן אַ געוואַלד, צעשראָקענע קעפּ האָבן זיך באַוויזן אין אָפענע פענצטער. אַז מען האָט יענעם אַרויסגעריסן פון דער פרויס הענט איז ער געלאָפן נאָך אַ פּאָליסמאַן.

רחל איז אַרויף אין הויז מיט אַ שווער האַרץ, און געטראַכט וועגן איר איינציקן זון דודן, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג חתונה געהאַט און ס'קען זיין, אַז זיינע טעג זיינען שוין געציילטע, ווייל מען נעמט, מען כאַפּט... און מען שיקט אַהין פון וואַנען מען קומט זעלטנס צוריק. די גליקלעכע וואָס קומען צוריק זיינען קאַליקעס, האַלב־משוגע... אַנדערע ברענגט מען אין קעסטלעך, אָן הענט, אָן פיס, אָן אויגן. ווי קען זי עסן און שלאָפן ? ס'האַרץ קלאַפּט אין איר טרעוואָגע... זי וויל לויפן צום זון, אַרומנעמען אים און צודריקן צו זיך, ווי זי האָט דאָס געטאָן ווען ער איז געווען אַ קינד. זי איז אָבער נעכטן געווען ביי אים. צופיל לויפן צו די קינדער טויג ניט, מען ווערט וואָכעדיק... אַ מאַמע ווייס דאָס, און מוז צוימען איר ליבשאַפט. ס'טויג אפשר גאָרניט זי זאָל אים איצט זען, זי וועט אים נאָך אָנשטעקן מיט איר פּאַניק... ווייל פאַר אירע אויגן ציען זיך פעלדער מיט בערגער דערהרגעטע סאָלדאַטן. דער שכנטעס שוואַרצע בשורה האָט זיך אין איר האַרץ אַריינגעשניטן. זי ווייסט אָבער, אַז זי דאַרף זיין רואיק, זי טאָר ניט פאַרלירן דעם קאָפּ. מען דאַרף טאָן עפּעס, און מיט אַ פּלאַן. זי אַליין קאָן בלויז האַקן קאָפּ אָן וואַנט, ווי די שכנטע פון אומגעקומענעם זון טוט איצט. מאַמעס דאַרפן זיך צוזאַמענגעמען אין די הונדערטער טויזנטער, פאַרפלייצן די גאַסן...

זי איז געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער, דער הימל איז געווען פול

מיט טונקל־שרעקנדיקע וואָלקנס. אַ בליץ האָט צעשניטן די שוואַרצקייט. דונערן האָבן אויפגעריסן מיט אַ פּאַרטויבנדיק קנאַקעריי. טראָפּנס רעגן זיינען געפאַלן אויף די הייסע שטויביקע שויבן.

איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עמיצער איז ביי דער טיר. אויפן שוועל איז געשטאַנען דוד מיט זיין יונג ווייבל.

„דוד, דודל!", איז זי אַרויפגעפאַלן אים קושן און טוליען, ווי ער וואָלט געווען אַ קינד... זי האָט פאַרשלאָסן די פינגער פון בײדע הענט און אים געהאַלטן אין אַ רייף...

„וואָס איז געשען, מאַמע?... וואָס האַלטסטו מיך צו? איך קאָן שוין שטיין אַליין... וואָס עפּעס היינט מער ווי אַלע מאָל?"...

„זע נאָר, זע, ווי דאָס נעמט זיך איבער! מען טאָר זיי גאָר קיין ליבשאַפט ניט אַרויסווייזן!", זי האָט זיך אויך צעקושט מיט דער שנור: „וואָס איז דאָס פאַר אַ פּעקל, דודל?"

„אונדזערע ,בעיידינג־סוטס׳, מיר זיינען זיך געפאָרן באָדן קיין קוני־איילאַנד האָט אונדז אַנגעטראָפן דער שטורעם".

„נו, זעצט אייך צו. איר האָט מיר אַ נייע נשמה אַריינגעגעבן... אוודאי זענט איר הונגעריק, קאָן זיין נאָך קיין ,ברעקפעסט׳ ניט געגעסן. שבת שלאָפט מען דאָך אויפן טאָג אַרויס", האָט זי לייכט פאַרגעוואָרפן.

„געשלאָפן ושפעט", האָט פאַרשעמט צוגעגעבן ס׳ווייבל. מיט די קורץ־געשוירענע האָר איז זי ענלעך געווען אויף אַ יינגל, וואָס כאַפּט אַביסל דעם אַנבליק פון אַ מיידל... נאָר אויגן האָט זי געהאַט קלוגע און גרויסע, וואָס האָבן געקוקט אויף רחלען מיט ליבשאַפט.

„איר זענט אוודאי הונגעריק", איז רחל צוגעשטאַנען.

„מאַמע, באַמי זיך ניט", האָט זיך דוד געבעטן, „ווען מיר קומען שטייסטו באַלד צו. מיר זאָלן עסן. וואָס זיינען מיר, קעסט־קינדער? מירן שוין באַלד מורא האָבן קומען צו דיר"...

„איך באַמי זיך ניט, ס׳אַ פאַרגעניגן, בלויז עטלעכע מינוט וועט נעמען, און איר וועט עפּעס איבערכאַפּן".

דוד מיטן ווייבל האָבן אַנגעהויבן פּראָטעסטירן... נאָר דער „בעיקאָן" האָט שוין „געזונגען" אויפן פייער, און די אייער האָבן פריילעך צוגע־קנאַקט. אַ געשמאַקער ריח פון פריש־פּאַרקאָכטער קאַווע האָט געריצט די נאָז־לעכער. זיי האָבן געגעסן מיט אַ שאַרפן אַפּעטיט, און פאַרזיכערט דער מאַמען, אַז קיין רעסטאָראַן קאָן אַזוי ניט מאַכן קיין „בעיקאָן און עגס", ווי זי... רחלס האַרץ איז איבערגעגאַנגען פון פרייד קוקנדיק

אויף זיי: יונג, פריש, און זיכער אין זיך מיט דער וועלט... „די זי־כערקייט“, האָט איר אַמאָל דוד געזאָגט, „איז באַזירט אויף וויסנשאַפט־לעכע פאַקטן“... אויף זיין פּנים זעט מען ניט קיין שרעק פאַרוואָס זי האָט אַזוי מורא געהאַט, ווייל מען „נעמט“ דאָך פון זיין עלטער. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זי געלייענט אין אַ צייטונג, אַז אַ יונגערמאַן האָט זיך דערשאָסן דערוואַרטנדיק, אַז מען וועט אים רופן און שיקן אַהין... נעכט איז זי ניט געשלאָפן. יענער שאָס האָט ניט אויפגעהערט הילכן אין אירע אויערן, ס'האָט איר ווילד געמאַכט... נאָר איר דודל וועט אַזאַ נאַרישקייט ניט טאָן. ער ווייסט בעסער וואָס צו טאָן מיטן לעבן... ער וועט עס ניט אַוועקוואַרפן פאַר די הינט... ער איז גאָר אויפגעהייטערט און פריילעך, אָט, ווי אַן אינזשינער וואָס האָט נאָר וואָס פאַרטיק געמאַכט אַ פּלאַן פאַר אַ גרויסע געביידע, וואָס וועט אָנשפּאַרן צום הימל... זי וואָלט זיך איצט געקושט וואָס זי האָט אים אַזאַ דער־ציאונג געגעבן... ער איז טאַקע אויסגעוואָקסן אַ מענטש, וואָס אין אַ געפאַר פאַלט ער ניט ווי אַ בלינד פערד אין גרוב אַריין. ער האַלט דאָך לעקציעס, אַ געזונט אים אין די ביינער. ווען איר דודל רעדט פאַר פרידן אויף דער וועלט, אָט אַזוי יונג ווי ער איז, זיצן קאַלעדזש־סטודענטן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, פּראָפעסאָרן קומען אים הערן...

„זע נאָר“, האָט זי אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, „די זון קומט דאָך אַרויס!“ ביי אונדז אין דער היים פלעגן מיידלעך טאַנצן באָרוועס אין וואַסער נאָך אַ רעגן און זינגען:

„אַ זון און אַ רעגן, די כלה איז געלעגן,
וואָס האָט זי געהאַט . . . "

זי האָט אָנגעהויבן אַראָפּנעמען פון טיש.

„אַ, ביין! דאָס וועט שוין די ,מאַ' ניט אויספירן!“, האָט דאָס ווייבל פּראָטעסטירט. זי האָט רחלען צערטלעך אַוועקגעזעצט, און מיט דודן צעוואַשן ס'געפעס.

די זון איז העל אַרויס פון די צעריסענע שטיקלעך וואָלקנס, דער רעגן האָט אָפּגעפרישט די שטאָט, און אָפּגעוואַשן אַביסל דעם שטויב, ס'איז געוואָרן לייכטער אָפּצואָטעמען.

„איר האָט גוט געטאָן וואָס איר זענט געקומען, ס'האַרץ איז מיר גע־ווען באַשווערט“.

„וואָס איז דער ,מער'?“, האָט זיך דוד געוואונדערט.

„די ראַדיאָס קראַקען: ,מלחמה! מלחמה׳! מען לאָזט ניט לעבן״.
„הער זיך ניט צו. זיי קראַקען? זאָל עס דיך אַרן ווי דער פּאַראַיאַ־ריקער שניי״...
„איז מען דאָך אָבער אַ נאַרישע מאַמע״...
„ע״, האָט דוד געצויגן מיט אַ ניגון, „אַ נאַרישע ניט, אַ מאַמע — יאָ״...
ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו איר און זי אָנגענומען פאַר די הענט:
„קום, מאַמע, זיך באָדן מיט אונדז.״
אין אָפּענעם פענצטער האָט אַ ראַדיאָ אַריינגעשפּילט „דזשעז״, האָט ער זי אַ הייב געטאָן און געכאַפּט צום טאַנצן.
„ניט אַזוי שנעל, דוד״, האָט זי געלאַכט, „דער קאָפּ פאַרדרייט זיך מיר״...
ער האָט זי אַוועקגעזעצט און זיך פאַרבויגן פאַר איר מעשה־קאַוואַליער:
„אין קוני אײַלאַנד פאָר איך מיט אייך, אָבער ניט באָדן זיך. כ׳האָב אָנגענומען אין אַ קאָמיטעט צו העלפן קאָכן פאַר אַ באַנקעט, וואָס וועט פאַרקומען היינט בײַנאַכט נאָכן קאָנצערט פון אונדזער געזאַנג־פאַראיין״.
„אַרבעט זיך ניט איבער, מאַמע״, האָט זי דוד אַרומגענומען, „לאָז איבער עפּעס צו טאָן פאַר אונדז אויך״...
„אַוודאי וועט איר העלפן... דיין ווייבעלע האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיך אָנשליסן אין דער יוגנט־סעקציע פון אונדזער כאָר״...
„אמת, פּערעלע?״ (פון „פּוירל״ האָט רחל איבערגעמאַכט איר נאָמען אויף „פּערעלע״).
„יאָ, דער דיריגענט האָט שוין פאַרהערט מיין שטימע. ער האָט געזאָגט, אַז איך וועל זיין אַ סאָפּראַנאָ״, האָט זי געשמייכלט, און זיך געטוליעט צו רחלען.
„הער נאָר, הער! האָסט׳אָך געזאָלט זיין אַ טענצערין.. האָט איר דוד געקיבעצט, „וועסטו גאָר אַ זינגערין?״
„דו לאָז דאָס שוין צו איר, זי קאָן שוין איר שטעטל אַליין באַשטיין״, האָט רחל אויסגעגלייכט אַ לאָק אויף דער שנורס קאָפּ.

די פּלאַטפאָרם פון סאָבוועי איז געווען געפּאַקט מיט צעפּאַרעטע מענטשן, ווי איין צוזאַמענגעקלעפּטע שווייסיקע מאַסע. די אונטערערדישע געפּרעסטע לופט איז אויפגערודערט געוואָרן ווען אַ באַן האָט „אַריינגעשאָסן״ און עקספּלאָדירט מיט מענטשן דורך די אויפגעריסענע טירן.

רחל איז געשטאַנען איינגעפּרעסט דעם גאַנצן וועג. זי האָט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן געכאַפּט אַ לייכטן דרימל, און ענגשאַפט האָט זי פאַרלוירן די קינדער.

דער „קאָמיטעט" האָט זיך דערפריַיט מיט איר. זיי, די זינגערינס פון כאָר, זיינען געשטאַנען מיט ווייסע פאַרטוכער איבער פאַרענדיקע טעפּ און זיך אונטערגעזונגען, פּראַקטיצירט אויף ביינאַכט... דורך די אָפענע פענצטער האָט זיך דערטראָגן ס'רוישן פון ים מיט אַ פריש ווינטל.

„אַי, אַ „דיפּ" אין ים", האָט אַ „קעכין" פאַנטאַזירט.

„אַוועקלייגן זיך אויף דער פלייצע און זיך לאָזן וויגן פון די כוואַליעס", איז אַ צווייטע מיטגעריסן געוואָרן.

„דאָס פלייש ברענט דאָך!", האָט רחל אַ כאַפּ געטאָן אַ הייסן טאָפּ, „אַז דער קאָפּ ליגט זיי אין ים!"...

„וואָס מיינט איר, מען שוויצט אָפּ אַ וואָך אין שאַפּ וואָלט געוועז שלעכט זיך לאָזן אויסקלאַפּן די פלייצע פון אַ כוואַליע?"

„וואַרט, ברענט ניט אַזוי!", האָט אַ מער־„אויסגעהאַלטענע" געמוסרט, „נאָך דעם קאָנצערט וועט דער כאָר נעמען וואַקאַציע, דעמאָלט וועט איר שוין קענען פּלעטשקען זיך אין ים וויפל איר וועט נאָר וועלן".

„יאָ, ס'איז אַזאַ רואיקע צייט, אַז מער ווי ליגן אין ים און זיך פּליעטשקען גייט קיינעם ניט אָן — וועלף שאַרפן די ציין, מען מוז איצט יעדע מינוט שטיין אויף דער וואַך", האָט רחל אַ צעפּלאַמטע גערעדט אין די טעפּ אַריין.

„איר קאָנט שוין גאָרניט זינגען קיין פריילעכער לידל?", האָט איר אַ זינגערין פאַרגעוואָרפן.

„מען טאָר ניט פאַרגעסן מיין זינג־פייגעלע... איך האָב אַמאָל געהאַט אַ קאַנאַריקל, האָט דאָס זיך צעזונגען מיט אַ פאַרריסן קעפּעלע צום הימל, כ'האָב אויף איין מינוט פאַרגעסן צו פאַרמאַכן ס'טירל, איז אונטערגעשפּרונגען די קאַץ"...

ביינאַכט, צום קאָנצערט, איז דער כאָר אויסגעפּוצט: די פרויען אין ווייסן (סימבאָל פון שלום) זיינען געשטאַנען אין פּראַכט פון דער בינע. רחלס בליק שוועבט איבער אַ ים קעפּ. אין די ערשטע רייען דעזעט זי דודן מיט פּערלען. „זיי זיינען דאָ", טאַנצט אין איר ס'האַרץ פון פריידז. זי טרעפט אָן זייערע בליקן, וואָס קוקן אַרויף צו איר מיט פאַרערונג... דער כאָר וואַרט אויפן דיריגענט. ער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט — און די וועלט ווערט אַ זינגענדיקע, אַ פריילעכע אַ האַרמאַנישע...

באַלד נאָכן קאָנצערט איז רחל ווידער אין קיך. טיילט אויס אויף טעלער די שפּייזן מיט געטריישאַפט, מיט באַהאַרצטקייט. פון זאָל הערן זיך רעדעס, גרופּן־געזאַנג, געלעכטער, פרייד. און ווען מען דערלאַנגט קאַווע מיט קוכן דערטראָגט זיך אַ באַקאַנט לידל, אַ פּאראדיע אויף אַ רבין, וואָס באַווייזט וואונדער, מיט אַ צוזינג:

„טשיריבים, טשיריבאָם,

רחל טוט זיך אַ ריס אין זאַל אַריין, פּאַטשט צו מיט די הענט, זינגט מיט. מען צעריקט טיש און בענק. ס'ווערט אַ רעדל. רחל כאַפּט זיך אַריין אין מיטן, פאַרלייגט די הענט אויף די באַקעס, פאַרדרייסט דעם קאָפּ, און לאָזט זיך אין אַ סאָלאָ־טאַנץ — דאָס טאַנצט זי אַנטקעגן אַ בעסערער, אַ שענערער צייט, ווען מענטשן וועלן לעבן אין פרידן, ווען די גאַנצע וועלט וועט זיין איין גרויסער געזאַנג־פאַראיין...

וואַקאַציעס

נאָכן לאַנגן שווערן ווינטער, האָט זיך אָפּטער אָנגעהויבן באַווייזן די זון אויף די פּענצטער פון סיימאָן פּינקס „קלאָוק־שאַפּ“, וואו מען האָט אַרויסגעענדיקט דעם זומער־סעזאָן, אויסגעפּערטיקט די לעצטע שיטערע באַשטעלונגען.

דער „שאַפּ“, וואָס האָט געהודזשעט און געבראַזגעט מיט אַ ווילדן אימפּעט עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד, האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז אַראָפּ־פאַלן צו אַ לאַנגזאַמערן טעמפּאַ: די צעהיצטע פּרעס־מאַשינען מיט די גרויסע אויפגעריסענע מיילער, וואָס סאָפּען און זעצן מיט פּאַרע, האָבן זיך אָנגעהויבן אַביסל אָפּקילן. ס'פּויקן פון די פּרעס־אייזנס, ס'דראָענדיקע שאַרפּע פייפן פון די שנייד־מאַשינען, איז געוואָרן שטילער, איינגעהאַל־טענער. די אָפּערעיטאָרס, מערסטנס עלטערע מענטשן, וואָס האָבן ביי צווייַ רייען מאַשינען געוויגט די גרויע קעפּ, און זיך געוואָרפן אין איי־לעניש איבערצויאָגן איינער דעם אַנדערן — האָבן אָנגעהויבן אָפּציען דעם אָטעם: ס'איז שוין נאָך אַלעמען, מען ענדיקט אַרויס, יאָגן זיך וועט שוין איצט ניט העלפן... ניטאָ וואָס אַריינצוכאַפּן... די לעצטע „באַנדלס“ דיינען שוין אויסגעטיילט...

דורך די האַלב־אָפענע פענצטער שיינט אַריין די זון. אַ שטראַל קושט דאָס אויער און רוימט איין: דער ליבער זומער קומט! ווּעסטו נעמען אַ וואַקאַציע, פאַרגעסן דעם שאַפּ. ס'וואַרטן גרינע בערג, בלויע הימלען. אינדערפרי וועט דיך אויפוועקן ס'געזאַנג פון פייגל. דער גלאָק וועט דיך רופן צום אָנבייסן: „דריי באַנקעטן אַ טאָג!“ ווּעסט נעמען זון־בעדער. אויסגלייכן די פּלייצעס, שווימען אין טייך — ס'וועט זיין גוט!

די זון שפּילט זיך אויך אויף באַשעס פּנים, שטיפט מיט איר, אַז זי מוז האַלב פאַרמאַכן די אויגן. אַ ווינטל, אויסגעמישט מיט שטויב, צע־בלאָזט אירע האָר, וואָס זי האָט ניט קיין צייט גלייך צו מאַכן, ווייל זי איילט זיך אויסצופּערטיקן די אַרבעט. נאָכן לאַנגן סעזאָן איז זי מיד, די קליינע דינע נאָדל וועגט שוין שווער אין איר האַנט. דער פאָדעם פּלאָנ־טערט זיך, רייסט זיך איבער. איצט, נאָכן שווערן ווינטער פון שנייען און זאַווערוכעס, וואָס האָבן פאַרשאָטן די שטאָט, וועקט אויף די זון אַ

פריידן אין איר האַרץ. אַ ביטערער ווינטער געווען: זי פלעגט אויפשטיין פאַרטאָג אין די גרויסע פרעסט און לויפן צום סאָבוועי. דער ווינט האָט ווי מיט מעסערס געשניטן איר פּנים, אַז ס׳פלעגט איר פאַרכאַפּן דעם אָטעם. אירע אויגן האָבן אַזש געטרערט. איצט שיינט די זון, אַ וואַרעם ווינטל בלאָזט, דער ליבער זומער קומט! דער שאַפּ וועט נעמען אַ „וועקעישאָן", זי וועט קענען ליגן אינדערפרי אין בעט וויפל זי וועט וועלן, אויסרוען זיך די ביינער. גיין איינקויפן אינמיטן טאָג מיט אַלע באַלעבאָסטעס צוגלייך... און קאָכן גוטע מאָלצייטן — זאָל נאָר דער מאַן איר געזונט זיין וועט שוין אַלץ זיין גוט...

אין שאַפּ האָט זיך אַריינגעריסן די מיסעס פינק. דער פאָרמאַן האָט איר אָקעגנגעטאַנצט. ס׳האָט פון איר אַראָפּגעשריגן אַ שאַרפער ריח פון פּאַרפיום. אירע בלאָנד־רויטלעכע האָר, אויסגעמייסטערט אין אַ קע־ביגלעכער קרוין. זי איז געווען באַהאַנגען מיט בריליאַנטן, וואָס האָבן גע־בלענדט די אויגן. דאָס איז זי געקומען אָנמעסטן דעם „אויסשטייער" פאַר איר זומער־וואַקאַציע, וואָס די בעסטע אַרבעטער אין שאַפּ האָבן פאַר איר גענייט. דער „דעזיינער" האָט איר אָקעגנגעטראָגן זיין בעסטן שמייכל. די מיסעס פינק איז שנעל דורכגעלאָפן דעם שאַפּ, ווי זי וואָלט אַריבערגעשפּריזט אַ קאַלוזשע אין אַ העל זיידן קלייד. געזוכט מיט די אויגן איר מאַן, מיסטער פינק. זי ווייסט, אַז ער באַהאַלט זיך פון איר... און האָט אים טאַקע דערזען שטיין אין אַ ווינקל זיך „שושקען" מיט דער מאָ־דעל־מיידל. איר פאַנטאַזיע האָט זיך שנעל אָנגעצונדן, ווי אַ שוועבעלע. זי האָט אַלע מאָל געהאַט אַ חשד אויף מאָדעל־מיידלעך. און נעכטן ביי־נאַכט האָט זי זיך געקריגט מיט אים.

„העלאָ, מאַלי!", האָט איר דער מאַן באַגעגנט.

זי ענטפערט ביט, פאַרשנורעוועט די ליפּן — ברוגז.

מען איז איר נאָכגעגאַנגען אין אָפיס אַריין, געמאָסטן די קליידער, געדרייט זיך אַרום איר, געמאַכט קאָמפּלימענטן. זי האָט מיט אַ זויערער מינע געקוקט אין שפּיגל אַריין, געגעבן זיך אַ בויג:

„אָט דאָ ברעכט זיך".

„אַז מען בייגט זיך איין ברעכט זיך", האָט דער „דעזיינער" געוואַגט צו זאָגן. ער איז געוואָרן בלאַס פון פאַרדראָס, וואָס זי מאַכט אַזאַ אומגע־רעכטע אויסזעצונג.

מיסטער פינק האָט אַ שטרענגן קוק געטאָן אויף אים... ס׳בלאָנד־גאָלדענע מיידל, וואָס האָט געטראָגן אַדורכזיכטיקע קימאָנע, דורך וועל־

כער ס'האָט זיך אַרויסגעזען איר נאַקעטקייט, האָט צעקוועטשט אַ שמייכל צווישן די רויט־פּלאָמיקע ליפּן...

מען האָט פונדעסטוועגן „צוגעפּיקסט", צוגעגלעט, אויסגעפּרעסט יעדן מינדעסטן חשד פון אַ קנייטשעלע. און די מיסעס פּינק האָט אַלץ ניט באַוויליקט אַ שמייכל צו טאָן, געהאַלטן פאַרשנורעוועט די ליפּן — ברוגז. אַזוי איז זי אַריין אין „עלעוועיטער" און עטלעכע מענטשן האָבן איר נאָכגעטראָגן די איינגעפּאַקטע קליידער.

ווען באַשע איז אַרויס פון דער „בילדינג" האָט איר די היץ אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין. זי האָט פאַרזשמורעט די אויגן קעגן דער זון, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן באַקן די שטויביקע לופט. דעמאָלט איז אויך אַרויס פון פאַראַדנעם „עלעוועיטאָר" די מיסעס פּינק מיט די מענטשן, וואָס האָבן איר נאָכגעטראָגן די פּעקלעך. אַ שאָופער האָט ברייט צעעפנט פאַר איר די טיר פון אַ גרויסן גלאַנציקן אויטאָמאָביל. צווי קליינע הינטלעך האָבן איר באַגריסט מיט אַ דין קוויטשיק בילעריי. געפּעסטעט זיך, געשפּרונגען איינס איבערן אַנדערן. זי האָט זיי גענומען אויפן שויס, געטוליעט צו זיך.

„נו, שאַ, שאַ, טוצי' זיסע. שוין, גענוג. אָט בין איך דאָ. נעבעך געבענקט נאָך דער מאַמען! אָבער רייסט זיך ניט! איך האָב אייך ביידן גלייך ליב!", האָבן זיך אירע ליפּן אויפגעשנורעוועט אין אַ ברייטן צערטלעכן שמייכל. ערשט מיט די צוויי קליינע הינטלעך האָט איר פּנים באַקומען אַ פריינטלעך מענטשלעך אויסזען.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ ריר געטאָן, און אַוועקגעשוועבט צו די אָפענע פרייע וועגן, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ געשטאַנק פון געזאָלין, וואָס האָט באַשען געטאָן אַ ברען אין האַלדז. זי האָט זיך פאַרהוסט, פאַרקרומט ס'פּנים, און אַוועקגעשפּאַנט צום סאָבוועי. די שטאָט האָט זיך שוין באַצייטנס אָנגעהויבן אָנהיצן. מענטשן האָבן פאַרריסן די קעפּ אויפצוכאַפּן אַ ווינטל. באַשע איז געגאַנגען מיט האַפּערדיקע פריידיקע טריט, געוואָלט וואָס שנעלער זיין אין דער היים. זען וואָס דער קראַנקער מאַן טוט, אָפּרופן די קינדער, געוואויר ווערן וואָס די אייניקלעך מאַכן — און אירע אייניקלעך! — האָט זיך אַ נחת־שמייכל פאַרשפּרייט אויף איר פּנים, זיינען דאָך די שענסטע און געראָטנסטע. ס'איז דען דאָ אַ פאַרגלייך ? !

אויף דער פּלאַטפאָרמע פון סאָבוועי איז געפּאַקט. שווער געווען צו אָטעמען. אַז אַ טיר האָט זיך געעפנט איז זי באַלד דערשטיקט געוואָרן

פון אַן איבערגעפּאַקטן עולם. באַשע איז געבליבן אינדרויסן. געזען, אַז מיט גוטן וועט זי קיינמאָל ניט אַהיים קומען האָט זי גענומען פאַרצווייפלט אַרבעטן מיט די עלנבויגנס, מיט אַלע אברים. ביז זי האָט זיך אַרייַנגעשניטן אין דער מענגע מענטשן, וואָס האָבן איר אַרייַנגעטראָגן אינעווייניק. זי האָט ניט באַוויזן אָנצוכאַפּן אַ הענגער און געשטאַנען „אייַנגעמויערט". די שוואַרצע עלעקטרישע פעכערס האָבן צעבלאָזן די שטויביקע לופט, וואָס האָט אַביסל דערפרישט איר צעהיצט פּנים.

אַהיים גייענדיק פון סאָבווײ איז זי געלאָפן עפּעס אייַנקויפן. ווען זי אַרבעט קומט מען אַ סך מאָל אָפּ מיט וואָס עס איז. אָבער איצט, אַז זי איז פריי פון שאַפּ וועט זי קאָכן גוטע מאָלצייטן. זי און דער מאַן דאַרפן קומען צו די כּוחות.

אַרייַנגעקומען אומגעריכט אין הויז אַ צעהיצטע, אַ צעפּאַרטע, האָט זיך דער מאַן דערשראָקן:

„וואָס עפּעס ביסטו אַהיים געקומען אינמיטן טאָג?"

„כ'האָב אויסגעענדיקט מיין אַרבעט. כ'גיי מער ניט אין שאַפּ אַריין ביז דער נייער סעזאָן וועט זיך אָנהייבן", האָט זי געזאָגט מיט פרייד, אויספּאַקנדיק די זאַכן, וואָס זי האָט אייַנגעקויפט, „ווי פילסטו, יצחק?"

„אָלרייט".

זי האָט פאַרזאָרגט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ...

ער האָט איר גענומען העלפן מיט די פּעקלעך.

„זעץ דיך אַוועק, דו טאָרסט זיך ניט אָנשטרענגען. האָסט שוין פאַרגעסן וואָס דער דאָקטאָר האָט דיר אָנגעזאָגט?", האָט זי אים דערמאָנט.

„אַ לעבעדיקער מענטש מוז זיך באַוועגן. מען קען דאָך אַזוי פאַרגליווערט ווערן!"

„שפּעטער, ווען דו וועסט אויסרוען ס'האַרץ. וואָלסט גאָר באַדאַרפן ליגן אין בעט — דו מוזט נעמען אַ לאַנגן ‚רעסט'."

„אַ לאַנגן רעסט!", האָט ער שטיל נאָכגעזאָגט און זיך געזעצט ביים אָפענעם פענצטער, וואו ס'האָט אַרייַנגעקוקט דער „פייער־עסקייפּ" מיט צעהאַנגענע וועש.

צעבראָכענע שטיקלעך זון האָבן זיך געשפּילט צווישן זיינע אויגן. אַ זייטיקער מענטש וואָלט ניט געגלויבט, אַז דער שיינער העלדישער מאַן האָט אַ קראַנק האַרץ. ווען ער קריגט אַן אָנפאַל בלייבט ער אָן אָטעם. די אויגן קריכן אים פון קאָפּ אַרויס פון ווייטאָק און ער שטייט מיט אַ

פוס אויף יענער וועלט. אין סעקונדן קאָן באַשלאָסן ווערן — אַהין אָדער אַהער.

באַשע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פאַרשוויצטע קליידער און אָנגעטאָן אַ קימאָנע. פאַר די לעצטע דריי חדשים, וואָס זי האָט געאַרבעט איז דאָס הויז געוואָרן שטאַרק אָפּגעלאָזן. זי איז געבליבן שטיין און גע־טראַכט פאַר וואָס זיך פריער צו נעמען: ס'האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ באַרג קויטיקע וועש. די פענצטער זיינען גרוי פון שטויב. מען דאַרף לופטערן די מאַטראַצן פון די בעטן... די אָפּגעריבענע „קאַרפּעטס" דאַרף מען געבן צו וואַשן. זיי רעכענען אָבער זייער טייער, זי וועט זיי אַליין מוזן אויסרייניקן. ווען זי האָט געאַרבעט האָט זי קיין כוח ניט געהאַט דאָס צו טאָן, און אָפּגעלייגט פאַרן „וועקעישאָן". שטייט זי און טראַכט און ווייסט ניט פאַר וואָס פריער זיך צו נעמען. דער קאָפּ מישט זיך איר אַזש. זי וועט אָבער גאַרניט קענען טאָן, אַז זי וועט זיך פריער ניט צולייגן אַביסל אָפּרוען. זי איז אַ מידע אַוועקגעפאַלן אויף דער סאָפע און באַלד אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין אַ שעה אַרום, אַ דערפרישטע מיט אַ שמייכל, ווייל זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר וואַקאַציע. זי וועט זיך ניט דאַרפן שלעפּן מיטן סאַבוועי אין שאַפּ אַריין. זי האָט פאַרשאַרצט די אַרבל, אָנגעטאָן אַ פאַטשיילקע אויפן קאָפּ און אָנגעהויבן רייניקן ס'הויז.

„דאָס וועט זיין דיין „וועקעישאָן"?", האָט יצחק געזאָגט מיט אַ גע־פאַלן קול, „ביסט ערשט אַרויס פון שאַפּ נעמסטו שוין ווידער האָרעווען! רו זיך אָפּ אַביסל!"

„מיך וועט דער טייוול ניט נעמען... כ'בין אייזן שטאַרק..."

„דו מוזט אָבער, אַניט וועסטו פאַלן פון די פיס!"

„מיר וועט דער טייוול ניט נעמען...כ'בין געזונט אייזן..."

די קינדער האָבן זיך דערוואוסט, אַז די מאַמע האָט „וועקעישאָן" האָבן זיי אָנגעהויבן קומען צוגאַסט מיט די אייניקלעך. באַשע האָט טאַקע געלויכטן פון נחת. זי איז אָבער פאַרמאַטערט געוואָרן אַרום זיי. איין יינגעלע פון אַ יאָר פיר, מיט שאַרפע נייגעריקע אייגעלעך, האָט געוואָלט אַלץ וויסן און געהאַלטן אין איין פרעגן „פאַרוואָס?"

„גרענד מאַ!"

„יאָ, מיין טייערער!"

„פאַרוואָס קען אַ פערד ניט פליען?"

„ווייל ער האָט ניט קיין פליגל".

„פאַרוואָס האָט ער ניט קיין פליגל?"

„ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אָן פליגל".

„פאַרוואָס איז ער געבוירן געוואָרן אָן פליגל?"

„ווייל... דו ביסט אַ נודניק! אַ קינד זאָל זיך אַזוי איינעסן אין די ביינער. גיי אַביסל צום זיידן! יצחק, נעם אים צו פון מיר, ער האָט מיך שוין פאַרמאַטערט. געזונט און שטאַרק זאָל ער זיין. ער דערגייט מיר די יאָרן"...

אַזוי ווי די קינדער האָבן געוואוסט, אַז דער מאַמעס „וועקעישאָן" וועט זיך אַמאָל ענדיקן, האָבן זיי אַריינגעכאַפּט ווי לאַנג ס'איז נאָך געווען צייט, און געבראַכט די אייניקלעך, זי זאָל זיך אָנשעפּן מיט נחת און „בעיבי־סיטן". זיי ווילן אויך אַמאָל האָבן אַ פרייען אָוונט.

פרייטאָג ביינאַכט זיינען זיי געקומען עסן און לויבן דער מאַמעס געפילטע פיש און די אַנדערע מאכלים. אפילו אינמיטן דער וואָך פלעגן זיי זיך אַריינכאַפּן און זיך גאָרניט קענען אָפּלויבן פון איר קאָכן... און באַשע שלעפּט פעק פון מאַרק, באַשע קאָכט גרויסע טעפּ. דער „סינק" איז פול מיט געפעס. גאַנץ אָפט גיט זיך שוין די שטוב אַ וויג מיט איר... און די טעג און וואָכן רוקן זיך דערווייל, ס'וועט ניט לאַנג נעמען און זי וועט שוין צוריק גיין אין שאָפּ אַריין. נאָך אַלעם איז דער שאָפּ ניט אַזוי שלעכט: זי דאַרף ניט וואַשן אַזוי פיל געפעס... קאָכט ניט, קיין עין־הרע, אַזעלכע גרויסע טעפּ... צוויי שעה אַ טאָג פאָרט זי אין סאָבוועי און טוט גאָרניט. טראַכט, חלומט... ווינטער איז דאָרט וואַרעם. אין די היצן בלאָזט אויף איר אַ ווינטעלע פון די עלעקטרישע פעכערס. אָנבייסן און „לאָנטש" עסט זי אין אַ רעסטאָראַן וואו אַלץ איז אָנגעגרייט פאַר איר... און אַז זי וויל זיך אַמאָל אָנטאָן וואוילטאָג, גייט זי אַריין אין אַ פּלאַץ וואו מען „טיפּט" אַ „דאַים", זיצט זי ווי אַ „לעידי" און מען דערלאַנגט איר אַלץ צום מויל. זי האָפט, אַז דער „וועקעישאָן" זאָל זיך שוין אַמאָל ענדיקן און זי זאָל ווידער גיין אין שאָפּ אַריין.

אַ לעצטער פונק

נאָך דעם ווי בערנאַרד האָט אָפגעגעבן אַ מאָלצייט אויף אַ באַנקעט אין אַ רייכן האָטעל, האָט ער דערפילט ניט גוט, ס׳איז אים באַפאַלן אַ שווייס, דער קאָפ האָט זיך אים פאַרדרייט און ער האָט אַוועקגעחלשט.

צומאָרגנס איז ער ווידער געווען פאַרקאָכט אין די געשעפטן פון זיין אייגענער בוי־פירמע „זעגלער און סאָנס“. די פירמע באַשעפטיקט אַ סך מענטשן, נאָר אומעטום מוזן זיין זיינע אויגן, אַז ניט איז שלעכט: שטעלט זיך דער טאָג ווערט ער הייזעריק פון רעדן און שרייען אין טעלעפאָן אַריין, אָדער ער איז פאַרנומען אין די געריכטן. אַלעמאָל לאָדט ער זיך מיט עמיצן, אָדער עמיצער לאָדט זיך מיט אים. אַז ניט פליט ער אַרום אין זיין רייכער מאַשין פון איין געביידע צו דער צווייטער, פון איין בוי־פראָיעקט צום צווייטן, געפינט אויס וואו ס׳אַרבעט שלעכט, וואו מען נאַרט אים אָפ, גיט אַרויס באַפעלן, רייסט זיך אַרום מיט יוּריאָן־דעלעגאַטן, וואָס שטעקן אַריין די נעז אין זיינע געשעפטן און ווילן אים רואינירן.

פון יענער נאַכט אָן, ווען ער האָט אַוועקגעחלשט אין האָטעל, האָט ער פאַרלוירן דעם אַפעטיט צום עסן און דער בויך האָט אים אָנגעהויבן איינפאַלן. צו דעם, האָט זיך נאָך צוגעטשעפעט אַ פאַסקודנער הוסט. איז ער אַוועק צו אַ דאָקטאָר און אים געזאָגט, אַז ער זאָל אים שנעל באַטראַכטן, ער האָט קיין צייט ניט. און ווייל אויף אים האָט געברענט די הויט האָט זיך דער דאָקטאָר קוים גערירט... אַ סך גערעדט, און געצויגן די ווערטער, ווי ער וואָלט זיך געשפילט מיט זיי. דערנאָך האָט ער אים געטאַפט און געקוועטשט. צוגעלייגט ס׳טרייבל צום האַרץ און זיך איינגעהערט וואָס ס׳גייט אָן אינעווייניק אין אים, ווי איינער וואָלט צוגעלייגט ס׳אויער צו אַ פרעמדער טיר... נעמט אַ לעמפעלע מיט אַ שאַרף בלענדיק ליכט און שפאַרט דאָס אים אין די אויגן אַריין, ווי ער וויל אַריינקוקן אין זיין נשמה. דאָס האָט בערנאַרד פיינט...

אַז ס׳איז אים אַלץ ניט בעסער געוואָרן, האָט ער זיך אַריינגעכאַפט צו אַ גרויסן מאָגן־ספעציאַליסט. דער איז געווען אַ שוויגער, געלאָזט

בערנאַרדן רעדן און זיך גלייכגילטיק צוגעהערט. פֿאַרשריבן עפּעס און אים געהייסן ליגן אַ טאָג־צוויי אין בעט. דערנאָך וועט מען זען.

בערנאַרד האָט אָבער ניט געקענט איינליגן. ס'הייסט ליגן, וואָס איז ער אַ שטיין? ס'איז ווי מען זאָל אים הייסן אויפהערן אָטעמען. זיינע קאָנקורענטן וועלן גיין אַ טאַנץ ווען זיי וועלן דערהערן ער ליגט צובעט. נאָר אַז דער דאָקטאָר הייסט און דאָס ווייב היט — ליגט ער. קוקט אַרויס אין דער שטילער רייכער גאַס אַריין, אַמאָל גייט עמיצער פֿאַרביי מיט אויסגערוטע אידעלע טאַנצנדיקע טריט, אָדער ס'שוועבט אַדורך אַ קאָסטבאַרער אויטאָמאָביל, וואָס רירט קוים אָן די ערד, חוץ דעם איז שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. בערנאַרד האָט דערפֿילט ער גייט פֿון זינען אַראָפּ. האָט ער געהייסן דער דינסט ברענגען דעם טעלעפֿאָן אין בעט אַריין:

„העלאָו! ,סעמענט קאָמפּ.'? דאָס איז ניט קיין צעמענט, וואָס איר האָט אונדז פֿאַרקויפֿט, ס'איז שיטערע גריץ! די געביידע זינקט, כ'וועל אָנקלאָגן פֿאַר הונדערט טויזנט!"

„העלאָו! ,זעגלער ענד סאָנס'? גיט מיר סידן. וואָס? נאָך ניטאָ אין אָפֿיס? קראַנק? ער איז קראַנק אין קאָפּ... ליגט ביי די פֿערד־רעיסעס..."

„העלאָו! דזשעק? הער זיך איין: כ'וועל היינט ניט קענען זיין אין ,קאָורט'. כ'האָב אַ ,קאָלד', דער דאָקטאָר האָט מיר געהייסן ליגן אַ טאָג־צוויי אין בעט. זאָלסטו געדענקען: ווען מען האָט אָנגעהויבן בויען, האָבן מיר ניט געוואוסט ווי גרויס דער פּראָפֿיט וועט זיין, ווייל פּרייזן אויף מאַטעריאַלן זיינען ערשט שפּעטער געפֿאַלן... נו, דו ביסט דאָך ניט קיין ,שייסטער לאָיערל', אויף דיר דאַרף מען זיך קענען פֿאַרלאָזן".

„העלאָו! ,פּעינטערס יוניאָן'? איך וועל איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל קכע, קכע", האָט ער זיך שטאַרק צעהוסט, דער טעלעפֿאָן האָט זיך געטרייסלט אין זיין האַנט.

„אַזוי נעמסטו אַ ,רעסט'?"

ביטריס זיין ווייב איז געשטאַנען לעבן אים. ער האָט זיך אויסגעהוסט האָט ער זי באַטראַכט מיט זיינע אַרויסגעשטאַרצטע פֿייכטע אויגן:

„וואָס דען טו איך, האַק שטיינער? איך רעד אַ וואָרט צו מענטשן".

„רעדסט ניט, שרייסט. זע ווי רויט און צעיאַכמערט דו ביסט!"

„אָט וועל איך באַלד שטום ווערן. וואָס נאָך ווילסטו?"

„כ'וויל זאָלסט פֿאָלגן דעם דאָקטאָר און ,רעסטן' עטלעכע טעג.

„אַ טאָג האָט ער געהייסן!"

„עטלעכע טעג!"

„כ'האָב אויערן!"

„איך בין ניט טויב!"

„שטיי ניט איבער מיר, לאָז מיך ,רעסטן'! גיי, וועסט נאָך זיין שפּעט צו דער ,קאָרד־געים'."

„זע נאָר ווער ס'וואַרפט פאַר אַ ,קאָרד־געים'..."

„ביטריס!", האָט ער גלאַנץ געטאָן מיט די אויגן...

דאָס מאָל האָט זי אים פאַרשוויגן... און אַרויס פון צימער.

„קאָרטן... זי וואַרפט אים פאַר קאָרטן, ווי ער וואָלט געווען אַ „געמבלער". ער שפּילט אַמאָל פאַר צייט־פאַרטרייב, מען קומט אין געזעלשאַפט פאַסט ניט אָפּצושטיין.

נו, ווי לאַנג קען אַ מענטש ליגן און גלאָצן אויף די ווענט? בערנאַרד ציט אויס די האַנט צום שופלאַד פון טישל נעבן זיין בעט און נעמט אַרויס אַ טעשל קאָרטן, הייבט אָן שפּילן „סאָליטער" מיט זיך. און פּרואווט זיך אַליין איבערכיטרעווען.

אַפשפּילענדיק אַזוי אַ שטיקל צייט איז עס אים דערעסן געוואָרן. ווען ער האָט מיט עמיצן צו שפּילן, אפשר אַריינרופן די דינסט, דאָס ווייב?...

די זון האָט באַגילט די ביימער, וואָס האָבן אַריינגעקוקט אין די פענצטער, קינדערשע שטימען האָבן זיך אויסגעמישט מיט פייגל־געזאַנג, ערגעץ האָט עמיצער געשפּילט אַ באַקאַנטע מעלאָדיע אויף אַ פּיאַנאָ. בערנאַרדס האַנט איז אַראָפּגעפאַלן אויף די קאָרטן, און ער האָט זיך ס'ערשטע מאָל, נאָך לאַנגע יאָרן, פאַרטראַכט. געקוקט אין הימל אַריין. צעשטראָלטע וואָלקנס זיינען ווי זילבערנע שיפלעך געשוואומען אין אַ בלויען ים. געלאָזט זיך ערגעץ אין אַ ווייטער וועלט אַריין... בערנאַרדן האָט זיך פאַרבענקט אַהין...

ער איז מיד פון לעבן, מיד פון געשעפט. יאָגסט, פּלאָטערסט, ברענסט, פאַרוואָס, פאַר וועמען? וויפל דאַרף ער אַליין? אפילו דאָס פאַרגעניגן אָפּצועסן אַ מאָלצייט איז ביי אים צוגענומען געוואָרן. מאַכן אַ שנאַפּס לאָזט אים שוין אויך ניט דער דאָקטאָר. אַ לעבן איז עס? טאָ וואָס רייסט ער אײַן אַ וועלט? פאַר די קינדער? ניטאָ קיין קינדער אין אַמעריקע. פרעמדע זיינען זיי, שונאים... מוז ער דאָס איבערלאָזן אַ גרויסע ירושה? זיינע קינדער זאָלן מער „געמבלען", מער הולטאַיעווען? אַז מען הייבט אָן טראַכטן זעט מען ווי פאַרנאַרט מען איז. נאָר ווען האָט ער צייט גע־

האָט צו טראַכטן ? איצט, אַז דער דאָקטער האָט אים אַריינגעלייגט אין בעט אַריין האָבן זיך זיינע געדאַנקען צעשפּילט, ווי אַ טייכל וואָס הייבט אָן רוישן נאָך דעם, ווי ס׳איז אַ גאַנצן ווינטער געלעגן פאַרפרוירן.

ס׳דערמאָנט זיך אים זיין יוגנט: ער איז דעמאָלט געווען גאָר אַן אַנדערער. דער איצטיקער האָט יענעם אויפגעגעסן... דער באַלייבטער דערפאָלגרייכער געשעפטסמאַן מיסטער זעגלער האָט אַמאָל, אין דער אַלטער היים, באַלאַנגט צום... „בונד״. געטראָגן אַ שוואַרצע פעלערינע מיט לאַנגע האָר. געדענקסט ? ער געדענקט, וואָס דען, ער געדענקט ניט ? טאָ ווי קומט עס וואָס דו דישעסט אַזוי אַרבעטער, טרייבסט יוניאָן־דע־לעגאַטן ?

ווי ס׳קומט ? — אַמעריקע, מען ווערט אַריינגעדרייט.

אַ פּוילער תּירוץ. מען קען זיין אַ מענטש אומעטום, מיסטער זעגלער !

ס׳ערשטע מאָל נאָך לאַנגע יאָרן האָט זיך בערנאַרד פאַרטראַכט וועגן זיין טאָפּלטער פּערזענלעכקייט... ס׳האָט אים דערמאָנט אַ בוך, צי אַ בילד, וואָס ער האָט אַמאָל געזען: בייטאָג איז דער העלד געווען אַ שיי־נער מענטש, ביינאַכט — אַ מערדער.

דעמאָלט, אין וואַרשע, איז ער געווען אַ פרומער לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור. פּרץ איז געווען זיין גרעסטער שרייבער, זיין אָפּ־גאָט. ער פלעגט אים נאָכגיין אין דער „ליטעראַצקי״ אַלייע אין זאַקסישן גאָרטן און ניט אַראָפּנעמען די אויגן פון אים, פון זיין ברייטער פּלייצע, פון דער צעכוואַליעטער פעלערינע מיט די פליענדיקע פאָלעס. אַז ער האָט אויפגעכאַפּט דעם אָפּקלאַנג פון פּרצעס קול האָט ער דאָס אַריינגע־זאַפּט אין זיך מיט אַ הייליקן ציטער. געדענקסט דאָס אַלץ, מיסטער זעג־לער ? „כ׳געדענק״ ! און אַ זיסער ווייטיק פון בענקשאַפט נאָך יענע יונגע שיינע יאָרן פאַרקלעמט זיין האַלדז, און ס׳פייכטן זיך זיינע אויגן.

די טיר האָט זיך שטיל געעפנט, ביטריס איז אַריינגעקומען. זי איז געווען צו שאַרף אָנגעפּאַרבט און אויסגעזען, ווי מען וואָלט זי אויסגע־פּאַטשט. אונטער די אויערן, אָבער, איז איר הויט געווען געל און צע־קנייטשט. די בריליאַנטענע אויערינגלעך האָבן די געלקייט נאָך שאַר־פער אַרויסגעבראַכט. ביטריס האָט געהאַט אַ פלאַטשיק פּנים מיט אַ פויגל־נאָז. נאָר שיינע אויגן, וואָס זיינען פאַרבליבן שטיפעריש און ריי־ציק אין אירע פופציקער. בערנאַרד איז געווען אַכט יאָר עלטער פון איר.

„ווי פילסטו, טאַטעלע ?״

„כ׳פיל בעסער״.

„רעסט" איז די בעסטע מעדיצין".

„דיביינער טוען מיר שוין ווי פון ליגן".

„כ'וועל דיך אויסרייבן מיט אַלקאָהאָל".

„מוחל, מאָרגן גיי איך אין אָפיס אַריין".

„בערנאַרד! דו ווילסט זיך אומברענגען?!"

„צעררייס זיך ניט דעם ספּאָדיק! זיי מיר ווייניקער געטריי"...

„הייבסט שוין ווידער אָן? ס'איז שוין לאַנג שטיל געווען? דו מוזט מיך זען קריגן ספּאַזמעס, אַנדערש קילסטו זיך ניט ס'האַרץ!"

זיי האָבן ביידע גערעדט אַן ענגליש פון פאַרגרעבטע „אַלרייטניקעס", וואָס איז שווער איבערצוגעבן אויף יידיש. עכט איז ביי זיי אַרויסגעקומען ווען זיי זיינען אַריבער אויף מאַמע־לשון לויט דעם וואַרשעווער דיאַלעקט, פון וואַנען זיי ביידע קומען.

שפּעט ביינאַכט זיינען בערנאַרדן באַפאַלן שטאַרקע ווייטיקן אין מאָגן, אַז ער האָט געשריגן מיט באַנומענע קולות. מען האָט גערופן דעם דאָקטאָר, וואָס האָט אים געהייסן באַלד נעמען אין שפּיטאָל אַריין פאַר „עקס־רעיס".

אין בערנאַרדס זכרון האָבן זיך די טעג און נעכט געצויגן ווי אַ לאַנגער געפלעקטער פאַס. דער רעכענונג פון צייט איז ביי אים אָפּגעווישט געוואָרן. די פּילן און איינשפּריצונגען („שאָטס") האָבן אים פאַרטעמפּט, פאַרשיכורט. ער האָט אפילו ניט געוואוסט נאָך דער אָפּעראַציע וואָס מיט אים איז געשען, און געפרעגט ווען מען וועט אים אָפּערירן. אַז די „נוירס" האָט אים געזאָגט, אַז ער איז שוין איבערקומען די אָפּעראַציע, ס'איז שוין נאָך אַלעם... האָט ער זיך געפרייט, אָפּגעזיפצט און צופרידן איינגעשלאָפן.

דער דאָקטאָר וואָס האָט בערנאַרדן אָפּערירט האָט אַריינגערופן ביט־ריסן מיטן זון אין אַ באַזונדער צימער. ער האָט געהאַט אַ יונג פּנים מיט געזונטער רויטער פאַרב און אַ ווייסן קאָפּ האָר:

„מיסעס זעגלער, דער צושטאַנד פון אייער מאַן איז זייער אַן ערנסטער, אַ קריטישער".

„וואָס הייסט? ער איז דאָך לייכט איבערגעקומען די אָפּעראַציע?"

„צו־לייכט! מען האָט ניט אָפּערירט, געעפנט און פאַרמאַכט. קענסער אין די לונגען, צו ווייט אַוועק, דאָס גנבעט זיך אַריין, ווען מען כאַפּט עס איז שוין צו שפּעט."

ביטריס איז געוואָרן בלייך. סיד, דער זון, האָט אַרויפגעלייגט די

האַנט אויף איר אַקסל.

„איז דאָ אַ האָפענונג ?"

„ניין, סיידן אַ מיטל זאָל שנעל אַנטדעקט ווערן. מען אַרבעט טאָג און נאַכט אויף דעם"...

ביטריס האָט געקוקט אויף אים מיט אַן אָפן מויל, אַרויסגעשטאַרצטע אויגן...

נאָך אַ מאָמענט פון שווערן שוויגן האָט דער זון, סיד, געפרעגט:

„ווי לאַנג קען ער ציען ?"...

„העכסטנס אַ יאָר".

ביטריס האָט אַ געשריי געטאָן, ווי מען וואָלט איר דערלאַנגט אַ זעץ איבערן קאָפּ.

סיד האָט שנעל אַ טראַכט געטאָן: ער וועט ווערן דער הויפּט־יורש...

פאַרן אַרויסגיין האָט דער דאָקטאָר געזאָגט:

„אַז איר ווילט נעמט אים אַהיים. מיר קאָנען גאָרניט טאָן פאַר אים"...

סיד האָט אַרויסגעפירט די מוטער אַ ווייַנענדיקע.

צומאָרגנס איז זי געקומען צו בערנאַרדן אין שפּיטאָל אַריין און אים באַגריסט מיט איבערגעטריבענער היסטערישער פריילעכקייט:

„וואָס מאַכסטו, קראַנקער 'דאַטש' ?"

איז זי אַריבער אויף ייִדיש, אַזוי ווי מען זאָגט אין וואַרשע אין אַזאַ פאַל, ווען מען וויל „אויפהייטערן" אַ קראַנקן:

„ווי פילסטו מיין מאַן ?"

„כ'פיל אַ סך בעסער, די פילן נעמען אַוועק די ווייטיקן"...

„אויב אַזוי האָב איך פאַר דיר גוטע נייעס".

„וואָס ? שטיפערקע מיינע, זע נאָר ווי די אייגעלעך גלאַנצן"...

„היינט נעם איך דיך אַהיים !"

„ווער זאָל אַזוי לעבן ?"

„ביידע זאָמאר אַזוי לעבן !"...

אין דער היים, אין ברייטן ווייכן בעט, האָט זיך בערנאַרד ניט גע־קענט קיין אָרט געפינען. ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן איז ער פאַר־משפט געוואָרן גאָרניט צו טאָן, נאָר ליגן און איינהערן זיך צו זיינע ווייטיקן, אַזוי אַרום אויספילן די שעה'ן, וואָס ציען זיך ווי יאָרן און די נעכט ווי אייביקייטן.

ער האָט פאַר דער גאַנצער צייט געהאַט אַ טאָג־און אַ נאַכט־„נוירס".

דאָקטאָר פיינמאַן, זייער פאַמיליע־דאָקטאָר, איז געגאַנגען צו אים עטלעכע מאָל אַ וואָך. בערנאַרד האָט געהאַט צו אים טענות למאַי ער גיט אים ניט עפּעס וואָס זאָל אים שטאַרקן, ער זאָל זיך קענען שטעלן אויף די פיס און אַרויס פון בעט. זיין געשעפט ווערט רואינירט. אָן אים איז דער אָפּיס אַ שיף אָן אַ רודער. דער דאָקטאָר פיינמאַן האָט געהאַט אַ וועג אים צו באַרואיקן, פאַרזיכערט, אַז עס גייט צום בעסערן... אַז פון די וויטיקן זיינע וועט ער באַפרייט ווערן. ס'איז אַ פראַגע פון צייט...

דער זון, סיד, איז יעדע נאַכט געקומען אָפּגעבן אַ באַריכט פון די געשעפטן. און בערנאַרד האָט אים געזאָגט וואָס ווייטער צו טאָן. סיד האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האַלט זייער שטאַרק פון טאַטן, אַז ער באַוואונדערט זיינע גרויסע געשעפט־פעאיקייטן. איינגעשטימט מיט אים אין יעדער זאַך, צוגעזאָגט צו טאָן ווי ער הייסט, און אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד, געדריקט די האַנט, געוואונטשן ער זאָל שנעל געזונט ווערן, און געטראַכט, אַז ס'וועט אַלץ ווייניקער פונעם יאָר. געווען נייגעריק שוין צו זען די צייט, ווען ער וועט איבערנעמען די געשעפטן און אָנפירן מיט זיי, ווי ער פאַרשטייט.

די צוויי אויסגעגעבענע טעכטער מיט די איידעמס האָבן אים אויך אָפּט באַזוכט. אַרויסגעוויזן איבערגעטריבענע ליבשאַפט און געטריישאַפט.

איינמאָל האָט זיין איידעם, דער פאַרזיכערונג־אַגענט, וואָס דאָס מויל גייט שוין ביי אים מעכאַניש, דערציילט, אַז זיינער אַ „קאַסטאָמער” האָט אָנגעשריבן אַ צוואה, כאָטש ער איז געזונט און שטאַרק. אַ סך מענטשן גלויבן, אַז מען לעבט לענגער ווען מען שרייבט אַ צוואה... בערנאַרדן האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ... וואָס גייט דאָ אָן?...

זיין שוואָגער, וואָס איז נעכטן געווען ביי אים האָט אויך „געקראַקעט” צוואה!.. און עפּעס זיינען אַלע געוואָרן איבערגעטריבן געטריי צו אים. אפשר האַלט ער שמאָל און זיי זאָגן אים ניט אויס?... טאַנצן אַרום אים, ווייל יעדער וויל קריגן אַ גרעסערן חלק פון דער ירושה? ער פילט אָבער ניט, אַז עס האַלט דערביי, דער דאָקטאָר זאָגט עס גייט שוין צום בעסערן... ער וועט נאָך אַ סך פון זיי איבערלעבן... זיי פעדערן זיך צו פרי... דאָס בעט ציט אים אָבער ווי אַ מאַגנעט, שלעפּט אים אַראָפּ.. מען זאָגט, אַז די ערד ציט אַלץ אַריין אין זיך... אַז מען ליגט צו־בעט קריכן פינצטערע געדאַנקען אין קאָפּ אַריין, און אַמאָל אויך ליכטיקע: ס'דערמאָנט זיך אים זיין יוגנט. ס'שווימען אויף בילדער פון

יענע יאָרן: אַ געהיימע פאַרזאַמלונג אין וואַרשע, ס׳גרויסע צימער איז איבערגעפּאַקט, מענטשן קלעפּן אויף די ווענט. ס׳ברענט אַ נאַפט־לאָמפּ. די ראָלעטן אויף די פענצטער זיינען אַראָפּגעלאָזט. מיט פאַררייסענע קעפּ, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם הערט מען זיך איין: פּרץ רעדט... ליכטיקע, טיפזיניקע ווערטער פליסן פון זיין מויל. ס׳איז אָבער שווער צו כאַפּן, שווער צו באַנעמען זייער מיין... ווייל פּרץ האָט ניט נאָר געשריבן, נאָר אויך גערעדט מיט פּאַסיקלעך און פינטעלעך... זיין שטאָלצער לייבן־קאָפּ, די בליציקע אויגן, האָבן, דאַכט זיך, געקענט קוקן דעם טויט אָן מורא אין די אויגן אַריין. נאָר אין יענער צייט האָט מען זיך איינגעוואוינט צו רעדן און שרייבן פאַרשלייערט... דאָס ניט־דערזאָגטע האָט נאָך מער גערעגט צו טראַכטן, צו שאַרפן דעם מוח. געווי, וואָס פּרץ האָט דעמאָלט געזאָגט געדענקט איצט ניט בערנאַרד, נאָר יענע נאַכט, ווען ער איז אַזוי נאָענט געשטאַנען לעבן „אים" וועט ער פון איצט אָן ניט פאַרגעסן... ווייל אין די טעג פון זיין קראַנקהייט הויבט ער זיך אָן באַהעפטן מיט יענע יאָרן...

פּרץ זיצט אין וואַרשעווער ציטאַדעל. אויף אַ געהיימער פאַרזאַמלונג באַטראַכט מען ווי אַזוי צו שיקן אַ גרוס צו אים.

בערנאַרדן פאַרבענקט זיך צו לייענען פּרעצעס אַ בוך. ער האָט דאָך זיינעם אַ „דעלוקס סעט", אויך אַ פּאָר ביכער פון אַנדערע שרייבער. נאָר ער האָט זיי ניט גענומען אין האַנט אַריין פּאַר אַזוי פיל יאָרן — „ביזנעס": לויף, כאַפּ, פאַרכאַפּ! שנייד שנעל איין יענעמס גאָרגל, אַניט וועט יענער דיינעם איינשניידן. און וואָס? — גאָרניט. קרענקט. ס׳האַרץ קאָלט, ליידיק. די נשמה אויסגעלאָשן... די קינדער האָבן דערהערט ער איז קראַנק, קראַקען זיי אים אין קאָפּ אַריין — „צוואה! צוואה!" וואַרטן ווי קראָען אויף אַ שלאַכט־פעלד איבער פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן... שאַרפן די שנאָבלען גרייט צו פּיקן... אַן אייגענעם טאַטן... פּע, אַ מיאוסע וועלט!... ס׳האָט זיך אים שטאַרק פאַרבענקט צו לייענען פּרעצעס אַ בוך.

„ביטריס!"

„יעס, בערנאַרדל?"

„ברענג מיר אַריין פּרעצעס אַ בוך".

„אַ וואָס?..."

„פּרעצעס אַ בוך, ‚יענקי' מיינע... ‚אַ וואָס'... אַ בוך, וואָס מען לייענט. נו, וואָס שטייסטו אַזוי ווי מען דאַרף דיך אויסמעלקן".

„בערנאַרדשי, רעג זיך ניט אויף! וואָס ווילסטו פון מיר?"..

„כ׳וויל זאָלסט מיר אַריינברענגען אַ בוך. אויב ס׳איז דיר שווער, וועל איך אַליין גיין. כ׳שטיי נאָך פעסט אויף מיינע פיס, ס׳איז נאָך ניט אַזוי שלעכט מיט מיר״...

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום שלאָף־ראָק.

„ניטע״, שטרענג זיך ניט אָן, דו דאַרפסט ,רעסטן׳...״

„טאָ גיי ברענג דאָס בוך״.

„דו מיינסט די יידישע ביכער, וואָס זיינען געשטאַנען אין ביכער־שאַנק?״

„וואָדען, די טערקישע?״

„כ׳האָב דיר ניט געוואָלט זאָגן, ביים לעצטן ,מופן׳ זיינען זיי פאַר־לוירן געוואָרן״...

„פאַרלוירן געוואָרן?!״, האָט זיך בערנאַרד אויפגעזעצט, אָנשפאַרנ־דיק זיך אויף זיין ציטערדיקער האַנט, „אַלע יידישע ביכער זיינען פאַר־לוירן געוואָרן? נאָר די ענגלישע זיינען געבליבן. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?״

„כ׳ווייס נישט!...

„דו ווייסט שוין גאָר! מיר זיינען געוואָרן רייך, ס׳האָבן אָנגעהויבן קומען אין הויז אַריין גרויסע „ביזנעסלייט, דזשאַדזשעס, פּאָליטישנס״, האָט איר אייך געשעמט מיט די יידישע ביכער! געשעמט זיך מיט פּרצן! קאַרטאָוניקעס, הולטאַיעס!״, האָט ער הילפלאָז און פאַרשטיקט האַלב אַרויסגעוויינט די ווערטער, אַראָפּגעלאָזט מיד דעם קאָפּ אויפן קישן: „געשעמט זיך מיטן פּרצן!״

„בערנאַרדשי, פייניק מיך ניט!...״

„טעלעפאָניר צו שלמהן, זאָג אים, ער זאָל מיר קויפן אַ ,סעט׳ פּרצעס ביכער, אין שופלאַד פון מיין טיש ליגט זיין אַדרעס״.

„יעס, בערנאַרדשי!״...

„היטלער ברענט יידישע ביכער און יידן וואַרפן זיי אַרויס!״, האָט זיך בערנאַרד ניט געקענט באַרויקן.

שלמה האָט אין וואַרשע געהייסן סאָלאָמאָן. ער איז געווען אַ סטו־דענט, אַ רעוואָלוציאָנער. דאָ, אין אַמעריקע, איז ער אַ יידישער לערער, צי אַ שרייבער. ס׳גייען אַוועק יאָרן און זיי זעען זיך ניט, כאָטש זיי זיינען שטיקלעך משפּחה פון דער היים. בערנאַרד האָט זיך אַמאָל אָפּגע־שטעלט מיט זיין לימוזין אַרום יוניאָן סקווער, זעענדיק שלמהן פאַרבייגייען.

„העלאָ! זע נאַר, וועמען מען זעט דאָ! וואָס מאַכסטו? ווי גייט עס דיר?"

„אָלראַיט"...

„וואוהין שלעפּסטו זיך? קום אַריין אין דער מאַשין וועל איך דיך צופירן".

בערנאַרד האָט באַמערקט, אַז ער טראָגט אַן אויסגעריבן רעקל מיט צעדרייטע שיך, ער דאַרף אַ „העיר־קאַט".

„נאָך אַזוי פיל יאָרן אין אַמעריקע, האָב איך געמיינט, אַז דו האָסט זיך שוין אַרויפגעאַרבעט", האָט ער אים ברייט געמוסרט.

„כ'האָב זיך ניט אַראָפּגעאַרבעט"...

„וואָס מיינסטו?"...

„ניט שווער צו פאַרשטיין!... זאָג מיר נאַר, דו הערסט אַמאָל פון דעם וואַרשעווער מיט דער שוואַרצער פּעלערינע? דאַכט זיך ברוך האָט ער געהייסן?"

בערנאַרד האָט זיך פאַרטראַכט, געדרייט דעם ציגאַר אין מויל, נאָכגעקוקט דעם רויך:

„אָ, מיך מיינסטו... נו, דו ווייסט'אָך, ס'אַמעריקע, דאָ אַז מען גייט אַרום פאַרחלומט ווערט מען איבערגעפאָרן".

„געוואַלדיקער געדאַנק!", האָט שלמה געשמייכלט דורך די פּעבל־דיקע ברילן, „איך האָב איצט קיין צייט ניט אַריינצוגיין מיט דיר אין טיפע וואַסערן. נאָר הער זיך איין", ער איז אַריין צו אים אין דער מאַשין, „מיר פירן איצט אַ קאַמפּאַניע צו שאַפן פופציק טויזנט דאָלאַר פאַר יידישע קינדער־שולן. פאַראַן אַנדערע נויטן... טאָ פאַרקאַטשע די פּאָלעס און שרייב אַ טשעק".

און אַז ס'האָט שוין געהאַלטן ביי שרייבן האָט זיך בערנאַרד אָנגעהויבן דינגען, ראַנגלען זיך... שלמה האָט אים געזידלט... צום סוף זיינען בײדע געוועזן צופרידן: שלמה האָט אַרויסגעקראָגן פון אים אַ פיינע סומע, און בערנאַרד איז געווען זיכער, אַז ער האָט זיך גוט אויסגעדונגען...

„ביסט נאָך מיט מיר ניט פאַרטיק!", האָט אים שלמה נאָכגעשריגן, ווען די מאַשין האָט זיך אָנגעהויבן רירן.

„און, ביטריס, זאָג אים, אַז איך בין קראַנק... אויב ס'איז אים ניט שווער זאָל ער אַליין צוברענגען די ביכער".

„יעס, מיין מאַן!"...

„נו", האט איר בערנארד געפרעגט אידער זי האט אוועקגעלייגט דעם טעלעפאן.

„ער וועט היינט ברענגען די ביכער. ס'טוט אים לייד וואס דו ביסט קראנק".

בערנארד האט פארטראכט געשמייכלט.

שלמה איז יענעם טאג ניט געקומען, די קומענדיקע טעג אויך ניט. ביטריס האט געהאלטן אין איין רופן אהין, באר קיינער האט ניט גע־ענטפערט. זי האט געקוקט זיגעריש אויף בערנארדן, אירע אויגן האבן גערעדט: נא, זעסט, דיינע האלעדריגעס?

בערנארד איז געווען געפלעפט. זאל שלמה האבן צוגענומען ביי אים דריי הונדערט דאלאר און ניט ווערן, אפשר? ס'אמעריקע... ער אליין איז אויך ניט געווארן... און איבערגעלאזט זיין נשמה מיט יענער העלפט דארט אין דער אלטער היים...

שלמהס פארשווינדן האט אויף אים אנגעווארפן אן אומעט. ער האט דערפילט א טיפע ליידיקייט. די אנפאלן זיינען געווארן שארפער. ער האט געמאנט ביי דער קראנקן־שוועסטער די „שאטס", געוואלט מער ווי ס'קומט אים... געפילט ווי צו קושן דאס קליינע שווארצע פלעשעלע מיט דער וואונדערלעכער פליסיקייט, וואס נעמט אוועק אלע ווייטאקן. נאך יעדער איינשפריצונג איז ער אנטשלאפן געווארן.

שא, וואו איז אהינגעקומען דער זומער? בייזע ווינטן קלאפן אין פענצטער. גרויע וואלקנס, ווי זקנים מיט הויקערס קריכן ארום אין הימל, שלעפן זיך געבויגענע און בידערן אראפ צו דער ערד. שארפע ווינטן שערן די בלעטער פון די ביימער. אין שווארצע נעכט וואויען זיי ווי היימלאזע הינט. א נוירס שטייט שטענדיק ביי זיין בעט. אז דאקטאר פיינמאן איז דאס לעצטע מאל געקומען האט בערנארד געהאט טענות צו אים: ער האט דאך אים צוגעזאגט, אז ס'גייט צום בעסערן?

„געדולד, מיין פריינט, מיט דער צייט! אלץ מיט דער צייט!"...

בייטאג, ווען ס'פלעגט שיינען די זון, איז ער זיך איבערגעגאנגען איבערן הויז. אמאל ארויסגעגאנגען אין גארטן. די קראנקן־שוועסטער איז אים נאכגעגאנגען. איין מאל איז ער פארבייגעגאנגען דעם „גאראדזש" וואו זיין פערזענלעכער אויטאמאביל איז געשטאנען, ביטריס האט זיך געקליבן ארויסצופארן אין אים... פלוצים האט זיך זיין פנים אויסגע־קרימט, אין א ווינקל צווישן אלטע צייטונגען זיינען געלעגן די יידישע ביכער, ס'האט ארויסגעשטעקט א טייל פון פרצעס בילד...

ער האָט זיך געקריגט מיט ביטריסן, זי האָט געוויינט און פאַרענ־דיקט מיט ספּאַזמעס. ער האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט, היסטעריש גע־הוסט און געקראָגן אַ שאַרפן אָנפאַל, אַז ער האָט זיך צוזאַמענגעדרייט פון ווייטאָק.

דער זון האָט געברענגט זיינעם אַ פריינט, אַ „לאַיער", וואָס האָט זיך צעשמועסט מיט בערנאַרדן און דערפירט צום געדאַנק: אַז יעדער מענטש דאַרף שרייבן אַ צוואה און דווקא ווען ער איז געזונט און ביים פולן פאַרשטאַנד. ווייל קיין מענטש ווייסט ניט ווען ס׳איז. מען האָרעוועט אָפּ אַ גאַנץ לעבן, מען אַרבעט אַרויף אַ „ביזנעס" און דערנאָך לאָזט מען דאָס איבער אויף הפקר.

„נאָך אַ קראָ", האָט בערנאַרד געטראַכט און געזאָגט האָט ער אים: „הערט זיך איין, יונגערמאַן, אויב איך געפעלט שרייבן אַ צוואה — שרייבט, מיך אינטערעסירט עס ניט"...

די קינדער מיט דער מאַמען האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פאַרזאָרגטע פּנימער...

און ביטריס איז יעדן טאָג געשטאַנען אין שפּיגל... אויסגעפּוצט זיך, ווי זי וואָלט זיך געקליבן גיין צו אַ באַל אָדער, אַ לוויה... זי טאַנצט אַרום מיט אומגעדולדיק נערוועזע טריט, ווייל זי קען זיך ניט דערוואַרטן ער זאָל שטאַרבן און זי זאָל באַלד חתונה האָבן מיט אַ צווייטן, וואָס וועט אים ירשענען... — האָט בערנאַרד געטראַכט.

פלאַכטעס שניי האָבן געפּאַטשט אויף די פענצטער און זיך צעשאָטן אין אַ זילבערנעם שטויב. אויף די שויבן האָבן שוין געבליט ווינטער־רויזן. דער אייזיק־גרויער הימל האָט פאַרגרויט און פאַרטרויערט די ווענט.

בערנאַרד האָט געזען, אַז מען באַהאַלט עפּעס פאַר אים. מען שוש־קעט זיך, מען שמייכלט מעכאַניש. ווייזט אויס, אַז עס האַלט זייער שמאָל מיט אים. דער דאָקטאָר נאַרט אויך... וואָס האָט ער זיך געלאָזט איינ־רעדן, דער אַלטער נאַר? פאַרשטייט ער דען ניט, אַז דער ווייטאָק, דאָס איז... ס׳האַרץ איז אים פאַרקילט געוואָרן, אַ קאַלטער שוויס איז אים באַפאַלן. און דאָך, האָט ער זיך באַלד גענומען איינרעדן, אַז אפשר נאַרט ער זיך אָפּ... ער האָט אָנגעטאָן דעם שלאָף־ראָק און מיט ציטערדיקע פיס זיך איבערגעגאַנגען איבערן הויז. פאַרבייגייענדיק דעם שפּיגל האָט ער זיך דערשראָקן: פאַר אים איז געשטאַנען אַ געבויגענער אַלטער מאַן מיט אַרויסשטאַרצנדיקע ביינער אין פּנים, וואָס הויבט זיך שוין אָן פאַר־

מירן אין אַ סקעלעט. די אויגן קלענער, בלאַסער, די לעכער גרעסער, טונ־קעלער. איז דאָס דער זעלבער בערנאַרד, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג צוריק געקערט אַ וועלט, געוואָלט איינשלינגען אַ וועלט?

פאַרבייגייענדיק אַ טיר האָט ער געהערט ווי זיין זון רעדט צו עמיצן.

„אַלטע זיינען אַזוי ווי קינדער, מען קען זיי אַלץ איינרעדן. ווען ער וויסט דעם אמת, אַז ער האָט בלויז געציילטע חדשים צו לעבן וואָלט ער יאָ געשריבן אַ צוואה, ניט איבערגעלאָזט אַלץ אַזוי, אַז מיר זאָלן זיך דער־נאָך דאַרפן אַרומרייסן"...

מער האָט בערנאַרד ניט געהערט. ס'איז אים געוואָרן פינצטער אין די אויגן און ער ווייסט ניט ווי אַזוי ער האָט זיך דערשלעפּט אין בעט אַריין.

פרצעס ביכער זיינען אָנגעקומען. בערנאַרד האָט מיט ציטער־דיקע הענט געמישט די בלעטער, און מיט אַ געבראָכן קול און אַ צע־וויטאָקט האַרץ געלייענט „אויב ניט נאָך העכער". מיט אַזאַ באַהאַרצט־קייט און נשמה־ציטער האָט אוודאי זיין זיידע, אַ פּראָסטער ערלעכער ייד, אַמאָל געזאָגט תהילים. טרערן זיינען גערונען איבער זיין געל־ביי־נערדיק פּנים. ער האָט צוגעשאָקלט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך איינגע־הערט צו אַ גרויסן רבין.

פרצעס בילד האָט שטרענג אַראָפּגעקוקט פון דער וואַנט אויף אים:

„איז וואָס? יעדער מענטש מוז אַמאָל שטאַרבן. די הויפּט־זאַך איז ווי אַזוי האָט מען געלעבט, וואָס לאָזט מען איבער נאָך זיך, אויף וויפל האָט מען פאַרריכט די פעלערן וואָס מען איז באַגאַנגען... ווי לאַנג ס'איז נאָך צייט, שרייב אָן אַ קלוגע צוואה... באַהעפט זיך צוריק מיט ברוכן, וואָס דו האָסט איבערגעלאָזט דיין נשמה אין אים... און קום צו אונדז אַ געלייטערטער..."

בערנאַרד האָט אַרויפגעקוקט צו „אים" און נאָכדעם ווי ער האָט צוגעזאָגט, אַז אַזוי וועט ער טאָקע טאָן, איז אַ גרויס ליכט און פרייד אויפ־געגאַנגען אין אים: ער וועט שיין פאַרענדיקן... דאָס לעבן האָט אים פאַרדרייט אין טונקעלע, שלאַנגיקע וועגן. דאָס גאָלד, וואָס ער האָט אָנגעזשעברעוועט, האָט אים ווי זשאַווער אויפגעגעסן. וואָס האָט ער דערגרייכט? די קינדער וואַרטן ער זאָל צומאַכן אַן אויג. דער זון האָט אים געמאַכט שטאַרבן מיט טויזנט טויטן... דאָס ווייב פּוצט זיך, טאַנצט אַרום אומגעדולדיק, און וואַרט — צו נעמען אַ צווייטן מאַן וואָס זאָל אים ירשענען... איבערלאָזן זיי דאָס פאַרמעגן צו „פאַרגעמבלען", פאַר־

הולטאַיעווען? — ניין! ער ווייסט שוין איצט, וואָס פאַר אַ צוואה אָנצושרייבן... אַזאַ וואָס זאָל כאָטש טיילווייז אויסקויפן זיינע זינד קעגן ברוכן... איז ער אָבער אַליין, מען היט אים... ווי אַזוי שרייבט מען אָן די צוואה מיט די אַלע קראָען אַרום?

צומאָרגנס, נאָך אַ שווערער ביטערער נאַכט, האָט די זון אַריינגעשיינט צו אים.. ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג, געזעגנט זיך מיט דער וועלט... זיין בליק איז געפאַלן אויף אַ גרופּע מענטשן אונטער אַ נייעס־קעפּל. איין פּנים איז אים געווען באַקאַנט, ער האָט אויסגעווישט מיט טרייסלענדיקע הענט די ברילן: ס׳איז שלמה!... ער איז פאָטאָגראַפירט מיט אַ גרופּע, וואָס זיינען שוין פאַרשפּאַרט עטלעכע חדשים אין טורמע. מען וויל ביי זיי צונעמען די בירגער־פּאַפּירן, אַרויסשיקן פון לאַנד. דער ריכטער האָט אויף שלמהן אַרויפגעלייגט אַ גרויסע „בעיל״.

„ביטריס!״

„יאָ, בערנאַרדזשי!״

„קאָנעקטע״ מיך מיט מיין לאָיער!״

„יאָ...״

„העלאָ! הער זיך איין, דאָס רעדט בערנאַרד; גיי שוין אין קאורט און „בעיל׳ איינעם אַ שלמה ווייזנפעלד — אָבער שוין!״

אין עטלעכע טעג אַרום איז שלמה געזעסן ביי בערנאַרדס בעט, אַביסל אויסגעגלייכט.

„כ׳ווייס ניט צי זאָל איך דיר דאַנקען פאַרן „בעילן״ מיך?״...

„הער זיך איין, שלמה, איך שטאַרב. נו, נו, לאָמיר זיך ניט דינגען, ס׳איז פּירהאַנג. כ׳וואָלט געוואָלט מיט עפּעס גוטמאַכן, פאַרענדיקן שיין. כ׳וויל „זיי״ ניט איבערלאָזן דאָס פאַרמעגן. ברענג אונדזער אַ לאָיער מיט עדות, כ׳וויל שרייבן אַ צוואה״...

אַז די עדות מיטן לאָיער זיינען געזעסן אַרום אים, און בערנאַרד האָט באַפוילן דאָס ווייב מיטן זון ניט אַריינצולאָזן, האָט ער געפרעגט שלמהן:

„וואָס צום ערשטן?״

„די קינדער־שולן, פאַרשטייט זיך, דער נייער דור״.

דערנאָך האָט ער אויסגערעכנט אַנדערע דרינגנדיקע נויטן...

בערנאַרד האָט דיקטירט גרויסע סומעס... זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן.

די נשמה האָט זיך צוריק אָנגעצונדן אין אים...

פון טויט לעבעדיק

סענדער האָט בלינד געזוכט מיט דער האַנט דעם וועק־זייגער, וואָס האָט זיך צעקלונגען מיט אַ גרילציק בראַזגערײ אויפרײַסנדיק די פאַר־טאָגיק־פאַרשלאָפענע שטילקייט. ער האָט קוים געפונען דאָס אָרט און אָפּ־געשטעלט דאָס צעיאַכמערטע „קוויטשערײַ״, וואָס האָט אים געשניטן אין די אויערן, ווי צעשפּריצטע שטיקלעך גלאָז.

ס׳האָט אַ גאַנצע נאַכט גערעגנט. די שויבן זיינען געווען געשטיפּלט מיט גרויע געדיכטע טראָפּנס. אַ מילך־וואָגן איז פאַרבײַגעפאָרן און גע־קלונגען מיט די פלעשער. דאָס קלינגען פון זייגער האָט אויך אַרויסגע־ריסן פון שלאָף פייגען, זיין ווייב. זי האָט זיך געצויגן, געגענעצט. ס׳האָט זיך איר זייער ניט געוואָלט אַרויס פון אויסגעוואַרעמט בעט.

„ווי שפּעט איז, סענדער?״

„האַלב נאָך זעקס״.

זי האָט זיך אַ טוליע געטאָן אין די וואַרמע צודעקן, געגנאַשט נאָך עטלעכע מינוט שלאָף, כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז די עטלעכע מינוטן וועלן איר אויספעלן, זי וועט זיך דאַרפן איילן און אפשר באַצאָלן דערפאַר מיט אַ קאָפּ־ווייטיק.

סענדער האָט זיך ראַזירט אין באָד־צימער ביים עלעקטרישן לעמפּל. אין הויז איז געווען אַ פייכטע אייזיקע קעלט. ער האָט געהערט ווי דאָס ווייב קרעכצט אַרויסקריכנדיק פון אָנגעוואַרעמטן בעט. אים אַליין איז דאָס אויך אָנגעקומען שווער. ער האָט זיך עטלעכע מאָל פאַרמאָסטן און מיט איינמאָל אַ שפּרונג געטאָן, ווי אין קאַלטן וואַסער אַריין.

די ערשטע זאַך האָט ער אָנגעצונדן ס׳גאַז־איזועלע, וואָס האָט אָבער קיין כוח ניט אָנצוואַוואַרעמען ס׳פאַרפרוירענע הויז. אַז מען שטייט האַרט אויף דעם, ברענט מען זיך איין זייט, און די צווייטע פרירט.

די הענט זיינען אים שווער. ס׳ציט אים צוריק אין בעט אַריין. היינט איז פרייטאָג, דערמאָנט ער זיך, דער שווערסטער טאָג פון דער וואָך, און דער בעסטער — ערב שבת! ער וועט צוויי טעג ניט אַרבעטן און ווי גוטן ווײַן טראָפּנווייז טרינקען די רו. ניט איילנדיק עסן די מאָלצייטן, נאָכן גוטן מיטאָג לייענען אַ צייטונג אָדער אַ בוך וועגן רייזעס אין פאַנ־

טאָסטישע ווייטע לענדער און אַריינפּאַלן אין אַ זיסן דרימל. שבת, דער־מאָנט זיך אים אַן אַלט־היימיש לידל „איז יעדער ייד אַ מלך"...

זיין פרוי, פּייגע, איז שוין אויך אַרויס פון בעט. זי איז אַ האַנט־נייערין ביי „קלאוקס". העלפט אים מאַכן אַ לעבן. איר פּנים איז איצט פאַר־קרומט פון קעלט. זוכנדיק די שטעק־שיך טאַנצט זי אויפן קאַלטן דיל, ווי אויף הייסע קוילן, קרייצט די הענט אויפן נאַקעטן בוזים און טוליעט זיך צום גאַז־אויוועלע.

„מען ווערט דאָס אַביסל אויסגעריסן פון קעלט אין דעם ,זוניקן קאַ־ליפאָרניע׳ !", רעדט זי האַלב צו זיך, האַלב צום מאַן: „אַז מען וויסט גאָרניט ווי אַפּצושאַצן ס׳ביסל ,סטים־היט׳ אין די ניו־יאָרקער הייזער !"

„האָסט שוין פאַרגעסן ווי מען פלעגט קלאַפּן אין די קאַלטע „רעדיי־עיטאָרס׳ אַריין ? !", דערמאָנט ער איר.

„ווּעסט דאָך מיר ניט זאָגן, אַז אין ניו־יאָרק פרירט מען ווינטער אין די הייזער אַזוי ווי דאָ ?"

„ס׳ווענדט זיך אין וועלכע הייזער. די רייכע איז אַלעמאָל וואַרעם. דאָ אָבער, אַז די זון שיינט זיינען אַלע רייך"...

„דערצייל מיר ניט, די זון שיינט, ס׳אַ ,בלאָף׳... פּאַראַן דאָ גאַנצע חדשים ווען דער הימל איז שוואַרץ און ס׳גיסט אַ מבול !"

„ניין חדשים זומער איז דיר ווייניק ? ס׳מוז דאָך אַמאָל רעגענען אויך !"

„אין ניו־יאָרק, אַז עס רעגנט — רעגנט אינדרויסן... דאָ אָבער, אין די לאָס־אַנדזשעלעסער קאַרטן־הייזלעך, רעגנט אינעווייניק אויך"...

אַזוי גייט עס אַן צווישן זיי שוין שיינע עטלעכע יאָר, זינט זיי זיינען געקומען קיין לאָס־אַנדזשעלעס. ער איז אַ „פּאַטראָיט" פון קאַליפאָרניע, זי — פון ניו־יאָרק.

אָנבייסן עסן זיי צוזאַמען אין אַ רעסטאָראַן, וואָס איז פּלאַנירט גע־וואָרן פאַר אַ „בעסערן" קלאַס באַזוכער. אין די מלחמה־יאָרן, ווען אַרבע־טער האָבן מער פאַרדינט, און אויך געוואָלט פאַרזוכן אַ בעסערן ביסן, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן אַהין. און דער אייגנטימער האָט אויסגעפונען, אַז פון ברייטן עולם מאַכט ער גרעסערע פאַרדינסטן ווי פון די געציילטע „געהויבענע" געסט.

נאָך דער קאַווע האָבן ביידע פאַרוויכערט, איינגעזעצט זיך באַקוועם אין די ווייכע שטולן, און זיך געקוויקט מיט דער טרוקענער וואַרעמקייט. אינדרויסן — אַ נאַסער גלאַנציקער פלאַנטער פון מענטשן און אויטאָמאָ־

בילן. דער רעסטאָראַן איז געווען באַלויכטן פון טונקל „גאָלדענע" לאָמפּן, אויף די ווענט זיינען געהאַנגען בילדער פון אַלטע־פראַנקישע פּריצים, יעגער אויף פערד און יאַגד־הינט.

אין לאָס־אַנדזשעלעס זיינען די פּרימאָרגנס, אפילו ווען עס רעגנט ניט, טונקל, רוי און נעפּלדיק. די זון קומט ערשט אַרויס צען, עלף אַזייגער פאַר מיטאָג, ווען רייכע טוריסטן כאַפּן זיך אויף פון שלאָף... זיצט איצט סענדער מיטן ווייב אין עלעגאַנטן רעסטאָראַן און ס'גלוסט זיך זיי גאָרניט אַרויסצוגיין.

„דאָ האָבן זיי גוטע קאַווע!", לויבט סענדער.

„צו אַ ניו־יאָרקער טעפּל קאַווע קומט עס ניט", האַלט זיך פייגע ביי אירס.

„נו, אַוודאי קאָן מען ניט פאַרגלייכן. אַיין קלייניקייט — ניו־יאָרקער קאַווע!"...

„מעגסט דיר זאָגן וואָס דו ווילסט. דאָרט האָט די קאַווע גאָר אַן אַנדערן טעם".

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט און צעלאַכט.

מיטאַמאָל האָט זיך פייגע אַ כאַפּ געטאָן:

„אוי, סענדער!"

„וואָס איז?", האָט ער זיך דערשראָקן.

כ'האָב מורא, אַז איך האָב עפּעס אָפּגעטאָן!"

„וואָס האָסטו אָפּגעטאָן?"

„כ'האָב, דאַכט זיך, פאַרגעסן צו פאַרדרייען די ,גאַז'! אין דער פרי האָב איך צוגעשטעלט צו קאָכן אַ טעפּל זופּ ס'זאָל זיין גרייט עפּעס אויף ביינאַכט, און כ'קאָן זיך ניט דערמאָנען צי כ'האָב פאַרדרייט דאָס פייער ביים אַוועקגיין!"

„האָסט אַוודאי פאַרדרייט".

„איך בין ניט זיכער. כ'געדענק, אַז כ'האָב צוגעשטעלט אויף אַ גרויס פייער ס'זאָל שנעל פאַרטיק ווערן".

„איך בין זיכער, אַז דו האָסט פאַרדרייט".

„זאָלסט מיך צעהאַקן, געדענק איך ניט!"

זי האָט ניט געקענט איינזיצן ביי דער אַרבעט. ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָס טעפּל ברענט, ס'הויז גייט אַוועק אין פלאַמען, און דאָ פליען פאַרביי פייער־לעשער מיט שרעקנדיקע וואָרנונג־סיגנאַלן. ס'האָט איר געקלאַפּט ס'האַרץ. די הענט האָבן זיך איר געטרייסלט. זי האָט

געמוזט אַוועקלייגן די אַרבעט, אַראָפּגיין אין גאַס און אָפּרופן אַ באַקאַנטע פרוי, וואָס וואוינט ניט ווייט פון איר, און בעטן זי זאָל אַ קוק טאָן צי איר הויז ברענט... ערשט ווען יענע האָט איר באַרואיקט איז זי אַוועק צוריק צו דער אַרבעט.

סענדער איז ניט צופרידן וואָס זיין פרוי אַרבעט אין שאָפּ. אַ הויז אָן אַ באַלעבאָסטע וויינט. אין אַלע ווינקלען איז אַנגעלייגט, אַנגעוואָרפן. דער שטויב בייסט אין האַלדז. ס'גלוסט זיך ניט אַהיים צו קומען אין אַזאַ הויז. ווען זי גייט פון דער אַרבעט לויפט זי עפּעס איינקויפן, קומט אַהיים שפּעטער פון אים און נעמט, אין איילעניש, צוזאַמענדרייען אַ מאָלצייט. אים, אַז ס'באַפאַלט אַ הונגער מוז ער באַלד עסן, אַניט חלשט אים איבער ס'האַרץ, און ער קריגט אַ קאָפּ־ווייטיק. די נערוון צעשפּילן זיך ביי אים און ער קריגט זיך מיט איר הלמאי זי גייט אַרבעטן. טענהט זי: אַז פון זיינע פאַרדינסטן קען מען קיין לעבן ניט מאַכן. מען דאַרף ציטערן איי־בער יעדער פעני. און אַחוץ דעם, ווערט ער אָפט קראַנק. ס'קומען נאָך אַריין „סלעקס", סטרייקס — איז ווי לאַנג זי קען מוז זי אַרבעטן. און נאָך אַ זאַך: אין ניו־יאָרק טראַכט „קיינער ניט" פון קויפן אַ הויז... מען איז צופרידן, מען האָט די „רענט" צו באַצאָלן. דאָ אָבער, אין קאַליפאָרניע, האָט „כמעט" יעדער איינער אַן אייגן הויז. אַ הייזקע, אַ „שעק", עפּעס האָט מען. איר לעצטער „אַרגומענט" איז:

„ווילסט כ'זאָל ניט גיין אַרבעטן? גוט, איך באַשטיי. לאָמיך זען, זאָלסט מאַכן אַ לעבן — גרויסער פאַרדינער מיינער!"...

פרייטאָג רוישט דער שאָפּ פאַר סענדערן ערב־שבתדיק. די לעצטע שעהן כאַפּט ער אָפט אַ קוק אויפן זייגער, וואָס הייבט אָן קריכן און אויס־ציען די מינוטן. ענדלעך האָט מען אַוועקגעלייגט די אַרבעט און ער האָט זיך אין איילעניש מיט פריידיקער דערוואַרטונג געלאָזט צום אויטאָבוס, וואָס פירט אַהיים.

פרייטאָג הערט פייגע אויף פריער. ווען סענדער קומט אַהיים טרעפט ער זי שוין מיט אַ פאַרפלאַמט פנים אַרום דער קיך. דאָס הויז זעט שוין אויס בעסער, ריינער. זי האָט שוין באַוויזן אַביסל אויפצורוימען, צוקלייבן און באַגעגנט אים מיט אַ שמייכל, וואָס זאָגט צו רו און פרייד אין די קומענדיקע צוויי טעג פאַר דער גאַנצער וואָך אַרויס...

גייענדיק מיט פריידיקע האַפּערדיקע טריט צו זיין הויז האָט סענדער דערפילט רעגן־טראָפּנס אויפן פנים. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן הימל: די זון האָט זיך געטרונקען אין אַ ים פון שוואַרצע וואָלקנס, צייטנ־

ווייז אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און ווידער פאַרדעקט געוואָרן, ביז ס'איז פון איר פאַרבליבן אַ בלייכער פלעק און באַלד — גאָרניט.

אַז ער איז צוגעקומען צום הויז איז די טיר געווען פאַרמאַכט. ער האָט אָנגעקלונגען, דערוואַרטנדיק באַלד צו זען פייגען אויף דער שוועל, נאָר די טיר האָט זיך ניט געעפנט. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַריינגעקוקט דורך דער שטויביקער שויב און אַריינגעשריגן „פייגע!". אינעווייניק איז געווען פינצטער און פרעסנדיק שטיל. וואָס קאָן דאָס זיין, וואָס זי איז נאָך ניטאָ אין דער היים, האָט ער געטראַכט, אפשר האָט עפּעס געטראָפן מיט איר? און דאָ האָט ער ניט דעם שליסל מיט זיך. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, געקלאַפּט מיט די שפּיץ נעגל אין די שויבן אַריין. אפשר שלאָפט זי? אַהיים געקומען אַ מידע, האָט זי זיך אַביסל אַוועקגעלייגט. וואָלט זי דאָך באַדאַרפן הערן, אַז ער קלאַפּט... אפשר האָט זי גאָר אַוועקגעחלשט?

די רעגן־טראָפּנס זיינען, דאַכט זיך, געוואָרן געדיכטער. ס'האָט אים אָנגעהויבן הונגערן. פרייטאָג עסט ער אַ קליינעם „לאָנטש". לאָזט איבער אָרט פאַר אַ גרויסער וועטשערע. וואָס האָט פּאָרט געקענט טרעפן מיט איר? פרייטאָג קומט זי דאָך אַלע מאָל אַהיים אַ סך פריער פון אים. אפשר אַן „עקסידענט"? ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן פון פאַרשיידענע אומגליק־פאַלן. פאַר זיינע אויגן זיינען אויפגעשטאַנען שרעקלעכע בילדער. ער האָט זיי גאָרניט געקענט פאַרטרייבן פון זיך.

די פענצטער פון די אַרומיקע הייזער האָבן פריילעך און שבתדיק געלויכטן אין דער פינצטערער רעגנדיקער נאַכט אַריין. דאָס טאַנצן פון גאָפּל־מעסער אויף פאַרענדיקע טעלער, וואָס ער האָט געזען דורך טייל פענצטער האָט גערייצט זיין אַפּעטיט.

דער רעגן, ווייזט אויס, וועט אַזוי שנעל ניט אויפהערן. ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון רעקל. אַ שוואַרצע קאַץ מיט געל־פייערדיקע אויגן איז אים פאַרבייגעלאָפן. ער איז געשטאַנען איינגעבויגן, אויסגענעצט. וואו טוט מען זיך אַהין? אפשר אַריינקריכן דורכן פענצטער? נאָר די „סקרינס", ווייסט ער, זיינען פון אינעווייניק פאַרקייטלט. און ווי שטעלט מען זיך רייסן אַ פענצטער? ס'קען עמיצער פאַרבייגיין און מיינען, אַז אַ גנב ברעכט זיך אַריין, ס'קאָן אָנקומען אַ פּאָליסמאַן. אפשר זאָל ער אַריינגיין צו אַ שכן? קען זי דאָך אָבער יעדע מינוט אָנקומען. ס'האָט זיך דערטראָגן פון ערגעץ ס'געזאַנג פון אַ חזן אויף אַ ראַדיאָ. ער איז זיך פאַרגאַנגען אויף אַ מוח־שטימע:

געציקלט, געדרייט, און צום סוף אונטערגעפּירט אַ טרויעריקן סך־הכּל... פּלוצים האָט זיך אַ „דזשאַז־בענד" צעבראַזגעט... זיין דין נשמהדיק געזאַנג האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט אַ טראָמפּייט און איז צעשטויסן געוואָרן פון די טאַצן... דאָס גייט דאָרט אָן, ווייזט אויס, אַ געראַנגל צווישן יידיש־אייראָפּייאישע עלטערן מיט אַמעריקאַנער־געבוירענע קינד, — האָט סענדער געטראַכט און זיך דערמאָנט אָן זיינע צוויי אויסגעגעבענע זין, וואָס צייטנווייז, ווייזט זיך אים אויס, אַז זיי זיינען פרעמדע און קענען נישט רעדן קיין יידיש וואָרט, כאָטש זיי זיינען געגאַנגען אין „היברו"...

דער רעגן האָט זיך פאַרשטאַרקט, אַריינגערונען אים אין קאָלנער, אַראָפּגעטריפט אויף דער פּלייצע, און פייגען זעט מען נאָך אַלץ ניט. ער באַשליסט אויפצורייסן ס'פענצטער. געקראָגן ערגעץ צוויי שטיינער און זיך אַרויפגעשטעלט אויף זיי, אַ קוק געטאָן צי קיינער זעט ניט און אָנגעהויבן מיט אַ קלענערן שטיין האַקן אין קייטל אַריין, רייסן מיט אַלע כּוחות ביז דאָס פענצטער האָט זיך געעפנט. ער האָט אָנגעהויבן אַריינקריכן, זיך פאַרטשעפּעט און אַריינגעפאַלן. ער האָט געמאַכט ליכטיק. אַ מויז איז אים פאַרבייגעלאָפן. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן. אָנגעצונדן ס'גאַז־אייוועלע, אויסגעטאָן די נאַסע קליידער און זיי אויפגעהאַנגען צו טריקענען. די זעלבע מויז, אַפּנים, האָט ערגעץ עפּעס געגריזשעט. ער וואָלט אויך געוואָלט עסן. וואָס איז אָבער געשען מיט פייגען? אפשר ליגט זי שוין איצט אַן איבערגעפּאָרענע ערגעץ אין אַ שפּיטאָל, צי גאָר אין „מאָרג"? דער „מאָרג", זאָגט מען, איז אין אַ קעלער, לאַנגע שופלאַדן רוקן זיך אַרויס פון די ווענט... מען זאָל אים רופן איר צו דערקענען וועט ער אַוועקחלשן... ער וועט, דאַכט זיך, שטאַרבן אויפן אָרט... זי איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי שפּעט. דאָס מאָל האָט שוין זיכער עפּעס געטראָפן. קען זיין, אַז ער איז שוין אַן אלמן!...

סענדער איז אַריין אין באָד־צימער. ס'איז דאָרט געשטאַנען אַן אָנגעפּאַקטער זאַק מיט קויטיקע וועש. דער „סינק" איז געווען פאַרשמירט, די קראַנען פאַרזשאַווערט. די וואַנע האָט געהאַט אַ טונקעלען פּאַס אַרום „האַלדז". ס'האַרץ חלשט אים פאָרט... ער איז צוגעגאַנגען צום „פריידזשידעיר" און אַרויסגענומען אַ פלעשל זויער־מילך מיט אַ שטיקל קעז, וואָס האָט שוין אין איין זייט אָנגעהויבן שימלען, אָפּגעשניטן ס'פאַרשימלטע און אָנגעהויבן אומעטיק קייען. זי איז שוין מיט עטלעכע שעה פאַרשפּעטיקט. דאָס מאָל האָט זיכער עפּעס געטראָפן. אַ גרויסע זאַך אין לאָס־אַנדזשעלעס איבערגעפאָרן צו ווערן? ס'איז דאָך אַ שטאָט אויף

רעדלעך. קען זיין, אַז זי איז שוין ניט צווישן די לעבעדיקע? ביי דעם געדאַנק איז אים דער לעצטער ביסן קעז געבליבן שטיין אין האַלדז. ער האָט אַריינגעקוקט אין זייער פינצטער שלאָף־צימער, און אַ שטראָם פון דעראַינערונגען האָבן אַ פלייץ געטאָן אויף אים... אַ פאַררעגנטער גאַסן־לאָמפּ האָט זיך דאָרט אָפּגעשפּיגלט אויף דער וואַנט, ווי אַ ליכט ביי אַ טויטן צוקאָפּנס... זי האָט געהאַט אַ שווער לעבן ביי אים... ער האָט זיך דערפילט עלנט, פאַרקלעמט, ס׳איז אים באַפאַלן אַ פּאַניק, אַ שרעק צו בלייבן אַליין אין די יאָרן... ס׳האָבן זיך דערנעענטערט טריט. ער איז אויפגעשפרונגען. ס׳האַרץ האָט אים אָנגעהויבן פריידיק קלאַפּן. אַז ער איז צוגעלאָפן צו דער טיר האָבן זיך די טריט אָנגעהויבן דער־ווייטערן...

פייגע האָט יענעם פרייטאָג געמוזט אַרבעטן לענגער. ס׳איז געווען אַן אויסנאַם־פאַל. זי האָט זיך אַזוי געיאָגט אויסצוענדיקן די אַרבעט, אַז זי האָט ניט קיין צייט געהאַט אַ קוק צו טאָן ווי שפּעט ס׳איז. די מינוט ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן איז זי אַנטלאָפן פון שאָפּ ווי פון פייער. אויפן וועג צום אויטאָבוס איז זי אַריין אין אַ קראָם עפּעס איינקויפן. סענדער האָט פרייטאָג ליב אַ שטיקל פיש, איז זי געלאָפן צוויי איבעריקע „בלאָקס״ צום פיש־געשעפט, און פאַרשפּעטיקט דעם אויטאָבוס מיט עטלעכע סע־קונדען. זי איז אים נאָכגעלאָפן מיט די פּעקלעך אין די הענט, נאָר דער טרייבער האָט איר ניט געזען. זי איז געבליבן שטיין אַ דערשלאָגענע און זיך ביטער געערגערט, וואָס סענדער וועט ניט וויסן וואָס איבערצו־קלערן, ער איז זיכער הונגעריק און נערוועז. זי איז געשטאַנען מיט די פּעקלעך אין די הענט און געוואַרט אויף אַן אַנדער „באַס״. שווער און לאַנג האָבן זיך געצויגן די מינוטן. אפשר זאָל זי אַריינלויפן און אים טעלעפאָנירן? נאָר אָט, איז איר „באַס״. און זי האָט נאָך געפונען אַ פּלאַץ ביים פענצטער. פון מידקייט האָבן זיך איר באַלד די אויגן פאַר־מאַכט און זי איז איינגעשלאָפן. חלומט זיך איר, אַז ס׳איז נאָך מיט יאָרן צוריק אין ניו־יאָרק, איידער זיי זיינען געפאָרן קיין לאָס־אַנדזשעלעס. די קינדער זיינען קליין. זי באָדט זיי אין וואַש־טאָפּ, וואָס איז אין קיך. ס׳איז אַ הייסער זומער־טאָג. זי גייט אָפּ אין שווייס, און יאָגט פון זיך די נשמה אַרויס. ס׳איז פרייטאָג. זי דאַרף נאָך אויפרוימען ס׳הויז, גרייטן צום טיש, אָנצינדן ליכט. סענדער איז פאַרשפּעטיקט, ער דאַרף יעדער

מינוט אַריינקומען — און דער טרייבער שרייט איר אין אויער אַריין:
„לעידי! דאָס איז דער לעצטער ,סטאָפּ׳!"

אַ צעשראָקענע עפנט זי די אויגן: אוי, זי איז פאַרפאָרן!... איצט וועט זי דאַרפן צוריקפאָרן...

אַז זי איז ענדלעך אַריינגעפאַלן אין הויז אַ פאַרשוויצטע, אויסגעצעצט פון רעגן, מיט נאַסע פעקלעך אין די הענט, איז סענדער אויפגעשפרונגען מיט אַזאַ פרייד, ווי זי וואָלט פון טויט לעבעדיק געוואָרן...

„וואָס איז געשען?! איך בין דאָך שיעור משוגע געוואָרן איבערטראַכטנדיק", האָט זיין קול געציטערט פון פרייד...

ער האָט צוגעכאַפּט ביי איר די פעקלעך:

„וואָס איז פאָרט געשען?!"

באַשע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און געפּרוּווט קומען צו זיך.

סענדער געדענקט שוין לאַנג ניט אַזאַ פריילעכן שבת...

מירקע האָט אַ היים

(פאַר גינאַ מעדעם)

אין אַ פאַרנאַכט, ווען מירקע די קאַץ האָט זיך אַרומגעשלעפּט אַ מידע, אַ הונגעריקע, האָט זי אין אַן אָפן פענצטער דערזען דעם קאָפּ פון אַ פרוי מיט גוטע אויגן. ס׳האַרץ האָט איר באַלד געזאָגט, אַז פון איר וועט זי עפּעס קריגן. זי איז שוין ניט אָפּגעטראָטן און אויסגעצויגן אַ לאַנגן בעטנדיקן „מיאַו!“ ס׳האָט לאַנג ניט גענומען, און ס׳איז עפּעס אַראָפּגעפאַלן איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר. זי האָט דאָס שנעל צעעפנט מיט די פאָדערשטע פיס, וואָס קען באַנוצן אויך פאַר הענט, און זיך זשערנע צוגעכאַפּט צום ביסל שפּייז, וואָס איז דאָרט געלעגן. זי האָט געשלונגען מיט אַזאַ אַפּעטיט, ווי זי וואָלט שוין עטלעכע טעג ניט געגעסן. פאַרטיק געוואָרן, האָט זי זיך געשמאַק באַלעקט, אָפּגעווישט די וואָנצעס, אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו דער גוטער פרוי און באַדאַנקט מיט אַ קורצן, אָפּגעהאַקטן „מיאַו!“

„צום געזונט!“, האָט די פרוי צו איר געשמייכלט, און דערפרייט מיט איר וואַרעמען בליק מירקעס פאַרביטערט האַרץ, וואָס קיינער קוקט זיך ניט אום אויף איר: מען טרייבט זי, מען יאָגט זי, אָפטמאָל קריגט זי אַ אַ קאָפּע פון אַ בייזן אומגעדולדיקן פאַרבייגייער, אַז ס׳פאַרכאַפּט איר דער אָטעם און זי קאָרטשעט זיך פון ווייטאָק. די פרוי, אָבער, וואָס זיצט דאָרט אין פענצטער, איז אַנדערש פון די אַנדערע צוויי־פיסיקע: מיט איר ליבן שמייכל פאַרגיטיקט זי פאַרן שלעכטס פון די, וואָס ווייסן נאָר צו לויפן און קאָפּען מיט די לאַנגע פיס. מירקע איז שוין אַלע טאָג געקומען צום פענצטער פון דער גוטער פרוי און געוואַרט, זי זאָל איר עפּעס אַראָפּוואַרפן.

איינמאָל האָט זי אויפגעגעסן די שפּייז, וואָס די פרוי האָט אַראָפּגעוואָרפן, אויסגעלעקט ס׳פּאַפּירל מיטן רויטן פאַרנאַשטן צינגל, און מער ניט געוואָלט אַוועקגיין. זי האָט פאַרריסן דעם קאָפּ און געבעטן מיט אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם „מיאַו“: „לאָזט מיך זיין ביי אייך. איך וועל פאַרטרייבן די מייז, אַרויסיאָגן די פליגן, איר וועט קאָנען גלעטן מיין ווייכן סאַמעטענעם רוקן. לאָזט מיך זיין ביי אייך!“

זי איז שוין ניט אָפּגעטראָטן. ביז שפּעט אין דער נאַכט ניט אויפגעהערט צו מיאַוקען און ניט געלאָזט מענטשן שלאָפן, ביז עמיצער האָט זי אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער. מירקע איז אַ פאַרצאַפּלטע אויפגעשפּרונגען. ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט זי געווישט מיט די פאָדערשטע פיס די אויגן, וואָס דאָס וואַסער האָט אויף אַ ווייל בלינד געמאַכט, און אָנגעהויבן לויפן מיט דער שנעלקייט פון אַן אויסגעשאָסענער קויל. אָבער שפּעטער אַביסל איז זי צוריקגעקומען, אַ נאַסע, אַ ציטערדיקע, זיך איינגעגראָבן ביי דער וואַנט אונטער דער פרויס פענצטער, און ווידער אָנגעהויבן מיט איר ווייַנענדיק אויסגעצויגענעם „מיאַו!“

ס'איז אָנגעלאָפן דער ווירט פון הויז, אַ פעטער נידעריקער מאַן, אַ בייזער, מיט וועלפישע ציין און פינצטערע אויגן ווי מייז־לעכער. ער האָט איר דערלאַנגע אַזאַ קאָפּע אין בויך אַריין, אַז די קישקעס האָבן זיך איר שיעור נישט איבערגעריסן. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַזאַ יאָמערלעכן „מיאו!“, ווי הונדערט קעץ וואָלטן מיט איינמאָל „געשריגן“. ס'איז אַרונטערגעלאָפן די פרוי מיט די גוטע אויגן און זי געכאַפּט אויף די הענט, געגלעט איר רוקן, גערעדט צו איר גוטע רייד און געצאָרנט אויפן הויזווירט:

„שעמען מעגט איר זיך, צו שלאָגן אַ שטום באַשעפעניש. איר האָט קיין האַרץ ניט. איר זייט אַ ברוטאַלער מענטש! איך וואָלט געוואָלט זען, ווען מען טוט דאָס צו אייך, ווי ס'וואָלט אייך געשמעקט!“

„ביי מיר אין הויז האַלט מען ניט קיין קעץ“, האָט דער ווירט געשריגן און געריסן מירקען פון אירע הענט. ער האָט שוין געהאַט איין העלפט פון איר אין זיינע גראָבע לאַפּעס, די פרוי — די צווייטע העלפט. מירקע איז שיער ניט צעריסן געוואָרן אין צווייען צווישן זיי. יענע נאַכט איז זי קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן.

צומאָרגנס איז זי ווידער געקומען. דאָס מאָל האָט זי פריער פונ־ווייטנס אויסגעפאָרשט, צי דער בייזער הויזווירט דרייט זיך דאָרט ניט אַרום. ווען זי איז געווען זיכער, אַז ער איז ניטאָ, איז זי צוגעקראָכן אויפן בויך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ צו דער פרויס פענצטער, און שטיל אַרויפגעמיאַוקעט „איך בין דאָ“.

אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן אַ שטיק צייט, ביז איינמאָל האָט זי דערפילט, אַז זי איז „אין אַנדערע אומשטענדן“: די קעצלעך, וואָס זי דאַרף געבוירן, טאַנצן שוין אַרום אין איר בויך. דערפאַר וואַקלט זי זיך אַביסל אויף די פיס, וואָס זיינען איר געוואָרן אָנגעשוואָלן. זי האָט אָפט געמוזט

אַראָפּגיין אין קעלער זיך צולייגן אַביסל. ליגנדיק אַזוי, האָט זי געטראַכט מיט ווייטאָק פונעם פאַלשן קאָטער, וואָס האָט געפירט מיט איר אַ ליבע, צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן און שנעל פאַרגעסן אין איר. „ע‟, האָט זי געטראַכט, „ניטאָ קיין אָרנטלעכער קאָטער אויף דער וועלט...‟

אין יענער נאַכט, ווען זי האָט געקראָגן „ווייען‟ און זיך הויך צעמיאַוקעט פון ווייטאָק, האָבן די איינוואוינער פון הויז פּראָטעסטירט און אַראָפּגעשיקט דעם „דזשעניטאָר‟, ער זאָל זי אַרויסוואַרפן. מירקע האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע ביי דער וואַנט, און זיך ניט געוואָלט רירן פון אָרט. דערנאָך, אַז ער איז שיער ניט געפאַלן, יאָגנדיק זיך מיט איר, האָט ער אויף איר אָנגערייצט דעם הונט „טאַיגער‟, וואָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן און שטשירנדיקע ציין. מירקע האָט געמאַכט אַ הויקער פונעם רוקן, אויף וועלכן די האָר האָבן זיך פון שרעק אויפגעשטעלט, און געשפּיזט אויף אים מיט די גרינע בליציקע אויגן. „טאַיגער‟ האָט אַראָפּגעקוקט צו איר, און פאַרשטיקט געאַרבעט מיטן האַלדז. פון מויל איז ביי אים גערונען בייזע סלונע: ער האָט זיך גענומען צייט, געשפּילט זיך מיט איר טויט־שרעק, געוואָלט דאָס אויסציען וואָס לענגער. זי איז אַלץ געשטאַנען איינגעהויקערט, געמאַכט זיך גרייט מיט די נעגל אים אויסדראַפּען די אויגן. ער איז טאַקע שטאַרקער פון איר, האָט זי געטראַכט, דערפאַר איז זי אָבער פלינקער. מיט איין שפּרונג מאַכט זי אים בלינד... „טאַיגער‟ האָט דאָס אויך געוואוסט. דערפאַר איז ער געווען זייער פאָרזיכטיק. אָ, ווען איר קאָטער וואָלט איצט דאָ געווען, — האָט מירקע שנעל געטראַכט, — וואָלט ער זיך שוין אָפּגערעכנט מיט „טאַיגערן‟ פאַר איר. ער האָט געהאַט אַזעלכע שאַרפע נעגל, אַז ווען זיי האָבן זיך אַמאָל „צעוועדטלט‟, איז זי אַרומגעגאַנגען אַ שטיק צייט מיט לעכער אין פנים. נאָר איצט, אַליין, מיט די ווייטאָקן, וואָס האָבן זיך אין איר פאַרשאַרפט, האָט זי געפילט זייער הילפלאָז קעגן „טאַיגערן‟. פּלוצים, ווען ער האָט זיך אויף אַן אויגנבליק פאַרקוקט, איז זי בליץ־שנעל אַרויסגעלאָפן פון קעלער.

אינדרויסן האָט געגאָסן אַ רעגן. דאָס האָבן שלעכטע מענטשן ווידער איבערגעקערט עמערס וואַסער אויף איר. די אויגן, וואָס קוקן־אַרויס אַלע נאַכט פון הימל, זיינען געווען פאַרלאָשן. ס׳איז דאָרט געווען פינצטער ווי אין אַ קעלער. עמיצער איז געלאָפן הינטער איר און געשניטן די שוואַרצקייט פון דער נאַכט מיט אַ לאַנג בליציק מעסער... זי האָט אַריינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, פאַרהאַקט די ציין און גע־

לאָפּן מיט די לעצטע כוחות צו דער גוטער פרוי. אָנגעקומען, האָט זי געמאַכט זיכער, אַז דער הוירווירט איז ניטאָ, און גענומען רופן „מיאַו!״ ס׳האָט גענומען זייער לאַנג, ביז די פרוי האָט דערהערט און זיך באַוויזן אין פענצטער. דערזען מירקען אַן אויסגעווייטיקטע, ווי אַ נאַסע שמאַטע, מיט יסורימדיקע, בעטנדיקע אויגן, איז די פרוי אַראָפּגעקומען און זי אויפ־געהויבן אַ פאַרחלשטע. מירקע האָט געציטערט אין אירע הענט.

אין וואַרעמען צימער האָט זי די פרוי אַרומגעווישט מיט אַ טרוקע־נעם האַנטוך, און אַוועקגעשטעלט פאַר איר אַ טעצל וואַרעמע מילך. מירקע האָט האַסטיק געטרונקען, און פלוצים אַ פאַל געטאָן אויף אַ זייט, גענומען זיך וואַרפן פון ווייטאָק, און פאַר דער פרויס אויגן זיינען געבוירן געוואָרן פינף קליינע קעצלעך. פייכטע, ציטערדיקע, האָבן זיי זיך געוואַקלט אויף די דינע קליינע פיסלעך. זיי האָבן געהאַט קאָלירטע פעלכעלעך, קלאָרע בורשטינענע און אַגרעס־קאָלירטע אייגעלעך. באַלד האָבן זיי גע־זוכט די ברוסט ביי דער מאַמען, וואָס איז געלעגן אַ מידע, אַ דערשעפּטע, און מיט געטרייע אויגן געקוקט אויף זיי.

פאַר דער פרוי איז דאָס געווען אַ גרויסער מאָמענט. זי איז געווען באַרוישט: דער וואונדער פון באַשאַף, פון אייביקן לעבן. דער זעלבער פּראָצעס, וואָס גילט פאַר אַלע מענטשן, פאַר אַלע לעבעדיקע באַשעפע־נישן, ווי אַלע וואָלטן געווען איין גרויסע משפחה... און דאָס קליינוואַרג רייסט זיך שוין צו דער מאַמעס ברוסט, קריכן איינס איבערן אַנדערן, ווילן פאַרכאַפּן דעם וועג... די פרוי מיט די גוטע אויגן האָט געקוקט מיט ליבשאַפט און מיטגעפיל אויף דער „קימפעטאָרין״; ס׳איז דאָך אירס אַ נאַטור־שוועסטער, אויך מיט אַ מיסיע אויף דער וועלט...

די פרוי האָט אויסגעשפּרייט ווייך געוואַנט אין אַ קעסטל און אַריינ־געלייגט אַהין די מאַמע מיט די קעצלעך. דערנאָך האָט זי איר געזאָגט גוטע ווערטער. מירקע האָט זי אויסגעהערט מיט פאַרזשמורעטע דאַנק־באַרע אויגן. די פרוי האָט דאָס קעסטל אַוועקגעשטעלט אינמיטן צימער, און געמאַכט פלענער, ווי אַזוי דאָס צו באַהאַלטן פון הויזווירט.

מירקע איז גיך געקומען צו זיך, ווייל די פרוי האָט זי גוט צוגעזען. שלעכט איז אָבער געווען, וואָס מירקע האָט ביט געטאָרט אַרויס פון הויז און זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן פאַרן ביזן מאַן, ווען די גוטע פרוי האָט גערופן „היטלער״. ערשט שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן, האָט די פרוי זי אַרויסגעלאָזט כאַפּן אַביסל פרישע לופט. אַז ס׳האָט זיך דערהערט אַ שאָרך ביי דער טיר, האָט זי זיי אַריינגעלייגט אין קעסטל

און פאַררוקט אונטערן בעט, צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפן: „ששש", היטלער זאָל ניט הערן, האָט שוין מירקע באַנומען, אַז זי טאָר ניט מיאַוקען, אַז עס דראָעט אַ געפאַר. האָט זי געטוליעט די קעצלעך צו זיך — „ששש"...

דאָס דירה־געלט האָט דער הויזווירט געקראָגן אויף דער דרויסנדי־קער זייט פון דער טיר...

אָבער איינמאָל, ווען די פרוי איז ניט געווען אין דער היים, און מירקע האָט געקליבן נחת פון די קעצלעך, וואָס האָבן געטאַנצט אַרום איר, האָט זיך אָנגעהויבן דרייען דער שלאָס אין דער טיר. אויף דער שוועל איז געשטאַנען דער הויזווירט. „קעץ!" — האָט ער אַ געשריי געטאָן, אויס־געשטעלט ווילדע אויגן און אָנגעהויבן קאָפּען די קעצלעך, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער זיינע פיס. זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין פּאַניק און אַזוי רחמנותדיק געמיאַוקעט, אַז ס'האָט מירקען פאַרקלעמט ביים האַרץ. אָט, האָט ער אויפגעהויבן אַ פוס און געוואָלט איינס צעטרעטן... מירקעס אויגן האָבן אַ בליץ געטאָן, אַז זי האָבן אים שיער בלינד גע־מאַכט. ס'האָבן זיך אויפגעשטעלט די האָר אויפן הויקער, וואָס זי האָט געמאַכט פון רוקן, און מיט איין שפרונג איז זי געווען אויף אים מיט די נעגל. ס'האָט אים באַלד אָנגעהויבן קאַפּען בלוט פון אַן אויג... ער האָט אָנגעהויבן שרייען פון שרעק, און וואַרפן מיט די שווערע הענט, וואָס מירקע האָט פלינק אויסגעמיטן. די קעצלעך זיינען געשפּרונגען אַרום אים, געוואָלט אַרויסהעלפן דער מאַמען, און ניט געוואוסט ווי אַזוי. ס'איז אָנגעקומען די גוטע פרוי, און די געשרייען מיט די געוואַלדן זיינען גע־וואָרן נאָך העכער.

פון דעמאָלט אָן איז דער הויזווירט זייער פאָרזיכטיק. ווען ער קומט מאָנען דירה־געלט, מאַכט ער פריער זיכער אַז מירקע איז ניטאָ אַרום הויז, קלאַפּט־אָן איידל אין דער טיר, לאָזט אָפן בלויז אַ שפּאַרע... און אַז ער קריגט דאָס געלט אַנטלויפט ער...

אַ לופטיקע דירה

(פון די טעג ווען הואווער האָט אויסגעאינזשענירט די „הואווערווילס")

ס'איז געווען אַ געדיכטע קלעפּיקע היץ. מענטשן האָבן פאַרריסן די קעפּ צום הימל, וואָס איז געווען פול מיט מוטנע וואַסער און אויסגעקוקט אויף אַ רעגן וואָס זאָל אָפּקילן די צעפּאַרעטע לופט.

דוד שיין איז געלעגן אויף דער סאָפע און זיך געפאָכעט מיט אַ צייטונג, וואָס ער האָט צייטנווייז אָנגעהויבן לייענען און געמוזט איבעררייסן צוליב דעם שווייס, וואָס איז אים גערונען פון שטערן אין די אויגן אַריין. געזען אַז לייענען קען ער ניט, האָט ער זיך אָפּגעריסן פון דער סאָפע, צו וועלכער ער איז געווען צוגעקלעפּט ווי אַ פּלאַסטער, צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, אפשר וועט ער אויפכאַפּן אַ ווינטל, נאָר די פעטע שטויביקע לופט איז געווען פאַרגליווערט, אָפּגעשטאָרבן. אויף דער צווייטער זייט גאַס האָט ער דערזען דעם „לענדלאָרד" פון דעם הויז וואו ער וואוינט. יענער האָט אַרויפגעקוקט צו אים, „אויפגעשטאָכן" אים אויף זיין בליק... דוד האָט שנעל אַריינגעכאַפּט דעם קאָפּ...

יעדן פאַרטאָג איז ער אויפגעשטאַנען זוכן אַרבעט, און אומעטום שוין געטראָפן לאַנגע רייען אַרבעטסלאָזע, וואָס זיינען געקומען פאַר אים. פון זיי אַלע פלעגט מען בלויז אויסקלייבן עטלעכע. די אַנדערע זיינען אַנטוישטע זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. ס'האָט אים ווי געטאָן, וואָס ער איז פאַרפאָרן די געציילטע „דיימס". ער פלעגט, אַהיים קומענדיק, אַוועקפאַלן אַן אויסגעמאַטערטער אויף דער סאָפע. און ווידער, אויס געוואוינהייט, גענומען זוכן צווישן די אַנאָנסן אין דער צייטונג, כאָטש דער טאָג איז שוין געווען פאַרשפּילט.

זיין פרוי גיטל איז אַריינגעקומען פון גאַס אַ פאַרפלאַמטע. אין די אַראָפּגעלאָזטע הענט, וואָס זיינען איר מיד און פאַרצווייפלט אַראָפּגעהאַנגען, האָט זי געהאַלטן אַ ליידיק קוישל:

„דער ,גראָסערי־מאַן' וויל מער ניט באָרגן", האָט זי געזאָגט מיט אַ מיד באַליידיקט קול. טראָפּנס שווייס האָבן זיך געגליטשט אויף איר פּנים. זי האָט זיך מיד אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול.

„וואָס עפּעס פּלוצים?!"

„ס'איז ניט פּלוצים. ער זאָגט, אַז דאָס גאַנצע ,ביכל' איז שוין באַלד פאַרשריבן. האָט זיך נאָך געבייזערט: די קונדן עסן אים אויף אַ לעבע־דיקן. מען באַרגט אָן און מען ציט זיך אַרויס, ערגעץ אַנדערש צו באָרגן, אָדער מען וואַרפט זיי אַרויס פון דער דירה — און זוך דעם נעכטיקן טאָג".

„ער וועט סיי ווי דאַרפן פאַרמאַכן, זאָגט ער, און וואָס שנעלער אַלץ ס'געשעפט", האָט זיך דוד געפּרובט קילן ס'האַרץ אויפן „גראָסערי־מאַן".

„ער וועט ס־ווי דאַרפן פאַרמאַכן, זאָגט ער, און וואָס שנעלער אַלץ בעסער, ווייל ער וועט באַלד אַליין ניט האָבן וואָס צו עסן".

זי האָט אָפּגעטריבן די פליגן פון זיך, וואָס האָבן געשטראָמט דורכן אָפענעם פענצטער. געזעסן אַ פאַרטראַכטע און מעכאַניש געבראָכן די הענט. די קינדער וועלן באַלד קומען פון שול און זי האָט זיי ניט וואָס צו געבן. זיינען נעבעך אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט, מען קען זיי שוין די ביינדלעך ציילן. דער „אייז־באָקס" איז ליידיק. זי ווייסט נישט וואו מען גייט לייען אַ דאָלער, ווייל וואו מען וואַרפט אַ שטיין זיינען זיי שוין פאַרשולדיקט.

דוד האָט נערוועז געשפּאַנט איבערן צימער. די פליגן זיינען אים נאָכגעפלויגן און בייז געזשומעט אין די אויערן אַריין, ווי זיי וואָלטן גע־האָט טענות צו אים, וואָס דאָס הויז איז אַזוי אויסגעליידיקט: מען האָט אַלץ אַליין אויפגעפרעסן, אפילו קיין קרישקעס ניט איבערגעלאָזט פאַר זיי. דוד האָט געפילט, אַז ער קען ניט איינזיצן אין הויז, מען קען דאָך אַזוי אויסגיין און קיינער זאָל ניט וויסן דערפון. ווי לאַנג די פיס טראָגן דאַרף מען גיין עפּעס טאָן... אַז ער האָט געהאַלטן ביים אַרויסגיין פון הויז איז אַריינגעקומען די מיסעס גיטלין.

„אָ, אַ גאַסט! זיצט. וואָס מאַכט איר עפּעס?"

„כ'מאַך? זאָל זיך מאַכן אונדזער פּרעזידענט הואָווערן אַ מכה אין האַלדז! אַז כ'דאַרף אַרויפגיין עטלעכע טרעפּ פעלט מיר אויס אָטעם". זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ווי אַ שווערער זאַק אויף אַ שטול. „די פיס זיינען מיר געשוואָלן. כ'וואָלט ניט געקלעטערט אויף קיין טרעפּ ווען „זיי" וואָלטן ניט פאַרמאַכט מיין טעלעפאָן". זי האָט געווישט מיט אַ טיכל דעם שווייס, וואָס איז גערונען פון איר פנים, געסאָפּעט, און ניט געקענט קומען צום וואָרט.

גיטל האָט געבראַכט אַ פלאַש אייז־וואַסער:

„טרינקט, מיסעס גיטלין. ס'וועט אייך דערפרישן".

מיסעס גיטלין האָט לאַנגזאַם געזופּט דאָס קאַלטע וואַסער זי זאָל זיך ניט פאַרקילן דעם האַלדז:

„די זאַך איז אַזוי: כ׳האָב געטראָפן מיינע אַ באַקאַנטע מיידל, זאָגט זי, אַז זי זוכט אַ צימער ביי היימישע מענטשן. האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איר האָט אַ צימער צו פאַרדינגען. זי זוכט אַ לופטיק, זוניק צימער".

„דאָס צימער וואָס מיר האָבן צו פאַרדינגען איז דאָס לופטיקסטע אין דעם ,אַפּאַרטמענט׳, אפשר אין דער גאַנצער געגנט. זון — פון פאַרטאָג ביז ביינאַכט. דאָס איז אַ סאַניטאַריום, מיסעס גיטלין!", האָט דוד מיט אַ ציטערדיק קול פון דערוואַרטונג געלויבט דאָס צימער. „און איך דאַנק אייך, מיסעס גיטלין, וואָס איר האָט אונדז אינזינען".

„זעסט, דוד, גוטע פריינט זאָל מען האָבן", האָט גיטל געזאָגט, ווען די מיסעס גיטלין איז אַוועקגעגאַנגען, און איר האַרץ האָט אַ טאַנץ געטאָן פון פרייד. ס׳האָט אין איר אויפגעזונגען: דאָס מיידל וועט איינצאָלן פאַר אַ חודש דירה־געלט, פאַר אַ חודש דירה־געלט! וועט זי איינקויפן גוטע זאַכן: מילך, פלייש, פרוכט, און אפילו „אייז־קרים" פאַר די קינדער. נאָר אומגעריכט האָט איר אַ ביס געטאָן אַ בייזער געדאַנק: וואָס פאַר אַ רעכט האָבן זיי צו נעמען ביי אַ מיידל דירה־געלט ווען זיי אַליין האָבן שוין אַזוי פיל חדשים קיין דירה־געלט ניט באַצאָלט?

אָבער, צוריקגערעדט, כאַפּט זי זיך אָן אין אַ צווייטן, אַ טרייסטנ־דיקן געדאַנק: וואו זי וועט זיך אַריינציען וועט זי דאַרפן באַצאָלן. איז דאָך שוין דאָס מיידל ניט געקריוודעט!...

דוד האָט זיך געריבן די הענט:

„ס׳איז אונדז טאַקע ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן!"

פאַרנאַכט, ווען זיי זיינען געזעסן מיט די קינדערביים טיש איבער אַ שיטערע זופּ פון קאַרטאָפל, האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר. דוד איז אויפגעשפּרונגען. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַן אויסגעבלייכט עלטער מיידל מיט גרויסע רינגען אין די אויערן, און שאָטנס אַרום די אויגן. זי איז געווען פאַרמאַטערט נאָך אַ טאָג אַרבעט אין „שאָפּ", אין סאָבוויי.

„כ׳האָב געהערט, איר האָט אַ צימער צו פאַרדינגען".

„יאָ, געוויס. זיצט", האָט איר דוד אָנגעוויזן אויף אַ שטול.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט.

„מיין נאָמען איז מאַניע", און געגלעט ס׳קעפּל פון אַ בלאָנד מיידעלע, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר.

„מיין נאָמען איז דוד. דאָס איז מיין פרוי, גיטל. און די צוויי", האָט ער אָנגעוויזן אויף די קינדער, „זיינען אונדזערע מיליאָנען!"

„שיינינקע, און אַזעלכע שטילע", האָט זיי מאַניע געלויבט.

„זיינען שוין גאָרניט קיין שטילע. אין דער קעגנוואַרט פון פרעמדע מענטשן קענען זיי קיין צוויי ניט ציילן. די קען איינגאַנצן ניט רעדן", האָט ער געקיבעצט דאָס קליינע מיידעלע, וואָס האָט זיך פאַרשעמט, און באַהאַלטן דעם קאָפּ ביי דער מאַמען.

זייער מאָגערע וועטשערע, די קינדערס בלייכע פּנימלעך, די צעריסענע שיכלעך, האָבן אָנגעוואָרפן אַן אומעט אויף מאַניען.

זיי האָבן איר געוויזן ס'צימער, וואָס האָט געהאַט צוויי פענצטער אויף אַ ברייטער גאַס אַרויס. אַרום זיינען געווען נידעריקע הייזער מיט אַן אָפענעם הימל, וואָס איז אַ זעלטנהייט אין ניו־יאָרק. דוד האָט געהאַלטן אין איין לויבן ס'צימער:

„זון — אַ גאַנצן טאָג. דער ווינט בלאָזט דירעקט פון ים. לופטיק ווי אויף אַ דאַטשע, אַ סאַניטאָריום! און איר קענט זיך באַלד אַריינציען, אויב איר ווילט".

„באַלד קען איך ניט, כ'האָב נאָך דאָרט אָפּצואוואוינען צוויי וואָכן".

זי האָט געגעבן צען דאָלער האַנט־געלט און געזאָגט, אַז דאָס איבעריקע וועט זי צוצאָלן ווען זי וועט זיך אַריינציען.

„ס'איז ניט קיין אונטערשייד. איר קענט געבן צען דאָלער, איר קענט באַצאָלן פאַרן גאַנצן חודש. ווי איר ווילט", האָט זיך ביי דודן אַרויסגעכאַפּט.

„איך האָב איצט ניט מער מיט זיך. ווען איך וויים פריער"...

„גוט, זייער גוט", האָט זיך דוד ווי פאַרענטפערט, דערפילנדיק אויף זיך דעם ווייבס אויגן, „עס וועט שפעטער אויך צונוצקומען"...

נאָך מאַניעס אַוועקגיין איז גיטל אַראָפּגעלאָפן איינקויפן. די צען דאָלער האָבן געציטערט אין איר האַנט. ווי זי וואָלט זיי ביים עמיצן אַרויסגעריסן, אָדער אויסגענאַרט... די מאַניע איז אַן אויסגעהאָרעוועט מיידל. אירע בלייכע פינגער זיינען אויסגעקרימט פון געניי. אין דעם פּאַפּירל ליגט איר מאַרך פון די ביינער, די קאָלירן פון איר פּנים, דער גלאַנץ פון אירע אויגן. נעמט זי דאָס צו ביי איר, און גיט איר צוריק עפּעס, וואָס קאָסט איר גאָרניט... זי אַליין צאָלט דאָך ניט קיין דירה־געלט! — טוט איר ווידער אַ ביס דער פריערדיקער בייזער געזאַנק, און זי טרייבט אים אָפּ מיט די ווערטער, וואָס זי רעדט שטיל אַריין אין זיך: אַ מיידל

דארף דאך ערגעץ וואוינען און אומעטום וועט זי מוזן באצאלן!...

יענע נאכט האבן זיי גוט אפגעגעסן פאר א לאנגער צייט ארויס.

אין צוויי וואכן ארום האט מאניע איינגעפאקט די זאכן, גערופן א טעקסי און געהייסן זיך פירן אויף דעם אדרעס, וואו זי האט געדונגען ס׳צימער. ס׳איז געווען א רעגנדיקער טאג. די גאסן האבן געגלאנצט מיט א שפיגלדיקער נאסקייט. ס׳האט אנגעיאגט א ווינט וואס האט געריסן די בלעכענע שילדן פון די געשעפט און אויסגעקרומט דעם רעגן וואס האט געפאטשט אין פנים אריין. אז די טעקסי האט זיך אפגעשטעלט אויף דעם אנגעגעבענעם אדרעס, האט מאניע דערזען א רעדל מענטשן ארום אן ארויסגעווארפענער פאמיליע. דאס ביסל בעבעכעס האט זיך געוואלגערט אין רעגן. ס׳בלאנדע, בלייכע מיידעלע האט הויך געוויינט מיט א קוויטש און זיך געטוליעט צו דער מאמען, וואס איז געשטאנען א פארשעמטע מיט א פארפלאמט פנים. פארבייגייער האבן אריינגעווארפן מטבעות אין א טעלער וואו ס׳האבן ארומגעטאנצט רעגן־טראפנס. דער־זען מאניען האט זיך גיטל איינגעבויגן ווי ס׳וואלט איר אנגעכאפט א קראמפ. געכאפט דאס וויינענדיקע מיידעלע און געוואלט מיט איר אנט־לויפן... מאניע איז איר נאכגעלאפן, געכאפט פארן ארבל:

„וואוהין לויפט איר?! כ׳וועל אייך ניט אויפעסן. איך בין אויך ניט קיין מיליאנערקע. היינט אייך — מארגן מיך! וואו איז אייער מאן?״

„ער האט זיך ערגעץ באהאלטן... מיר האבן צוגעראבעוועט ביי אייך צען דאלאר!״...

„פארגעסט אן דעם. איר קענט אבער אזוי ניט שטיין אין רעגן. איר זייט ביידע אויסגעווייקט. די נאכט פאלט צו. איר וועט גיין מיט מיר!... הייבט אויף דעם קאפ! איר האט זיך ניט וואס צו שעמען. די שאנד פאלט אויף אנדערע!״...

„איר זייט ניט אין כעס, וואס מיר האבן אויפגעגעסן אייער ,דעפאָ־זיט׳? די קינדער זיינען געווען הונגעריק!״...

„נארישער מענטש וואס איר זייט!״, האט זי ארומגענומען גיטלען און זיך צעקושט מיט איר.

דוד איז אנגעקומען מיטן ייִנגל ביי דער האנט. דערזען מאניען איז ער געבליבן שטיין, ווי די פיס וואלטן אים אונטערגעהאקט געווארן...

„וואס שטייט איר אזוי, ווי די גאנצע וועלט וואלט אונטערגעגאנ־גען?!״, האט זיך מאניע געבייזערט אויף אים, און זיך ניט געקענט העלפן א שמייכל צו טאן, דערמאנענדיק זיך, ווי אזוי ער האט געלויבט זיין לופטיקע דירה...

אַן אייגן ווינקל

באַלד נאָכן מאַנס טויט איז חנה אַריבער צו דער אויסגעגעבענער טאָכטער, און כאָטש זי האָט איר אַרויסגעהאָלפן מיט ניאַנטשען די קליינע קינדער און טאָן איר הויז־אַרבעט, האָט זיך איר נאָך אַלץ אויסגעוויזן, אַז זי עסט בחנם ברויט. דער ביסן פלעגט זיך איר שטעלן אין האַלדז, ווען די טאָכטער פלעגט זיך קריגן מיטן מאַן, דעם שוסטער, פאַרוואָס ער גיט איר ווייניק אויף דער הוצאה... דער איידעם האָט געשריגן, אַז מען פרעסט אים אויף אַ לעבעדיקן, און פאַר דער מינדסטער זאַך געוואָרפן דער שוויגער ס׳פעקל פאַר דער טיר.

חנה האָט לאַנג געליטן און געשוויגן; סוף־כל־סוף האָט זי מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און איז אַוועק דינען צו פרעמדע. וואַלגערט זיך אין קיך און שטייט אויס פון אַ נערוועזער מאַדאַם. אַ גאַנצע וואָך איז זי פאַרנומען מיט אַרבעט איבערן קאָפּ, פון פאַרטאָג ביז שפעט אין דער נאַכט: קויפט איין, קאָכט, דערלאַנגט צום טיש, וואַשט דאָס געפעס, וואַשט וועש, רייניקט די צימערן; זי האָט אפילו קיין צייט ניט אָפצועסן. און אַז עס קומט שבת, דערפילט זי ערשט דעם עלנט אין דער אָפגעזונדערטער קיך. זי איז דעמאָלט מקנא דער אָרעמסטער באַלעבאָסטע: אַ שטיקל טרוקן ברויט עסן, אַבי ניט ביי יענעם!

פרייטיק־צו־נאַכטס צינדט זי אָן ליכט אין קיך, דעקט דעם טיש מיט אַ ווייס טישטוך, לייגט אַוועק צוויי חלות, אָבער אַז זי הייבט אָן עסן, בלייבט איר דער ביסן שטיין אין האַלדז. — ווי לאַנג איז דער שיעור זיך צו וואַלגערן ביי יענעם אין קיך? — לויפט איר דורך אַ געדאַנק, — איצט זי זי נאָך ניט אַלט, ס׳ברענט נאָך אונטער אירע הענט. אָבער שפעטער, ווען זי וועט עלטער ווערן, וואוהין וועט זי גיין? צו דער טאָכטער? יענע האָט דאָך אַליין קוים אָפצועסן, און דער איידעם ליגט איר נאָך גוט אין די ביינער.

חנה פאַרקרימט איר פנים, די ליפ גיט איר אַ ציטער און זי לייגט אַוועק דעם לעפל. זי דערמאָנט זיך אָן דעם שדכן, וואָס רעדט איר אַ שידוך מיט אַן אלמן. זי האָט אים אפילו געזאָגט, ער זאָל זי לאָזן צורו, איז ער אָבער אַ קלעפיקער ייד: קומט אַלע טאָג צו איר אין קיך און

פאַרדרייט איר דעם קאָפּ... ווייזט איר אָן אויף אַנדערע יידענעס וואָס זיינען עלטער פון איר און מיאוסער... האָבן אויך אויסגעגעבענע קינדער, פונדעסטוועגן ווילן זיי ניט זיין בײַ זיי: האָבן חתונה געהאַט און לעבן זיך גאַנץ פיין.

חנה זיצט נאָך לאַנג און טראַכט ביז די ליכט הייבן אָן צאַנקען, ציטערן מיט זייערע שאָטנס אויף די ווענט. אין קיך איז אַ דריקנדיקע שטילקייט. עס בענקט זיך איר נאָך אַ מענטשלעך קול. חנה מאָלט זיך אויס: זי האָט חתונה פאַר אַן עלטערן באַלעבאַטישן יידן, וואָס האַלט זיך זייער געפּוצט. ער האָט אַ ברייטן שטערן מיט גוטע קלוגע אויגן, אַ שיינע שוואַרצע באָרד דורכגעוועבט מיט זילבערנע פעדעם. און צו איר איז ער זייער גוט. קומט אַ שבת — איז אין שטוב ליכטיק, פריילעך: יעדעס ווינקעלע לויכט. אויפן טיש ברענען שבתדיק די ליכט אין אָפּגעפּוצטע מעשענע לייכטער. דער מאַן זינגט זמירות, אין קיך ווערט טונקעלער: איין ליכט ציטערט נאָך מיט אַ דין בלייך פלעמל, ווי אַ בלייכע נשמה אין די שוואַרצע אָרעמס פון מלאך־המוות, און פאַרלעשט זיך...

איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, איז זי געגאַנגען אָנקוקן דעם חתן, אַן אלמן. ס'איז טאַקע געווען בײַ אירער אַ באַקאַנטער אין הויז. חנהן האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט, דאָס טונקעלע פּנים מיט דער בראָדעווקע האָט איר געפלאַמט. זי האָט אָנגעטאָן אַ גרין קלייד מיט אַ סך פאַלדן, איינגעהילט זיך אין אַ פאַטשיילע, אַ קוק געטאָן אין פאַרלאָפענעם קיך־שפּיגעלע און אַרויס פון הויז.

בײַ דער באַקאַנטער איז שוין געווען דער שדכן מיטן אלמן — אַן עלטערער ייד. בײדע האָבן געשמעקט טאַבאַק, זיך געגלעט די בערד און געשמועסט. חנה האָט אין אַ ווינקל גערעדט מיט איר באַקאַנטער וועגן זייטיקע זאַכן, און געהערט ווי דער שדכן זאָגט צום אַלמן, אַז די כלה האָט איר אייגנס שיינע עטלעכע רובל, בעטגעוואַנט, אַ קופערט מיט זאַכן; דערצו איז זי אַ גרויסע בריה, אַ זעלטענע באַלעבאָסטע; ס'ברענט אונטער אירע הענט. איר באַקן און קאָכן האָט קיין גלייכן ניט. די מאַדאַם ווייסט גאָרניט ווי אָפּצולויבן זיך פון איר. ווען דער שדכן איז צוגעגאַנגען צו איר און געפרעגט צי זי באַשטייט אויפן שידוך, האָט חנה אים געהייסן קומען מאָרגן נאָך אַן ענטפער...

די זעלבע נאַכט איז זי געגאַנגען צו דער טאָכטער, געזעסן דאָרט אַביסל. דער איידעם האָט זי אפילו ניט באַמערקט... די טאָכטער איז

געווען פאַרפאַרעט. פאַרן אַהיים גיין, האָט זי איר אָפּגערופן אין אַ זייט:

„כ׳האָב מיט דיר געוואָלט איבעררעדן וועגן עפּעס, האַלטן זיך אַן עצה מיט דיר", האָט זי געזאָגט און זיך פאַרהאַקט; די פאַרב איז איר געקומען אין פּנים אַריין: „אָט, כ׳מיין דאָס קעגן דעם, וואָס מען שטייט אויס פון די שלעכטע מאַדאַמען; אַ שטיין זאָל זיין אַליין און צו די בעסטע קינדער איז גוט צו קומען צוגאָסט. סיידן, כ׳מיין, ווען קינדער זיינען רייך, איז אויך ניט גוט... כ׳מיין די קיך... ווי לאַנג איז דער שיעור צו ליגן ביי יענעם אין קיך? ס׳הייסט, ווען ס׳מאַכט זיך אַ גלייכע זאַך — אַן עלטערער מענטש, וואָס דאַרף אַ באַלעבאָסטע אין הויז — ווי מיינסטו? אַז איך בין אַזוי געשטראָפט געוואָרן, דיין טאַטע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, האָט מיך איבערגעלאָזט ווי אויפן וואַסער..."

„ווילסט חתונה האָבן, מאַמע", האָט די טאָכטער אַ זאָג געטאָן קאַלט און אונטער דער נאָז, „איז טו ווי דו פאַרשטייסט. ביסט, דאַכט זיך, מיט אַ טאָג עלטער פון מיר"...

חנה האָט ניט געקענט קוקן דער טאָכטער גלייך אין די אויגן אַריין; זי האָט אויך מורא געהאַט דער איידעם זאָל ניט דערהערן; ער האָט ליב צו מאַכן גראָבע וויצן...

חנה האָט מיט אַ פאַרשטיקטן קול אַ זאָג געטאָן „אַ גוטע נאַכט" און איז מיט אַ שווער געמיט אַרויסגעגאַנגען.

„וואָס אַרט איר דען פאַר דער מאַמען?", האָט זי געטראַכט מיט ביטערקייט, גייענדיק אַהיים: „וואַלגער זיך אין קיך ביי שלעכטע מאַדאַמען, לאָז אויף זיך הוקען, קאָך גרויסע טעפּ, וואַש וועש פאַרן הויזגעזינט, האָרעווע פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, און פאַר דער מינדעסטער זאַך קען דיך די מאַדאַם הייסן נעמען ס׳פּעקל און גיין. און צו וועמען האָט זי צו גיין? סיידן צום מאַן אויף יענער וועלט"...

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַ מנין יידן און מען האָט געשטעלט אַ חופה. עס איז געווען אַ פלעשל בראָנפן, אַ פּאָר הערינג מיט אייער־קיכלעך, מען האָט גענומען צו גלעזלעך און צוגעוואונטשן אַלדאָס גוטס דער כלה און דעם חתן, אַ דאַרן ייד מיט אַ שיטערער באָרד. חנה איז געזעסן צווישן עטלעכע ווייבער, ס׳פּנים האָט איר געפלאַמט, זי האָט ניט געוואוסט וואו די אויגן אַהינצוטאָן.

עס זיינען אַוועק אַ פּאָר וואָכן. חנה האָט איר מאַנס בוידעם־שטיבל אויסגערייניקט, אויסגעפּוצט. ס׳האָט געשמעקט אין יעדן ווינקעלע. זי האָט געזען ער זאָל האָבן זיין געקעכץ אין צייט, אַ ריין העמד, אַ

קלאָר געלעגער. נאָר ער איז געווען זייער אַ קאַרגער, צוגעטיילט איר יעדן גראָשן. ער האָט געהאַלטן אין איין שמעקן טאַבאַק און רויכערן. די נאָז איז ביי אים שטענדיק געווען אָנגעלאָדן. זי האָט פיינט געהאַט דעם ריח פון טאַבאַק. דער רויך פלעגט זי פאַרטשאַדען. זי האָט אָפּגע־אָטעמט, ווען ער האָט גענומען דאָס זעקל און איז אַרויס פון הויז. ער איז געווען אַ שאכער, פלעגט אַרומגיין גאַנצע טעג איבער די הייפן און שרייען: „האַנדל! האַנדל!״... אַ סך מאָל פלעגט ער אַהיים קומען מיט אַ ליידיקן זאַק, און זיך באַקלאָגן, אַז אַנדערע האַנדלאַדזשעס פאַרלויפן אים דעם וועג.

חנה איז גאַנצענע טעג געזעסן אין שטוב אַליין. זי האָט געבענקט נאָך דער טאָכטער, נאָך די אייניקלעך, אָבער ס׳איז איר געווען שווער צו וויזן זיך פאַר זיי... ווי וועט זי איצטער קוקן דער טאָכטער אין די אויגן, פאַרגלייכנדיק איר ערשטן מאַן, דער טאָכטערס פאָטער, מיט דעם איצטיקן. יענעם האָט זי ליב געהאַט, יענער איז געווען אַ מענטש און דער — אַן אַלטער נאַר... נייק, ס׳איז איר שווער גיין צו דער טאָכטער; דער איידעם וועט זיך נאָך צעלאָזן מיט זיינע גראָבע וויצן...

זי האָט ניט געטראָפן! און וואָס איז זי דען אויסן געווען? געוואָלט האָבן אַן אייגן ווינקל דעם קאָפּ אַוועקצולייגן! אַזאַ גרויסע וועלט, נאָר פאַר איר איז קיין אָרט ניטאָ!...

ער פאַרלאַנגט זיינע פיס

(אַמאָליקע מלחמות)

אין ווינקל פון בית־המדרש האָט זיך אַ בלייך פּנים געשאָקלט איבער אַן אָפענער גמרא, און זיך אונטערגעזונגען אַ שטילן טרויעריקן ניגון. דער אַלטער זייגער, וואָס הענגט אויף דער וואַנט, האָט מיד און הייזעריק געכריפּעט, געזעגט מיטן האַלדז ווי אַ גוסס, וואָס ראַנגלט זיך אין די לעצטע מינוטן פאַר לופט. דער שמש האָט זיך געקליבן איינהייצן די הרובע. געכאַפּט אַ כמאַרנעם קוק אויף די פאַרפרוירענע שויבן, דורך וועלכע עס האָט אַריינגעקוקט די ווייסע פראָסטיקע נאַכט. ס'איז שוין געווען נאָכן דאַווענען. יידן האָבן זיך פאַרקליבן אַרום דער הרובע און געטריבן דעם שמש אונטערלייגן האָלץ אין אויסגייענדיקן פייער, דערווייל האָבן רויטע פייערלעך געטאַנצט אין לאַנגע פאַררויכערטע לולקעס. יידן זיינען זיך מכבד געווען פון אָפענע טאַבאַק־פושקעלעך. אַז דאָס האָלץ אין דער הרובע האָט אָנגעהויבן קנאַקן און באַלעקן זיך מיט רויטע צונגען, האָבן זיך די יידן אַביסל צונויפגערוקט און אָנגעהויבן דערציילן מעשיות פון אַמאָל: פון נסים, פון גוטע יידן און, להבדיל, פון שדים, — ביז מען האָט געבעטן ר' בערן ער זאָל עפּעס דערציילן.

אַז ר' בער האָט זיך שוין געהאַט רעכט אָנגעוואַרעמט און דערפילט אַן אָנגענעמלעכקייט אין זיינע אַלטע ביינער, האָט אויפגעטויכט אין זיין מוח אַ געשעעניש וועגן איינער פון זיינע לעצטע מלחמות. די אויגן האָבן ביי אים אַ פינקל געטאָן, דאָס געלע צעקנייטשטע פּנים האָט זיך ווי איבערגעצויגן מיט אַ נייער הויט. ער האָט דערפילט אין זיך דעם אַלטן סאָלדאַט, אפשר גאָר אַ קאָמאַנדיר... האָט ער זיך שוין שטאַרק ניט געלאָזן בעטן, האָט אָנגעשטאָפּט די לאַנגע לולקע־ציביק, אָנגעגרייט דאָס בייכיקע טאַבאַק־פושקעלע און אָנגעהויבן:

„דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער מלחמה מיטן פראַנצויז. מיר, סאָלדאַטן, האָבן דעמאָלט מיטגעמאַכט גרויסע שלאַכטן, מענטשן זיינען געפאַלן ווי די פליגן, אָבער קיינער פון ביידע צדדים האָט זיך

ניט געוואָלט אונטערגעבן. אין יענע צייטן, דאַרפט איר וויסן, זיינען געווען העלדישע גענעראַלן, וואָס האָבן געהאַלטן: בעסער בלייבן אָן סאָלדאַטן, איידער פאַרלירן אַ פּאָזיציע... מילא, האָט מען זיך געשלאָגן... טויזנטער פייערדיקע האַרמאַטן־מיילער, פון ביידע צדדים, האָבן זיך אויסגעטענהט אויף גיהנום־לשון, און דערביי געמאַכט אַ „פּרעזשעניצע" פון צענדליקער טויזנטער זעלנער, וואָס זיינען געפאַלן איינע אויף די אַנדערע מיט אַ ווילדער גיכקייט — מיטן אויג ניט צו כאַפּן. אַ סך ערגער איז געווען, ממש ביטער ווי דער טויט, ווען מען האָט געדאַרפט גיין אויף באַיאָנעטן. „נאַ שטיכי", הייסט עס. קוקן אַ מענטשן גלייך אין די אויגן אַריין און דורכשטעכן זיין קערפּער ווי אַ הייפּטל קרויט"...

דער אַלטער ר׳ בער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. ער האָט אַ פּאָר מאָל האַסטיק אַ צי געטאָן פון דער לאַנגער לולקע און פאַרגעזעצט:

„הכלל, ס׳איז מלחמה! ניטאָ קיין חכמות מיט קיין שפּיצלעך. מען גייט דאָ, ווי מען זאָגט „זאַ צאַריאַ אי זאַ אָטיעטשעסטוואַ", מיטן גאַנצן לייב און לעבן, איז ווי גאָט וויל אַזוי איז עס: האָט גאָט געוואָלט מיך זאָל טרעפן אַ קויל אין פּלייצע, אמת, ניט אויף אַ געפערלעך אָרט, בין איך פון מיין פּאָזיציע ניט אָפּגעטראָטן. באַלד איז אָבער אונדזער אָפיציר אויך געפאַלן לעבן מיר. ווען ס׳איז געקומען דער באַפעל זיך צוריקצוציען, האָב איך ניט געוואָלט אים איבערלאָזן פאַרן שונא, האָב אים מיט די לעצטע כוחות געכאַפּט אויף זיך און געלאָזן זיך גיין אונטער אַ האָגל פון קוילן, ביז איך בין אַנידערגעפאַלן...

„ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, בין איך געלעגן אין „לאַזאַרעט". ביי מיין בעטל איז געשטאַנען אַ קראַנקן־שוועסטער און באַנדאַזשירט מיין וואונד. אַרום מיר האָבן רחמנותדיק געקרעכצט פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן: ווער אָן פיס, ווער אָן הענט, ווער מיט צעריסענע פּנימער. לעבן מיין בעטל איז געלעגן מיינער אַ באַקאַנטער זעלנער, קוזמאַוו האָט ער געהייסן, מיט מיר פון איין ראָטע. אים האָט מען אָראָפּגעשאָסן ביידע פיס. אויף אים איז מיר גאָר באַזונדער געווען אַ רחמנות, ווייל ער איז געווען זייער אַ גוטער און אַ פריילעכער יונג; ער האָט זייער גוט געקאָנט שפּילן אויפן פידל, און איז געווען באַרימט ביי זיך אין שטאָט צווישן די קלעזמער. ער האָט אַמאָל דערטאַפּט ערגעץ אַ פידל און גענומען שפּילן, האָט אַ פּאָלקאָווניק דאָס דערהערט און פון דעמאָלט האָט קוזמאָוו שטענדיק געשפּילט אין אָפיצערסן קלוב.

„הכלל, איך וואַרף זיך דורך מיט קוזמאָוון מיט עטלעכע ווערטער,

און ער — קוים וואָס ער ענטפערט. דאָס פּנים איז ביי אים בלייך און אויסגעצערט, די ליפּן פאַרביסן, די אויגן ברענען.

„ווי פילסטו, ברודערל, בעסער ?"

„ניין", ענטפערט ער שטיל, „מ'וועט מוזן גיין, דער טויט וואַרט !"...

„דו פונדעסטוועגן פאַל ביי זיך ניט אַראָפּ", פּרוביר איך אים טרייסטן, „מיר האָבן אַ גרויסן באַרמהערציקן גאָט, אַ מענטש טאָר ניט פאַרלירן די האָפענונג. איך האָב שוין געזען שווערערע פאַרוואונדעטע פון דיר, און זיי זיינען געזונט געוואָרן".

„ניין, ברודער !", ענטפערט ער שטיל און האַלט זיך איין פון קרעכצן, „איך בין שוין אַ פאַרפאַלענער. כ'וואָלט נאָר איצט געוואָלט זען מיינע אייגענע, אַזוי איז באַנג צו שטאַרבן. ווען מיין אַלטינקע מאַמע וואָלט דאָ געווען און מיין כלה מאַרינא, וואָלט מיר לייכטער געווען. עך, ברודער ! וואָלט דאָס מאַרינא אַביסל צעוויינט ! אַ ים טרערן וואָלט זי פאַרגאָסן. אַזוי, ברודער, איז שווער ! שווער צו שטאַרבן אַליין !"..

די לעצטע ווערטער האָט ער שוין קוים אַרויסגערעדט. די אויגן האָבן זיך אים געשלאָסן און ער איז געבליבן ליגן שטיל. איך האָב געהערט זיין שווערן אָטעם און ס'איז מיר געוואָרן ענג אין האַלדז.

אין לאַזאַרעט איז צוגעפאַלן די נאַכט. די שטילקייט, איז צייטנווייז איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ שאָס ערגעץ ווייט. ס'איז געוואָרן פינצטער. די „שוועסטער", אָנגעטאָן אין ווייסן, מיט אַ רויטן קרייץ אויפן אַרבל, האָט אָנגעצונדן עטלעכע ליכט. ס'האָבן זיך דערזען די פאַרוואונדעטע מיט בלוט־דורכגענעצטע באַנדאַזשן.

„בערעק, שלאָפסט ?", האָב איך דערהערט קוזמאָווס קול.

„ניין. וואָס איז, ברודער ?"

„וואָס דענקסטו ? ווער איז שולדיק אין דעם טויט פון אַזוי פיל סאָלדאַטן ?"...

„וואָס הייסט ווער ?", האָב איך געפרעגט צעטומלט פון דער אומדערוואַרטעטער פראַגע.

„דו דאַרפסט איצט קיין מורא ניט האָבן. מעגסט זאָגן וואָס דו טראַכסט, ס'איז שוין אַלץ איינס".

„איך ווייס ניט", האָב איך געענטפערט.

„און איך ווייס יאָ. מיטקא דער שרייבער פון אונדזער דאָרף האָט דאָס מיר דערקלערט. אַ קלוגער מענטש אָט דער מיטקאָ. מלחמה, האָט ער געזאָגט, איז אַ ווילדע זאַך און אַ גרויסע זינד, וויל גאָט האָט באַ־

שאָפן געווג ערד פאַר אַלעמען, נאָר מען שלאָגט זיך, ווייל מען וויל האָבן צופיל, און דערווייל קוילעט מען אויס אונדזערע ברידער!" ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן און ניט געקאָנט. אינגיכן האָט זיך דערהערט זיין שווערער אָטעמען. ער איז, ווייזט אויס, איינגעדרעמלט געוואָרן. שפּעטער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ ווילדן געשריי און אויפגעוועקט די אַנדערע קראַנקע.

„וואָס שרייסטו?", האָב איך אים געפרעגט.

„דער מלאך המות, ברודערל, איז ביי מיר איצט געווען און געשריגן איך זאָל זיך גרייט מאַכן, ווייל איך בין ביי אים ניט קיין איין־און־איינציקער: ער איז שטאַרק פאַרנומען. לעבן אים איז געשטאַנען מיין מאַרינאַ און זיך געריסן צו מיר, נאָר ער האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג מיט זיין שוואַרצער האַנט, שרייענדיק צו מיר: „מאַך זיך גרייט! מאַך זיך גרייט!"...

ווידער האָט אים אויסגעפּעלט כוח, ער איז געבליבן ליגן שטיל, און שווער געצויגן דעם אָטעם. גרויסע טראָפּנס שווייס זיינען אַרויס אויף זיין בלייך איינגעצויגן פּנים.

פּלוצים עפנט זיך די טיר און עס קומען אַריין עטלעכע אָפיצירן, צוזאַמען מיט אַ גענעראַל. זיי לאָזן זיך גיין פון איין בעטל צום צווייטן, פרעגן זיך נאָך ווי די סאָלדאַטן פילן, ביי אייניקע שטעלן זיי זיך אָפּ לענגער און שפּיליען צו מעדאַלן אויף דער ברוסט, פאַר אויסצייכענען זיך אין די שלאַכטן.

„בערעק צימערמאַן!", רופט אויס אַן אָפיציר, האַלטנדיק אין האַנט אַ מעדאַל פון דער ערשטער מדרגה. באַלד שטייען זיי אַלע ביי מיין בעטל. דער אָפיציר לייענט פון אַ פּאַפּיר: פאַר העלדישקייט אין סאַמע פייער, ראַטעווענדיק זיין קאָמאַנדיר פון אַ זיכערן טויט ווערט בערעק צימערמאַן באַשאַנקען מיט אַ מעדאַל". מען שפּיליעט מיר צו דעם מעדאַל צו דער ברוסט, און באַלד שטייען זיי ביי קוזמאַוס בעט.

„ער איז געפערלעך פאַרוואונדעט, אייער הויכוואוילגעבוירנקייט", מעלדעט דער אָפיציר צום גענעראַל, וועלכער בויגט זיך איין איבער קוזמאַוון און פרעגט אים פריינטלעך:

„וואָס פאַרלאַנגסטו? זאָג וואָס דו ווילסט!"...

קוזמאַוו קוקט זיך גוט איין אין דעם גענעראַל, און פּלוצים ווערט זיין פּנים נאָך מער צעקרימט, זיינע אויגן צינדן זיך אָן, און ער נעמט שרייען מיט באַנומענע קולות, ווי אַ ניט־דערקוילעטער:

„וואָס איך פֿאַרלאַנג?... איך פֿאַרלאַנג מיינע פּיס!... גיט מיר צוריק מיינע פּיס!”...

און איידער מען קוקט זיך אום, כאַפּט ער אָן דעם גענעראַל ביים האַלדז שרייענדיק מיט די לעצטע כוחות:

„מיינע פּיס, מיינע פּיס גיט מיר אָפּ!!”...

זיין צעבלוטיקטער קערפּער וואַרפֿט זיך אין די הענט פֿון די אָפֿיצערן, וואָס רייסן אים אָפּ פֿון דעם גענעראַל. אין עטלעכע מינוט אַרום איז שוין קוזמאָוו געלעגן אַ געבונדענער. דער אָפֿיצער האָט זיך געהאַלטן אין איין פֿאַרענטפֿערן פֿאַרן גענעראַל פֿאַר קוזמאָווס אויפֿפֿירונג:

„דער סאָלדאַט איז נאָך אויפֿן שלאַכט־פֿעלד, ווייזט אויס, אַראָפּ פֿון זינען”...

איך קוק מיך איין אין קוזמאָוון: זיין פּנים איז ווייס, די אויגן — צוויי שוואַרצע שניטן. איך רעד צו אים, טרייסל אים און קריג ניט קיין ענטפֿער...

אויף מיין ברוסט האָב איך דערפֿילט דעם מעדאַל: ער איז מיר איצטער געוואָרן שווער ווי אַ שטיין.

דורך די פֿענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ בייזע קאַלטע נאַכט, וואָס האָט פֿון צייט צו צייט פֿאַרנומען אַ שאָס פֿון אַ האַרמאַט. אין לאַזאַרעט איז געווען שטיל, אַזוי שטיל, אַז עס האָט פֿאַרכאַפּט ביים האַרצן און איך האָב אָנגעהויבן וויינען, ווי אַ קליין קינד.

דער אַלטער ר' בער האָט אויפֿגעהערט דערציילן. ביי אַ טייל יידן זיינען די אויגן געווען פֿייכט. אין דער הרובע האָבן דערברענט די לעצטע שטיקלעך האָלץ. דער שניי אויף די שויבן איז צעגאַנגען. דער ייד מיטן בלייכן פּנים איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף זיין אָרט און זיך געשאָקלט איבער דער גמרא, און זיין צעצויגענער טרויעריקער ניגון, האָט צעריסן די אַרומיקע שטילקייט...

יוסף ווייס בוך־קאָמיטעט

גינאַ מעדעם,
ערן־פּאַרזיצערין
יוסף קאַראבעלאָ,
פּאַרזיצער
שפרה ווייס
וויצע־פּאַרזיצערין
העלען ווילינסקי,
פינ. סעקרעטאַר

רפאל פּאָזנער,
סעקרעטאַר
ב. פערדער,
קאַסירער
לאָטי מלאך,
פּובליסיטי
שלמה באָק,
רעק. סעקרעטאַר

עקזעקוטיווע:

יעקב אשפּיז
שלמה בעלסקי
א. בראָנשטיין
הערי ווילינסקי
שרה פּעל־יעלין
ב. מאָזער
אסתר מילער
פּאשא מאוריס
רפאל פּאָזנער

שרה פּאָזנער
יאָסל פּערדער
י. פרידמאַן
נ. קרופּין
י. ראשעל
אהרן ראָזן
ל. רעזניק
חיים שוואַרץ